STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01371

GEZAMLTE SHRIFTN

Yosef Hilel Levi

Permanent preservation of this book was made possible by Joseph Meyerhoff Family Charitable Funds

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאַמלטע שריפטן

יוסף הלל לעווי 1939

יוסף הלל לעווי

געזאַמלטע שריפטן

בוך 2

אַרויסגעגעבן פון מרים לעווי

לאָנדאָן, 1958.

SELECTED WRITINGS

OF

JOSEF HILLEL LOWY

VOLUME II

PUBLISHED BY MIRIAM LOWY

LONDON 1958

Copyright 1958

Printed in England by The Narod Press, Ltd., London, E.1

אינהאלט

עסייען:

שמואל יעקב אימבער 17
דוד קעניגסבערג 23
בער האראוויץ 32
מרדכי געבירטיק 40
מלך ראוויטש 50
י. א. ליסקי 57
י. ח. קלינגער 60
בער באראכאוו 66
בערל לאקער 72
שכנא זאגאן 77
יעקב קענער 88
יוסף האלענדער 97
קראקע 102
פישל בימקא 108
י. ל. פרץ 118
שלום עליכם 126
אברהם רייזן 130
יהואש 149
דוד עדלשטאט 162

א. אלמי 170
בן. א. סאכאטשעווסקי 180
אברהם סוצקעווער 188
י. פאפיערניקאוו 197
משה שולשטיין 200
שמואל ווהייט 205
שמואל איזבאן 208
מרדכי שטריגלער 215
ווארשע 221
יידיש 225
מאנשעסטער 230
ש. טענענבוים 232
אסתר קרייטמאן 236
משה עובד 239
מאררים מייער 246
הערש סמאליער 261
ס. פאלמע 264
לאנדאן 271
פאריז 291
בען 293
יאזעף ציעגלער 300
אמסטערדאם 305
אנטווערפן 310
בריסל 317

היינריך היינע 321
ריכארד בער האפמאן 331
סטעפאן צווייג 335
פריץ מרדכי קויפמאן 340

ביבליאגראפיע:

יעפים ישורין 347

בילדער:

חנה לעווי	ביי זייט	16
דער דיכטער און זיין זון	"	32
יוסף הלל לעווי און שכנה זאגאן	"	64
גרופן בילד מיט דר. י. נ. שטיינבערג	"	80
יוסף הלל לעווי און בן־א. סאכאטשעווסקי	"	176
גרופן בילד פון י.ל. פרץ פאריין אין מינכן	"	192
מלכה סטיל	"	320
מרים לעווי	"	336

פונפאַרנט:

גרשם באדער — אייגנארטיק אידיש
אהרן שטיינבערג — וועגן ערשטן באנד „געזאמלטע שריפטן"
י. א. ליסקי — די „געזאמלטע שריפטן" בוך 2

אייגנאַרטיק ייִדיש

יוסף הלל לעווי איז מיר פערזענלעך זער נאָענט. מיר שטאַמען ביידע פון איין שטאָט און איך געדענק זער גוט דאָס הייזקעלע, אין וועלכן זיינע עלטערן האָבן געוווינט און דער דיכטער שילדערט עס, אַז:

נעבן דער אַלטער שול אין געסל
איינגעהויקערט, איינגעבויגן
איז געשטאַנען אָט דאָס הייזל,
חו ער האָט זיך אויפגעצויגן.

ווען יוסף הלל לעווי איז געבוירן געוואָרן, בין איך שוין געווען אַ באַוווסטער שרייבער און אַ „רעדאַקטאָר". אָבער אַזוי ווי זיין פאָטער איז געווען אַ פּראָמינענטער סופר סת״ם און אַ באַפריינדעטער פאַרערער פון מיין פאָטער, האָב איך אָפטמאָל געהאַט די געלעגנהייט, דעם יונגען יוסף הלל לעווי צו באַאָבאַכטן אין זיין אַנטוויקלונג. ער איז געווען אַן איבער-געגעבענער תלמיד פון מיין פאָטער — און ביי דער לויה פון מיין פאָטער האָט ער זיך גאָר נישט געקענט שטילן פון וויינען. ער האָט אויך דאַן גאָר נישט געוואָלט אָוועקגיין פון זיין רבינס קבר.

שפּעטער מיט אַ יאָר פיר-פינף איז יוסף הלל לעווי געקו-מען אַמאָל מיך באַגריסן. ער איז דאַן געווען אַ יונגער מאַן

מיט אַ פּראָלעטאַריש אויסגעדאַרטן פּנים און ער איז געקומען קיין לעמבערג צו אַ פּועלי-ציוניסטישער קאָנפערענץ. ער האָט אויך דאַמאָלט מיט זיך מיטגעבראַכט עטלעכע לידער, וועלכע ער האָט ביז צו יענער צייט געהאַט געדרוקט אין יידישע צייטונגען, וווּ עס זיינען געווען באַשריבן די נויטן פונם יידישן אַרבעטער אין דעם זין, אַז:

דער חאָס שאַפט און אַרבעט, חייסט נאָר פון נויט און צרות,
ער בויט אַליין פּאַלאַצן און האָט נישט חו צו זיין,
ער שפּינט און מאַכט די קליידער און גייט אַרום אָן אַ מלבוש —
און ס׳גאַנצע וועלט עשירות וואַרפט אים צו אַ ביין...

ווען איך בין שוין דערנאָך לאַנג געווען אין אַמעריקע און די ערשטע וועלט-מלחמה איז געווען פאַרענדיקט, האָב איך פון אים באַקומען צוויי ביכלעך לידער. איינס האָט געהייסן „יוגנט-וועלטן" (קראָקע 1913) און דאָס צווייטע האָט געהייסן „פרומע געזאַנגען" (ווין 1921). ביידע זיינען געווען אָנגעפילט מיט בענקעניש צום אַלטן שטייגער לעבן, צו זיין פאָטער דעם פרומען סופר און צו מיין פאָטער זיין רבי׳ן.

שפּעטער פלעגט ער זיך מיט מיר דורכשרייבן פון מינכן — און ווען היטלער איז שוין געווען אין מאַכט און מיר האָבן געוווּסט, וואָס די יידן אין דייטשלאַנד האָבן צו דערוואַרטן, האָב איך פון אים פּלוצים באַקומען אַ קאַרטל, דאַטירט דעם 10-טן נאָוועמבער 1935, איך בין פאַרציטערט געוואָרן לייענדיק, ווי אַ מענטש דערוועגט זיך עס, אַזעלכע זאַכן צו שרייבן דירעקט אונטער היטלערס נאָז... און געשריבן האָט ער דאָרט דאָס פאָלגענדע:

ווען איך זע די פענער ווייען
מיטן האַקענקרייץ אין מיט,
ווערט מיין האַרץ אין מיר צוגליט
פאַר יסורים און פאַר ווייען.

איך וויל בלויז נאָך אָנווייזן אויפן אינהאַלט פון לעוויס אַ ליד, וווּ עס ווערט געשילדערט דעם דיכטערס מאַמע:

אויף איר ליכטיק פנים האָט ווי גערוט די שכינה,
אַ שמייכל פול מיט צדקות און קיינמאָל ניט אין כעס,
תמיד נור געלערנט: זיי פאַר עוולות מוחל,
דערווייטערט פון נקמה און פריי פון יעדן האַס,
ווייל פרייד ליגט בלויז אין ליבשאַפט און טרויער ברענגט דער צאָרן,
און ווי צו די וואָס האַסן, ווייל ס'מאַכט זייער לעבן שווער,
און ס'פלעגט די גוטע מאַמע אויף יעדער עוולה
בלויז זאָגן: „פטור, פטור!" פאַרגעסן און נישט מער.

דאָס איז אויסשלעך, אייגנאַרטיק אידיש.

גרשם באדער

וועגן ערשטן באנד „געזאמלטע שריפטן״

דערלויבט מיר איבערצוגעבן בכתב דעם עיקר איינדרוק, וואס עס מאכט אויף מיר דער דערשינענער ערשטער באנד „געזאמלטע שריפטן״.

איר געדענקט אפשר, ליבע פרוי לעווי, אז איך האב מכמה וכמה יארן באלאנגט צו ר׳ יוסף הלל׳ס שטענדיקן לייענער-קרייז. מיט יעטווידן נייעם באנד זיינעם איז זיין געשטאלט און גייסטיקער מהות געווארן איידעלער און קלארער, זיין פלאץ אין דער יידישער ליטעראטור בכבוד׳יקער און פעסטער. אבער דעם שליסל צו זיין פערזענלעכקייט אין איר גארער גאנצקייט האב איך אנטדעקט ערשט איצט אין די „געזאמלטע שריפטן״. ס׳איז ווארט-ווערטלעך א„וויאלין-שליסל״, און אנטפלעקן טוען אים די עטלעכע טיף-רירנדיקע זייטלעך אונטער דעם צייכן „דאס פידעלע״. אט א דאס איז געווען און וועט תמיד בלייבן אונזער יוסף הלל הלוי : א פאר׳חלום׳טער, א פאר׳כישוף׳טער זמירות-זינגנדיקער מוזיק-אינסטרומענט, וואס דער גורל פון אונזער פאלק האט צעריסן זיינע סטרונעס, און איבערגעריסן זיין ניגון אין דער סאמע מיט.

וויפיל מזמרים און שיר-המעלות׳ן זיינען געבליבן דערין ניט ארויסגעזאגט און ניט ארויסגעזונגען ! — טא זאל דעם פידעלע באשערט זיין א פולער תיקון.

אהרן שטיינבערג

די „געזאמלטע שריפטן" בוך 2

מיט דעם אָפּקלויב פון די קינדער־לידער, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשידענע אויסגאַבעס פאַר יוגנטלעכע, אין דער צייט פון ביידע וועלט־מלחמות, מיט די דאָזיקע קינדער־לידער, וועלכע דער דיכטער יוסף הלל לעווי האָט געשאַפן אין משך פון זיין ליטעראַרישער, לאַנג־יאָריקער מי, און מיט זייער תיקון אין אַ בוך; מיט זיי, וואָלט אויך מיין אַרבעט, פון צענויפשטעלן די דאָזיקע ביכער, וואָס פרוי מרים לעווי האָט מיר איבערגעגעבן, געוואָרן כמעט ווי פאַרענדיקט.

די אַלע אָפּהאַנדלונגען איבער די פאַרשידענע ליטעראַרישע געשטאַלטן און זייערע שאַפונגען, וואָס ווערן געבראַכט אין די „געזאמלטע שריפטן" בוך 2, זענען אַ גאַר וויכטיקער ביישטייער צו דער יידישער ליטעראַטור. די ליטעראַטור־קריטיק איז צום גרעסטן טייל טאַקי געשאַפן געוואָרן פון די דיכטער אַליין.

אַ סך פון די דאָזיקע אָפּהאַנדלונגען, און באַזונדערס יענע, וואָס ברענגען צום אויסדרוק די גייסטיקע בלי־צייט פון דער דיכטונג אין גאַליציע, און אירע געשטאַלטונגס־פאָרמען, זענען זער ווערטפול פאַר אונדזער ליטעראַטור־געשיכלעכער וויסנשאַפט. אין זיי איז אַריינגעלייגט געוואָרן דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט, וויסן און דערפאַרונגען, וואָס יוסף הלל לעווי האָט זיך דערוואָרבן אין דער סביבה פון די דיכטער, פּאָליטיקער, קינסטלער און געזעלשאַפטלעכע טוער, וועגן וועלכע ער האָט געשריבן. ער האָט אויך זער גוט געקאַנט די געגנט, די סאָציאַלע, און פּאָליטישע אומשטענדן, די געזעלשאַפטלעכע שאַטירונגען און די לאַנדשאַפט.

באַזונדערס זענען די דאָזיקע אָפּהאַנדלונגען וויכטיק אין זייער פאָרנעם דערפאַר, ווייל דער דיכטער האָט זיי געשריבן מיט נישט ווייניקער ליבע און גלויבן אין דער יידישער ליטעראַטור און אין איר שליחות, ווי ער האָט געשריבן זיינע עפּישע לידער, באַלאַדן און זיין פּראָזע.

י. א. ליסקי

חנה לעווי (די מוטער פונעם דיכטער) געשטארבן אין לאנדאן. 1941—1863

שמואל יעקב אימבער

דורות פֿאַרגייען, און מיט זיי דאָס רוב וואָס זיי האָבן באַוויזן צו שאַפֿן.

נאָר אַזוי ווי שאָטנס נאָך אַ פֿאַרגייענדיקער זון, פֿאַרבלייבן אייניקע נאָוועלן, ראָמאַנען, דראַמען און לידער נאָך זיי צוריק, וועלכע דערמאָנען אין זייער פֿאַרגאַנגענעם גלאַנץ און פּראַכט, אין זייער נויט און פּיין, זיגן און מפּלות, ווערן און פֿאַרגייען...

אָפֿט זיינען עס אַזעלכע לידער, וועלכע דאָס פֿאָלקס־האַרץ האָט אַליין ארויסגעזונגען, און מען ווייס אפילו נישט ווער זייער מחבר איז געווען, און אָפֿט זיינען עס אַזעלכע מחברים, וועלכע מאַכן באַוווסט זייערע פֿעלקער דורך זייערע אייביקע לידער...

פֿונם פֿאָלק ווערט געבוירן דער יחיד, די פּערזענלעכקייט, וועלכע פֿורעמט, געשטאַלטיקט און דערהויבט דאָס פֿאָלק. אָבער דער זעלביקער יחיד ווען ער איז אַ נידעריקער מענטש, קען ער אויך דאָס פֿאָלק פֿבימלאָז און דערנידעריקט מאַכן...

ביי יעדן פֿאָלק ווערן דערפֿאַר אַזעלכע יחידים אָדער פֿאַראַכט און פֿאַרדאַמט, אָדער געשעצט און געערט, מחמת זיי זיינען דאָס די יעניקע, וועלכע זיינען די קרוין פֿון יעדער אומה.

און אַזוי ווי די דייטשע מערדער האָבן געוואָלט די יידישע אומה אינ־גאַנצן פֿאַרטיליקן, האָבן זיי זיך צוערשט גענומען צו זייערע שרייבער, דיכטער, וויסנשאַפֿטלער און סתם אינטעליגענץ.

שמואל יעקב אימבער איז געווען איינער פֿון די באַדײַטנדסטע ברילי־אַנטן איינגעפֿאַסט אין דער קרוין פֿון גאַליציעס דיכטונג, וועלכע די נאַציס האָבן אַזוי אומרחמנותדיק פֿאַרניכטעט.

געבוירן געוואָרן איז ש. י. אימבער דעם 24־טן פֿעברואַר, 1889 אין סאַסאָוו, גאַליציע. זיין פֿאָטער, שמריהו אימבער, האָט אַליין אויך געשריבן יידיש און העברעאיש. און איז געווען העברעאישער לערער אין דער באַראָן־הירש־שולע אין קאָזיערנאַ.

פֿאַר אַ צייט לאַנג האָט ער זיך אַפֿילו אויך באַטייליקט אין אַרויסגעבן דעם „שבעון עברי“ (אַ קראָקאָווער וואָכענבלאַט) מיט שמעון מנחם לאַזאַר וואָס האָט עס רעדאַקטירט. נפתלי הערץ אימבער, דער באַרימטער מחבר

פון דער ציוניסטישער, נאַציאָנאַלער הימנע „התקוה" איז געווען דער פּע־טער פון ש. י. אימבער.

עס איז קלאָר אַז ווערענדיק דערצויגן ביי אַזאַ פאָטער, איז שוין ביי דעם יונגען שמואל יעקב אָנגעצונדן געוואָרן אַ פלעמל פון פּאָעזיע, וואָס האָט שפּעטער אין אַ הייליקן פייער אויפגעפלאַקערט. נאָך אין גימנאַזיום איז ער באַלד באַוווסט געוואָרן אַ דאַנק איניקע פּוילישע לידער וואָס ער האָט געשאַפן. אָבער ער איז גלייך איבערגעגאַנגען צו דער יידישער פּאָעזיע, און טאַקע באַרימט געוואָרן אַלס איינער פון די גרעסטע ליריקער גאַליציעס.

אַלע אימבערס לידער זענען צאַרט און ווייך, אַדורכגעדרונגען מיט אַ טיפן געפיל. זיין בילדליכקייט, קלאַנגרייכקייט און תמיד גראַציעז פיינער לירישער געדאַנק, האָט זיך געקענט פאַרגלייכן צו די בעסטע פון די איראָ־פּעאישע דיכטער. זיין געשולטע און אָפּט ווירטואָזע ווערזיפיקאַציע האָט שטאַרק משפיע געווען אויף דער יידישער פּאָעזיע.

אַ דאַנק דעם וואָס אימבער האָט אַ צייט לאַנג געשטודירט אויף דער קראָקאָווער „יאַגעלאָנער אוניווערזיטעט" האָב איך אָפּט געהאַט די מעגלעכ־קייט זיך מיט אים צונויפצוקומען און אים ווייזן מיינע איניגסטע ליטעראַ־רישע אַרבייטן. ער האָט צו מיר גערעדט ווי אַ לערער, מיט אַ סך זעלבסטבאַוווסטקייט, אָבער אין זיין טאָן איז געלעגן אַ אינטימקייט וואָס האָט צו זיך צוגעצויגן.

ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַלע מיינע שוואַכקייטן און ניט רייפקייטן, און פאַרלאַנגט פון מיר מער נאַציאָנאַל געפיל—וואָס לויט זיין מיינונג האָט דאָס געמוזט זיין ביי יעדן דיכטער דער דאָמינירנדיקסטער עלעמענט אין זיין שאַפן. ער האָט עס מיר גלייך אילוסטרירט מיט דעם גרעסטן פּוילישן דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש, און מיט די באַרימטע דייטשע דיכטער: אוה־לאַנד, קערנער און גרילפּאַרצער.

און ביי אונדז יידן—האָט ער מוסיף געווען—קענט איר אייך אַ משל נע־מען פון יהואש'ס ליד „אָלימפּוס און חורב", וואָס גערעכנט כמעט צו די בעס־טע נאַציאָנאַלע שאַפונגען אין דער יידישער פּאָעזיע, מחמת דאָרט קומט אָמבעסטן צום אויסדרוק, אין געדאַנק און בילד, דעם דיכטער'ס נאַציאָנאַ־לער באַוווסטזיין וועלכער פאַרפאָלגט אים ווען ער לעבט דערווייטערט און אָפּגעפרעמדט פון זיינע ברידער און שוועסטער.

איך מוז מודה זיין, אַז אונטער דעם פיינעם מוזיקאַלישן קלאַנג פון ש. י. אימבער'ס לידער און פּאָעמעס, בין איך יאָרן לאַנג ווי אַ פאַר'שכור'טער אַרומגעגאַנגען.

דערשינען איז ש. י. אימבער'ס ערשטער בוך „וואָס איך זינג און זאָג"

אין לעמבערג. שוין דאָס דאָזיקע ערשטלינג בוך האָט אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט אויף דעם אָרימען גאַליציִשן ביכער־מאַרק, מיט זיין פרישקייט און שפּילעוודיקייט (הגם נאָך זער אָפּט אויסגעמישט מיט דייטשמעריזמען), מחמת ש. י. אימבער איז געווען אַן אמתדיקער דיכטער פון פאָלק. זיין צווייט ביכל איז געווען „אסתר׳קע״, אַ פּאָעמע פון אַ לירישער לעגענדאַרער געשטאַלט, באַזונגען מיט אַ ווונדערבאַרן עפּאָס. „אסתר׳קע״ איז באַלד באַרימט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור אַלס אַ פּערלדיק ווערק.

זיין פאַרבנרייכקייט און קינסטלעריש־פאַרשידנפאַרמיקער פערז און ווילקלינגענדיקער ריטם, אויסגעמישט מיט דעם ראָמאַנטיש פויליש־יידישן אומעט, האָבן אויפגעקלונגען ווי אַ נייע סטרונע אין אונזער פּאָעזיע. זיין אייגנאַרטיקע פּשטות, די אונמיטלבאַרקייט פון אויסדרוק און געפיל, זיינען פּשוט ביז צום סאַמע טיפסטן האַרצנסגרונט דערגאַנגען. לײדער איז מיר די פּאָעמע ניט מעגלעך געווען אויסצוגעפינען כדי פון אירע פיינקייטן צו קענען ציטירן.

ש. י. אימבער, דער גרויסער קינסטלער און עסטעט, האָט דאָס רוב געשריבן לידער פון פאָלק — ניט קיין פאָלקס־לידער, מחמת זייער קינסטלערישע תמימות דערגייט אָפּט צו אַזאַ מין טיפקייט, וואָס נאָר אַ ראַפינירטער קינסטלער איז מסוגל זי צו באַשאַפן.

אַזוי למשל האָט ער געזונגען:

> מיין שטערנדל, מיין שטערנדל,
> מיין שטערנדל פון גליק,
> דו האָסט שוין אַזוי העל געשיינט
> וואָס לעשסטו זיך צוריק?
>
> מיין מיידעלע, מיין מיידעלע,
> מיין מיידעלע פון גאָלד,
> וואָס האָט זיך דיר מיין שטערנדל
> אַראָפּרייסן פאַרוואָלט?

אַזוי האָט נאָר געקענט זינגען אַ דיכטער פון ליבע, וואָס האָט אייביק געליבט דאָס רייכע, שיינע און אַנציִענדיקע אין דער פרוי, ווייל ער האָט נישט נאָר געליבט די פרוי אין דער יוגנט, נאָר די אייביקע יוגנטלעכקייט אין דער פרוי...

אימבער׳ס ליבע איז נישט געווען קיין פאַרצערטע ליידנשאַפטלעכע, נאָר אַ מילדע, ליריש־עלעגישע, שטילע ליבע. און ער האָט געזונגען:

יוסף הלל לעווי

די טעג מיינע גייען אין שטילקייט אַוועק
ווי כוואַליעס וואָס קומען צו קניען ביים ברעג.
די טעג מיינע קומען ווי מיידלעך צום טאַנץ,
און פלעכטן אויס ליבע מיר הייליק אַ קראַנץ.

פונקט אַזוי באַוויגן און דורכגעדרונגען איז ער אויך פון אַ טיפער עמאָציע, ווען ער האָט ווייטער געדיכטעט:

כ׳האָב באַזונגען דיינע אויגן,
כ׳האָב באַזונגען דיינע האָר,
כ׳האָב זיך נאָך דיר נאָכגעצויגן
ניט איין חודש, ניט איין יאָר.

כ׳האָב אין לידער דיך באַשריבן
און דו האָסט געשמייכלט גאָר, —
און מיר זענען זיך פאַרבליבן
ניט קיין שונאים, ניט קיין פּאָר.

כ׳האָב דיר אָפטמאָל צוגעוווּנקן,
האָסט מיך אָפט געקרענקט מיט רייד,
כ׳האָב מיט האַרצבלוט דיך באַטרונקן
און מיט שטראַלן דיך באַקליידט.

האָסט מיין ליבע־ליד געלעזן
גוטערהייט, צי שלעכטערהייט,—
און מיר זענען זיך געוועזן
ניט צו נאָנט, און ניט צו ווייט...

גלויב מיר ס׳וועט אַ צייט נאָך קומען
ס׳וועט אונז ביידע ווערן באַנג,
וועלקן וועלן דיינע בלומען
און פאַרשטומען מיין געזאַנג.

און מיר וועלן זיך פאַרבענקן
נאָך אַ קורצן ליבעס־גאַנג —
און מיר וועלן זיך געדענקן
שרעקלעך לאַנג, אַ לעבן לאַנג...

אַזוי פשוט, אַזוי אוממיטלבאַר האַרציק און אינטים, האָט נאָר געקענט זינגען אַ דיכטער, וועמענס האַרץ איז איבערגעגאַנגען פון שיינקייט און ליבע, און ביי וועמען ליבע און שיינקייט ס׳איז האַרמאָניזירט געוואָרן אין האַרצן צו דער פיינסטער און טיפסטער מוזיק.

און ווען עס איז שמואל יעקב אימבער׳ן אויסגעקומען צו וואָגלען און

וואַנדערן ווי אַמאָל זיין פעטער דעם דיכטער פון דער „התקוה", האָט ער אויך וואַנדערנדיק ליבע געזוכט, און ווען ער האָט גאָר אַ שטילע רעמיניס־ענץ געפונען וואָס האָט אים אין זיין פאַרגאַנגענער ליבע דערמאָנט, האָט זיין האַרץ באַלד ווידער אַ פאַרליבטס און פון טיפער דאַנקבאַרקייט אַ צע־שטראַלטס אויפגעציטערט מיט אַ הייליקן דאַנק ליד:

אַ דאַנק אייך אויגן ווידער ציט איר,
איר ציט מיך צו און מאַכט מיר שמאַרץ, —
אַ דאַנק אייער שמאַרצן ווידער גליט איר,
איר גליט מיר אויס אַ כשר האַרץ.

אַ האַרץ מיין האַרץ, דיר איז געגעבן
אַ גרויסע גרייס, אַ גליקלעך גליק;
אַ האַרץ מיין האַרץ, ווערסט אייביק לעבן,
כאָטש איך צערייס דיך שטיק פאַר שטיק.

אַ האַרץ מיין האַרץ, מען וועט געדענקען
אין טויזנט דורות דיינע וויי'ן, —
אין טויזנט ברוסטן ווערסטו בענקען,
אין טויזנט דורות אויפערשטיין !...

יאָ, אַזעלכע פעריזן אויסגעזוכטע פון אַ פויליש־יידישן דיכטער פון דעם אָרימען אָפּגעצערטן סיי ווירטשאַפטלעכן, סיי קולטורעלן גאַליציע, וואָס עסטרייך האָט דערפון אַרויסגעצויגן זיינע קוילן, זאַלץ, נאַפט, פּוטער, אייער, תבואה, מיט די פעטסטע בהמות און עופות, און איר דערפאַר צו־ריקגעגעבן קירכן, תפיסות, שפּיטאָלן, טאַבאַק מיט בראָנפן, און דער עיקר איבערגעפילטע קאַסערן מיט זעלנער — אָט אין דעם אָרימען און שפּל'ן גאַליציע, ווו דער גוי האָט געהונגערט און געשיכורט, און דער ייד איז פול געווען מיט רעכט און דאָך פון זיי נישט געקענט לעבן; פון די מאָגערע שויסן און פאַרשמאַכטע ברוסטן — האָבן זיך אויפגעצויגן משה לייב האַל־פּערן, דער גרעסטער ליריקער פון דער יידישער פּאָעזיע, און אפשר טאַקע אויך גאָר ווי יעקב גלאַטשטיין זאָגט: דער גרעסטער יידישער ליריקער וואָס יידן האָבן אַרויסגעגעבן זינט יהודה הלוי. דאָרטן איז אויך געבוירן געוואָרן מלך ראַוויטש, איינער פון די טיפסטע, דערהויבנסטע און עטיש שענסטע דיכטער־געשטאַלטן ביי יידן. עס טאָר אויך נישט פאַרגעסן ווערן דער גי־גאַנטישער סאַרקאַסטיקער און עסייאיסט משה נאַדיר, און צווישן זיי טאַקע דער וווּנדערלעכער טרובאַדור ש. י. אימבער, וואָס זיינע פּאָעטישע קרע־אַציעס האָבן ווייט איבערן גאַליצישן תהום אַריבערגעקלונגען, מחמת זייער

פאָרם, סטיל און טיף לירישער זין האָבן פּשוט זיך אויסגעווירקט נאוואַטאָריש אויף דער יידישער פּאָעזיע.

ש. י. אימבער האָט אויך נאָך אַרויסגעגעבן פאַרשידענע אַנדערע לידער־ביכער ווי: „רויזנבלעטער" (ווילנע), „וויקטאָריאַ" (איבערדיכטונג פון קנוט האַמסונס „וויקטאָריאַ" (ווין), „וואַלד אויס וואַלד איין" (ווין), „געקליבענע דיכטונגען" (ווין), אַ ליטעראַרישע צייטשריפט „ניילאַנד" (קראָקע), „די געגנוואַרט", אַ זשורנאַל (ניו יאָרק) און אַן „ענגלישע אַנטאָלאָגיע פון יידישע דיכטונג", כדי צו וויזן דעם ענגלישן לייענער די שיינקייט פון דער יידישער פּאָעזיע.

צום סוף האָט ער אויך נאָך רעדאַקטירט אַ פּוילישע וואָכנשריפט „כווילאַ" (אין קראָקע) כדי צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם אין פוילן.

שעפעריש און אומדערמידלעך אויף יעדן קולטורעלן געביט איז ער פאַרבליבן ביז צו זיין לעצטן לעבנס מאָמענט. און בעת די נאַצישע פעסט האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין קראָקע, איז ער אַנטלאָפן קיין לעמבערג, און דאָרטן מיט דוד קעניגסבערגערן און בער האָראָוויץ צוזאַמען געווירקט אויפן ליטעראַריש קולטורעלן געביט אונטערן רוסישן רעזשים.

אָבער שפּעטער ווען די רויטע אַרמיי האָט געמוזט פאַרלאָזן לעמבערג, זיינען זיי אַלע אַריינגעפאַלן אין היטלערס לאַפּעס און אויף אַ שוידערלעכן אופן אומגעקומען.

עס איז לידער אַזוי געוואָרן ווי שמואל יעקב אימבער האָט אין זיינס אַ ליד אַמאָל געזונגען:

> דער הימל האָט טרערן געגאָסן
> און בלוט האָט געגאָסן מיין האַרץ —
> און איך האָב די אויגן פאַרשלאָסן,
> צו קענען פאַרזינקן אין שמאַרץ!

אָבער זיין וווּנדערבאַר זעלטן ליד וועט זיך אויפהויבן איבער די מדבריות פון יידישע לייד און פּיין, איבער דעם אַלעם מאָוימדיק אוממעגלעכן וואָס איז געשען; און ס'וועט ווידער אין טויזנטער ברוסטן בענקן און אין טויזנטער ליבעס אויפגיין — צוזאַמען מיט אַ נייעם פרייען גליקלעכן לעבן פאַר דעם אייביק לײדענדיקן יידישן פאָלק און דער יידישער ליטעראַטור.

דוד קעניגסבערג

עס זיינען שוין נישט ווייניק דעפיניציעס געמאַכט געוואָרן פון גרויסע מענער איבער פּאָעזיע. אַזוי האָט למשל פרידריך ניטשע געזאָגט: „די פּאָעזיע איז דער בליץ, וואָס זאָגט אָן אַז דער דונער דאַרף קומען"... טאָלסטאָי דאַגעגן האָט עס ווידער גאַנץ אַנדערש דעפינירט: „אַנשטאָט צו גיין אויף אַ גלייכן בלומיקן וועג, האָבן זיך ליבער אַ פּאָר עקסטראַוואַגאַנטן אויסגעזוכט דעם זומפּיקן בלאָטיקן וועג, וווּ יעדער גייסטיקער שריט ווערט פאַרלוירן אין אומקלאָרן"...

מיין ווייניקייט האַלט פּאָרט מיט דער שיטה וועלכע זאָגט אַז „די פּאָעזיע איז דער אָנהויב און דער סוף פון יעדער פילאָזאָפיע"...

און נאָך מער, איך בין זאָגאָר איבערצייגט אַז פּונקט אַזוי ווי עס פירן צו יעדן באַרג־שפּיץ די שמאָלסטע סטעזשקעס, פּונקט אַזוי פירן צו די טיפסטע געדאַנקן און געפילן די שמאָלסטע קליינ׳שורות׳דיקע פערזן.

און די פעלקער און דורות וואָס האָבן אַמיינסטן געליטן, האָבן אויך אַמיינסטן געזונגען פון יושר, מחמת די זינגער זיינען פון תמיד געווען און וועלן אויך ווייטער זיין דער אויסדרוק פון זייער צייט...

עס זיינען אָבער אויך פאַראַן זינגער וואָס וואַקסן אַריבער זייער צייט, און לאָזן נאָך זיך צוריק אַן איביקן חותם, ווייל נישט נאָר זיי האָבן זיך געלאָזט חתמענען פון דער צייט, נאָר זיי האָבן אויך די צייט גופא מיט זייער פערזענלעכקייט געחתמעט...

טיפע מענטשלעכע ליידן באַוועגן דעם דיכטער צום זינגען; אוממענטש־לעכע שווערע ליידן דערשיטערן דעם זינגער און קענען ביי אים פאַר אַ צייט דאָס לשון אָפּנעמען אַז זיין האַרץ זאָל געצוווּנגען ווערן פאַרגליווערט צו בלייבן ווי פון פראָסט אַ טייך...

אָבער ווי נאָר די גייסטיקע שטראַלן הויבן ווידער אָן צו ליכטיקן און אויפצורירן זיין נשמה, גייט ער אַרויס אַ געהייליקטער און אויסגעלייטערטער פון זיין שווייגן און ערשט דאַן איז ער מסוגל אַ האַרמאָניש געזאַנג אויסצו־וועבן פון זיין לייד.

עס איז אָפּטמאָל ביטער פאַרדריסלעך, ווי עס ווערן מיטלמעסיקע דיכ־

טער איבערגעשעצט, בעת גרויסע דיכטער ווערן אונטערגעשעצט; אַזוי איז שוין דער סדר העולם, און עס איז זער שווער דאָס איבערצואַנדערשן.

נאָר דער גערעכטסטער שופט איז תמיד געווען אויף דעם געביט די צייט (נישט וויכטיק וואָס דערפון קען דער לעבעדיק גרויסער פּאָעט נישט בייסן, און דער טויטער נישט אויפשטיין...) ווייל די צייט איז אַזוי ווי אַ שערפּ וואָס שניידט אונטער אַלע גראָזן, און לאָזט נאָר צוריק די פּענקעס. האַלטן האַלט זיך פּאַר אַ צייט דאָס צייטיקע, און פאַרבלייבן טוט נאָר דאָס איבערצייטיקע...

עס איז קלאָר אַז די יידישע פּאָעזיע הויבט זיך נישט אָן מיט ר׳ יהודה הלוי, שלמה בן גבירול, אלעזר ברבי הקליר, און אויך נישט מיט די סליחות, פּיוטים, קינות און תחינות, נאָר מיט דער ביבעל, תהלים, שיר השירים, קהלת און תנ״ך, און זי לאָזט זיך אויך נישט אויס מיט מ. ראָזענפעלד, א. רייזען, מ. ל. האַלפּערן, ח. נ. ביאַליק, טשערניכאָווסקי און ז. שניאור.

דער וועג פון דער יידישער פּאָעזיע איז נאָך ווייט, ווייט נישט קיין פאַרענדיקטער, נאָר ערשט קוים אַ באַטראָטענער, מחמת ער איז זער אַ קאָמפּליצירטער און טראַגישער, להיפוך צו דעם וועג פון די אומות העולם; ווייל די יידישע פּאָעזיע טראָגט אַ מיסיע מיט זיך, אַ גרויסן געהייליקטן חוב אויף אירע אַלטע פאַרבלוטיקטע פּלייצעס.

נישט אַזוי ווי דאָס קריסטענטום זוכט זי אויסצולייזן פון זינד דעם מענטשן דורכן טויט, נאָר אויסצובעסערן דעם מענטשן דורך זיינע מעשים, איבערצואַנדערשן דעם מענטשן, מחמת זי האָט ליב דעם מענטש אַזוי ווי ער איז, ווייל לעת־עתה איז ער נאָך אַ רויב־חיה; נאָר זוכט דעם מענטשן וואָס דאַרף ערשט קומען, אַ בעסערער, באַזעלטער מיט די דערהויבענע ליכטיקע אידעאַלן פון אייביקער ליבע, יושר און שלום, וועלכע ס׳האָבן געפּרעדיקט אונזערע אומשטערבלעכע נביאים.

און ווייל די וועלט־פּאָעזיע איז צוזאַמען מיט דער יידישער פון דעם וועג אָפּגעטראָטן, אָדער בעסער געזאָגט נאָך קיינמאָל נישט ריכטיק אויף דעם אמתן וועג געגאַנגען, דערפאַר איז איר השפּעה ווי אויך די השפּעה פון דער גאַנצער אייראָפּעאישער ליטעראַטור אַזאַ קליינע אויף דעם מענטשן געבליבן...

עס וועט קיין גוזמא נישט זיין ווען איך וועל מיר דערלויבן צו זאָגן, אַז צווישן די אָרימסטע לענדער אין דער וועלט ווי כינע, איטאַליע און פּוילן, איז דער גאַליצישער סעקטאָר כמעט דער טיפּישסטער געווען מיט זיין דערשלאָגענער אָרימקייט, אָדער אָרימער דערשלאָגנקייט.

און אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט האָט נאָך קיין שום גאַליצישער דיכטער

נישט באַוויזן צו פאַרפיקסירן די גאַליציִשע אייגענטימלעכקייט; אויסגענו־מען דוד קעניגסבערג און בער האָראָוויץ (און דער עיקר י אַדלער איבער וועלכן איך וועל באַזונדער שרייבן) וועלכע האָבן טיילווייז זיך באַמיט דאָס צו טון.

צו זאָגן אַז עס איז בער האָראָוויץ׳ן און דוד קעניגסבערג׳ן געלונגען צו שילדערן דעם גאַליציִשן ייִד און גוי, וועט זיין איבערגעטריבן; וואָס עס איז זיי אָבער יאָ געלונגען איז צו שילדערן דאָס גאַליציִש־ייִדישע לעבן, דאָס שטעטל און די נאַטור. הויפּטזעכלעך בער האָראָוויץ׳ן, ווי מיר וועלן ווייטער זען.

דוד קעניגסבערג האָט געזוכט צו שילדערן די גאַליציִשע נאַטור נישט ווי קיין ייִד, נאָר ווי אַ דיכטער. ער האָט פאַרמאָגט אַ שאַרפן אַנאַליטישן גייסט וואָס האָט תמיד געזוכט אויף אַ בולטן אופן אַרויסצוקריסטאַליזירן דעם פאַרשטאַנד פון געפיל, און דאָס געפיל פון פאַרשטאַנד. ער איז אָבער אויך צומאָל דערפון פאַרפירט געוואָרן, מחמת זיין ליטעראַרונג האָט איבער־געלאָזן מער רעטאָרישן ווי פּאָעטישן איינדרוק. קעניגסבערג שטייט אָבער נישט אָפּ, נאָר זוכט ווייטער דורך אַלעגאָריעס, מעטאַפאָריק, אויף פאַרשי־דענע אופנים זיינע אידעען און געפילן אַרויסצובריינגען.

און שיין בלייבט ביי אים דאָס רוב נישט דער „וואָס״ ער זינגט, נאָר „ווי״ ער זינגט...

איך זאָל מיך נישט אין בענקשאַפטס טרערן טרענקן,
איך זאָל מיך נישט צו טיף אין טרויער קליידן,
ווייל אויך די פרייד מיט מיר זיך נישט צעשיידן
און לאָזט מיך מיין פאַרלוירן גליק געדענקן.

די פיר ציילן קענען דינען אַלס אַ גוטער באַוויז פאַר מיינע באַהויפּ־טונגען. זייענדיק טיף באַאיינפלוסט פון די דייטשע קלאַסיקער, איז ביי אים אַ סך מאָל דער פערז אַרויסגעקומען געקליגלט און געפּליגלט, ווי שוין אויבן באַמערקט אַן עמאָציאָנעלע רעטאָריק, ווייל ד. קעניגסבערג האָט פאַרמאָגט אַ טיף קאָמפּליצירטע נאַטור. עס האָבן אין זיין נשמה געשטריטן דערהוי־בנקייט און פשטות, ליבע און פאַרגענגלעכקייט, אמונה און ספקות. אָבער זיין גלויבן איז נישט קיין התלהבותדיקער, קיין ליידנשאַפטלעכער, נאָר אַן אינערלעך פאַרקלערטער ווען ער זינגט אין זיין סאָנעט „דער סנה״ —

אין מדבר, פון די מענטשן אָפּגעקערט,
װען יתרו׳ס טשערעדע משה האָט געהיט,
האָט ער דערזען דעם סנה, װאָס ברענט און גליט
און װערט פון פייערס פלאַמען נישט פאַרצערט.

יוסף הלל לעווי

פון פלאַם אַרויס האָט ער דאָס קול געהערט,
„איך בין דיין גאָט״, מיט פאָרכט אין זיין געמיט
האָט משה זיך געבוקט און האָט געקניט,
גאָט ערנדיק, אין שטויב פון הייליקער ערט.

אויך מיר אַזוי, װען אין מיין דערגנער־טרויקן
מיין איינזאַם האַרץ די ליבעס־פלאַמען ברענען,
און ס׳האַרץ קען זיך אין גליען נישט פאַרצערן;
לאָזט אין זיין טיף אַ מאַכטפול װאָרט זיך הערן,
דאָס גיט מיין גאָט פאַר מיר זיך צו דערקענען
און פאַר זיין הייליקייט מוז איך זיך בוקן.

דאָס איז נישט אַזאַ מין גלויבן וואָס צווינגט דעם דיכטער צו זינגען, נאָר אַ געזאַנג וואָס מאַכט דעם דיכטער גלויבן...

די פאַרצייטיקע משוררים האָבן געהאַט אַ טיפערע אמונה, און האָבן געזוכט די דאָזיקע אַריינצוגיסן אין זייערע לידער, און נישט נאָר דאָס אַליין, נאָר צוליב דער גרויסער אמונה פשוט משוררים געוואָרן...

און דאָ דאַכט זיך אויס אַז דער דיכטער האָט געהאַט אַן איבערגעפילט האַרץ מיט לידער — און ליבע; און דערפאַר צו דער דאָזיקער ליבע געזוכט אַ פּאַראַלעל און זי געפונען אין גלויבן אַריינגיסנדיק דאָס ליד אין אים...

מען מוז מודה זיין אַז אַלע דיכטערישע אייגנשאַפטן און נייגונגען פון ד. קעניגסבערג האָבן אָנגעוויזן אויף סימנים פון אויסערגעוועגלעכקייט. זייענדיק אַן אייביקער זוכער, האָט ער תמיד געזוכט די אייביקע ליבע, דאָס אייביקע גליק און דאָס גוטע, און זוכנדיק אויפן וועג געזונגען:

איך גיי מיין װעג און צי אין פולן גלויבן,
אויך אַנדערע װעלן זיך דעם װעג אויסקלויבן,
װאָס איז פאַרלאָזט דערװייל און פלויטן צאַמען
אים, װעלכער פירט אַרויף צו זיכערע שטערן.
מיין אויג איז העל, אַן זאָרגן איז מיין שטערן,
מיט אַלע גוטע קום איך דאַן צעזאַמען.

און אַזוי ווי ער זוכט דאָס גוטע, אַזוי זוכט ער אויך דאָס גליק און זינגט דעריבער ווי אַ קלוגער דערפאַרענער געניסער...

דאָס ערשטע גליק װאָס טרעפט אין װעג,
דאָס בלייבט אין האַרצן און זכרון,
דאָס גרינט דיר אויף אין קורצע טעג,
און בלייבט ביי דיר אויף לאַנגע יאָרן...

און בעת דער דיכטער זוכט ליבע היט ער זיך גלייכצייטיק פאַר דער באַהעמיע און דער דעקאַדענץ, און זיין באַגער ווערט צום ליד — און גיסט זיך אַרויס פון זיין האַרצן:

אַלע חילדע בלומען וואָס איך רייס,
זיי זאָלן נישט פאַרטויבן מיינע זינען
מיט צופיל דופט, ביז כ'וועל מיך נישט געפינען
לאָז זיין מיין לעבן שטענדיק קלאָר און חיים.

ער וויל לעבן אין ריינקייט. די ליבע ציט אים נישט אַראָפּ ווי אַ סך דיכטער פונם דאַמאָלטדיקן פעריאָד — צו הפקרות און דעקאַדענץ, נאָר זי ד'ערהויבט אים און פאַרשיכורט אים, ביז עס גיסט זיך דער חלום מיטן וואָר אין זיין האַרצן צענויף:

צי איז דאָס חלום נאָך, צי שוין די וואָר ?
אַזוי האָט מיך דיין אַנבליק גאַנץ פאַרמישט ;
צי זע איך אויף די אייגענע אויגן קלאָר,
צי ביזטו מיינס אַ חלומ'ס כישוף נישט,
צי האָט גאָט מיין ראיה אויפגעמאַכט ?
אַזוי האָב איך דיך קיינמאָל נאָך באַטראַכט.

אָבער נישט נאָר דער באַזינגער פון ליבע, גליק, גלויבן און ריינקייט איז דוד קעניגסבערג, נאָר אויך דער באַזינגער פון דער נאַטור. די נאַטור, וואָלט איך געזאָגט, איז אין זיין שאַפן דער הויפט עלעמענט ; ער דערפילט זי מיט אַלע זיינע רמ״ח איברים, זי ברייטערט אויס זיין געדאַנק, באַוועגט זיין געפיל, מאַכט אים ווייט זעענדיק און ווייט פילנדיק. ער ווערט מיט דער נאַטור צוזאַמענגעגאָסן און עס וויקלען זיך אַרויס פון זיין האַרצן די פיינסטע נאַטור־בילדער ווען ער זינגט :

פּאַמעלעך קומט דאָס לעבן אין זיין גאַנג,
און ט'רן עפענען זיך אין יעדן הויז ;
ס'גייען שכנים ביי־אַנאַנדער איין און אויס,
דער שלעפער איז פאַרשלאָפן היינט צו לאַנג,
כאַפּט זיך אויף שפּעט און טוט זיך אַזש אַ וואָרף,
דער דאָרפגייער איז שוין אין צענטן דאָרף.

אַן אַנדערער סאָנעט ווייזט ווידער דעם דיכטערס קלאַנגען און פאַרבן־רייכקייט, דאָס דורכאויס טיפע דערפילן אַלע נאַטורס שאַטירונגען, איר גיואַנסן־רייכקייט — פון דופט און טוי און טייך.

יוסף הלל לעווי

מען קען נישט זאָגן, אַז דאָס איז די ספּעציפיש גאַליציש לאַנדשאַפט מיט איר אומקולטיווירטער עלעמענטאַרישקייט, נאָר דאָס זיינען בילדער עמפפונדן מער פון אַ דיכטער אַ קינסטלער ווי פון אַ גאַליצישן דיכטער...
עס באַקומט זיך דאָס געפיל אָפּטמאַל ביי די נאַטור־פּייסאַזשן ווי דער שטענדיקער זוכער וואָלט רו געפונען און זיין רו גייט אויך איבער צום לייענער ווען זי ריזלט פון זיין נשמה אַרויס:

און דער בלאַסער הימל איז היינט אַן אַ פלעק,
און שפיגלט זיך אין טייך װאָס קרויזט זיך קוים,
אַ גוטע האַנט האַלט איין דעם װינט אין צוים
און נישט קיין צװיט פאַלט פון דעם בוים אַװעק.

דאָס טייכל שלאָגט זיך לייכט ביים גרין אַ ברעג
און בליקט צום זונשיין, װי אַן אויג אין טרוים;
צו ביידע זייטן גרינע פעלדער זוים
ציען בלומען װיזן פול זיך אָן אַן עק.

קעניגסבערג׳ס אידילישער אימפּרעסיאָניזם ווערט אָפט אַזוי זאַפטיק און פאַרבנרייך, אַזוי שפּילעוודיק שטיפעריש, וואָס דערמאָנט אומווילקירלעך אין דעם איטאַליענישן מייסטער מורילאָ׳ס קינדער־פאָרטרעטן, פון וועלכע עס רעפלעקסירט אַ ים פון רירענדיקע אומשולדיקייט, קינדערישער לייכטזין, אומבאַהאָלפנקייט און רייצפולע שיינקייט, וועלכע ווירקט פשוט פאַרפירע־ריש אויפן חשק נאָך געניס, ווען ער זינגט:

האַלב נאַקעטע, אין די קעשענעס די הענט,
אַצינדער קומען זיי אַהיים פון שפּיל,
אין שטעטל לייכטן שוין די פענסטער פיל,
אַ פייער אונטערן רוסנעם דרייפוס ברענט.

טויט׳הונגעריקע, מידע פאַלן צו
די אָרעמע, פון פאַליעװען האַלב טויט
צו רייז מיט מילעך און צו שװאַרצן ברויט
און צו דערקװיקנדיקער קישענס־רו.

און קומט דער חלום, זעען זיי די זון,
דעם גרינעם סאַד אוןביימלעך רויטע פון
די צייטיקע װיינפּערלעך, און מיט אַ שער
שערט עמיצער, אַ גוטער, כ׳װייס נישט װער,
באַזונדערס יעדן איינעם אַן אין שויס —
פול רויטע װיינפּערלעך, װי װיינשל גרויס.

עסייען

און נישט נאָר מאָלער, פּלאַסטיקער און דיכטער פון נאַטור שיינקייט איז קעניגסבערג, נאָר אויך, ווי שוין פריער דערמאָנט, אַ סימבאָליקער און אַלעגאָריסט, וואָס ברענגט אַרויס אין די פיינע, שלאַנקע פערזן פון זיינע סאָנעטן די טיפסטע געדאַנקן. הגם זיין פאָרם איז אָפט אַ ביבליש נאַציאָנאַלע, בלייבט דער זין תמיד איבער־נאַציאָנאַל, ווי אין די איראָפּעאישע גרויסע פּראָבלעמאַטישע שאַפונגען.

עס מוז דערפאַר אויך נאָך ציטירט ווערן דער וווּנדערבאַרער סאָנעט „אברהם און לוט״:

חען גרויסעביימער חאַקסן נאָנט ביינאַנד,
קומט דורך די צחייגן זיי קיין זונשיין העל.
זיי שטייען זיך אין חעג, פאַרקריפּלען שנעל,
און וויאַנען ביידע טרויריק האַנט אין האַנט.

„דאָ פאַר אונז ביידע איז צו ענג דאָס לאַנד,
צו חייניק חאַסער האָט פאַר אונז דער קחעל,
צו נאָנט איז אונזער ביידענס הויז־טיר׳ס שחעל,
צו נאָנט, צו נאָנט איז אונזער חוינשטוב׳ס חאַנד.

„פאַמעלעך און דער שלום אונז פאַרשחינדט,
אָפט אין געקריג קומט אונזער הויזגעזינד,
און בעסער חעט אונז פון דערחייטנס זיין,
אויך פון דערחייטנס חעט מיט אונז זיין גאָט״.
איז לאָמיר ביידע זיך אָן האַס צוגיין,
קיין צפון אברהם און קיין דרום לוט.

מען מוז שוין טאַקע זיין טיף נאַציאָנאַל, צו קענען באַשאַפן אַזעלכע דערהויבענע אינטערנאַציאָנאַלע געדאַנקן אויף אַזאַ פשוט נאַציאָנאַלן אופן.

די העכסטע און גרעסטע קונסט ליגט אין איינפאַכקייט און קלאָרקייט, ווייל פאָלקאָמענהייט ליגט אין פאַרשטענדלעכקייט.

און דוד קעניגסבערג איז אָפט אַזוי וווּנדערלעך איינפאַך, אָדער אַזוי איינפאַך וווּנדערלעך, אַז ער קען זיך דערהויבן לייכט ווי אַן אָדלער מיט אַ שטילן פליגל־פאַך איבער די העכסטע אַלפּן און פון דאָרטן אונז שיקן בליצנדיקע גרוסן...

און קעניגסבערג האָט טאַקע באַוויזן, אַז כאָטש ער איז טיף נאַציאָנאַל, קלינגט זיין טאָן אויך אַלוועלטלעך אפילו ווען ער זינגט:

באמת, ס׳איז דער כבוד גרויס, צו זיין
אַן אויסדערחיילטער, חי די חייטע אבות,
צו קלערן זייערע מעשים און מחשבות
און טראָגן זייער שם אין חעלט אַריין.

יוסף הלל לעווי

באמת, ס'איז דער גורל גרויס און שיין,
צו וואַנדערן אין אַלע הייטע דורות,
און זיך פאַרטיפן אין דעם זין פון תורות
און קענען מיט די הייטסטע זיך פאַרשטיין...

דוד קעניגסבערג איז געווען דער ערשטער, זאָגט זלמן רייזען, וואָס האָט קולטיווירט דעם סאָנעט, און דער עיקר אים איינגעפירט אין דער יידישער פּאָעזיע.

דאָס ערשטע איז איבערגעטריבן, מחמת קעניגסבערגס שפּראַך הינקט אַ סך מאָל אונטער אַ דאַנק די גערמאַניזמען און פּראָווינציאַנאַליזמען, און פאַרשטייט זיך מיט דער שפּראַך אויך נישט איינמאָל דער זין; דאָס צווייטע דאַקעגן קען זיין ריכטיק, ווייל פאַר ד. קעניגסבערג'ן איז דער סאָנעט באַשטימט נישט אַזוי אין דער מאָדע געווען ווי ער איז זאָגאַר ביז היינט פאַרבליבן.

אָבער אַמשטאַרקסטן פון אַלע קעניגסבערגס שאַפונגען האָלט איך זענען זיינע „קינדס טויטנלידער". דאָרטן דערגרייכט ער צו אַזאַ הויכער קינסטלעריִשער מדרגה וואָס טראָגט אים אַריבער איבער דעם טונקעלן גרויל פון טויט אין דער אייביקייט אַריין. זיין צער ווערט אונזערער, ווייל אונזער צער איז געוואָרן זיינער. די פּערזענלעכע נאָטע וואָס איז געוויינלעך ביי אַ דיכטער אין אַזאַ פאַל דאָמינירענדיק, ווערט בטל אינם אַלגעמיינעם טיף מענטשלעכן עמפּפינדן, און גראָד דאָס איבערמענטשלעכע אומפּערזענלעכע ווירקט עס אַזוי פּערזענלעך אויף אונז.

דאָס דערבליקן די אומפאַרמיידלעכקייט פון טויט נישט דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז, וואָס פאַרגרעסערט געוויינלעך די געפילן צום אָוועקגעגאַנגענעם און פונם אָוועקגעגאַנגענעם, האָט ד. קעניגסבערג אין אַ גאַנץ אַנדערן ליכט דערזען; ער האָט דעם טויט דערזען אין אַ ריין ליריש אויסגעלייטערטן ליכט, פון וועלכן עס רעפלעקטירט נישט דער צער פון צו גרונט גיין, נאָר דער אומעט פון אויפלייזונג... און ווייטער פאַרוואַנדלטערהייט געדייען... דערפאַר שווידערן די לידער אַזוי טיף אויף און בלייבן אומפאַרגעסלעך.

ד. קעניגסבערג האָט אונז אויך אַ גרויסע ירושה איבערגעלאָזן: אַדאַם מיצקעוויטש'עס עפּאָפּעע „פּאַן טאַדעאוש", איבערזעצט אין יידיש, אַ בוך פון איבער 400 זייטן. ער האָט אויך געאַרבעט אויף דער פאַריידישונג פון האָמער'ס „איליאַדע".

ווי מיר איז באַקאַנט, זאָלן די איבערזעצונגען געווען זיין זער געלונגענע, אָבער זיי זיינען לײדער אויך מיט אים לאיבוד געגאַנגען.

געבוירן געוואָרן איז ד. קעניגסבערג אין 1891 אין בוסק ביי לעמבערג. זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרווון האָט ער געמאַכט אין דייטש און אין

פויליש, דאָן האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין יידיש. אַרויסגעגעבן „לידער" (אין פאַרלאַג שייד, לעמבערג, 1912), „סאָנעטן" (זעלבסט־פאַרלאַג, לעמ־בערג, 1913), „100 סאָנעטן" (פאַרלאַג קוואַל, ווין, 1919).

זיין לעבן איז געווען אָן איינזאַמער. נאָך דעם אומגליק וואָס האָט אים געטראָפן מיט זיין איינציקן קינד, האָט ער זיך פון אַלעם צוריקגעצויגן און געזוכט זיך אויסצולעבן אין זיין אייגענער וועלט.

ד. קעניגסבערג, וועלכער האָט נאָך נישט באַוויזן צו באַשאַפן דאָס פאַל־קאָמע, צו וועלכן זיין גרויסער טאַלאַנט איז געווען באַרופן, האָט אָבער שוין אַפילו אין זיינע נאָך נישט פאַלקאָמע ווערק איבערגעלאָזן ווערטן פון אויסערגעווענלעכקייט.

און קיין שום ליטעראַטור היסטאָריקער וועט נישט קענען פאַרביי גיין דוד קעניגסבערגס לעבן און שאַפן אָן אים צו דערמאָנען מיט אַ רומפול בלאַט אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּאָעזיע.

בער האראוויץ

מאָדנע — דאָס אָרימע גאַליציע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל רייכע באַרימטע גייסטער פון רבנים, רביים, מתנגדים, וויסנשאַפטלער, ליטעראַטן, מוזיקער, מאָלער, סקולפּטאָרן און סאָציאָלאָגן — אָט דאָס דאָזיקע גאַליציע איז געווען באַקאַנט מיט זיין אייגנאַרטיקייט, מחמת מ'האָט כמעט זעלטן וועמען געזען אַ חסידיש־בעל־הבתישן בחור וואָס האָט נישט געזאָלט האָבן געלייענט שילער, געטע, היינע און בערנע, אָדער לכל הפּחות פון זיי געהערט. און אַ מיידל ווידער וואָס האָט נישט געזאָלט זיך אַרומטראָגן מיט מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי, זשעראָמסקי, פּזשעבישעווסקי און וויספּיאַנסקי. און דאָס רעטזעלהאַפטסטע איז געווען, וואָס שבת ביים טיש האָט זי נאָר יידיש געהערט, מחמת איר פאָטער דער חסיד האָט יעדן פרעמדן לשון אום שבת גע'אסר'ט.

אָט דאָס דאָזיקע גאַליציע, וואָס איר יידישע אינטעליגענץ איז אפשר פּראָפּאָרציאָנעל געווען די גרעסטע ביי יידן, נישט אין אַכט גענומען איר דחקות; יאָ, מיט דעם גייסטרייכן אייגנאַרטיקן גאַליציע האָבן זיך דאָס רוב גאַליציאַנער יידן אַליין געשעמט און זיך אויסגעהיטן עס פורש בשמו צו זיין.

שוין אָפּגערעדט פון דייטשלאַנד, וו דאָס וואָרט גאַליציע האָט נאָר אידענטיפיצירט שנאָרעריי, אומוויסנקייט און שווינדל, און איז געווען נאָר אַ באַליידיקונג.

עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז אפילו אין די רוסיש־יידישע געגענטן פלעגט מען אויך גרינגשעצן גאַליציע, נישט געגלויבט אין אירע טאַלאַנטן און פעאיקייטן אַ דאַנק דער אָפּגעשטאַנענקייט, פּאַרוואַרלאָזטקייט, און ווי שוין פריער באַמערקט, טיפּישער אָרעמקייט.

פּונקט אַזוי ווי טראָפּישע פּלאַנצן קענען נישט געדייען אין אַרקטישע געגענטן, מעג זייער זריעה ווי סעלעקציאָנירט זיין — פּונקט אַזוי קענען אויך נישט געדייען אין טיראַניש־שוואַרצע עפּאָכן פרייע גייסטער, מחמת די סאָציאַלע סביבה דערשלאָגט זיי... נאָר גינסטיקע עפּאָכן געבן אַרויס גינסטיקע גייסטער און קינסטלער.

די מענטשהייט מאַכט נישט דורך קיין פּלוצלינגע ביאָלאָגישע מעטאַ־



דער דיכטער מיט זיין איינציקן זון אברהם אבא, אין יאר 1922

מאַרפאַזן. אַז עס בייטן זיך נישט די קלימאַטישע באַדינגונגען, בייטן זיך אויך נישט די פלאַנצן.

אַזוי איז אויך דאָס שייכות צווישן אינדיווידיומס און זייערע פעלקער.

יעדעס פאָלק כמעט האָט זיין גלאַנץ פּעריאָד אויף גרויסע מענטשן אַרויסצוגעבן.

ביאָגענעטיש געגומען — האָט נאָך קיין שום נאַציע נישט פון גאָט באַקומען דעם אַנטראָפּאָלאָגישן פּאַטענט אויף אַרויסצוגעבן גרויסע אָדער קליינע מענטשן...

די נביאים און די רעליגיע פאַרקינדיקער האָבן זייערע קאָמפּאַקטע פעלקער נישט גרעסער געמאַכט, אָבער לײַדער האָבן אַ סך פעלקער זייערע נביאים און רעליגיע־פאַרקינדיקער יאָ פאַרקלײנערט...

עס איז דערפאַר נישטאָ זיך וואָס צו גרויסן מיט אַ לאַנד וואָס האָט אַרויסגעגעבן גרויסע מענטשן, פּונקט אַזוי ווי עס איז נישטאָ זיך וואָס צו שעמען מיט אַ לאַנד וואָס האָט אַרויסגעגעבן קליינע מענטשן... מחמת נישט דאָס לאַנד קען דעם מענטשן גרויס אָדער קליין מאַכן, נאָר מער ביכולת איז שוין דער מענטש זיין לאַנד גרויס אָדער קליין צו מאַכן...

און ווייל גאַליציע האָט טאַקע געגאָסן די פּאָליטישע פרייהייט פונם אַמאָליקן „קעניגלעך־עסטרייכישן דעמאָקראַטישן רעזשים“, דערפאַר איז עס ראשית כל געווען אַן אַזיל פאַר אַלע פּאָליטיש־פאַרפאָלגטע רעוואָלוציאָנערן פון צאַרישן רוסלאַנד. והשנית טאַקע אויך געגעבן באַזונדערע לעבנס־מעג־לעכקייטן פאַר יידן.

ווי געזאָגט איז דער דיכטער בער האָראָוויץ כמעט געווען פון די געציילטע דיכטער וועלכע האָבן באַזונגען דעם גאַליצישן יידן. אָבער נישט דעם צעקנייטשטן בטלן, דעם לאַ־יצלח, אַפילו נישט דעם שפּעקולאַנט נאָר דעם פּשוטן דאָרפס־יידן האָט ער באַזונגען. מחמת אין אים איז בער האָראָוויץ פאַרליבט געווען; ווייל ער האָט זיך געפילט פאַרבונדן מיט דער מאַמע ערט, פאַרקניפּט מיט אירע צמחים, טייכן און מינעראַלן. ער האָט געליבט די דאָרפיש געזונטע רו, מיט די אומענדלעך ווייטע הימלען, די גאָלדענע זון־אויפגאַנגען און אונטערגאַנגען — דער עיקר די קאַרפּאַטן־בערג מיט זייערע פאַרשנייטע פעלזן־שפּיצן, די בערגיקע אַראָפּהאַנגען מיט זייערע תהומות.

אָבער נישט ווייניקער פאַרליבט איז ער געווען אין דעם דאָרפישן זונטיקדיקן געטומל פון די שקצים און שיינע געזונטע שיקסעס באַגלייט מיט דער האַרמאָניקע און בראַנפן, וואָס זענען דאַן צעזונגענע און צע־טאַנצטע און פייערדיק פאַרליבטע נעלם געוואָרן אין די וועלדלעך אַריין.

ער האָט זיך געפילט אַזוי פאַראייניקט און פאַרוועבט מיט דער נאַטור, אַז פאַר אים האָבן דאַמאָלט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אַלע מענטשלעכע גריבלעניש און פלאַנטערנישן, אַלע מענטשלעכע קנאות, שנאות און תאוות. פאַר אים האָט נאָר געלעבט די נאַטור מיט אירע ביימער, בליטן, וואַסערן און הימלען; און זיין טרויער איז דערפאַר אַ גאַנץ אַנדערער געווען בעת ער האָט געזונגען:

> ס׳האָט מיך אַרומגענומען דער טרויער,
> ווי יונגיטשקע, גרינינקע, סמערעקעס דער שניי —
> מיט זיין שווערן גראָבן טלית,
> חוץ דעם טוט מיר גאָרניט ווי . . .

אַזאַ ווייטיק קען נאָר דערפילן אַ גרויסער עסטעט, און אַן אויפגייענדיקער אין ליבע צו דער נאַטור.

דאָס איז אַזאַ מין לירישער פאַנטעאיזם אָדער פאַנטעאיסטישע ליריק, וואָס באַפליגלט דעם מענטשנס נשמה מיט אַ שטילער ראָמאַנטיק וועלכע גריבלט, אָבער אין אַזאַ מין גריבליניש איז תמיד יעדע פאָעטישע נאַטור פאַרליבט . . .

ליידער באַזיץ איך נישט גענוגנדיק מאַטעריאַל אויף צו קענען אילוסטרירן מיט ציטאַטן מיינע באַהויפּטונגען.

בער האָראָוויץ איז אַ פּאָעט פון דער מאָדערנער שולע. הגם ער האָלט זיך נישט פעסט אין די אַלטע אַנגענומענע כללים, איז ער אָבער פאָרט אויך ווייט פון די „באָמבנשליידערער״, וואָס האָבן געמיינט מיט יעדער נישט געגראַמטער שורה צו האָבן ענטדעקט אַ נייע וועלט, ווייל נישט סטיליזירטער אימפּעט, מיט אויפרייס־טעמאַטיק און אַנטווערטעטע ווערזיפיקאַציע האָט אין בעסטן פאַל נאָר געקענט ניהילירן די פּאָעזיע — אָבער נישט דאָס פסיכיש סאָציאַלע לעבן . . .

אַזוי זיינען געבוירן געוואָרן די „וועלט אויפרייסער״ און „וועלט אויסלייזער״, און זיינען געוואַקסן, ווי משוגענע שוואָמען נאָך אַ רעגן.

עס האָט נישט ווילנדיק אַרומגענומען אַן אָפּשטויסנדיק געפיל צו איין צד׳ס ווילדער באָמבאַסטיק, און דעם צווייטן צד׳ס געשווענצלטן „אויסלייזעכטס״, וואָס האָט אין זיך געטראָגן דעם ווייכלעכן ליבעס־גערוך פון קאַטאָליציזם — באַשטייענדיק פון רעוואָלוציע בלוט, צעמישט מיט אויסלייז בוימל, אַ פיינער ריח ניחוח! . . .

יאָ, נישט איינער פון יענע „פּראַלעטניקעס״, צוזאמען מיט די יידישע פסעוודאָ־קאַטאָליקן האָבן שוין היינט איינגעזען אַז עס איז נאָר פאַראַנען

איין גרויסע, און וואָרהאַפטע פּאָעזיע, וואָס נעמט אין זיך אויף אַלע ריכטונ־גען פון אַלע זייטן, פּונקט אַזוי ווי דער ים אַלע וואַסערן פון **אַלע טייכן...**
און בלייבט פאַרט דער גרויסער, ברייטער, אומענדלעכער, אייביק אומ־פּאַרטייאישער ים...

עס איז קלאָר, אַז אין דער שויס פון דער אייביקייט ווערן ריכטונגען פון אַלע זייטן גלייכבאַרעכטיקט, ווען זייער אויסדרוק איז זינפּול און קינסטלעריש געגוג, צו קענען קאָנקורירן מיט דער פאַרגענגלעכקייט...

עס האָבן אויך סוף כל סוף שוין די קלעריקאַלע קלאַסישע דאָגמאַטיקער איינגעזען, אַז פּונקט אַזוי ווי מ׳קען נישט אויסמעקן די אַטאָנאַלע מוזיק, קען מען אויך נישט אויסמעקן די ריטמיק פון פרייען נישט געגראַמטן פערז אין דער פּאָעזיע.

היינט ווייסן שוין בײדע צדדים, אַז די פאָרם, און די אַזוי גערופענע „פאָרמלאָזיקייט״ מאַכן דאָס קונסט ווערק נאָר מאָדערנער און פרייער, **אָבער** לחלוטין נישט אייביקער. מחמת נישט די פאָרם פאַראייביקט דאָס קונסט־ווערק, נאָר דאָס קונסט־ווערק די פאָרם.

אַן אַלטער געדאַנק אַנגעטון אין נייע פאָרמען איז תמיד עלטער ווי אַ נייער געדאַנק אַנגעטון אין אַלטע פאָרמען.

עס זיינען אויך אָפּטמאָל פאַראַנען פון קינסטלער באַשאַפענע און אָפּגע־שאַפענע פאָרמען, וואָס אין זיי אַליין ליגט מער זין ווי אין וועלכע נישט איז געדאַנקן...

און מכוח ריטם — איז דער דאָזיקער אויך פאַראַן אין גאַנצן אוניווער־זום. נאָר די ריטמישע אויפפאַסונג איז פאַרשטייט זיך אַ פאַרשידענע.

איך בין דאָריבער מער געניגט צו דער געבונדענער פאָרם, ווייל על פּי דעתי איז זי די פרייעסטע און דערפאַר טאַקע די העכסטע.

פּונקט אַזוי ווי די נישט געצאַמטע געפילן זיינען נישט קיין אויסדרוק פון פרייהייט, נאָר פון אַ ליידנשאַפט וועלכע פאַרשקלאַפּט דעם אינדיווידיום, אַזוי איז די אומגעבונדענע ווערזיפיקאַציע אויך נישט קיין פרייקייט, נאָר אַ ליידנשאַפטלעכע שקלאַפעריי, אָדער אַ שקלאַפּישע ליידנשאַפט פונם דיכטער, מחמת פרייקייט ליגט נאָר אין געזעצלעכקייט.

די זון פון הימל, די בליאונג פון דער ערט, די שפּיצן פון די בערג און די וואַסערן פון ים, זיינען אויך געבונדן צום קאָסמישן רוים און צייט.

דער גראַם איז דאָס גינגאָלד פונם דיכטערס פרייער נשמה, און צוגלייך דער בריליאַנטענער שליסל וואָס שליסט אויף און פאַרמאַכט די טויערן פון די געהיימסטע וועגן צום געדאַנק און געפיל...

דער ריטם איז דאָס גילדענע צינגל פון דער פּאָעטישער וואָג; און אַן

דעם דאָזיקן געפינט זיך דער דיכטער אין אַ כאַאָס, מחמת דאָס גרויסע, טיפע, ריינע און געטלעכע וואָרט מוז געוויגן ווערן פאַרן מענטשלעכן גייסט און נשמה; אַזוי ווי אַלע לעבנס־נויטיקע וויטאַמינען און שטאָפן פאַרן גוף.

און דאָס קלענסטע קוואַנטום מער ווירקט נישט נאָר שלעכט נאָר אַפילו שעדלעך.

אינם גאַנצן אוניווערזום איז פאַראַנען ריטמיק — אין די פּלאַנעטן און פלאַטואידן, ימים און טייכן, ביי אַלע ברואים, דוממים און צמחים איז פאַראַנען די געבונדענע ריטמיק.

ריטמיש קלאַפּט דעם מענטשנס האַרץ, ריטמיש איז זיין בלוט־לויף אין דופק, זיין איין־ און אויסאָטעמען, ריטמיש איז זיין סעקסועלער עקסטאַז — דאָס ווערן און פאַרגיין.

ריטמיש זיינען דערפאַר אויך די ליבע און לויב לידער פון מענטשן און געטער, די שלאַכט און העראָאישע געזאַנגען, די זונען־הימנען און מיטישע געדיכטע, די פסאַלמען פון די אַסיריער, העברעער און עגיפּטער.

אַזוי איז שוין פון בראשית אַן פאַראַנען אין אַלעס און איבער אַלעס אַ ריטמיק.

פון מוזיקאַלישן לויט אַן האָט שוין דאַרווין געוואָלט דערקלערן דאָס ווערן פון דער שפּראַך. און זיכער זיינען דאָס געשריי, געוויין און יובעל געווען די דערפאַרונגס אויסרופן אין אור־עלעמענטן פון אַלע שפּראַכן.

ריטם איז אפילו אויך פאַראַנען דאָרט אינם פויגל געזאַנג צו וועלכן מיר באַזיצן נאָך ביז היינט נישט קיין שום שליסל.

דיכטונג קומט פון גאָט און לעפּצט אין גאָט; זי שאַפט מאַגיש די גרויסע פאַראייניקונג צווישן זאַכן און גייסט, צווישן דענקן און זיין, צווישן וועלט און שעפער, ביים פאַרביקן אַפּגלאַנץ דערזעט זי דאָס לעבן, און די נאַטור האָט פאַר איר נישט קיין קערן און נישט קיין שאָל...

אין יעדער אמתער דיכטונג איז פאַראַן ריטם.

אַלס אַן אומלייקענעדיקער באַוויז פאַרן דאַ־זיין פון גאָט — טורעמט זיך דאָס מיסטישע געבוי פון דער וועלט ליטעראַטור אַריין אין רוים און צייט, טרוים און אייביקייט...

מעגן ביים אונטערגאַנג פון פּאָמפּעי, דעם ערד־ציטערניש פון מעסינאַ, און ביי דעם ביכער אויטאָ־דאַ־פע פון דייטשלאַנד — די רייכסטע ביבליאָ־טעקן פון דער וועלט אין פלאַמען אויפגיין, און מיט זיי די איידלסטע ירושה פון דער אַלט־גריכישער, רוימישער, יידישער, אינדישער און כינעזישער דיכטונג, מעגן די שריפטן פון גאַנצע קולטורן אפילו אויף תמיד פאַרלוירן גיין; קענען די געשיכטלעכע קאַטאַסטראָפן נאָר די ווערק פאַרניכטן, אָבער

נישט דעם גייסט וואָס האָט זיי באַשאַפן (קלאָרבונד). מחמת ער איז אומ־שטערבלעך ווי דאָס לעבן גופא — דאָס איז ער דער גייסט פון גאָט — וועלכער שוועבט אַרום ווי נח׳ס טויב איבער אַלע מבול׳ן און קאַטאַסטראָפן פון דער וועלט...

ווער ווייס אויב עס וועט נישט אויך אַמאָל פון האָמער, דאַנטע, שעקס־פיר, געטע און טאָלסטאָי פאַרבלייבן נאָר אַ שטילער הויך; גלייך ווי פון טויזנטער אויסגעפּרעסטע רויזן דער פאַרפיום־עקסטראַקט?...

דער גרעסטער ווידערשפּרוך קעגן דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אויפפאַסונג איז די וועלט־דיכטונג וועלכע איז אָנגעהויכט מיט גאָט פון אָנהויב ביז צום סוף, און ס׳איז זיך אָן איר אַזוי אוממעגלעך פאָרצושטעלן דאָס לעבן ווי אָן דער זון.

פאַראַנען אייביקע בלאָנזשער, זוכער, בעלי ספקות און מאמינים צווישן די דיכטער. און מאָדנע, אפילו פון די ראַדיקאַל אַטעאיסטישע מאַטעריאַליסטן רייסט זיך אָפּטמאָל אויך אַרויס אַ רעליגיעז געפיל — פון אונטער די פאַר־נעפּלטע און פאַרוואָלקנטע שיכטן פון זייער גייסט און נשמה, ווי די שטראַלן פון דער זון אין אַ טריבן טאָג...

צו דער שיטה, דוכט מיר, האָט אויך באַלאַנגט בער האָראָוויץ. אפשר קענען זיינע ווונדערלעכע „מעשות און לעגענדעס" דינען אַלס אַ באַווייז, אין וועלכע ס׳שלאָגט דער דופק פון פאָלק און פון דיכטערס גייסט.

עס וועט נישט זיין איבערטריבן ווען איך וועל זאָגן, אַז אין בער האָראָ־וויץ׳עס אינדיווידואַליטעט האָט געשלאָגן אַ געזונטע פאָלקסטימלעכקייט, ס׳איז געווען עפּעס אַ פאָלקסטימלעכע אינדיווידואַליטעט — וואָס אפילו ווען זי איז זיך פורש פון איר סביבה, ציט זי אויך איר יניקה נאָר פון איר.

ווען דאָס וואָלט אַזוי נישט געווען, וואָלט בער האָראָוויץ גאָרנישט געקענט זינגען:

די לוקעהער יידן
גייען אין זגרעבנע העמדער!
און זיי לעבן אין פרידן:
די לוקעהער יידן!

אויף זעליג פישער׳ס רוקן
איז אַ פּחד צו קוקן!
ער פּאַקט דעם בוהיי ביי די הערנער,
טוט דער בוהיי צו אים זיך בוקן!

יוסף הלל לעווי

װאָס רוישט אַזוי דער װאַלד,
ס׳אַראַ מעכטיק קלינגען ?
דאָס קאָסן די לוקעװער יונגען
און לוקעװער שניטערס זינגען !

ס׳װאַקסט דאָס האַרץ אין דער ברוסט,
ס׳קומען אויף שטאָלצע טרערן ;
ס׳װעלן זיך אַזוינע יידן,
װי די לוקעװער יידן מערן !

ווי שוין פריער געזאָגט, האָט פון בער האָראָוויץ׳עס לידער געאָטעמט די פרישע לופט פון די קאַרפּאַטן־בערג און לאַנקעס ווו ער איז אויסגעוואַקסן, און פון דעם געזונטן אידילישן לעבן פון פשוט יידישע מענטשן אין דער סביבה פון וואַלד, פעלד און טייך.

„בער האָראָוויץ׳עס לידער האָבן אַריינגעטראָגן אַ נייעם טאָן אין דער יידישער ליריק — פון עכטן אוממיטלבאַרן צענויפגיסן זיך מיט דער נאַטור" (ז. רייזען).

אויך זיינע זוכנדיקע און אין פאָלקסטאָן געהאַלטענע מלחמה און פּאָציפיסטישע לידער מאַכן אַ שטאַרקן רושם מיט זייער מענטשלעכער נאַטירלעכקייט און איינפאַכקייט.

בער האָראָוויץ האָט אויך אָנגעשריבן אַ רייע לעגענדעס אין פּראָזע.

אין בוך־פאָרם זיינען פון אים דערשינען פאָלגנדיקע ווערק: „פון מיין היים אין די בערג", „ריח פון דער ערד" און „וואונדערלעכע מעשות". צו איניקע פון זיי האָט ער אַליין געצייכנט בילדער.

ער האָט אויך איבערגעזעצט זער פיל אוקראַאינישע פאָלקס לידער פון דעם באַרימטן דיכטער טאראס שעווטשענקאָ און אַנדערע, הגם ער איז אַליין פּאָגראָמירט געוואָרן פון אַן אוקראַאינישן זעלנער. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט עסייען איבער יידישער קונסט־מאַלעריי.

געבוירן איז ב. האָראָוויץ אין אַ קליינעם וואַלד־דאָרף, מיידאַן, דיסטריקט קאָליש, מזרח־גאַליציע, אינם יאָר 1895, קאַרפּאַטן געביט נישט ווייט פון דעם מקור פון חסידות. ער שטאַמט פון אַ שטאָלצער יחוסדיקער משפחה פון דאָרפס יידן.

זיין פאָטער האָט אין דער יוגנט אַ סך געוואָנדערט, געלעבט אין רומעניע, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, געדינט אין מיליטער, געוועזן אַן אויסערגעוועהנלעך פּאָעטישע נאַטור, גערעדט 12 שפּראַכן, געהאָט טאַלאַנט צום צייכענען, געוועזן איינער פון די ערשטע יידן אין דער נאַפט אינדוסטריע.

זיין מוטער האָט שטאַרק געשטרעבט צו מאַכן פון איר בן־יחיד אַ רב,

געלאָזט אים לערנען יידישע לימודים אין דער היים ביי אַ לערער. גלייכ־צייטיק האָט ער באַזוכט די אוקראַינישע דאָרפס־שול. אין 1914 געענדיקט די פּוילישע גימנאַזיע אין סטאַניסלאַוו. צו 12 יאָר האָט ער שוין געשריבן פּוילישע לידער, צו 15 יאָר אָנגעשריבן דאָס ערשטע ליד אין יידיש. זיך זער פאַראינטערעסירט מיט יידיש און העברעאישע ליטעראַטור; גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין סטודענטיש־יידישע אָרגאַניזאַציעס. בשעת דער ערש־טער מלחמה איז ער אַריבער צום יידישיזם, פון יידישער פאָלקסטימלעכ־קייט־וועגן.

געדינט האָט ער אין דער עסטרייכישער אַרמיי, אַרומגעטריבן געוואָרן במשך פון דער גאַנצער מלחמה אינם שטח פון דער עסטרייכישער מאָ־נאַרכיע. פאַר אַ לאַנגער צייט איז ער געווען קאָמאַנדיר אין ווין, ווו ער האָט שטודירט מעדיצין.

קורץ פאַר דער היטלעריסטישער מאַכט איבערנעמונג זיינען צו מיר דערגאַנגען נאָך צוויי קאַרטלעך פון אים, ווו ער זאָגט אָן זיין קומען אין מינכען, כדי צו קענען צייכענען פאַרטרעטן פון פאַרשידענע דייטש־יידישע פּערזענלעכקייטן. און זינט דאַמאָלט האָט מען פון אים נישט געהערט. ער איז אומגעקומען פון די נאַציס.

מרדכי געבירטיק

מרדכי געבירטיק, — ווען מ׳דערמאָנט דעם נאָמען ציטערט דאָס האַרץ אויף מיט אַ טרויעריקן שווידער. אָט איז דאָס ליד, וואָס ער האָט פֿאַר מיר געזונגען בעת איך בין ביי אים אין דער היים געווען אין יאָר 1930.

שפּילט מיר אויף אַ פריילעך לידל —
עפּעס שפּילט איר טרויעריק היינט ;
ס׳וויינט דאָס פלייטל, ס׳וויינט דער פידל,
אַלץ אַרום מיר עפּעס וויינט.

אַ, קלעזמאָרים, גוטע ברידער,
איר באַקומט פון מיר אויף וויין,
שפּילט מיר אויף אַ פריילעך לידל —
שלעפּט מיין מרה שחורה איין !

דאָס איז דאָס אנגענעמע ווידערקול פון דעם טייערן לידל, וואָס פֿאַר־וויגט און פֿאַרשיכורט די נשמה.

זיינע קינדיש־בלויע אויגן ווערן פייכט און צעשמייכלט, און באַלד פרעגט ער: „נו, וואָס זאָגט איר ?״ און ער וואַרט נישט אויף קיין תשובה, נאָר ענטפערט זיך אַליין: „אָט פשוט ווי ס׳פּאַסט פֿאַר מיר — נישט קיין הימל־קראַצער... איר ווייסט דאָך איך בין אַן איינפאַכער טישלער־אַרבע־טער, און האָב דערפֿאַר ליב די איינפאַכקייט ! זיך נישט געענדערט, און וועל זיך אוודאי שוין אויך נישט מער ענדערן, הלוואי זאָל מיין לעבן כאָטש קלעקן אויף דאָס סאַמע איינפאַכסטע צו באַזינגען, וועל איך שוין אויך זיין זער צופרידן״.

אַזוי האָט צו מיר גערעדט מרדכי געבירטיק בעת איך בין ביי אים געווען אין זיין אָרימער וווינונג אויף דער בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ גאַס. מיר האָבן דאַמאָלט אויפגעפרישט אונזער יוגנט־פריינטשאַפט זיך דערמאָנענדיק אין די אַלטע גוטע צייטן, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין אונזער געבוירנ־שטאָט קראָקע. עס זיינען פֿאַר אונז וואָך געוואָרן די אָונטן אויף וועלכע מיר פלעגן צוזאַמען אַנטיילנעמען, די צייטונג אין וועלכער מיר פלעגן זיך ביידע דרוקן, און היינט ערשט אונזערע ליבע חברים: נחמן מיפעלעוו און

משה ערלעך (ביידע העברעאיש־יידישע שרייבער), יואל דעמביצער (דעם קראָקעווער ראש בית־דין׳ס אַ זון) און אברהם רייזען.

מיר האָבן גערעדט און געשמועסט און רעדנדיק זיך באַגייסטערט און פריילעך געוואָרן, אָבער באַלד האָט זיך געבירטיקס שטימונג געענדערט בעת ער האָט דערזען, אַז אויך מיין קאָפּ הויבט שוין אָן גרוי צו ווערן.

— וואָס — איר ווערט שוין אויך גרוי? — האָט ער זיך אומעטיק צו מיר געווענדעט — ערשט אַ יונג־פאַרליבטער און פלאַטערדיקער בחור געווען, און וואָס איז געוואָרן פון אַלע ליבעס־אידעאַלן און חלומות?...

— נו, לעווי, ס׳איז גוט וואָס איר זענט פונקט היינט געקומען, מחמת מען האָט ביי מיר אַריינגעצויגן עלעקטריש ליכט; אָבער לכבוד אייך וועל איך נאָך לאָזן ברענען מיין נאַפט־לעמפּל. ס׳איז מיר אָפּט דאָס אַלטע ליבער ווי ס׳נייע. איך קען עס נישט פאַרשעמען! זאָל עס נאָך איין נאַכט ברענען ווי אין די אַלטע גוטע צייטן, כדי מיר זאָלן בעסער קענען דערמאָנען ביי זיין שאָטן און שיין אונזערע פאַרגאַנגענע יאָרן און חברים... אויף די אַלייען, טייערער, געדענקט איר נאָך, ווי מיר האָבן מיט רייזענען און משה טייטשען אַרומשפּאַצירט? — און ווי איר האָט פּאָר זיי ציטריק און דער־שראָקן אַ לידל פאַרגעלייענט? דערמאָנט איר זיך נאָך ווי מיר האָבן ביי אונזער פריינט משה ערליך זיך געטראָפן מיט מאָריס ראָזענפעלדן און וויליידנשאַפטלעך מען האָט געשטריטן דיסקוטירנדיק איבער יידיש און העב־רעאיש, בונד און ציוניזם, אַסימילאַציע און פאָלקסטימלעכקייט? יעדער איינער איז אַזוי איבערצייגט געווען און נישט געצווייפלט אין זיינע אַנשוי־אונגען ווי אין דעם ליכט פון דער זון...

און ווי שיין איז עס געווען אויף אונזערע אַמאָטאָרן־פאַרשטעלונגען בעת מיר האָבן געשפּילט „גאָט, מענטש און טייוול", „משיחס צייטן" און „ס׳וויל־נער בעל־הביתל"! אוי, טייערער, איז דאָס געווען אַ ביסל אַ ציטערן און פלאַטערן, אַ התלהבותדיקע שמחה און אַ דערפאַלג! יאָ, זינט דאַמאָלט איז שוין אַ היבשע צייט אַפּגעפלאָסן, און מיט דער דאָזיקער צייט אויך אַ היבש ביסל יידיש בלוט...

— אוודאי, מיין ליבער געבירטיק, אָבער במשך פון דער צייט האָט אייער מוזע אויך נישט געשוויגן, מחמת דער ווידערקול פון אייערע האַרציקע פאָלקס־לידער איז צו מיר דערגאַנגען פון כמעט דער גאַנצער יידישער בינע.

— מיינט איר אפשר, פריינט לעווי, אַז איך באַקום אַ פרוטה דערפון? האָט איר אַ גרויסן טעות! און אַז איר רעדט שוין יאָ פון זינגען מיינע לידער — צי ווייסט איר אפשר אויך ווי לאַנג מען זינגט שוין דאָס ליד „די וועלט איז נאָר אַ חלום" אין יאָזעף לאַטיינערס פּיעסע „מאמאן דער געלט גאָט"?

איך האָב אים פֿאַרבליפֿט אָנגעקוקט.

— וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר, מיין ליבער לעווי?

— איך בין נשתומם, געבירטיק! זאָל דאָס אפשר מיינען, אַז דאָס ליד איז אייערס?

— אפשר, זאָגט איר? געוויס איז עס מיינס! נישט נאָר מען האָט מיר קיינמאָל נישט באַצאָלט קיין פּרוטה פֿאַרן זינגען, נאָר מען האָט זיך געשעמט אפילו מיין נאָמען צו דערמאָנען; אַזוי ווייט, אַז היינט ווייסט שוין קיינער נישט מער צו וועמן דאָס ליד באַלאַנגט...

— טאָ וואָס־זשע שווייגט איר, געבירטיק! עס איז דאָך פּשוט דער גרעסטער סקאַנדאַל!

— ווילט איר אפשר, פֿריינט לעווי, אַז איך זאָל זיך מיט דער אַמעריקאַנער חברה משפּטן? בעסער שרייב איך אין דער ציִיט נייע לידער און שפּיל טעאַטער; דאָ ווייס איך כאָטש, אַז מיין טרחה איז נישט בחינם, הגם די הכנסה איז כמעט די זעלביקע... אָבער ווער פֿון אונז קוקט אויף הכנסות? מען איז צופֿרידן, אַז די אַרבעט ווערט אָנערקענט און מען באַקומט אַ פֿריינטלעך וואָרט באַצאָלט פֿאַר איר...

עס איז אגב צו באַמערקן, אַז מרדכי געבירטיק איז אויך געווען אַ וווּנדערבאַרער כאַראַקטער־קאָמיקער — צו זען אים אין דער ראָל אַלס לייזער בדחן אין גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול״, איז באמת געווען אַ גרויסע איבערלעבונג. ער האָט אין דעם בדחן אַריינגעלייגט זיין גאַנצע דיכטער־נשמה, צוזאַמען מיט די נשמות פֿון אַלע בדחנים, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו ווערן קיין דיכטער... נאָר אָפּגעגראַמט זייער גאַנצן לעבן, און צום סוף געשטאָרבן אין עלנט און דווקא נישט צום גראַם...

מרדכי געבירטיק איז אויך געווען דער מיטגרינדער פֿונם קראָקעווער אַמאַטאָרן־קלוב נאָך אין יאָר 1905, וואָס האָט זיך גערופֿן: „געברידערלעכקייט״, איבער וועלכן אברהם רייזען האָט בשעתו געשריבן באַגייסטערטע רעצענזיעס, באַזונדערס אַרויסהייבנדיק געבירטיקן, וואָס האָט רעזשיסירט און געשפּילט גלייכצייטיק.

אַ סך צער און פּיינלעכע איבערלעבונג קומען פֿאַר, ווען איך דערמאָן זיך אין דעם טייערן, גוטן פֿריינט — וואָס איז פֿיר יאָר געווען אַ סאָלדאַט אין דער סאַניטאַרער אָפּטיילונג אינם עסטרייכישן חיל, בעת דער פֿאַרגאַנגענער מלחמה. ווי ליב ער האָט עס געהאַט דעם שוואַכן צו העלפֿן, און וואָס פֿאַר אַ גרויסער אוהב את הבריות ער איז געווען. זיינע ציטערדיקע ערלעכע אויסגעפּראַצעוועטע הענט האָבן געגעבן די ערשטע הילף צו טויזנטער פֿאַרווונדעטע און זייער לעבן געראַטעוועט, הגם ער אַליין איז

קיין גאָר גרויסער גיבור נישט געווען, נאָר אַ קראַנקער אַסטמאַ־ליידנדיקער מענטש.

יאָ, איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי ער האָט אַריינגערופן זיין ליבע פרוי מיט די דריי טעכטערלעך, און געבראַכט מיר ניסלעך מיט מעד, ווי אין די אַלטע, גוטע צייטן, און זיך געווענדעט צו מיר מיט זיין עכטן געבירטיקישן שמייכל, וואָס האָט זיך ווי געוויינלעך צוגאָסן איבער זיין גאַנצן פּנים און עס האָט זיך אויסגעדאַכט אַז אַלע זיינע רמ״ח איברים שמייכלען־מיט מיט אים און זיינען מגלה אויפריכטיקע האַרציקע חברישע ליבע.

— זעט איר, לעווי — האָבן זיינע צעשמייכלטע בלויע קינדער־אויגן מיט זייער האַרציקער גוטמוטיקייט מיך פּשוט אַדורכגענומען — מיין רייזעלע זאָל לעבן איז גאַרנישט בייז אויף מיר, הגם איך זינג נאָך היינט ליבע־לידלעך צו ייִנגע מיידלעך, און די ייִנגע מיידלעך ליבן מיך נאָך פון די אַלטע פאַרגאַנגענע צייטן . . . אַפילו מיינע טעכטערלעך שעמען זיך אויך נישט מיט זייער טאַטן, דעם אַלטן שווישפּילער און ייִנגען דיכטער ! . . .

— גיט אַ קוק, איך בעט אייך, אויפן לעמפּעלע, — איז דען דאָס נישט באמת אַ צער אַוועקצושטעלן, און אויף איינמאָל זיך צו באַנוצן מיט דעם חוצפּהדיק אויפגעריסענעם עלעקטרישן ליכט ! אַך, מיין ליבער גוטער פריינט ! — האָבן זיינע אויגן און ליפּן ווייטער געשמייכלט, אָבער דאָס איז געווען אַזאַ שמייכל ווי די שטראַלן פון אַ פאַרגייענדיקער זון, וואָס ווערן תמיד פייכטלעכער אויסגעמישט מיט דער צעבלויטער אומעטיקייט פונם אָוונט־טוי — אַזוי פיל יאָרן איבערגעגעבן און געטריי מיר אָפּגעדינט, און מיר צוגעלויכטן אין אַזוי פיל פינסטערע נעכט, היינט גיי נעם און שטעל דאָס אַוועק ; ס׳טוט פּשוט דאָס האַרץ וויי. דערפאַר איז טאַקע גוט, מיין ליבער לעווי, וואָס איר געפינט זיך גראָד היינט ביי מיר, וועלן מיר מאַכן אַן אמתדיקן אָפּשיד־אָוונט לכבוד מיין אָרים קאַגעניקל . . .

און מיר האָבן טאַקע געפייערט אַן אָפּשידס־אָוונט לכבוד דעם נאַפט־לעמפּעלע. געבירטיק האָט געזונגען זיינע האַרציקע פאָלקס־לידער, גע־שפּילט אויף אַ פליַיטל, וואָס ער פלעגט אַזוי ליב האָבן.

פּלוצים איז ער אַ בלייכער אויפגעשטאַנען, ווי ער וואָלט דערפילט מיין באַגער, און געזאָגט : לכבוד אייך און טאַקע אויך מיין נאַפט־לעמפל, וועל איך זינגען „קינדער־יאָרן״.

— פריינט געבירטיק, גלויבט מיר אויף נאמנות, גראָד האָב איך עס געוואָלט בעטן ביי אייך, זענט איר פריער געקומען און מיר די בקשה אויס־געכאַפּט, איז דאָך אוודאי נאָך בעסער !

יוסף הלל לעווי

זיינע קינדיש־בלויע אויגן זיינען גרעסער און פייכטער געוואָרן, און עפּעס אַזוי מאָדנע און סודותדיק איז געווען זייער שמייכל, אַז צום סוף האָב איך שוין באַלד נישט געקענט אונטערשיידן, וואָס עס איז געווען מער — שמייכל, צי געוויין... ביז זיין ליבע און אָנגענעמע שטים האָט אויפגע־ציטערט און ער האָט געזונגען:

קינדער־יאָרן, זיסע קינדער־יאָרן,
אייביק בלייבט איר וואַך אין מיין זכרון;
ווען איך טראַכט פון אייער צייט,
ווערט מיר אַזוי באַנג און לייד —
אוי, ווי שנעל איך בין שוין אַלט געוואָרן.

נאָך שטייט מיר דאָס שטיבל פאַר די אויגן,
וו איך בין געבוירן, אויפגעצויגן,
ווי אַ חלום איז דאָס אַלץ פאַרפלויגן.
שטייט נאָך אויף דעם זעלבן אָרט,
אויך מיין וויגל, זע איך דאָרט —

כאָטש זי האָט אין חדר מיך געטריבן;
און מיין מאַמע, אַך, ווי כ'פלעג זי ליבן,
יעדער קניפּ איז פון איר האַנט
מיר נאָך אַזוי גוט באַקאַנט —
כאָטש קיין צייכן איז מיר נישט פאַרבליבן...

נאָך זע איך דיך, פייגעלע דו שיינע,
נאָך קוש איך די רויטע בעקלעך דיינע,
דיינע אויגן פול מיט חן
דרינגען אין מיין האַרץ אַריין,
כ'האָב געמיינט, דו וועסט אַמאָל זיין מיינע.

קינדער־יאָרן, יונגע שיינע בלומען!
צוריק צו מיר וועט איר שוין נישט קומען;
יאָרן אַלטע, טרויעריקע,
קאַלטע, מרה־שחורהדיקע,
האָבן אייער שיינעם פּלאַץ פאַרנומען.

קינדער־יאָרן, כ'האָב אייך אָנגעווירן,
מיין געטרייע מאַמען אויך פאַרלוירן,
פון דער שטוב נישטאָ קיין פלעק,
פייגעלע איז אויך אַוועק,
אוי ווי שנעל איך בין שוין אַלט געוואָרן.

בעת ער האָט געזונגען האָבן זיינע אויגן נאָך געשמייכלט, אָבער ווי באַלד ער האָט אויפגעהערט, האָבן זיך אַ לאָז געטון פון זיי טרערן און ער האָט שאָקלענדיק מיט זיין קאָפּ צו מיר געמורמלט: „אַזוי צערינט און פאַר־גייט אַלעס!״

— יאָ, אַלץ פאַרגייט טאַקע, מיין טייערער געבירטיק, אָבער נישט אַזעלכע לידער! ניין, אַזעלכע האַרציקע וווּנדערבאַרע לידער אַרויסגעזונגען פון דער גאַנצער פאָלקס־נשמה, זיי פאַרגייען שוין נישט! נאָר לעבן אונז און אַלץ איבער...

זיינע פאַרטרערטע אויגן האָבן זיך פון דאָס־ניי ליבלעך צעשמייכלט, ביז ער איז פּלוצים אַ גערירטער צו מיר צוגעפאַלן און מיר האָבן זיך חבריש צעקושט.

— אוי, לעווי, לעווי! ווי גערן וואָלט עס זיך געוואָלט נאָך אַזוי לאַנג און שיין לעבן, אָבער נישט חלילה צוליב דעם לעבן און דער שיינקייט פון לעבן אַליין; הגם נאָר אפילו צו דעם אַליין וואָלט שוין געווען כדאי; נאָר אַ סך מער צוליב מיינע אומעטיקע פאָלקס־לידלעך, אָדער בעסער געזאָגט — לכבוד דעם אומעטיקן פאָלק פון אַלע מיינע לידער... איר האָט מיר אַ שטיק יוגנט צוריקגעבראַכט; בלייבט דאָ, לעווי, און מיר וועלן ביידע ווידער יונג ווערן!...

אַזוי פּשוט, גוט און געטריי ווי זיינע לידער זיינען געווען, אַזוי איז אויך ער געווען, זיין האַרציקע אויפריכטיקייט האָט יעדן איינעם אַזוי טיף אַדורכ־גענומען, אַז מען האָט געמוזט צו אים צוגעבונדן ווערן מיט אַלע פעדעם פון דער נשמה.

איך בין אויפגעשטאַנען צו פאַרלאָזן זיין אָרימע וווינונג. מיר האָבן זיך געזעגנט ברידערלעך ווי אַלטע גוטע פריינט, באַשיטנדיק איינער דעם אַנ־דערן מיט טויזנטער גוטע וווּנטשן.

שפּעטער איז נאָך אַ בריוו פון אים קיין מינבען צו מיר דערגאַנגען — אינעם יאָר 1938 — ווו ער שרייבט מיר, אַז גוטע פריינט גרייטן צו זיינס אַ בוך אונטערן טיטל „מיינע לידער״ מיט נאָטן אַרויסצוגעבן; און אַז ער וועט זיך זער פרייען, ווען איך וועל עפּעס איבער זיינע לידער אָנשרייבן און עס אים צושיקן.

צו דער זעלביקער צייט איז אויך מיינער אַ קוזין, יוסף הלל בינענפעלד, געווען אין קראָקע, און איך האָב אים געבעטן צו גריסן מרדכי געבירטיקן. ווען יוסף הלל בינענפעלד האָט גערעדט מיט געבירטיקן איבער מיין דאַ־מאָלטדיקן טרויעריקן מצב אין די היטלעריסטישע לאַפּעס, האָט געבירטיק זיך פּשוט מיט טרערן אין די אויגן געבעטן, אַז איך זאָל נאָר קומען קיין

קראָקע, איך זאָל וועגן גאָרנישט טראַכטן, איך וועל שוין האָבן פון וואַנען צו עסן און ווו צו וווינען; ווען עס וועט אפילו מוזן זיין ביי אים, וועלן מיר זיך אויך שוין אָן עצה געבן; נאָר קומען און זיך אַרויסראַטעווען פון די היט־לעריסטישע לאַפּעס. ווען איך וועל זיין אין קראָקע וועלן מיר זיך קענען צוזאַמען עפּענען אַ קינסטלעריש „קניפּעלע" אונטערן נאָמען „פּאַדשמאַטקע" — דאָרטן וועט ער זינגען זיינע לידער, ווי אַמאָל די בראָדער זינגער, און איך וועל דעקלאַמירן מיינע פּאָעמעס. די יידישע אינטעליגענץ וועט מיט דער צייט זיך אויך צו אונז אַריינכאַפּן. פון דער יידישער באָהעמיע איז שוין אָפּגערעדט. איך דאַרף זיך גאָרנישט זאָרגן, מחמת פרנסה וועט שוין זיין. דער עיקר איז נאָר, וואָס גיכער פון היטלערס לאַפּעס אַרויס.

און דערוויַיל האָט עס דער גורל אַזוי געמאַכט, מיר זאָל געלונגען זיך אַרויסצורייסן פונם נאַצישן גיהנום, און ער, דער האַרציקער, גוטער און גע־טרייער פריינט מיינער, זאָל מוזן אַריינפאַלן אין דעם יאָמער־טאָל פון בלוט און טרערן, פון פאַרצוויפלונג, הונגער און טויט...

אָבער ווי עס איז צו מיר דאָן פון פאַרשידענע קוועלן דערגאַנגען, האָט זיך זיין האַרציקע הילפסבאַרייטקייט, וועלכע איז שוין גוט באַקאַנט געווען נאָך פון פריער, אינם געטאָ פאַרשטאַרקט. מיט טאָפּלטער ליבע און איבער־געבנקייט האָט ער געזוכט יעדן איינעם צו העלפן נישט נאָר מיט זיינע טייערע פאָלקס־לידלעך, וועלכע פלעגן אין אַלע הערצער פאַרשפּרייטן האָפ־נונג און טרייסט בעת ער האָט זיי אין געטאָ געזונגען, נאָר אויך מיט וואָס ער איז נאָר געווען ביכולת. ער האָט דערציילט מעשהלעך, געזונגען, גע־שווישפּילט, קראַנקע געהיילט און געטרייסט. אַזוי האָט דער יידישער פאָלקס־זינגער געהייליקט זיינע טעג, און אַזוי האָבן די טעג אים געהייליקט לייגנדיק אַ לאָרבער־קראַנץ פון אומפאַרגעסלעכער ליבע צום געפייניקטן ייד און מענטש...

די אינטים באַהנטע פאָלקס־לידער, וואָס האָבן פריער געקלונגען פון אַלע יידישע טעאַטער־פּיעסן אין אַמעריקע און אייראָפּע — און פון אַלע קליינקונסט־טעאַטערן און קאָנצערטן — זיינען איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הייליקער תפילה פאַר די געטאָס, קאָנצענטראַציע־לאַגערס ביז צו די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס... ווייל מרדכי געבירטיק איז געווען אַן אמתער טרובאַדור און איבערגעגעבענער טריבון... זיין פּשטות האָט דער־גרייכט צום סאַמע קדשי־קדשים פון דער פאָלקס־נשמה. און דאָס זיינען טאַקע נאָר זוכה אמתע פאָלקס־דיכטער, וואָס זיינען ביכולת צו באַזינגען די אייגנאַרטיקייט און בונטקייט פון פאַמיליען־לעבן, פאָלקס־נויט, ליבע, גליק און די צאַרטסטע געפילן פון מוטער און קינד.

און מרדכי געבירטיק האָט עס טאַקע געקענט, ער האָט געהאַט דעם כוח הערצו. נישט נאָר דעם טעקסט אַליין, נאָר אויך די מעלאָדיע האָט דער פאָלקס־דיכטער צו זיין ליד קאָמפּאָנירט.

„געוועזן אַ צייט, און ערשט נישט לאַנג", שרייבט מרדכי קיפּניס אין פאָרוואָרט צו געבירטיקס לידער, „ווען דאָס יידישע קרישטאָלריינע פאָלקס־ליד האָט זיך געלאָזט הערן אין גאַס, די יידישע לירישע טענער פון וואָלינער זינגער, אָדעסער גאַסן־לידל, יידיש־ליטווישער מעלאַנכאָלישער טאָן, פּוילישע שטייער־לידער, חסידישע און השכלה־מאָטיוון. איצט ווען דער פּוס־טער ריטם און דער געבראָכענער פרעמדער נעגער־טאָן פון פאָקס און טאַנגאָ האָבן באַהערשט די גאַס, זיינען אַלע פאַרשטיקטע זינגערישע און פאָלקס־דיכטערישע נשמות פאַרקערפּערט געוואָרן אין מרדכי געבירטיק, דער איינ־ציקער פאָלקסטימלעכער קאָמפּאָניסט אויף דער יידישער גאַס אין פּוילן".

ווייל געבירטיקס ליד וואַרעמט און קלעמט דאָס האַרץ, פּילט אָן די יידישע נשמה מיט אַ זיסער מעלאַנכאָליע, אַ פאַרציטערטער בענקעניש, זיין קלאַנג איז אידיליש־יידישלעך — פריילעך און טרויעריק צוגלייך . . .

פּונקט אַזוי ווי אין זיינע פאַרגייער: מאַרעק וואַרשאַווסקי, וועלוול זבאַרזשער און ברכיה שאַפּיר — האָט אויך אין געבירטיקן געשלאָגן דער דופק פון זיין פאָלק, דערפאַר איז אויך זיין געזאַנג געוואָרן דאָס געזאַנג פון זיין פאָלק.

יאָ, די אָרימע יידישע מאַמע, וואָס האָט פריער מיט געבירטיקס ליד איר קינד איינגעליוליעט צום שלאָף; די זעלביקע מאַמע האָט איצט מיט געביר־טיקס געטאָ־ליד איר קינד פון שלאָף אויפגעוועקט, כדי זיך אָקעגנצושטעלן דעם באַדריקער און מערדער פון יידישן פאָלק! דאָס פאָלקס־ליד, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תפילה, האָט איצט געפאָדערט און אויפגערופן אַלעמען צו העראָאישע מעשים!...

אין זיין לעצטן בריוו צו מיר קיין מינכען שרייבט מרדכי געבירטיק: מיין ליבער פריינט, יוסף הלל לעווי. איך וויל אייך איבערגעבן איינצלנע פּרטים פון מיין ביאָגראַפיע — געבוירן בין איך אין יאָר 1874 ביי אָרימע עלטערן אין קראָקע. ביז צו 11 יאָר געלערנט אין חדר, צו 14 יאָר שוין גע־מוזט אָנהויבן אַרבעטן ביי אַ טישלער, כדי עפּעס פאַר זיך צו פאַרדינען. נאָך אַלס אַ קליין יינגל האָב איך שוין ליב געהאַט צו זינגען און אַרויסגעוויזן מוזיקאַלישע פעאיקייטן. איך האָב אויך ליב געהאַט צו שפּילן. אונטער אברהם רייזענס השפּעה האָב איך אָנגעהויבן צו דרוקן יידישע לידער אין „סאָציאַל־דעמאָקראַט" (געוועזענער וואָכנבלאַט פון גאַליצישן בונד), אין „יידישן אַרבעטער" (אָרגאַן פון די עסטרייכישע פּועלי ציון), אין אַמעריקאַ־

נער „פאָרווערטס״ און אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע״. אין יאָר 1920 האָב איך אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט די טייערע ליבע גאָטזעליקע חברים, נחמן מיפעלאָוו און משה ערליך, אַ קליין ביכעלע לידער: „פאָלקסטימלעך״ (אין פאַרלאַג „דאָס ביכל״, קראָקע) איבער וועלכן די קריטיק האָט זיך זער וואַרעם אָפּגערופן. און איצט דאָס בוך: „מיינע לידער״.

און טאַקע די דאָזיקע לידער מיט נאָטן, אַרויסגעגעבן דורכן געבירטיק־קאָמיטעט אין 1936 אין קראָקע, זיינען איבעראַל געזונגען געוואָרן, — אָבער באַזונדערס פּאָפּולער זיינען געוואָרן זיינע לידער: „הוליעט, הוליעט קינדערלעך״, „קינדער־יאָרן״, „חלוצים־ליבע״, „רייזעלע״, און לסוף דאָס ליד, וואָס איז אין געטאָ געשאַפן געוואָרן, און אין געטאָ געזונגען געוואָרן: „עס ברענט, ברידערלעך, ס׳ברענט״!...

אין דער פיינער צאַרטער נשמה פונם אידעלן פאָלקס־דיכטער, ווו עס האָבן תמיד געגנעסט עלעגיעס, לידער פון נויט און פאַרגאַנגענער יוגנט און ליבע — אָט די צאַרטע נשמה איז ווי פון אַ ברויזנדיקער כוואַליע אויפגעשטורעמט געוואָרן... און זיין אַמאָליק וויג־ליד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרצווייפלטן קאַמפּס־ליד, וואָס האָט אין זיך אַנטהאַלטן דעם גאַנצן צער און טראַגיש־הילפלאָזן קאַמפּס־דראַנג פונם געטאָ פאַרזונקען אין בלוט און טרערן:

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט!
בייזע ווינטן מיט ירגזון
רייסן, ברעכן און צעבלאָזן
שטאַרקער נאָך די ווילדע פלאַמען,
אַלץ אַרום שוין ברענט.

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט!
ס׳האָבן שוין די פייער־צונגען
דאָס גאַנצע שטעטל איינגעשלונגען —
און די בייזע ווינטן הוזשען,
אונדזער שטעטל ברענט!

עסייען

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט . . .

ס׳ברענט ! ברידערלעך, ס׳ברענט !
אוי, עס קען חלילה קומען דער מאָמענט :
אונדזער שטאָט מיט אונז צוזאַמען
זאָל אויף אַש אַוועק אין פלאַמען,
בלייבן זאָל — ווי נאָך אַ שלאַכט,
נאָר פוסטע, שוואַרצע ווענט !

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט . . .

ס ברענט ! ברידערלעך, ס׳ברענט !
די הילף איז נאָר אין אייך אַליין געווענדט.
נעמט די כלים, לעשט דאָס פייער,
לעשט מיט אייער אייגן בלוט,
באַווייזט, אַז איר דאָס קענט.

שטייט ניט ברידער, אָט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט.
שטייט ניט, ברידער, לעשט דאָס פייער —
אונדזער שטעטל ברענט !

און בעת די פינסטערע בעסטיעס זיינען אָנגעקומען מיט פאַרשידענע שקרים אָפּצופירן זייערע הילפלאָזע קרבנות, אין די טרויעריק־באַרימטע גאַז־קאַמערן, האָט דער צאַרטער און ווייכער געבירטיק זיך אויף איינמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ האַרטן, שטאָלצן און שטרענגען ווידערשפּעניקער ; דער קרענקלעך אַסטמאַ־לײַדנדיקער אַלטער מאַן, איז פּלוצים געוואָרן אַ גיבור און אויסגעביטערט : ניין, מיר גייען נישט ! טוט מיט אונז וואָס איר ווילט !

באַלד דערנאָך האָט אַ קויל פונם פינסטערן שונא זיין אײדל האַרץ דורכגעלעכערט. דאָס גרויסע נאָבעלע האַרץ פונם דיכטער, וואָס האָט פריער געזונגען לידער פון רחמנות, לידער פון טרייסט, — און שלאָפלידער, איז אַצינד אַליין אויף אייביק אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ הייליק נישט אויסגעזונגען ליד . . .

אַזוי האָבן געלעבט און געשאַפן ביז עס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן גאַליציעס בעסטע זין און גרעסטע דיכטער, אַזוי האָט אַ שמוציקע האַנט פאַרשוועכט גאַליציעס גאָלדענע קרוין !. . .

מלך ראַוויטש

איך דאַרף נאָר דעם נאָמען מלך ראַוויטש דערמאָנען, און שוין טויכט אויף פאַר מיר מיין נאָנטע פאַרגאַנגענהייט. אָט ווי ערשט נעכטן וואָלט עס געווען — אַרבעט איך נאָך אַ האַלבן טאָג האַנט־טאָשן אויף אַ „זינגער־מאַשין", און דעם אַנדערן האַלבן גיב איך זיך אָפּ מיט לייענען, לערנען און שרייבן, אין דעם אָרימען חדר פון מיין טאַטן דעם סופר. זיין דבקותפולער ערלעכער און מלאכת־הקודש איבערגעגעבענער לעבן הערט נישט אויף מיך צוצוציען, הגם איך בין שוין לאַנג פון אים דערווייטערט... אָפּטמאָל בעט ביי מיר דער טאַטע איך זאָל נאָך מעין בספר זיין, כדי דאָס לערנען נישט אינגאַנצן צו פאַרגעסן.

אין די אָוונטן גיי איך אינם „בילדונגס־פאַריין" פון די יוגנטלעכע אַר־בעטער און פּראַקטיקאַנטן, וועלכן דער טעאַטראַל יעקב קענער, אָנפירער פון די יוגנטלעכע אַרבעטער, האָט געהאַט אָרגאַניזירט איבער גאַנץ גאַליציע.

פון אים באַקום איך טאַקע די ערשטע לעקציע אין יידיש, צוזאַמען מיט מיין אומפאַרגעסלעכן יוגנט־פריינט שכנא זאַגאַן (געוועזענער לינקער פּועלי־ציון, געפאַלן אַלס אַן אָנפירער אינם וואַרשעווער געטאָ). זאַגאַן איז מיט דער צייט געוואָרן אַ פאַרעקשנטער תלמיד וועלכער האָט יום ולילה מיט גרויס התמדה עוסק געווען אין מאַרקס, פּלעכאַנאָוו, קאַוטסקי, אַדלער און בערנ־שטיין. איך דאַקעגן האָב מער געהאַלטן פון פּרץ, עדעלשטאַט, ראָזענפעלד און אברהם רייזען.

נאָך אַ קורצער צייט הייבט אָן ש. זאַגאַן מיט פּובליציסטיק און איך מיט לידער אין דער „אַרבעטער יוגנט", „יידישן אַרבעטער", „לעמבערגער טאָג־בלאַט" און „סאָציאַל־דעמאָקראַט", ווו איך פלעג זיך אָפּט באַגעגענען מיט ש. י. אימבער, יעקב מעסטעל, פרידא האַלפּערן (דער אַמאָליקער פּסעוודאָ־נים פון מ. ל. האַלפּערן) און לסוף אויך מיט מלך ראַוויטשס שלאַנקע פאַרקלערטע לידער.

נאָך אַ שטיקל צייט באַווייזט זיך באַלד אינם „סאָציאַל־דעמאָקראַט" פון צ. ח. בערגנער (מלך ראַוויטש) „אַ קריטיק וועגן דער גאַליצישער יידישער ליטעראַטור". מלך ראַוויטש, דעמאָלט כמעט נאָך דער יונגסטער פונם גאַ־

ליצישן כאַר, שרייבט אָן אַ פאַרהעלטניסמעסיק גאַנץ זאַכלעכע קריטיק איבער יונג־גאַליציע.

נאָך אַ קורצער צייט איז צו מיר פלוצים אין אַ שיינעם העלן טאָג אַנגעקומען אַ לידער־ביכל „אויף דער שוועל" פון מלך ראַוויטש (אומגעפער אינם יאָר 1910־1912). דאָס זיינען געווען שלאַנקע, פאַרקלערטע, דיכטערישע געזאַנגען. אַ פאָר שורות פון זיי זיינען מיר נאָך עד היום אין מוח פאַרקריצט געבליבן און אויב איך האָב נישט קיין טעות לייענען זיי זיך:

אין וואַלקן וואַלן געיאָגט פון אַ ריר,
פון רויזן געחיגטע אין הימלס־סאַפיר —
אַ חיגעלע טראָגן מלאכימלעך פיר,
אַ גאָלדען, קינדיש האַרץ ליגט אין איר...

אין ביכל האָט זיך אויך געפונען אַ צושריפט צו מיר: „צום אָנדענק יוסף לעווי". אין אַ פאָר טעג אַרום האָב איך באַקומען דאָס ערשטע קאַרטל פון מלך ראַוויטשן, ווו ער בעט מיך איבער די לידלעך עפעס אָנצושרייבן, נאָך דעמאָלט ווען זיי וועלן מיך אינספירירן. דערפאַר טאַקע באַלד נאָכן אַדורכלייענען דאָס ביכל האָב איך זיך צו ראַוויטשן שוין נאָנט און פאַרבונדן געפילט, אפשר האָט ער עס אויך אינסטינקטיוו מרגיש געווען... ווי עס זאָל נישט געוועזן זיין, איך האָב וועגן ראַוויטשן שוין נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, און אַמאָל טאַקע בעת איך בין אויף און אָפּגעגאַנגען אין אונזער אָרימער איין־צימער וווינונג, ווו עס איז געזעסן פאַרטיפט איבער אַ יריעה מיין פאָטער דער סופר, פאַרענדיקט דעם עמוד מיט זיין פערלדיקן סופר־כתב, האָט מען געקלאַפּט אין טיר, און ס'האָט זיך באַוויזן פאַר מיר אַ בחור מיט שוואַרצע דורכדרינגענדיקע אויגן און אַ בלאַסן פנים. איך בין פון מיין נייגעריקייט גלייך באַפרייט געוואָרן ווי נאָר איך האָב דערהערט דעם נאָמען: מלך ראַוויטש.

באַלד רעדן מיר ווי אַלט־באַקאַנטע חברים. ער אַנטשולדיקט זיך ביי מיר וועגן דעם נישט גאַנץ ריכטיקן אָפּשאַצן מיך אין „סאָציאַל־דעמאָקראַט" (אָרגאַן פונם גאַליצישן בונד) און שוין שפּאַצירן מיר אין די באַרימטע „קראָקעווער אַלעען". ראַוויטש ווערט גאָר אינטים, אָבער צוגלייך אויך ערנסט. ער רעדט וועגן דער יידישער פּאָעזיע, וועגן גאַליצישע דיכטער און צום סוף וועגן זיך. צווישן פאַרשידענע אַנדערע זאַכן פרעגט ביי מיר ראַוויטש פלוצים האַלב אויף אַן אמת און האַלב בדרך הלצה: וועלכע דיכטער איך האָב אַמליבסטן צו לייענען? — איך טראַכט נאָך אַ ווײַלע און ענטפער

אים: „סלאָוואַצקין”. אָבער איך פרעג ביי אים באַלד דערויף — „און איר, וועמען לייענט איר אַמליבסטן?” „איך”, ענטפערט ער גלייך אָנטשלאָסן, „איך לייען אַמליבסטן מלך ראַוויטשן!” נאָר מיר דאַכט זיך אַז דער פריער־דיקער שמייכל זיינער ציט זיך אויס נאָך מער איבער זיינע ליפּן. איך טראַכט ביי זיך — אפילו אַ ביסל חוצפּהדיק, אָבער עס דערוועקט זיך פאַרט אין מיר אַ געוויסער דרך ארץ פאַר אים, מחמת אַזוי רעדן, טראַכט איך, קען נאָר אַן אמתדיקער דיכטער, און איך בין אים מקנא פאַר זיין אָפנקייט... בלי שום ספק, וועדט ביי מיר זיכער, אַז דאָס זיינען סמנים פון אַ בעל מדרגה. מיר שמועסן ווייטער און קריכן אַריין אין אַ לאַנגער יינגלישער דעבאַטע וועגן ליבע; ביז דער היינטיק ניכטערער און רעאַליסטישער ראַוויטש (וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען זער ראָמאַנטיש געשטימט און געהאַט אַ שטילע נטיה ווי אַלע ראָמאַנטיקער צו ביטול און יאוש) פאַרלאַנגט ביי מיר איך זאָל אים ווייזן דאָס אינערלעכע קראָקע. מיר גייען דורך די קראָקעווער „שלאָס־פּלאַנטעס”, און קומען צו צום „וואַוועל” — איך פיר אים אַריין אין פּוילנס פּאַנטעאָן, ווו ס׳רוען מלכים און דיכטער, און ס׳געפינען זיך אויך פאַרשיי־דענע קונסט־חפצים. פאַר די טויערן פון דער קירך ווו מיר גייען אַריין הענגט אַ בינטל ריזנקנאָכן לזכר פונם קראָקעווער „סמאָק” (אַ מין דראַכן איבער וועלכן מען דערציילט פאַרשידענע לעגענדעס). אַ טייל פון דעם דאַזיקן קירכנדאַך, זאָגט מען, איז פון גאָלד. ראַוויטש פאַרקוקט זיך אויף דעם געוועלבטן קירכן־פּלאַפאָן און אויף די באַצירטע קירכנווענט פון וועלכע עס הענגען אַראָפּ טייערע טעפּיכער, אויף וועלכע ס׳זיינען אויסגעהאַפטן פּראַכטפולע סצענעס פון דער ביבליש־פּאַטריאַרכאַלישער צייט. איך ווייז ראַוויטשן אויך די אויסגעבעסערטע בילדער אויף די פענסטער־שויבן פונם באַרימטן פּוילישן דיכטער און מאָלער סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי. ער באַוווּנ־דערט די אַנטיקע שניצערייען, אָרנאַמענטן, קונסט־מאַלערייען, סקולפּטורן און אַלטערטימלעכע זילבער־פּלאַטן מיט גראַווירונגען פון דער פּוילישער געשיכטע...

ראַוויטש איז נתפּעל. — אָבער נישט דאָס אַלץ מיין איך — רוימט ער מיר איין שטיל — איך וויל זען דעם קבר פון פּוילנס גרעסטן דיכטער און נביא — אַדאַם מיצקעוויטש. מיר לאָזן זיך אַראָפּ דורך די קאַטאַקאָמבן, און קומען צו צום סאַרקאָפאַג פון אַדאַם מיצקעוויטש — פאַרטרוקנטע רויזן, פרישע פאַרגעס־מיך־ניט און לאָרבער־קרענץ ליגן אויף דעם שטיינערנעם ארון און וועבן אַ סודותדיקע הייליקייט אַרום זיך...

ראַוויטש בייגט זיך אַראָפּ און קושט די שטיינערנע מלאכימלעך אויף די ליפּן, וואָס אַרום מיצקעוויטשעס ארון, און שווייגט.

אַרויסגייענדיק פון „וואָוועל" האָב איך ראַוויטשן געבראַכט צום קראַ־קעווער באַנהאָף, און זיך האַרציק מיט אים געזעגנט.

זינט דעמאָלט האָבן מיר זיך אויך אָנגעהויבן שרייבן בריוו און צוצו־שיקן ביכלעך. און ווען איך האָב אין 1915 געמוזט זיך אָנשליסן אינם עסט־רייכישן חייל, האָב איך אין ווין די ערשטע אויפגעזוכט מלך ראַוויטשן און משה זילבורגן. בעת דעם גאַנצן ערשטן קריג האָבן מיר זיך געטריי דורכ־געשריבן; און פון וואָסערע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען מען האָט נישט געזאָלט פּלאַנעווען, האָט ראַוויטש מיר תיכף מודיע געווען און מיך תמיד פאַרבעטן מיטצואַרבעטן. און בעת קיינער האָט מיינע „סופר־לידער" נישט אין אַכט גענומען, און זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין רעדאַקציע קוישן (מחמת פאַר די ראַדיקאַלע זשורנאַלן זיינען זיי געווען צו אַלט, און פאַר די אַלטע זשורנאַלן צו ניי...) איז ראַוויטש געווען פון די ערשטע וואָס האָבן מיך מקרב געווען, געשריבן מיר באַגייסטערטע בריוו, גורם געווען אַז זיי זאָלן דערשיינען. און ווי אַן אייגענער ברודער האָט זיי ראַוויטש אויסגעסדרט, קאָרעגירט און וווּ ס'איז נויטיק געווען, אויך משנה שם געווען, פּשוט נישט איינגערוט ביז זיי זיינען צו מזל אַרויס פון דרוק. דערפאַר איז מיין ערשטער שריט, ווי נאָר די מלחמה האָט זיך געהאַט פאַרענדיקט, ווידער געווען ווין, כדי אויפצוזוכן ראַוויטשן. איך האָב אים דעמאָלט נישט אָנגעטראָפן, מחמת ער איז אַוועק זיך צו דערהאָלן אין אַ דאָרף 8 שעה פון ווין. און ווען איך האָב אינם יאָר 1930 געמאַכט אַ טורניי איבער פוילן, איז ווידער ראַוויטש געווען פון די ערשטע אָנטיילנעמער אויף דעם אָוונט וואָס יעקב קענער און שכנא זאַגאַן (פירער פון די לינקע פועלי ציון) האָבן פאַר מיר געהאַט אַראַנזשירט. און בעת איך האָב זיך אָנגעהויבן צו ווערגן אין די פינסטערע לאַפּעס פון דער מינכענער „געסטאַפּאָ" — איז ראַוויטש אויך געווען צווישן מיינע נאָענטסטע און טייערסטע פריינט ווי דר. י. נ. שטיינבערג, דר. ש. בירנבוים, אלמי, פישל בימקאָ, בן־אַ. סאָכאַטשעווסקי, א. נ. שטענצל, י. א. ליסקי און דוד איגנאַטאָוו, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן זיך אַרויסראַטעווען פון דעם פאַרשאָלטענעם בלוטיקן האָקנקרייץ. אפשר דערפאַר טאָקע האָט זיך דער מינכענער „געסטאַפּאָ" אַזוי פאַרגליסט צווישן אַ סך אַנדערע ווערט־פולע דאָקומענטן, אויך ראַוויטשעס בריוו צו קאָנפיסקירן, פאַררעכענענדיק אים צו די גאַנץ געפערלעכע יידישע באָלשעוויקעס.

אָט אַזוי איז אין לייד און פרייד מלך ראַוויטש פאַרבליבן נישט נאָר מיין נאָענטסטער פריינט, נאָר אויך פון די נאָענטסטע דיכטער מיינע... זיינע ביכער האָב איך געלייענט מיט גרויס ליבע.

אין זיין „רואינענגראַז" איז ראַוויטש שוין געררייפטער, דורכזיכטיקער,

אָבער נאָך פאַרט נישט גאַנץ צייטיק, ווייל ער איז דאָרט מער זוכער און טרוימער ווי דיכטער... „שפּינאָזאַ" איז שוין אַן אָריגינעלערע פיינע פּאָעמע, אין וועלכער דער דיכטער פאַרשטייט אַרויסצוברענגען אין אַלעגאָרישע, סימבאָלישע בילדער, דאָס רייכע, ריינע לעבן און די דערהויבענע געדאַנקען פון דעם איינזאַמען גרויסן פילאָזאָף ברוך שפּינאָזאַ. די פּערזיפּעקאַציע פון דעם ווערק איז אַן אייגנאַרטיקע, געוווינגן און געשליפן און גיסט זיך האַרמאָניש צונויף מיט די געפילן, בילדער און געדאַנקען. עס זיינען אין דעם ווערק דאָרט פאַראַנען מייסטערהאַפטע לידער, פאַנטעאיסטיש אין פאָרם און טיף ליריש אין אינהאַלט, וואָס זייער רייץ און קלאָריט טראָגט זיך ווייט און שימערט אַריין ווי הערלעכע בלומען, נישט נאָר אין דער יידישער, נאָר אויך אין דער וועלט פּאָעזיע. אין זיינע „נאַקעטע לידער" דערגרייכט ראַוויטש אָפּט אַ גרויסע מאָס פון אוניווערסאַלער פאַלקאָמענהייט; ער איז סאָציאַל און אינדיווידועל, אָבער תמיד דורכגעדרונגען פון אַ פיינעם לירישן געפיל.

אין זיינע „פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן" דערהויבט זיך אָפּטמאָל זיין עפּיש נאַטוראַליסטישער טאָן איבער דער אַפּאָטעאָזע פון דער מגושמדיקער פּרימיטיווקייט. צומאָל פאַלט אָבער אויך די זיסקייט פון זיין וואָרט, די זינלעכקייט פון זיין נשמה און די שיינקייט פון זיין גייסט אַ קרבן פון דעם דאָזיקן נאַטוראַליזם... און איך זע אין מלך ראַוויטשן די קרעאַטור, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט פונם נידריקסטן וועזן צו דער מאַלפּע, און פון דער מאַלפּע צום מענטש; ער וויל אָבער, ווי ניטשע, ביים מענטשן נישט בלייבן שטיין, נאָר זוכט צו פאַרוואַרפן אַ בריק, דורך פאַרשידענע וויזיעס און אילוזיעס, פונם מענטשלעכן גייסט צום „איבערמענטשן", אָדער צו דער אייביקייט נאָך וועלכער ער בענקט אַזוי אייביק; מחמת ער דערזעט זי אַלס אַזאַ געהייליקטן און געלייטערטן אידעאַל וואָס וואָלט געווען מסוגל יעדע קרעאַטור פון איר שפלות צו דערהויבן און זי אויסצולייזן ווען זי וואָלט זיך נאָר געקענט פאַרבענקן נאָך איר. — און ווען עס וואָלט געווען בכוח די מענטשלעכע קרעאַטור זי איבערמענטשלעך צו רעאַליזירן... און דערפאַר האָט ראַוויטש אַזוי רחמנות אויף די אַלע קאַנאַניזירטע אידעאַלן און אידעען וואָס זיינען דאָס רוב נישט שטאַרקער, העכער און ריינער ווי דער מענטש וואָס טראָגט זיי צו פאַרווירקלעכן...

און אַזוי ווי ניטשע און סטעפאַן געאָרגע — האָט אויך ראַוויטש פאַרשטאַנען באַצייטנס צו דערווייטערן זיך פון דעם באַרבאַרישן רייץ, פון דעם צו נאַקעטן וואָרט, וועלכעס פירט סוף כל סוף צום ציניזם...

אין ראַוויטשס נשמה קעמפן „דיאָניזאָס און אהאסווער", און אַזוי ווי

פראַמעטיי צום פעלזן געשמידט איז ער פאַרדאַמט געוואָרן צו ליבן די אייביקייט און אייביק צו ליבן, טראָגן אַלע יסורים און פּיין פונם קורצן, פאַרגענגלעכן לעבן...

פון ראַוויטשס לידער ווירבלט אַ שטורמדיקע נאַטור, וואָס איר איז ליבער דאָס ברילן ווי דאָס צוויטשערן און זיפצן, ווייל ער איז דער אַפּאָסטאָל פון צער און ליבע, פון שטורעם און רו, און זיין עוואַנגעליום איז דער „וועגעטאַריאַניזם", די הייליקייט און אָפּהיטונג פון יעדן בלוט, ווייל ווער עס האָלט נישט הייליק און היט נישט אָפּ דאָס בלוט אפילו פון דער קלענסטער חיה, קען אויך דאָס בלוט פונם מענטשן נישט אָפּהיטן... אָט פון דעם דאַזיקן זילבער־קלאָרן און טיפן ברונען שעפּט ראַוויטש זיינע וווּנדער־באַרסטע לידער, וואָס ווען קיינמאָל אין דער יידישער פּאָעזיע נישט פאַר־קלינגען — פאַר זייער טיפקייט, שטאַרקייט און פּלאַסטישקייט.

ראַוויטש איז נישט קיין אימפּרעסיאָניסט און אויך נישט קיין עקספּרעס־יאָניסט, נאָר אַ פאַרקינדער פון אַ קונסט וואָס שטייגט אָפּט אַריבער די גרע־ניצן „פונם גוטן און בייזן", הגם ער טראָגט אין זיך די מאָראַלישע פאָדערונג פון זיינע פאַרגייער די נביאים — וואָס זייער אויפגאַבע איז נישט געווען ווי די פון שעקספּיר, געטע און דאָסטאָיעווסקי — צו ווייזן דעם מענטשן בלויז ווי ער איז, נאָר אויך ווי ער באַדאַרף צו זיין, און צו ווערן...

ראַוויטש האָט ליב תמיד צו וואַנדערן, די אויסגעטרעטענע וועגן מיט אַלע באַגעגענישן הינטער זיך צו לאָזן — זוכן נייע, געפערלעכע און אומ־באַקאַנטע וועגן; אויף די דאַזיקע זיך ווייטער צו לאָזן צו זיינע אומענדלעכע צילן...

אין זיינע לידער „פון וועלטן און אַצעאַנען" דערגרייכט ראַוויטש שטעלנווייז צו אַזאַ מין געלייטערטן און טיפן ליריזם, וואָס דערמאָנען אין איבסענס „פערגינט" און אין געטעס „אָלימפּישע לידער". ער אַנטלויפט פון זיין איך און באַהאַלט זיך אינם קאָסמאָס, באַלד אַנטלויפט ער ווידער פונם קאָסמאָס און באַהאַלט זיך אין זיין איך... ראַוויטשס פּערזיפיקאַציע וואַרפט זיך דעמאָלט אַזוי ווי אַ טייך פון זיינע ברעגעס אַרויס, און שליידערט אַראָפּ פון זיך די אַלט־גריכישע אויסגעקינצלט און אויסגעוויגענע, מאַטעמאַטיש־סימעטרישע מאָסן: פון יאַמבן, טראָכייען, העקסאַמעטרען, פּענטאַמעטרען וכדומה, און בלייבט אַן אויפגעריסענער פרייער, ווייל דער ברויזנדיקער אינ־האַלט פון זיינע לידער רייסט אויף תמיד די פאָרם, און פון דער דאַזיקער פאַרמלאָזיקייט טורעמט זיך אויס אָפּטמאָל די אָריגינעלסטע פאָרם...

ראַוויטש האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ בוך מיט דראַמען, וועלכע טראָגן אַ באַזונדערן כאַראַקטער. מ'קען נישט זאָגן, אַז ראַוויטש איז דער געאייגנט־

סטער דראַמאַטורג, מחמת עס פעלן אים די שפּעקולאַטיווע פאַרכאַפּנדיקע איינפאַלן, וואָס מאַכן קאָמפּליצירטער און אינטערעסאַנטער די אַקציע, ביז זיי דערפירן די העלדן צום קלימאַקס. אָבער פאַראַן אין דעם דראַמען־בוך אויך אַ פּיעסע: „בלוט אויף דער פאַן" — דאָס איז אַ גרויסער פאַרמעסט, אַ שאָד וואָס ראַוויטש איז נישט ווייטער געגאַנגען אויף דעם דראַמאַטישן וועג און זיך פאַרמאָסטן צו נייע טעמעס...

וועגן ראַוויטשס עסייען, האַלט איך, וועט נישט זיין איבערטריבן ווען איך וועל זאָגן, אַז ער באַלאַנגט כמעט צו די פיינסטע עסייאיסטן אין אונזער ליטעראַטור, וואָס זיינען אייביק בילדלעך, זינרייך, אינטערעסאַנט און אינספּירירנדיק.

מלך ראַוויטש איז געווען און בלייבט תמיד אַ זוכער פון שיינעם, גוטן, געהערכטן און פרייען לעבן. און ווו ער האָט נאָר אַ סימן דערפון דערזען איז ער באַלד באַגייסטערט געוואָרן, און אויך אונז געמאַכט באַגייסטערט דער־מיט... נאָר ווי יעדער זוכער פאַרמאָגט ער אויך ליכטיקע אַוונגען און שווערע פאַרגעפילן ווען זיין האַרץ זינגט:

„און דער וועלכער זעט, וועט עס וויסן אַליין,
אויך דו האָסט דעם סימן אין אים ניט דערזען,
אַזוי ווי עס זעט ניט דער טאָג נאָך זיין ווערן,
דאָס ליכט פון מאָרגנשטערן..." (שפּינאָזאַ).

ראַוויטש האָט נאָך זיין לעבנס־ליד נישט אויסגעזונגען, זיין רייכע נשמה און טיפער גייסט וועט אונז נאָך בענטשן מיט אַ סך שיינקייטן, ער וועט באַ־שאַפן עפּעס וואונדערלעכעס, ריינעס, אַזוי וואונדערלעך און ריין, ווי עס איז זיין גאַנצער וועזן.

ראַוויטש איז נישט נאָר אַ דיכטער אין זיין שאַפן, נאָר אויך אינם לעבן; ער געהערט נישט נאָר צו די באַדייטנדיקסטע יידישע פּאָעטן, נאָר אויך צו די אינטערעסאַנטסטע און גרעסטע יידישע וואַנדערער, וועלכע האָבן אונז פון אַלע זייערע נסיעות תמיד מיטגעבראַכט די וואונדערלעכסטע עקזאָטישע פלאַנצן... מיט זיין גאַנצן שאַפן האָט ער באַרייכערט אונזער יידישער ליטעראַטור, פאַר וועלכער ער איז געווען און בלייבט אַן אייביקער ענטוזיאַסט און קעמפער...

י. א. ליסקי

י. א. ליסקי וווינט אין לאָנדאָן שוין זינט 1930, בעת די פּאַשיסטישע פּעסט האָט אָנגעהויבן צו בושעווען און זיך פון טאָג צו טאָג מיט אַלץ מער סם איבער ווין מתפשט געווען. דעמאָלט טאַקע האָט ער די פּאַבלהאַפטע שטאָט ווין פאַרלאָזן, פאַרלאָזן דאָס עלדאָראַדאָ פון ליטעראַטור, וויסנשאַפט און קונסט, וואָס האָט אויף אים שטאַרק משפיע געווען. אַ שעפערישע באַ־וועגטע פאַרגאַנגענהייט האָט ער דאָרט איבערגעלאָזט.

ליסקי׳ס ערשטער וויכטיקער אויפטו אין לאָנדאָן איז געווען אַ ביסל דאָ באַקאַנט צו מאַכן דעם עולם מיטן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, מיט זיינע גרויסע אויפגאַבן און ווייטערע מעגלעכקייטן. ער האָט אָנגעשריבן אַ וואַרימען אַרטיקל צו זלמן רייזענס ערשטן באַזוך אין לאָנדאָן, און דאָס האָט געהאָלפן, אַז דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט זאָל קריגן אַ ברייטערן קרייז פון אָנהענגער. זיי האָבן שפּעטער אַ גוטן נוצן געבראַכט. י. א. ליסקי איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך און שטאַרק מהנה געווען יעדן דורכ־פאַרנדיקן יידישן שרייבער, וועלכער פלעגט קומען קיין לאָנדאָן איבערצו־געבן גרוסן פון דער שאַפנדיקער יידישער ליטעראַרישער וועלט. אין 1937 האָט ער אַרויסגעגעבן זיין ערשטן בוך דערציילונגען אין וועלכן ס׳זיינען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ רייע שאַפונגען פונם יידישן אַרבעטער לעבן אין לאָנדאָן; אין זיי האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק די סאָציאַלע און פסיכאָלאָגישע ראַנגלעניש׳ן פון זייער נייער סביבה. דאָס בוך האָט דערפאַר געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. עס האָט זיך אויך זער וואַרעם אָפּגערופן וועגן דעם יונגען דערציילער די יידישע פּרעסע. י. א. ליסקי איז אויך געווען איינער פון די וויכטיקסטע טוער פאַר דער באַוועגונג אַרום „איקוף״, ער האָט מיטרעדאַקטירט צוויי זאַמלביכער: „יידיש לאָנדאָן״. דורך זיין איני־ציאַטיוו און דורך דער איניציאַטיוו פון זיין חשובער פרוי, נ. מ. סידאָ, איז געשאַפן געוואָרן אַ קאַטעדרע פאַר יידישער ליטעראַטור ביי דער לאָנדאָנער אוניווערזיטעט, וועמענס לעקטאָר עס איז געווען דער באַוווסטער פילאָלאָג פּראָפעסאָר שלמה בירנבוים (די לעקציעס וואָס זיינען דאַמאָלט געהאַלטן געוואָרן אויף דער אוניווערזיטעט האָבן געזאָלט דערשיינען אין בוך־פאָרם). עס וואָלט זיך צו לאַנג פאַרצויגן דער צעטל פון ליסקי׳ס אויפטואונגען צו

יוסף הלל לעווי

הויבן דעם יידישן קולטורעלן מצב אין לאָנדאָן.

דער יונגער טאַלענטירטער ליסקי, וואָס האָט גליך דעביוטירט מיט אויסגערייפטע פיינע נאָוועלן אין דער יידישער ליטעראַטור, איז אַן אויסגע־האַלטענער מאָדערנער רעאַליסט, וואָס היט אָבער נישט אָפּ פאַנאַטיש די געזעצן פון דער רעאַליסטישער ריכטונג,, וועלכער נעמט דעם סוביעקט אומ־אָפּהענגיק פון אַ ביישטייענדיקער אויסנוועלט — מחמת זיינע העלדן זיינען אָפּט אַליין אידעאַל, בלייבט דערפאַר איבעריק זיי צו אידעאַליזירן... זיין סטיל איז לאַקאָניש און סטימולירנדיק. זיינע פאַרבן און אופן פון מאָלן און שילדערן, איז אַ געמיש פון אימפּרעסיאָניזם און עקספּרעסיאָניזם; וואָס גרעניצן אָבער תמיד מיט אַ סובטעלער מעלאָדיק. דער בעסטער באַוויז דערפאַר איז זיין דערציילונג: „פאַר דו קליינער קאָזאַק״. איך וואָלט געזאָגט אַז דאָס איז אַן עכאָ פון אַ פאַרבאַהאַלטענער מוזיקאַלישער טעמע, וועלכע וויברירט טיף אין דער גאַנצער קאָנסטרוקציע און ברענגט אויפן זינען ווערדיס פאַסצינירנדיקע דראַמאַטישע לירישקייט. ליסקי׳ס טיפקייט ליגט נישט אינם הויכן פּראָבלעם וואָס ער שטעלט זיך, נאָר אין דער אויספירונג און באַאַרבעטונג זיינער. עס איז פיל שווערער אַ קליין פּראָבלעם גרויס און טיף צו געשטאַלטיקן ווי אַ גרויס פּראָבלעם צו באַנאַליזירן.

ער שילדערט זיינע טיפּן, קיינמאָל נישט פאַרגעסנדיק זייער סביבה. זיי שפּראָצן פון איר אַרויס, ווי די בלומען פון דער ערד. אַלע ספּאָנטאַנע ליידנ־שאַפטלעכע נשמה־אויסברוכן, פאַרשטייט ער צו קאָנטראָלירן און האַרמאָני־זירן אין אַ ראַציאָנאַליסטיש נאַטוראַליסטישער ראַם. ער באַנעמט יעדע שווערסטע, פּסיכאָלאָגיש פאַרוויקלטע סיטואַציע אינטואיטיוו, אָבער ער באַ־אַרבעט זי תמיד מיט אַ געהעריקן וויסן. נישט ער איז אַ שקלאַף צו זיין וואָרט, און נישט ער זוכט זיין וואָרט צו פאַרשקלאַפן, צווישן פאָרם און אינ־האַלט איז ביי אים תמיד פאַראַן אַ גלייכגעוויכט. זיין דראַמאַטישע געשפּאַנט־קייט ביי דער שילדערונג, און די פּסיכאָלאָגישע דערגייעניש, זיינען באַ־פליגלט מיט אַ דינאַמיק וועלכע איז קיינמאָל נישט פריי פון די פיינסטע לעבנס־דערקענטעניש. ער מאַנעווורירט נישט מיט אַ שווערער אידיאָמאַטיק, אָבער אפילו אין די פּשוטסטע רייד פון זיינע העלדן ליגט טראַגישע פאַר־טיפטקייט. ער פילטירט תמיד אַלע זיינע טעמען און פּראָבלעמען געגוי און שאַרף, כדי זיינע מענטשן פלאַסטיש צו געשטאַלטן. עס פילט זיך כמעט שטענדיק די אומצושיידבאַרקייט פונם שאַפער מיטן געשאַפענעם. דאָס איז וויכטיק, און לאָזט האָפן אַז דער יונגער דערציילער וועט נאָך פולער און קרעפטיקער ווערן, און מיט זיין קאָמפּליצירטן קינסטלערישן איך אינם בונטן אַרום זיך צעצווייגן און אויסוואַקסן, מיט זיינע וואָרצלען פאַרפונדע־

וועט אין דער טיפקייט פון דער ערט; און מיט זיינע צווייגשפּיצן זיך דער־הייבנדיק צו די הויכע דורכזיכטיקע הימלען... דיכטונג איז עול, יאָ, אַ גרויסער קינסטלערישער עול, און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון מענטש און וועלט; דאָס אַלעס דערזעענע, דערפילטע און באַגריפענע צו געשטאַלטן אַזוי פריי און גערעכט ווי עס איז די פרייהייט...

י. ח. קלינגער

אַז מען פאַרענדיקט י. ח. קלינגערס באַשיידן אַרויסגעגעבן ביכל דערציילונגען „אויף גאַליצישע פעלדער" אין פאַרלאַג „פרייע האָריזאָנטן", פּאַריז, באַקומט מען אַ זעלטן געפיל — אַזוי ווי מען וואָלט אַריין אין אַן אַלטן פּוילישן וואַלד פון פאַרשידענע מינים געדיכטעביימער, מיט וואַלד־טייכלעך; באַלד ווערט מען געפאַנגען פון די מעכטיקע דעמבעס, סאָסנעס און ליפּעס, און באַלד ווידער פון די צאַרטע בעריאָזקעס, סכך־ביימלעך און יאָדלעס; מ'וואַנדערט לייכט אַריין, אָבער מ'קומט שווער אַרויס פון דעם וואַלד. עס נעמט אַרום עפּעס אַן עלעמענטאַרע אור־ספּערע...

באַלד רייצט זי און פאַרשיכורט מיט איר אומקולטיווירטער, עלעמענטאַרער שיינקייט, אָבער באַלד מאַכט זי אויך מיד, מיט איר כמעט דריקנדיקער שווערקייט . . .

דאָס ביכל באַשטייט פון דריי דערציילונגען: „די שוואַרצע טיר אין סאַראַגאָסע", „קאַשקע" און „אויף גאַליצישע פעלדער".

די ערשטע דערציילונג — וואָלט איך געזאָגט — איז מער אַ מין קינסטלערישער רעפּאַרטאַזש, ווי אַ ריין קינסטלערישע דערציילונג, מחמת אין איר ווענדט מער איבער די שילדערונג פונם מיליע, מיט אייניקע איינצלהייטן, ווי די שילדערונגען פון די העלדן גופא.

נישט דאָס טיפע איז דאָרט דאָמינירנדיק, נאָר דאָס ברייטע; מחמת די טיפקייט ווערט דאָס רוב פאַרשלונגען פון דער ברייטקייט...

אין דער גאַנצער פּליטים־טראַגעדיע אין וועלכער די פאַרשווינען האָבן שוין געהאַט דאָס טרויעריקע מזל אַרויסצוראַטעווען זיך פון היטלערס מערדעריש־פאַרבלוטיקטע פינסטערע לאַפּעס, און אַריינצושוואַרצן זיך אין דעם גן־עדן פון פראַנקאָ־שפּאַניעס עלנדיקע תפיסות, האָט י. ח. קלינגער ליידער נישט געהאַט מער צו דערציילן ווי פון אַ ייד מיט אַ שפּאַניש לערן־ביכל אין דער האַנט, וואָס פרעגט זיך ביי אַ זשאַנדאַרם ווו אַהין זיי פאָרן און ווען זיי וועלן זיך קענען זען מיט דעם קאַנאַדישן קאָנסול פון מאַדריד? און דער זשאַנדאַר ענטפערט (פאַרשטייט זיך פאַר אַ פּאַפּיראָס) מיט אַ לאַקאַניש־גוטמוטיקן ציניזם: „מאַניאַנאַ" וואָס איז משמע קיינמאָל נישט... דאָס — און נאָך אַ רירנדיקן עפּיזאָד דערציילט קלינגער אייגנטלעך פון אַ שפּאַנישן צום

טויט פֿאַרמשפּטן אַנטי־פֿראַנקאַיסט, וועלכער האָט איינעם פֿון די יידישע געפֿאַנגענע איבערגעגעבן אַ בריוול, ער זאָל עס נאָך אין זעלביקן אָוונט איבערלייענען און דערנאָך אַראָפּלאָזן מיט אַ וואַסער־קראַן, וואָס געפֿינט זיך אין ווינקל פֿון זיין צעל, און געדענקן דעם אַדרעס פֿון זיין פֿרוי און איינציק יינגעלע...

דאָס וויכטיקסטע אייגנטלעך וואָס קלינגער האָט דאָרט אָבסערווירט — איז די ריכטונג פֿון אַ שוואַרצן מאַטן פֿלעק אין דעם טויער.

דאָס איז „די שוואַרצע טיר אין סאַראַגאָסע".

„זאָלסט זי נישט פֿאַרגעסן..." זאָגט דער מחבר אָן דורך דעם פֿאַר־משפּטן, דעם יידישן געפֿאַנגענעם, „אַז דו וועסט הערן שיסן זאָלסטו זיך נישט דערשרעקן, דאָס שיסט מען נאָר די פֿאַראורטיילטע"...

פֿון אַזאַ בונטער און רחבותדיקער שילדערונג האָבן מיר דערוואַרט מער האַנדלונג. אָבער אַ גרויסע מעלה פֿאַרמאָגט יאָ די דערציילונג — זי לייענט זיך פֿון אָנהויב ביז צום סוף מיט פֿיל אינטערעס און שפּאַנונג אַ דאַנק די גיוואַנסן־רייכקייט פֿון זיין שילדערונג און זאַפֿטיקע פֿרישקייט פֿון זיין שפּראַך.

אין דער נאָוועלע „קאַשקע", וואָס גיט אַ בילד פֿון דער ערשטער מלחמה, פּרווט קלינגער שוין מער אַריינצודרינגען אין דער פּסיכע פֿון זיינע העלדן, באַזונדער אין דער העלדין, וואָס איז איבערגעבליבן אָן אונטערגעוואָרפֿן פֿאַריתומטער ממזרל פֿון אַ גליקליכער מינוט וואָס איר מוטער האָט זיך אין ליבע פֿאַרגעסן און געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון אַ שגץ אָן האַרץ און אָן געפֿילן, און מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער זיך אויפֿגעהאָנגען אויף אַ בוים אינם סאָד פֿון די באַרמהאַרציקע שוועסטער...

אימפּרעסיוו און געטריי שילדערט י. ח. קלינגער קאַשקעס לעבן וועל־כעס איז אויך גלייכצייטיק אַ קלאַנג פֿון דעם אַלטן ליד, וואָס איר מוטער און טויזנטער אַנדערע מוטערס האָבן שוין געזונגען און וועלן נאָך זינגען צו־גרונט־גייענדיק פֿונם געזאַנג...

פּונקט אַזוי ווי איר מוטער פֿאַרגעסט זי זיך אויך... איינמאָל אין אַ זונטיק בעת אַלע זיינען אַוועק אין צערקווע, האָט זיך ווי פֿון הינטער דר'ערט אַרויס צו איר געיאָוועט אַ יונגער שייגעץ, אַ רייכן גאָספּאָדאַרס אַ זונדל, און מיט איר האָט דאָס זעלביקע פּאַסירט ווי מיט איר מוטער...

און טאַקע צוליב דעם וועמען זי האָט אמתדיק ליב געהאַט האָט זי גע־מוזט גיין דינען צו יידן.

און ווען קאַשקע פֿילט, אַז זי ווערט פֿון טאָג צו טאָג עלטער, פֿאַרבענקט זיך איר נאָך עפּעס וואָס זאָל זיין אירס: אָן אייגענע כאַטקע, מיט אַ פּאָר

אייגענע חזירימלעך, מיט אַ פּאָר לייגנדיקע הינער — דווקא אין דעם מאָ־מענט ווען איר זיין באַשערט צו פאַרלירן אירע באַלעבאַטים ווען די קאָזאַקן וועלן קומען און אַלעס אָוועקרויבן. און וואָס וועט איר דאַמאָלט פאַרבלייבן נאָך אַזוי פיל יאָר פּראַצע ביי יידן? דערפאַר האָט זי שוין מער קיין מנוחה נישט געהאַט זינט דאַמאָלט ווען זי האָט געהערט פון דער קרומער מאַריניע (אויך אַ דינסט ביי יידן) אַז די טשערקעסן וועלן באַלד קומען און אויס־הרגענען אַלע יידן פון שטעטל און צונעמען ביי זיי דאָס פאַרמעגן — נאָר עס האָט איר געפּלאָגט און געמאַטערט צו דערציילן, וואָס זי האָט געהערט זאָגן היינט אין דער פרי ביי דער קערניצע.

אָבער דעם פּסיכישן הויפּט מאָמענט, וואָס איז אייגנטלעך דער קלימאַקס פון דער נאָוועלע, האַלט איך, האָט י. ח. קלינגער נישט גענוגנדיק פּסיכאָלאָ־גיש באַגרינדעט און באַרעכטיקט, אַז מיר זאָלן דאָס מוזן גלויבן...

און דאָ העלפט אויך נישט קאַשקעס צערודערטקייט און דער טעלער לאָקשן מיט יויך וואָס האָט זיך פון איר האַנט אַרויסגעגליטשט און צעבראָכן געוואָרן אויף צווייען און דאָס גאַנצע טישטוך נאָס געמאַכט. עס ווירקן אויך נישט גענוג איבערצייגנדיק איר אָפּגענומען לשון מיט דעם פּלוצלינגען פאַל־אַוועק אויף די קניען און איר אויסגעבראָכענע יללה מיט דעם ביטערן געוויין און וויינענדיקן כליפּן. אפילו אויך נישט דאָס וואָס קאַשקע האָט שווער גע־פרייכט און געזעדט מיט תחנונים פאַר איר ברויטגעבער דעם פּאַניע מאָרדקו.

ווייל אַ שיקסע טאָקע, ווי קאַשקע אַליין זאָגט: „שוין אַזוי פיל יאָרן, אַז איך בין ביי אייך אין שטוב, געדינט אייך ווי אַ געטרייע, ווי אַן אייגענע, און קיינמאָל אייך נישט באַגנבעט, איצט וועלן קומען די קאָזאַקן און דיך און אַלע דיינע זשידעס אויסקוילן און באַרויבן!"...

— נו דערפאַר? — האָט ר׳ מרדכי איר איבערגעריסן מיט אַ געפּרוּווטן שמייכל.

„דערפאַר בעט איך אייך, פּאַניקו, זאָגט מיר צו, אַז ווען די קאָזאַקן וועלן אַריינקומען אין שטאָט זאָלט איר לאָזן, אַז איך זאָל אייך דערהרגענען און אַז אייער פּראַצע זאָל נישט אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט. זאָל עס בע־סער בלייבן ביי מיר, אייער געטרייער דינסט און נישט ביי די קאָזאַקן".

איך האַלט, אַז אפילו די נאַאיווסטע דאָרפס־שיקסע וועט בזה הלשון צו איר ברויטגעבער אַזוי נישט רעדן, מעג דאָס זיין אפילו איר הייסטער ווונטש און באַגער. מחמת אַן אָפּגענאַרטע שיקסע, וועלכע פאַרשטייט צו וועלן זיין זעלבסטשטענדיק און נישט האָבן די אַלע יאָרן אָפּגעפּראַצעוועט בחינם ביי די זשידעס, וועט אויך פאַרשטיין אַזאַ מין ווונטש און פאַרלאַנג אַ ביסל אַנדערש צו באַקליידן... ווייל אַזוי קלינגט דאָס ווי אַן איראָנישער וויץ, און

אַט דאָס איז קלינגער זיכער נישט אויסן געווען, מיט אַזאַ קרעפּטיק אָנגע־שריבענער דערציילונג און געניטער אָבסערוואַציע.

די שטאַרקסטע דערציילונג איז בלי שום ספק „אויף גאַליצישע פעל־דער". דאָס איז אַזאַ מין זאַפטיק ראָמאַנטישע עפּיק וואָס דערמאָנט אין שלום אַשס „שטעטל", אָבער מיט אַן אייגנטימלעכן גאַליצישן ריטם, קאָלאָריט און קלאַנג. פאַראַנען דאָרט אַן אידילישע רחבות, און אייניקע שטעלן זיינען פּשוט קלאַסיש און דערמאָנען אין דער ספּעציפיש גאַליצישער אידילישקייט פון די דיכטער יעקב אַדלער און ראובן אייזנלאַנד. גאַנץ באַזונדערס דער מאָמענט ווען שיינדל ברײנע לאָזט זיך אין אַ הייסן פרייטיק צום פּרעמיש־לאַנער רבין נאָך אַ ברכה. „און גייענדיק אַזוי איבער די וועלדער און פעל־דער ווערט עס שפּעט — צייט ליכט צו בענטשן".

שיינע ברײנע די אלמנה וועלכע דער מאַן האָט איבערגעלאָזן מיט פינף טעכטער און זי האָט זיי אַלע אין ביטערער גרויסער נויט, אָבער ווי אַן אמת־דיקע אשת־חיל אויפגעצויגן.

די דאָזיקע פּשוטע יידענע, וועלכע קלינגער שילדערט טאַקע מיט אַ רירנדיקער פּשטות, „האָט געכאַפּט אַ בליק אויף צוריק און אַזש פאַרציטערט געוואָרן.

— ווי איז צו מיר! — האָט זי צו זיך אַליין אויסגעשריען — שוין באַלד צייט ליכט צו בענטשן! — און זי האָט גענומען שטעלן גיכע טריט באַרג אַראָפּ.

הינטערן באַרג, צווישן דריי זאַמד־שטיינער, מיט גרינעם מאָך באַוואַק־סענע, גרויסע ווי מצבות, האָט אַרויסגעקוואָלט אַ קרישטאָל ריין וואַסערל. שיינע ברײנע האָט אָוועקגעשטעלט אירע כלים, זיך צוגעבויגן צום קאַלטן קוואַל, מיט זשעדנעקייט געזופּט פון איר דאַר־ביינערדיקער דלאָניע דאָס אָנגעשעפּטע וואַסער, און אַוועקגעזעצט זיך אויף איינעם פון די שטיינער אָפּצורוען אַ ביסל. זי האָט ווידער געכאַפּט אַ קוק אויפן הימל און אויף דער אונטערגייענדיקער זון צוגערוקט צו זיך איר קיישל, אָנגעטון די פּערעקאַ־לאָנע פאַטשיילע, אָנגעטאַפּיעט די צוויי חלבנע ליכטלעך אויף אַ שטיין, זיי אָנגעצונדן און פאַרשטעלט זיך דאָס דאַרע פּנים און די געוואַשענע רויט־פאַרמאַטערטע אויגן מיט ביידע הענט און געשעפּטשעט אַ תפילה: „גאָט דערבאַרמדיקער און לייטזעליקער, גיב מיר כוח צו דערגיין ביז צו אַ יידיש הויז און היט מיך אָפּ אַז כ׳זאָל חלילה נישט פאַרשוועכן דיין הייליקן שבת און העלף מיר, טאַטעניו, מיר, דיין געטרייער דינסטמויד שיינע ברײנע, אַ צעבראָכענע, אַ פאַר דער צייט אַלט געוואָרענע אלמנה. העלף מיר, אַז איך

זאָל זוכה זיין און דערלעבן צו פירן מיין יונגסטע טאָכטער צו דער חופּה. דערנאָך קענסטו מיך צונעמען פון דער זינדיקער ערט״.

אַזוי אידיליש, האַרמאָניש און באַהאַרצט ידישלעך ציט זיך דער גאַנ־צער מאָנאָלאָג, און אַזוי אויך די גאַנצע שילדערונג — ווי די אָרימע יידענע ווערט פון די קריסטליכע פויערים און פויערטעס מיטן פּאָפּ פּאַר אַ הייליקער מוטער אַפּאָטעאיזירט. און אויך נישט וויניקער טאַקע פונם פּרעמישלאַנער צדיק גופא, וועלכער זעט אין איר אויך גאָר אַ גרויסע צדיקת. און דערפאַר איז ביי אים גאָרנישט פריילעך געווען, מחמת יעדער קלינג פון די גלעקער אין דער דאָרפישער צערקווע, האָט דערלאַנגט דעם רבין ווי מיט אַ האַמער אין האַרץ אַריין. ער, דער צדיק, האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז פון קירכנ־גלאָקן ביז פּאָגראָמען איז אַ קורצער מהלך...

די דאָזיקע דראַמאַטישע שטעלע דערמאָנט אגב אָן פּראַנץ ווערפלס „דאָס ליד דער הייליגן בערנאַדאָט״. אָבער נישט אין אימיטאַטאָרישן זין פון וואָרט, נאָר אין ליריש־דראַמאַטישן זין...

און הגם די דערציילונג באַזיצט אַזעלכע דערהויבענע מאָמענטן, ווערט אָבער פּאָרט צום טייל איר קלימאַקס אָפּגעשוואַכט, מחמת קלינגער האָט די טבע צו פאַרענדיקן איין מעשה מיט אָן אַנדערער און די אַנדערע ציט זיך ווייטער אין אָן אַנדערע אַריין. אַזוי זיינען אין דער דאָזיקער דערציילונג פאַראַנען כמעט פיר דערציילונגען. איינע טאַקע פונם אַלטן רב מרדכי גופא, אַלע זיינע איבערלעבענישן און עינויים וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט. די אַנדערע דערציילונג איז די ליבע פון זיין טאָכטער דבורהלע די בת יחידה וואָס פאַרליבט זיך כהרף עיין אין איינעם פון די סטודענטן וועלכע דער אַלטער האָט צו זיך אַלס אורחים אויף שבת פאַרבעטן. די דערציילונג פון אַלטן מאַנאַך און טאַקע אויך פון שיינע בריינען מיט אירע פינף יתומים. און דאָס איז אַ ביסל צופיל אַנגעפּיקעוועט, דוכט מיר, פאַר איין דערציילונג, הגם עס לייענט זיך זער שפּאַנענדיק און מיט פיל אינטערעס, מחמת די נאָוועלע, ווי שוין דערמאָנט, איז אַ דורכאויס פיינע.

י. ח. קלינגער איז פאַרהעלטניסמעסיק נאָך אַ יונגער שרייבער, און די פּאָר דערציילונגען וויזן אַרויס אַ סך קינסטלערישן כוח און אינטואיציע.

ס׳איז אַ סימן טוב וואָס קלינגער איז מסוגל צו אָבסערווירן גוט און אויפצונעמען אַ סיטואַציע, צו פאַרקאָמפּליצירן זי מיט אַ דראַמאַטישער קאָמ־בינאַציע, וועלכע ווירקט צומאָל פּשוט סענזאַציאָנעל.

דאָס איז טאַקע אָפּטמאָל אַ מעלה, אָבער ס׳קען אויך ווערן אַ חסרון,

יוסף הלל לעווי אין קראקע, און זיין זער נאענטער פריינט שכנה זאגאן.
זאגאן איז אומגעקומען אלס אנפירער פונעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא.

ווייל פון אַ איבערגעלאָדענעם דערציילונג־שטאָף קען אַמאָל די בעסטע דער־
ציילונג פונם דערציילער גופא אויפגעריסן ווערן...

און מ׳קען מיט אַ גוטן געוויסן זאָגן, אַז י. ח. קלינגערס דערציילונגען
„אויף גאַליצישע פעלדער״ זיינען דערווייל אַ גוטער אָנזאָג אויף ווייטער־
דיקע רייפערע ווערק פון דעם יונגען טאַלאַנטירטן נאָוועליסט.

בער באָראָכאָוו

זיינע קולטורעלע לייסטונגען אויפן פּאָליטיש־סאָציאַלן געביט, און זיינע אויסערגעוויינלעכע פאָרשונגען אויפן פילאָלאָגישן געביט, האָבן דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק און די ייִדישע שפּראַך נישט נאָר באַרייכערט און געשטאַרקט, נאָר פּשוט געגרונטפעסטיקט. דאָס האָט אויפגעטון דער יונג־פאַרשטאָרבענער גאונישער בער באָראָכאָוו.

זיין גרויס וויסן איז תמיד געווען פאַרבונדן מיט זיין טיפער דערקענטעניש, און זיין דערקענטעניש איז געווען באַלויכטן מיט דעם שיין פון ראַציאָנאַליזם. ער איז געווען דער נאָוואַטאָר פונם נאַציאָנאַל־ייִדישן געדאַנק, און דער רעפאָרמאַטאָר פונם ייִדישן סאָציאַליזם.

ער האָט טעאָרעטיש באַוויזן און באַגרינדעט די נויטווענדיקייט און אומפאַרמיידלעכקייט פונם פּועלי־ציוניסטישן געדאַנק, געשאַפן די סינטעזע פון ציוניזם און סאָציאַליזם. מחמת ער האָט דערקענט אַז דער סאָציאַליזם אַליין קען די ייִדיש־פּראָדוקטיווע מאַסן נישט ברענגען די געווינטשטע פרייהייט און דערלייזונג, ווייל דאָס ייִדישע פאָלק לעבט אונטער ספּעציפישע סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען, דערפאַר מוז דער סאָציאַליזם דעם ציוניזם אַקייגנקומען, און דער ציוניזם מוז מיט דעם סאָציאַליזם זיך מתיחד זיין. און בזה האופן האָט ער די ייִדיש־נאַציאָנאַלע אידעע סאָציאַליזירט, און די סאָציאַלע אידעע נאַציאָנאַליזירט.

אָבער חס־ושלום נישט צו מאַכן דעם טעות און עס אַנאַלאָגיש מדמה זיין צום דייטשן „נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם", מחמת בער באָראָכאָוו האָט נאָך מיט אַ לאַנגער צייט צוריק איידער ס'זיינען געלייגט געוואָרן די זוימען צום נאַציזם, אָנגעשריבן אַ בראָשור: „דער נאַציאָנאַלער סאָציאַליזם". דער נאָמען קלינגט היינט גאָר מאָדנע, אָבער דער תוכן פון דער דאָזיקער בראָשור, להבדיל בין טומאה לטהרה, האָט פאַרשטייט זיך מיט דעם פאַרהאַסטן נאַציזם לחלוטין נישט צו טון.

בער באָראָכאָוו איז געווען פון די ערשטע נאַציאָנאַלע ייִדן וועלכע האָבן דערקענט דעם טיפן שפּרודלדיקן קוואַל פונם גלות־לעבן, און דערפאַר געשטרעבט צו פאַרוואַרפן אַ בריק צווישן גלות און ציון.

זייענדיק אַ גרויסער ראַציאָנאַליסט האָט ער פאַרשטאַנען אַז דער ייִדי־

שער פּראָלעטאַריער קאָן אויף דער ישועה וואָס דער סאָציאַליזם זאָגט אים צו אויף לעתיד לבוא ניט אַזוי לאַנג וואַרטן ווי אַ פרומער ייד אויף עולם הבא. נאָר ער מוז שוין איצט אָנהויבן זיך צו שאַפן זיין אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן לעבן אויף סאָציאַלע יסודות. און טאַקע דערפאַר האָט ער פאַר אַמגעאייגענטסטן געפונען ארץ ישראל. ווייל פּאַלעסטינע איז געווען די וויג פונם סאָציאַליסטישן געדאַנק, וועלכער איז צום ערשטן מאָל געפּרעדיקט געוואָרן אין דער ביבל און פון די נביאים; דערפאַר וועט אויך פּאַלעסטינע אַמבעסטן ראוי זיין דעם סאָציאַליזם צו רעאַליזירן...

אויף אַ יובל־אָוונט פון דער פּועלי־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע האָט בער באָראָכאָוו געזאָגט: „איבער די שוועריקייטן פון פּועלי־ציוניזם האָט זיך אַן אַלטער טוער פון דער באַוועגונג, אַן איבערגעגעבענער אַרבעטער געקלאָגט: אוי, ווי שווער איז צו זיין אַ פּועלי־ציון! שוין גרינגער צו זיין אַ סאָציאַליסטישער טעריטאָריאַליסט, נאָך גרינגער אַ בונדאָוויעץ, אַ זש.פּ.סאָוויעץ, דאָס איז אַזוי גרינג, דאָ דאַרף מען נישט טראַכטן, דאָ פאַרשפּאָרט מען צו לערנען זיך, אָבער אַ פּועלי־ציון? אוי ווי שווער און אחריותדיק דאָס איז!

„דער סאָציאַליזם“, זאָגט בער באָראָכאָוו ווייטער, „גייט אַריין אַלס אַ טייל אין דעם גאַנצן סכום פון דעם פּועלי־ציוניסטישן פּראָגראַם, וועלכער באַשטייט אייגנטלעך פון צוויי חלקים: סאָציאַליזם און ציוניזם, דעריבער איז קלאָר, אַז אַלע שוועריקייטן פון דער סאָציאַליסטישער אידעע גייען אַריין אין גאַנצן אין דעם פּועלי־ציוניזם, און דערצו קומען נאָך דאָרט אַריין די שוועריקייטן פון דער ציוניסטישער אידעע. דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם פאַרלאַנגט פון אונז, אַז אַלע אונזערע אידעאַלן און פאָדערונגען זאָלן אויפגעבויט ווערן אויף די אָביעקטיווע טענדענצן פון דער ווירקלעכקייט, דאָס הייסט, עס איז נישט גענוג עפּעס צו וועלן, צו עפּעס שטרעבן, נישט גענוג אַז די יחידים אָדער אפילו די מאַסן זאָלן פילן אַ באַדערפעניש אין עפּעס, נאָר ס'איז נויטיק אַז די באַדערפענישן און ווונטשן וואָס גייען אַריין אין פאַרטיי־פּראָגראַם זאָלן זיין בהסכם מיט דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט.

„אַט־אָ יענע אָביעקטיווע טענדענצן, אויף וועלכע עס ווערט געבויט אַ געשיכטלעכער אידעאַל, רופן זיך אָן ‚די היסטאָרישע נויטווענדיקייטן פון דעם אידעאַל‘. אין דעם זינען פאַרלאַנגט פון אונז דער ווירטשאַפטלעכער קוק, אַז ביי דער אויפלעבונג פון די יידישע מאַסן אין גלות, ביי זייער נייעם לעבן אין פּאַלעסטינע זאָלן זיין היסטאָרישע נויטווענדיקייטן, דאָס הייסט אַז זיי זאָלן אַנטשפּרעכן נישט נאָר אונזערע ווונטשן, נייערט אויך די פאַקטן פון דעם יידישן לעבן“.

און בער באָראָכאָוו פאַרענדיקט: „אַז באַווייזן די היסטאָרישע נויטווענ־דיקייט פונם פועלי־ציוניזם וועלן נישט קענען אפילו טויזנטער ביכער, גלייך ווי טויזנטער ביכער קענען עס נישט טון בנוגע דעם סאָציאַליזם. די פועלי־ציוניסטישע ליטעראַטור קען אונזער פּראָגראַם נישט מער ווי אילוסטרירן, געוויער דערקלערן און צוגעבן צו איר פאַרשידענע פּירושים".

הכלל, די היסטאָרישע נויטווענדיקייט באַשטייט נישט אין טעאָרעטישע באַווייזן פון די אָביעקטיווע טענדענצן, נאָר אין די פאַקטן פון לעבן גופא.

בער באָראָכאָוו האָט אַזוי בולט און קלאָר אַנאַליזירט די פועלי־ציוניס־טישע טעאָריע, אַז יעדער פּשוטער אַרבעטער אַנווענדנדיק אַ ביסל פאַר־שטאַנד האָט זי געקענט תופס זיין.

און דער זעלביקער גאַוואַטאָר און רעפאָרמאַטאָר וואָס בער באָראָכאָוו איז געווען פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אידעע, איז ער אויך געווען פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע, לינגוויסטיק און אָרטאָגראַפיע.

ער האָט לינגוויסטיש באַוויזן, דאָס מיינט אַלגעמיין שפּראַכוויסנשאַפט־לעך, אַז יידיש איז אויך פּונקט אַזאַ שפּראַך כדין און כדת, בכל פּרטיה ודקדוקיה, ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן, שטיצנדיק זיך אויף אַן אומגעהויערן קוואַל פון וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און אַנאַלאָגיש־פילאָלאָגישע אַנטדע־קונגען. ער איז געווען דער ערשטער וואָס איז געקומען מיט אַזאַ גרינטלעך וויסנשאַפטלעכער פּרעציזקייט אויף דעם געביט.

בער באָראָכאָוו האָט באַוויזן, אַז די יידישע שפּראַך האָט אויך אַ נאַציאָ־נאַלן ווערט פאַר דער צוקונפט. ווער ס'גלויבט נישט אינם קיום פון דער יידישער שפּראַך, זאָגט בער באָראָכאָוו, קאָן אפשר נאָך זיין אַ יידישער לינגוויסט, אָבער נישט קיין יידישער פילאָלאָג... לינגוויסטיק האָט צו טון מיט די פאָרמען פון דער שפּראַך, און פילאָלאָגיע מיט אירע קולטור־פּראָ־דוקטן. פריער דאַרף מען דאָס פאָלק אויסלערנען שרייבן ריכטיק, זאָגט בער באָראָכאָוו ווייטער, דערנאָך ערשט וועט עס זיך אויסלערנען ווי צו שרייבן שיין.

ביי אונז האָט זיך אָנגעהויבן דער רענעסאַנס מיטן קולט פון שיינקייט, און יעדער עם־הארץ איז דערפאַר געוואָרן אַ דיכטער... איצט אָבער הויבט דאָס אָן צו ווערן נמאס, מען הויבט אָן צו פאַרשטיין, אַז ראשית חכמה איז לערנען, נאַציאָנאַל לערנען, דאָס הייסט פריער ווי אַלץ אַנטוויקלען די יידי־שע פילאָלאָגיע, און נישט נאָר אַנטוויקלען זי, נאָר גרינטלעך רעפאָרמירן זי.

און בער באָראָכאָוו האָט טאַקע דערפאַר געלערנט מיט זיין פאָלק ריכ־טיק שרייבן און רעפאָרמירט זיין אָרטאָגראַפיע. דער גאַנצער מאָדערנער אָנגענומענער אויסלייג איז אַ באָראָכאָוויסטישער, דאָס אַליין וואָלט דאָך שוין

אַן אַ ספק געווען נישט קיין קליינער אויפטו; איז אָבער בער באָראָכאָוו ביים אויסלייג נישט געבליבן שטיין נאָר אַוועקגעגאַנגען אַ סך ווייטער, און באַוויזן אַז יידיש איז ראשית־כל נישט קיין מיש־מאַש שפּראַך, נאָר אַ געמישטע שפּראַך פון דריי עלעמענטן: גערמאַניש, העברעאיש־אַראַמעאיש און סלאַוויש.

און דער עיקר האָט ער באַוויזן, אַז יידיש שטאַמט נישט פון דייטשן, נאָר פּונקט אַזוי ווי די דייטשע שפּראַך — פונם „מיטלהויכדייטשן"... אַלע דייטשע, העברעאישע און סלאַווישע עלעמענטן, באַלד ווי זיי זיינען אַריין אין דער פאָלקס־שפּראַך הערן אויף צו זיין דייטש, העברעאיש, סלאַוויש — זיי פאַרלירן זייער פריערדיקן פּרצוף און נעמען אָן אַ נייעם— ווערן יידיש...

ווייל דער גרעסטער טייל פון די ווערטער און פאָרמען, וואָס ווערן גע־ברויכט אין יידיש, זיינען דייטשע — דערפאַר זאָגט טאַקע ביי אונז יעדער גימנאַזיסט אַז „יידיש איז אַ פאַרדאָרבן דייטש". נאָר ווער ס'זאָגט אַזוי ווייסט נעבעך נישט וואָס דייטש איז. אמת איז, אַז יידיש האָט זיך טאַקע גענומען פון דייטש, אָבער דווקא נישט פון יענעם דייטש, וואָס מען שטודירט צו די עקזאַמענס אויף אַן „אַטעסטאַט".

דער דאָזיקער דייטש פון שילער און געטע איז נישט דער שטיפפאָטער פון יידיש, נאָר זיין שטיפברודער, און דערצו נאָך אַ יונגערער ברודער.

יידיש איז עלטער פאַר יענעם דייטש, וועלכן אונזער אינטעליגענט האַלט פאַר כשר, און טאַקע מיט דריי, אָדער פינף הונדערט יאָר עלטער. בײדע שטאַמען זיי פון מיטל־הויכדייטש, ביידע זיינען זיי פאַרדאָרבן: יידיש איז פאַרדאָרבן דורכן העברעאישן און סלאַווישן איינפלוס, מאָדערן דייטש — דורך לאַטייניש און פראַנצויזישן איינפלוס. יידיש איז פאַרדאָרבן געוואָרן אויפן מאַרק און אין דער ישיבה, דייטש — אין אוניווערזיטעט און אין די ביוראָקראַטישע קאַנצעלאַריעס.

די אויפגאַבע פון יידישן פילאָלאָג איז יידיש צו נאַציאָנאַליזירן און הומאַניזירן. און דאָס האָט בער באָראָכאָוו טאַקע געטון אין דער פולער מאָס. ער האָט יידיש געריינים און באַרייכערט מיט זיין עמינענטן וויסן, ער האָט אויפגעוויזן אַז ער איז ראוי אויסצודריקן אַלע דערשיינונגען פונם יידישן שאַפן. ער האָט די שפּראַך הומאַניזירט, דאָס הייסט געמאַכט פון איר אַ כלי־זיין אויף איינצונעמען און אַריינצונעמען אין רשות פונם יידישן פאָלק אַלע קולטור־ווערטן פון דער מאָדערנער אַלמענטשלעכער אַנטוויקלונג; און דערפאַר האָט ער טאַקע מיט זיין גרויסן פילאָלאָגישן בקיאות געהאָלפן אַז די יידישע שפּראַך זאָל ווערן אַ נאַציאָנאַלער קולטור־מיטל און בילדונגס־מיטל פאַרן פאָלק און פאַר דער אינטעליגענץ. בזה האופן האָט ער לייכטער

געמאַכט און אויסגעטראָטן דעם וועג פאַרן עטימאָלאָגיסט פון דער יידישער גראַמאַטיק און סינטאַקסיס. ער האָט פאַראָרדנט מיט זיין טיף אַנאַליטישן גייסט אויסצונוצן אַלע שפּראַכלעכע כללים, פאָרמען און געזעצן. ער האָט אויך אַנגעוויזן דעם רוב שרייבער אין דער יידישער פילאָלאָגיע, אַז זיי זיינען נאָר אַסימילאַטאָרן, פרעמד דעם יידישן פאָלק. אין זייער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט שטעקט תמיד די כוונה צו באַווייזן, אַז יידיש איז נאָר אַ דייטשער דיאַלעקט — היינט גייען עם־הארצים און די שונאי־ישראל נאָך ווייטער און זאָגן גאָר: „יידיש איז פאַרהאַסט ווייל ס׳שטאַמט פון דייטשן"... על סמך זה וואָלט מען אויך געקענט זאָגן, אַז אַלע מענטשן זיינען פאַרהאַסט, ווייל די מענטשן שטאַמען אויך פון דער זעלביקער אַנטראָפּאָלאָגישער סובסטאַנץ וואָס די דייטשן... — און אַז יידן זיינען די טרעגער פון דער דייטשער קול־טור אין די סלאַווישע לענדער.

אונזער שפּראַך, האָט בער באָראָכאָוו פעסטגעשטעלט, איז שוין כמעט 800 יאָר אַלט, און די פילאָלאָגיע איבער 500 יאָר.

מיט איין וואָרט, בער באָראָכאָוו איז געווען און בלייבט אַן אויסערגע־וועגלעכער פענאָמען, אַ ליכטיקע און גרויסע יידישע געשטאַלט, וועלכע דאַרף ערשט דערקענט און אָפּגעשאַצט ווערן.

דאָס קורצע און עמיגענט שאַפערישע לעבן זיינס האָט וויט איבערגע־שטיגן די צייט אין וועלכער ער האָט געלעבט, דערפאַר וועלן זיינע שאַפונגען לעבן איבער דער צייט — און דאָס זיינען די בולטסטע באַווייזן פאַר זיין גאונות.

עס איז נישט שווער זיך משער צו זיין וואָס פאַר אַ געוואַלטיקע ראָלע באָראָכאָווס לעקציעס, פאָרטראָגן און זיינע אַרטיקלען האָבן געשפּילט פאַר גאַליציע בעת ער האָט דאָרט געווירקט, אינם יאָר 1906־1907.

אויף דער צווייטער פּועלי־ציוניסטישער וועלט־קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין קראָקע, איז ער אָן אַ ספק געווען דער עמוד־האש, וואָס האָט אַלעס באַשיינט און באַלויכטן מיט זיינע טיפזיניקע און לאָקאָנישע באַווייזן. אין די דיסקוסיעס האָט ער אַלע פּלפּולים און סתירות מבאר געווען און זיי געמאַכט פאַר יעדן קלאָר און דייטלעך. אים צו הערן רעדן איז באמת געווען אַ גרויסע אומפאַרגעסלעכע דערלעבעניש. אַזוי הויך און גרויס ווי ער איז געווען אין גייסט — אַזוי פּשוט און עניוותדיק איז ער געווען אין שייכות צו יעדן חבר, פול מיט האַרציקער ליבע און טיפן אינטערעס, להיפוך צו אַלע פאַרטיי־פירער, וועלכע פאַרזען תמיד (נאָר כלומרשט אַ דאַנק דעם גרויסן רבים) דעם קליינעם יחיד...

נישט נאָר דעם פּועלי־ציוניסטישן געדאַנק האָט בער באָראָכאָוו גע־

שטאַרקט און ליכטיק געמאַכט צווישן די ברייטע יידישע אַרבעטער מאַסן, גייערט די גאַנצע יידישע קולטור־באַוועגונג, דאָס גאַנצע יידישע שאַפן האָט ער מיט זיין גרויסער פערזענלעכקייט דערהויבן.

איך בין דאַמאָלט נאָך געווען אַ יוגנטלעכער, פאַרבונדן מיט דעם „יידישן אַרבעטער און פראַקטיקאַנטן בילדונגס־פאַריין יוגנט אין קראָקע". דערפאַר האָב איך אָפט געהאַט די מעגלעכקייט מיט באַראָכאָוון זיך צונויפ־צוקומען און אים צו הערן רעדן.

עס איז נישט לייכט זיך פאָרצושטעלן מיט וויפיל איבערגעגעבענער ליבע און פעדאַגאָגישער פאַרשטענדעניש דער גרויסער וויסנשאַפטלער און טעאָרעטיקער האָט זיך אָפגעגעבן צו די יוגנטלעכע אַרבעטער. זיין פאַרהעל־טעניש צו זיי איז פשוט געווען ווי אַ טאַטע צו קינדער; און זייער פאַרהעל־טעניש צו אים, ווי קינדער צו אַ געטרייען און ליבן טאַטן.

בערל לאקער

ניט איבער בערל לאקער דעם פּאָליטיקער בין איך איצט אויסן דאָ צו שרייבן. איך האַלט אַז עס וועלן זיך זיכער געפינען אַ סך געניטערע פּאַר מיר וועלכע וועלן קאָנען לאָקערן גענויער אָפּשאַצן אויף דעם דאָזיקן געביט, אַ געביט אויף וועלכן ער האָט זער גרויסע פאַרדינסטן.

וואָס איך וויל, איז אַ קליין בינטעלע זכרונות אויפקניפּן, וועלכע זאָלן אונז צוריקברענגען אין יענער ראָמאַנטישער צייט, בעת דער פּועלי־ציוניסטישער געדאַנק האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרקער צו פאַרוואָרצלען אין יידיש־פּראָלעטאַרישן לעבן, און טאַקע אָנגעפאַנגען צוצוציען צו זיך גרע־סערע מאַסן.

באַלד נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע (וועלכע צאַר ניקאָלאַי האָט גע־לאָזט אין בלוט דערשטיקן) און אויך איניקע יאָר שפּעטער, האָבן געזוכט די פאַרפאָלגטע יידישע רעוואָלוציאָנערן אַן עיר מקלט. און זיי האָבן טאַקע גע־פונען זייער אַזיל אינם אַמאָליקן עסטרייכישן גאַליציע, איבער וועלכן דער קייזער פראַנץ יאָזעף האָט געהערשט, און ס׳האָט עקזיסטירט אַ געוויסע דעמאָקראַטיע.

צווישן די יידיש־רוסישע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך געפונען אַ סך יידי־שע קולטור־טוער, ליטעראַטן, פּאָעטן, קינסטלער און סתם אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן צעאַקערט דעם פאַרוואָרלאָזטן יידיש־פּאָליטישן באָדן, און אויפגעוועקט די יידישע אינטעליגענץ אינם אַמאָליקן אָפּגעשטאַנענעם און פאַנאַטישן אָרימען גאַליציע.

באַלד איז געקומען דער באַוווסטער פּועלי ציוניסטישער טעאָרעטיקער לעאָן כאַזאַנאָוויטש (כתריאל) ע״ה, איבערגענומען די רעדאַקציע פונם „יידישן אַרבעטער״ (אָרגאַן פון דער עסטרייכישער פּועלי ציון) און דאָס דאָזיקע פּאַרטיי בלאַט פּאָליטיש אַ סך רייפער געמאַכט. אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָט זיך ווידער באַוויזן דער פיינער פּובליציסט און באַרימטער אָראַטאָר זרובבל, וועלכער האָט דעם „יידישן אַרבעטער״, און מ׳קאָן מיט אַ גוטן געוויסן זאָגן כמעט די גאַנצע גאַליצישע יידישע ליטעראַטור גע־בראַכט אויף אַ העכערן ליטעראַרישן און עסטעטישן ניוואָ.

עס האָט אויך פאַר אַ קורצער צייט געוויילט אין גאַליציע דער פענאָ־

מענאַלער בער באַראַכאָוו, דער באַגרינדער פונם פּועלי ציוניסטישן געדאַנק.

עס איז קלאָר, אַז אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי די אויבנדערמאָנטע, האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער גאַליציש־יידישער אינטעליגענץ און דער מאַסע, און איבערגעלאָזן זיי אַ מתנה פון זייער גרויסקייט, שיינ־קייט און טיפקייט.

אָבער נישט נאָר פּאָליטיקער אַליין, נאָר ווי שוין פריער דערמאָנט, אויך פאַרפאַלגטע שרייבער און פּאָעטן האָבן זיך געראַטעוועט קיין גאַליציע, און צווישן זיי דער באַרימטער דיכטער אברהם רייזען, משה טייטש, יצחק לייב פּרץ, שלום עליכם, א. וויטער, אברהם וועוויאַרקע, א. ה. שעפּס (אלמי), פישל בימקאָ, בן־א. סאָכאַטשעווסקי, הערשעלע, ג. שאַפּמאַן און אַנדערע.

באַאיינפלוסט פון זייער התפּעלותדיקן אידעאַליזם, זיינען אַ סך אייגענע כוחות געוואָרן רייפער און אַקטיווער, און זיך מיט גרויס איבערגעבנקייט אַריינגעוואָרפן אינם קאַמף פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור, ווי אויך פאַר דעם פּאָליטישן געדאַנק פונם סאָציאַליסטישן ציוניזם.

נאָך דעם ווי עס האָבן געהאַט רעדאַקטירט דעם „יידישן אַרבעטער" אַ צייט לאַנג א. ל. שוסהיים, כתריאל, זרובבל, נ. מיפּעלעוו און דער יוגנט אָר־גאַניזאַטאָר און טעאַטראַל יעקב קענער, האָט איבערגענומען די רעדאַקציע בערל לאָקער, אַ גאָר געניטער פּאָליטיקער, אַ פיינער אָראַטאָר, און דער עיקר אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

האָבנדיק אין זיך טיף תּופס געווען די יידישיסטישע אידעע פון דעם מאָדערנעם גרויסן עמאַנציפּיסט און פּראָגרעסיסט ד"ר נתן בירנבוים ע"ה — וואָס איז צום סוף נאָך אַ גרעסערער בעל תשובה געוואָרן, דאָס מיינט זיך אין גאַנצן אומגעקערט צו דער אַלטער יידישער אמונה און צו דער טראַדיציאָ־נעלער יידישקייט — איז בערל לאָקער געוואָרן אויך אַ סך נענטער צו דער יידישער מאַסע און דער עיקר צום יידישן פּראָלעטאַריער און זיין שפּראַך. אָבער זיין פּראָלעטאַרישע אָריענטאַציע האָט אים אין דער זעלבער צייט נישט געשטערט אויך צו פאַרבלייבן טיף נאַציאָנאַל. ער האָט אין דער דאַ־מאָלטדיקער צייט נישט פאַרזען ווי אַ סך אַנדערע דעם ביטערן האַרטן הווה, צוליב דעם גרויסן עבר און דעם זיך וועבנדיקן פרייען עתיד פונם יידישן פאָלק. דערפאַר האָט ער זיך אַזוי איבערגעגעבן בלב ונפש פאַר דער יידישער עמאַנציפּאַציע, דאָס מיינט פאַר אַ פרייען יידן אין גלות, און אין פּאַלעסטינע. געקעמפט אין גלות פאַר יידיש, און אין פּאַלעסטינע פאַר העברעאיש. ער איז געוואָרן טיף פאַרוואָרצלט מיט די יידישע מאַסן, מיט זייערע מנהגים, ווערט־לעך, וויצן, מעשות, לעגענדעס, פאָלקס־לידער און שפּרוכן. מיט איין וואָרט, אַלעס וואָס האָט נאָר געהויכט מיט יידן און יידיש, איז געוואָרן אַ טייל פון

בערל לאַקערס נשמה. ער האָט דערמיט געלעבט און געאָטעמט, און ער ציט נאָך עד היום דערפון זיין יניקה.

און בעת בערל לאַקער האָט רעדאַקטירט דעם „יידישן אַרבעטער“ איז אַ סך מאָל מיר אויסגעקומען זיך מיט אים דורכצושמועסן און צו קאָמוניקירן. פאַרשטייט זיך דאָס רוב וועגן מיינע לידער און פּאָעמעס.

בערל לאַקער האָט זיך גאַרנישט געשעמט מיינע לידער און אַמאָל אויך גרעסערע פאַר מיר נישט צו דרוקן, אָבער נישט דערפאַר ווייל זיי זיינען געווען שלעכט, אָדער זיי זאָלן אים האָבן נישט געפעלן, נאָר בלויז דערפאַר ווייל אים האָט אַמאָל אַ וואָרט אָדער אַ גערמאַניזם נישט געפּאַסט. אַזוי מדקדק איז בערל לאַקער געווען אויף יעדער מילה און אות. און דאָס איז אַלעס נאָר געווען מחמת זיין גרויסער אהבה צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז בעת בערל לאַקער האָט רעדאַקטירט דעם „יידישן אַרבעטער“, האָט ער זיך באַמיט צו דרוקן אַ סך פּאָעזיע, סקיצן, ליטעראַרישע פעליעטאָנען און קריטיק, כדי דעם פּאַרטיי־אָרגאַן צו פאַר־גרעסערן, פאַרבעסערן און פאַרשענערן. ער האָט אויך אַכטונג געגעבן אויף יונגע טאַלאַנטן, און זיך צו זיי באַצויגן מיט פיל ליבע, כדי זיי מקרב צו זיין און געווינען זיי פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

און האָט אַמאָל לאַקער געהאַלטן אַ פּאַרטראַג, אָדער גערעדט אויף אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג, האָט ער דאָס וואָרט צעגליט, געשמאַלצן, געבויגן, גע־פּיילט און געשליפן, כדי וואָס בולטער אַרויסצוברענגען זיינע געדאַנקען, און דאָס איז אים כמעט תמיד אויף דעם וואונדערבאַרסטן אופן געלונגען.

אַמאָל אין אַ ווינטערדיקן פראָסט־טאָג, בעת די גאַסן זיינען געלעגן אין טיפן שניי, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט דאָס ערשטע מאָל צו זען און טאָקע זיך צו באַקענען מיט דעם רעדאַקטאָר פונם „יידישן אַרבעטער“, בערל לאַקער. געטראָגן האָט ער אַ פּעלערינע, אַ הוט מיט אַ ברייטלעכן ראַנד, אַ מיצקעוויטש־בינדע (לויטן מנהג פון די דאַמאָלטדיקע אַקאַדעמיקער) און געהאַט זיך אויך פאַרלאָזן אַ בערדל, וועלכעס האָט צוגעגעבן זיין פּנים אַ געוויסן ערנסט, וואָס האָט געצווונגען דרך ארץ צו האָבן פאַר אים; הגם זיינע אויגן זיינען געווען תמיד שמייכלענדיק־קלוגע און זיינע באַוועגונגען נאָך יונגלדיק פרייע, האָט ער זיך פאָרט שוין באַנומען ווי אַ געזעצטער מענטש, און געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַן אָנגענומענער בעל דעה...

בעת איך האָב זיך באַקענט מיט מיין אַמאָליקן רעדאַקטאָר בערל לאַקער האָב איך שוין צו אים געהאַט אַ ביסל תרעומות מחמת ער האָט אינם בריוו־קאַסטן פונם „יידישן אַרבעטער“ מיר (שוין דאַמאָלט נישט אומבאַקאַנטן דיכ־

טער) געלאָזט וויסן: „י.ל. אין ק.—אייניקע גערמאַניזמען ווי ׳הימלסמער׳, ׳מאַנד׳ וכדומה, מאַכן אַ תל פון אייערע שיינע לידער. פאַרבעסערט זיי, און איך וועל זיי גערן דרוקן״.

איך האָב דאַמאָלט אויך לאַקערן איבערגעגעבן אַ ליד אין פּראָזע: „וואָס האָסטו מיך גערופן״, ס׳איז אָבער אויך נישט דערשינען, אַלץ צוליב דעם זעלבן טעם, ווייל איך און לאַקער זיינען געווען עקשנים: איך האָב נישט פאַרבעסערט, און ער האָט טאַקע נישט געדרוקט.

אָבער ווען לאַקער האָט געהאַלטן אין אַרויסגעבן אַ „יובל-נומער״ פונם „יידישן אַרבעטער״, האָט ער אויף דעם אַלעם נישט געקוקט נאָר זיך באַלד געווענדעט צו מיינעם אַ יוגנט-פריינט משה זילבורג, דעם באַוווּסטן שרייבער און רעדאַקטאָר פונם וואַרשעווער טאָגבלאַט „דער עקספּרעס״, און מיך גע־בעטן דורך אים אַריינצושיקן אים אייניקע לידער פאַרן „יובל-נומער פונם יידישן אַרבעטער״, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין רעדאַקטירן, מחמת ער איז געווען אַזוי שטאַרק אינספּירירט פון מיינע לידער. ער האָט מיר אפילו צוגע־זאָגט אַ האָנאָראַר פון 20 קראָנען וואָס דאָס איז דווקא דאַמאָלט גאָר נישט געווען קיין קליינע מטבע, מכל שכן נאָך פאַר אַ פאַרטיי-בלאַט וועלכער איז קיינעם נישט ביכולת געווען צו באַצאָלן.

און בעת עס איז אַרויס פון דרוק מיין ערשט ביכל, די פּאָעמע „דאָס אַלטע ליד״, האָט בערל לאַקער זיך באַלד געקליבן צו שרייבן אַ קריטיק איבער מיר. אָבער דער ערשטער וועלט-קריג איז געקומען פריער, און צוגע־נומען מיינע 20 קראָנען האָנאָראַר און אויך די מעגלעכקייט פאַר לאַקערן צו קענען אָנשרייבן אַ קריטיק איבער דעם ליד.

עס איז אויך געווען אַ נחת רוח צו קומען אַהיים צו בערל לאַקערן אין זיינע געמיטלעכע שטיבלעך אַריין, בעת ער איז נאָך געווען אַ יונג חתונה־געהאַטער און געוווינט אין לעמבערג. זיין דאַמאָלט יונגע שוואַרץ-זונעווּדיקע פרוי מלכה לאַקער, האָט יעדן גאַסט מיט פיל ליבע מקבל פנים געווען און אים מכבד געווען מיט אַלעם גוטן, און דער עיקר אויך מיט אירע באַהאַרצטע און באַחנטע פאָלקס-לידלעך וועלכע זי האָט אַזוי באַטעמט געזונגען און זיך אויף דער פּיאַנאָ אַליין אַקאָמפּאַנירט.

אַזוי האָט מיר דערציילט מיין נאָענטסטער יוגנט-פריינט דער קדוש שכנא זאגאַן (מיט וועלכן איך בין צוזאַמען אויפגעצויגן געוואָרן אינם קראָ־קעווער פּועלי ציוניסטישן יוגנטלעכן בילדונגס פאַריין) נאָך דעם ווי ער האָט די לאַקערס געהאַט באַזוכט אין לעמבערג.

— ווען דו וואָלסט געהערט מלכה לאַקער זינגען יידישע פאָלקס-לידער — האָט צו מיר געזאָגט שכנא זאגאַן, דער פירער אינם אויפשטאַנד פון

וואַרשעווער געטאָ — וואָלטסטו אַליין אַ שיין ליד אָנגעשריבן איבער דער דאָזיקער זינגערין.

עס איז קיין וווּנדער נישט אַז די אַמאָליקע פאָלקס־לידער זינגערין איז היינט געוואָרן אַ באַדייטנדיקע יידישע דיכטערין, וועלכע האָט שוין געשריבן און געדרוקט אַ סך ווערטפולע ביכער.

דער איידעלער מענטש און דענקער בערל לאָקר האָט געהאָלפן אָר־גאַניזירן די „הסתדרות הפועלים בארץ ישראל", אַן איבערגעגעבענער קעמ־פער בלב ונפש, אויסשליסלעך פאַרן ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אידעאַל, מיט וועלכן עס איז דורכגעדרונגען דער יידישער אַרבעטער אין ישראל. אויף דעם געביט האָט ער געשריבן אַ סך מאמרים אין פאַרשידענע שפּראַכן, כדי צו פּראָפּאַגאַנדירן און פּאָפּולאַריזירן דעם סאָציאַליסטישן נאַציאָנאַלן געדאַנק צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

ער האָט געוואַנדערט אין פאַרשידענע צייטן איבער פאַרשידענע לענ־דער, אָפּגעהאַלטן פאָרטראַגן און מאַסן־פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע זיין קול האָט געקלונגען מיט חריפות, עמקות, אָנגעזאַפּט מיט יידישן טרויער, אָבער אויך גלייכצייטיק מיטן בעסטן יידישן וויץ און פיינסטן הומאָר: אָפּגעלאַכט און געוויינט, געפּאָדערט און פּראָטעסטירט, געשטראָפט און געטרייסט. און דאָס אַלץ וויל ער איז געווען און פאַרבלייבט אַן אמתדיקער געטרייער גרוי־סער יידישער פירער.

געבוירן איז בערל לאָקער דעם 27־טן מאַי 1887 אין דאָרף קריוועץ, סטאַניסלאַווער קרייז, מזרח גאַליציע. זיין פאָטער, יעקב שאטנער, איז געווען אַ העברעאישער לערער, די מוטער אַ טאָכטער פון דעם למדן און חסיד ר׳ מרדכי הירש לאָקער. ביז צו 14 יאָר האָט בערל לאָקער געלערנט אין חדר און בית המדרש, באַזוכט אויך די ערשטע קלאַסן פון דער באַראָן הירש שול (אין פּויליש) אין סאלאטווינע, אין 1908 געענדיקט די דייטשע גימנאַזיע אין דער בוקאָווינע, און דעם יידישן פאַקולטעט פון דייטשן אוניווערזיטעט אין טשערנאָוויץ. געווען אַ צייט אונטער דער השפעה פון נתן בירנבוימס אידעען וועגן גלות־נאַציאָנאַליזם און יידישיזם.

שכנא זאַגאַן

שכנא זאַגאַן איז געווען אַ קרעפּטיק ברייטפּלייצעדיקע הויכע געשטאַלט, מיט אַ שטאַרקן ברוסט־קאַסטן. פון אַ טונקל בלאָנד־געלאָקטן קאָפּ, פּראָ־פּאָרציאָנעלער נאָר אַ ביסל פאַרריסענער נאָז און אַ מויל מיט ווייסע ציינער, האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גרויסע בלויע קינדער־אויגן. די דינע קנייטשלעך פון זיין ברייט־געוועלבטן שטערן האָבן מגלה געווען זיין יוגנטלעכע ענערגיע און בעתן דענקן און רעדן אָנגעפילט זיין פרישן פנים מיט פיל רייץ.

באַקענט האָב איך זיך מיט שכנא זאַגאַן אינם קראָקעווער „יוגנטלעכן בילדונגס פאַריין" אונטערן פּאַרזיץ פון יעקב קענער, בעת איך בין אַלט געווען 15 יאָר און זאַגאַן איז געווען אַ יאָר יונגער. דער דריטער אין אונזער בונד איז תמיד געווען דער אַרבעטער און זער באַגאַבטער דיכטער משה יעקב קליפּער. דאָס חדר און די קראָקעווער פאָלקס־שול אין וועלכע זאַגאַן איז געגאַנגען, האָבן אין אים פאַרפּלאַנצט דעם זוימען, וואָס האָט זיך שפּע־טער צעוואַקסן אין אַ גרויסער ליבע צו דער יידישער און פּוילישער ליטע־ראַטור און שפּראַך. זאַגאַנס פאָטער, אַ פאַרמעגלעכער טראַפיק באַזיצער און וועלטלעך־יידישער מענטש, האָט זיין זון שכנא אַוועקגעגעבן אין אַ קירזש־נעריי ווערקשטאַט אַריין כדי ער זאָל זיך אויך אויסלערנען אַ מלאכה.

יעדן אָוונט האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן אינם „יידישן אַרבעטער יוגנט פאַריין", און דאָרטן איז טאַקע געווען אונזער אוניווערזיטעט. יעקב קענער איז געווען דער פּראָפעסאָר. דאָרטן האָבן מיר באַקומען אַ סאָציאַליסטישע און נאַציאָנאַלע פאָלקס־דערציאונג. מיט דער צייט האָט זאַגאַן אַוועקגעלייגט זיין קירזשנער־אַרבעט און זיך גענומען פאַרצוברייטן צו „מאַטור פּריפונג". ביי פאַרשידענע יוגנטלעכע שמועסן און דיסקוסיעס האָט זאַגאַן שוין אַרויס־געוויזן אָרגאַניזאַציאָנעלע און אָראַטאָרישע פעאיקייטן.

נאָך דער אַדורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 איז קראָקע, וואָס ליגט נישט ווייט פון דער גרעניץ, געוואָרן אַן עיר־מקלט פאַר פּאָלי־טישע עמיגראַנטן, וועלכע זיינען געווען פאַרפאָלגט פונם צאַרישן דעספּאָ־טיזם; און די דאָזיקע פליטים האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ סך רעוואָלו־ציאָנערן פּאַטאָס, סאָציאַלן באַוווסטזיין און דער עיקר אַ טיפן דראַנג נאָך וועלן לערנען, און זיך ווייטער פאַרפולקאָמען אויף יעדן געביט פון וויסן און

בילדונג: אויסצונוצן די קולטורעלע מעגלעכקייטן וועלכע דאָס דעמאָקראַ־טישע עסטרייך האָט פריי פאַר יעדן איינעם אָנגעבאָטן. עס האָט נישט לאַנג גענומען און דער רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס און דאָס סאָציאַלע באַוווסטזיין פונם פּאָליטישן עמיגראַנט האָט זיך אויסגעמישט מיט דער עסטרייכישער יידישער אינטעליגענץ און שטאַרק נושא פּירות געווען. דאָס לעבן האָט באַ־קומען גאַנץ אַנדערע קלאַנגען און פאַרבן. אַ נייע ערע האָט דערוואַכט אין דעם חסידיש־פאַנאַטישן און אַסימילאַטאָרישן קראָקע, און אין דעם מאָנאָ־טאָנעם און אָפּגעשטאַנענעם גאַליציע.

באַלד איז קיין קראָקע געקומען דער וואונדערבאַרער הומאָריסט שלום־עליכם. די קראָקעווער יוגנט האָט אים ברייט אויפגענומען. אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָט דער קראָקעווער „אַרבעטער יוגנט פאַריין" מיט שכנא זאַגאַן בראש צווישן זיך געשטריטן און בשום אופן נישט געקענט קומען צו אַ באַשלוס ווער ס'איז געווען גרעסער: שלום עליכם דער פּראָכטפולער פאַר־לייענער, צי שלום עליכם דער גאונישער הומאָריסט. אַ גאַנץ באַזונדערן איינדרוק האָט די רעציטאַציע געמאַכט אויף זאַגאַנען. ער, דער בעסטער פּויליש־קענער צווישן אונז, וואָס פלעגט זיך תמיד נאָר שפּיגלען מיט די פּוילישע קלאַסיקער, איז פּשוט אַרומגעגאַנגען ווי אַ היפּנאָטיזירטער פון שלום־עליכמען. נאָך יעדער גייסטיקער אָנשטרענגונג ביי מאַרקס, אַדלער, בערנשטיין אָדער קאַוטסקי, האָט ער זיך תמיד געמוזט אָפּרוען ביי שלום־עליכמען.

נאָך אַ שטיקל צייט איז ווידער צו אונז קיין קראָקע געקומען גאָר נישט קיין אַנדערער, ווי דער גרויסער יידישער שרייבער און דענקער י. ל. פּרץ. דערשינען איז ער פאַר אונז איינגעהילט אין אַ לאַנגער פּעלערינע, אין אַ ברוין סאַמעט קאַפּעלישל מיט אַ גרינער פעדער פון הינטן, און מיט אַ פּאָר גרויסע שלאַכטשיצישע פּונאַנדערגעדרייטע וואָנצעס. געלייענט האָט ער זיין מייסטערהאַפטע נאָוועלע „באָנציע שוויג" אינם גרויסן זאַל פון „האָטעל קליין", אין דער גראָדזקע גאַס. זיין דיקציע איז געווען אַזוי וואונדערלעך, אַז דער גאַנצער זאַל מיט מענטשן איז געבליבן זיצן ווי היפּנאָטיזירט. זיינע גרויסע שוואַרצע פינקלדיקע אויגן האָבן געבריט, אָנגעוואָרפן אַ פּחד און פּאַרט צוגעצויגן, זיין שטרענגער און דאָך אַזוי ליבער קול האָט זיך אויף אייביק אין האַרצן איינגעבויערט. ווען מיר האָבן דערוואַכט, האָט אויסגע־בראָכן אַ געוויטער פון יוגנטלעכער התפעלות, יובעל־געשרייען און אַ בראַוואָ געקלאַפּעריי וואָס האָט גאָרנישט געוואָלט נעמען קיין ענדע. „נאָך לייענען, פּרץ זאָל נאָך לייענען", האָט עס געדונערט אינם גאַנצן זאַל. און פּרץ איז געווען גנעדיק און נאָך געלייענט פאַר אונז יוגנטלעכע אַרבעטער און אַר־

בעטערינס. געבענטשט זיינען געווען די מינוטן וואָס אונזער גרעסטער שרייבער און דיכטער האָט געלייענט, און גליקלעך זיינען געווען די וואָס האָבן געהאַט די זכיה אים צו הערן.

אויף אַ צונויפקום ווו ס׳זיינען אַנוועזענד געווען פירער פון פאַרשידענע פאַרטייען האָט זיך פרץ צו אונז געווענדעט בזה הלשון: „איר יוגנטלעכע אַרבעטער און אַרבעטערינס זייט דער בעסטער עלעמענט פונם יידישן פאָלק, אויף אייערע פון דער אַרבעט געבויגענע פּלייצעס וועט צוקומען אַ גרויסער און הייליקער עול — אייך וועט זיין באַשערט צו טראָגן די פאָן פון יידישן סאָציאַליזם און פון דער מאָדערנער קולטור אין יידיש״...

עס האָבן זיך אויך אויפגעשטעלט אייניקע אַרבעטער אינטעלעקטואַלן און געפּרוווט פרעגן ביי פרצן מיט מכלומרשט פאַרבאַהאַלטענע תרעומות: פאַרוואָס ער שרייבט אַ סך מאָל אַזוי בלשון סגי־נהור, נישט פאַרשטענדלעך פאַר יעדן איינעם, פאַרוואָס ער שרייבט נישט בעסער פשוט, גלאַטיק, מיט ווייניקער שטרייכעלעך און פינטעלעך נאָר אַזוי ס׳זאָל יעדער איינער פאַרשטיין?...

פרץ האָט דאָן געשמייכלט מיט אַ גוטמוטיקן אויסדרוק אָבער פאַרט מיט אַן ערנסטן קול געענטפערט: „ווער עס לייענט אַ זאַך איין מאָל און פאַרשטייט זי נישט, דאַרף ער די זאַך לייענען נאָכאַמאָל, און ווער עס האָט די זאַך שוין געלייענט צוויי מאָל און פאַרשטייט זי ווייטער נישט, מוז ער די דאָזיקע זאַך לייענען צום דריטן מאָל; ווער עס האָט אָבער די זאַך שוין געלייענט דריי מאָל און פאַרשטייט זי נאָך אַלץ נישט — איז אַ סימן אַז דער לייענער, אָדער דער שרייבער, טויג נישט״...

דער יונגער שכנא זאַגאַן האָט דאַן גערעדט איבער דער בילדונגס־נויטווענדיקייט פונם יוגנטלעכן אַרבעטער אין דער יידישער שפראַך. מיין ווייניקייט האָט דעקלאַמירט פרצס „דריי נייטאָרינס״ און מיינס אַ קליין לידל. ווי גליקלעך זיינען מיר דאַן געווען ווען פרץ איז צו אונז צוגעקומען און אין די בעקעלעך אונז קנייפּנדיק, זיך געווענדעט צו זאַגאַנען: „דו ייִנגע־לע, דאַרפסט אַ סך לייענען און נישט אויפהערן צו רעדן, אויך פּרווון אַמאָל אַן אַרטיקל צו שרייבן. און דו, ייִנגעלע״, האָט זיך פרץ צו מיר געווענדעט, „דאַרפסט אַ ביסל מער לייענען ווי שרייבן, ועסטו ווערן אַ גאָר וויל בחורל״...

עס איז דאַן אויך אַ ביסל שפּעטער געקומען קיין קראָקע דער באַליב־טער פאָלקס־דיכטער אברהם רייזען און דאָרט געלעבט אַ געוויסע צייט. זיין האַרציקע פשטות און ליבע נאָנטקייט אין שרייבן, רעדן און דער עיקר אין באַציאונג צו יעדן, האָט כמעט אַלעמען באַגייסטערט. עס איז נישט געווען

קיינער ווער עס האָט אין אים נישט געזאָלט זיין פאַרליבט. זער אָפט פלעגט מיין ווייניקייט מיט מיינע קאָלעגן יואל דעמביצער (איבערזעצער פון האָמער און סלאָוואַצקין אין יידיש און פון אַנ־סקיס „דיבוק" אין פויליש, אויפגע־פירט אינם קראָקעווער שטאָטישן טעאַטער), משה קיסלינג (באַרימטער עקספרעסיאָניסטישער מאָלער), געלעבט ביז צו היטלערן אין פאַריז, מרדכי געבירטיק (באַרימטער פאָלקס־דיכטער), א. שטרייסעלבערג (איבערזעצער פון דאַנטעס געטלעכע קאָמעדיע אין פויליש), נ. מיפעלעוו, באַוווסטער העברעאיש־יידישער שרייבער און ש. זאַגאַן, שפּאַצירן מיט אונזער ליבן פריינט און לערער אברהם רייזען אין די קראָקעווער אַלייען. ער איז געווען אונזער אַלעמענס טייערער חבר, וועגווייזער און דערציער. מיט אים האָבן מיר פאַרבראַכט מינוטן וועלכע מען קען קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ער האָט יעדן איינעם פון אונז סטימולירט צו זיין ווייטערדיקער אַרבעט, און מיט־געגעבן פיל האָפנונג און מוט אויף זיין ווייטן לעבנס־וועג. צו דער זעלבער צייט האָט אויך אונזער אומפאַרגעסלעכער משה טייטש געלעבט אין קראָקע. ער איז פשוט געווען ווי אַ גליד פון אברהם רייזענען און ער האָט אָן אים נישט געקענט לעבן. איבעראַל האָט מען אים מיט רייזענען באַגעגנט.

עס האָט אויך נישט לאַנג גענומען און מיר האָבן געהאָט דעם גרויסן כבוד צו האָבן מאָריס ראָזענפעלדן אַלס גאַסט אין קראָקע. הגם זיינע באַ־רימטע פּראָלעטאַרישע לידער, וועלכע ער האָט אויך איינציקאַרטיק דעקלאַ־מירט, האָבן אונז אַלע באַגייסטערט, האָבן מיר פאַרט עפּעס נישט גאַנץ נאָענט זיך צו אים געפילט, מחמת ער האָט זיך (לויט אונזער דעמאָלטיקער אויפפאַ־סונג) צופיל געחבֿרט מיט די ציוניסטישע אַקאַדעמיקער. אָבער ווען מיר האָבן זיך מיט מאָריס ראָזענפעלדן נעענטער באַקענט ביי משה ערלעכן (גע־וועזענער העברעאיש־יידישער שרייבער און לאַנגיאָריקער קאָרעספּאָנדענט פון אַמעריקאַנער „פאָרווערטס" אונטערן פּסעוודאָנים „יושר"), האָבן מיר ראָזענפעלדן אַלעס מוחל געווען און אים אויך ליב באַקומען. זיין טרויעריק פיזישער צושטאַנד און זיין קלעגלעכער מצב, האָבן אים אַ סך דערנענטער אויף זיין וועג געשליידערט, וועלכע ער האָט אָבער תמיד מיט ווירדע צעטראָטן.

ס׳קען זיך קיינער נישט פאָרשטעלן די שמחה אונזערע, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, בעת בער באָראָכאָוו איז געקומען קיין קראָקע. זיינע גאוניש־ע פאָרטראָגן וועגן „פּועלי־ציוניזם און יידיש", די פּערזענלעכע שמועסן און אונטערהאַלטונגען מיט אים, האָבן יעדן איינעם אַזוי פיל נשמה־רייכקייט אין לעבן אַריין מיטגעגעבן, אַז מ׳קען זיך פון זיי איביק נערן. אַ באַזונדערן טיפן איינדרוק האָט דער באַרימטער יידישער פילאָלאָג און פּועלי־ציון טעאָרע־טיקער געמאַכט אויף ש. זאַגאַנען. יעדע פרייע צייט איז ער נאָר צו באָראָ־

יוסף הלל לעווי פארזיצער פונעם י. ל. פרץ פאריין אין מינכן, זיין פרוי **מרים**, דר. י. נ. שטײנבערג און יעקב טייטל. עס שטייען פון לינקס אויף רעכטס, יוסף בינענפעלד, און יעקב **טארן**, מיטגלידער פונעם פאריין אין יאר 1929.

כאַוון געלאָפן כדי מיט אים צו פאַרברענגען, צו שטעלן אים פראַגן און אויס־הערן זיינע וווּנדערבאַרע תשובות. און נישט געשפּאָרט האָט דער גרויסער דענקער און נישט קלענערער מענטש, בער באָראָכאָוו, זיך אָפּצוגעבן מיט יוגנטלעכע אַרבעטער, צוקונפטיקע פּאַרטיי־פירער און יונגע טאַלאַנטן. און ווען עס איז נויטיק געווען איז ער פאַר די דאָזיקע אין וואָרט און שריפט עפנטלעך אַרויסגעטרעטן.

צווישן די שרייבער און קינסטלער וואָס האָבן אויף זייער וואַנדערונג אָפּגעטרעטן אין קראָקע און דאָרט געלעבט אַ געוויסע צייט האָבן אויך געהערט: דער אומשטערבלעכער דיכטער א. וויטער, וואָס האָט מיט זיינע פּאַרטראַגן און פאַרלעזונגען איבערגעלאָזן אויף זיינע צוהערער אַ געוואַל־טיקן איינדרוק, אברהם וועוויאָרקע, הערשעלע, אלמי, פּישל בימקאָ, בן־א. סאָכאַטשעווסקי, משה זילבורג (מיינער און זאַגאַנס אַ גאָר נאָנטער פריינט), און דער גרויסער אומרואיקער יידישער דענקער און אומפאַרגעסלעכער פאַרקעמפער פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור דר. נתן בירנבוים. דער דאָזיקער גרויסער יידישער דענקער האָט אויפגעוועקט אַ סך באַהאַל־טענע טיפע רעליגיעזע געפילן אין אונזערע הערצער, און אויפגעהעלט אונ־זערע מוחות צו פאָלקסטימלעכער יידישקייט און אונז פאַרבונדן מיט די צאַרטסטע אייביקע פעדעם פון יידישן פאָלק. זיין אייגנאַרטיקייט, איבער־געבנקייט און (אויב מען קען אַזוי זאָגן) פילאָזאָפישע און פאָלקסטימלעכע ליבע צו יידיש, האָט אונזער גאַנצע איינשטעלונג און באַזונדערס ש. זאַגאַנס צום יידישן שפּראַך־פּראָבלעם געגעבן אַ געוואַלטיקן שטויס.

נישט קיין קליינע ראָלע האָט אויך געשפּילט אין יידיש־געזעלשאַפט־לעכן לעבן דער אויפענטהאַלט אין קראָקע פונם באַקאַנטן היסטאָריקער דר. יצחק שיפּער. זיינע אָריגינעלע און טיף אַדורכגעטראַכטע פּאַרטראַגן און לעקציעס וועגן מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם, אַש און נאָמבערגן, האָבן גע־שמט איבער גאַנץ גאַליציע.

דער יונגער זאַגאַן האָט געהאַט אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט, און ער האָט זי טאַקע געהעריק אויסגענוצט און פיל געלערנט ביי דעם באַרימטן יידישן היסטאָריקער און פיינער עסטעט. עס זיינען שפּעטער אויך אָרגאַני־זירט געוואָרן ליטעראַריש־מוזיקאַלישע אָוונטן פאַר קראָקע און דער פּראָ־ווינץ. אַלגעמיינע באַגייסטערונג האָבן אויך אַרויסגערופן דר. שיפּערס אויס־געצייכנטע טראַקטאַטן איבערן „רענעסאַנס פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור", וועלכע ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אין יידיש. אין דער דאָמאָלטיקער צייט איז אויך אַרונטערגעקומען צו אונז דער באַרימטער גאַליצישער דיכטער שמואל יעקב אימבער. ער האָט גערעדט איבער יהואשן

און געלייענט אייניקע לידער פון זיין באַרימט־געוואָרענער פּאָעמע „אסתרקע״ וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס התפעלות.

שכנא זאַגאַן האָט נישט פאַרגעסן פרצס ווערטער, און באַלד אָנגעפאַנגען צו שרייבן אַרטיקלען אונטערן פּסעוודאָנים „נירון״, צו האַלטן פּראָפּאַגאַנדע רעדעס און אַרומצופאָרן אין דער פּראָווינץ אויף אַגיטאַציע, כדי צו הויבן דאָס יידישע וואָרט און צוצוציען די יוגנט. דער אַרבעטער יוגנט פאַריין האָט אויך אָרגאַניזירט אַ דראַמאַטישע סעקציע, אין וועלכער זאַגאַן האָט אָנטייל גענומען. אַ סך מאָל איז מיט אונז י. שיפּער מיטגעפאָרן און גערעדט איבערן יידישן טעאַטער: זיין ענטשטייאונג און באַדייטונג פאַר די יידישע מאַסן. אַמאָל האָבן מיר זיך פאַרקליבן צו פאָרן קיין קשאַנעוו כדי דאָרט אויפצופירן „קבצנזאָן און הונגערמאַן״ פון אברהם גאָלדפאַדן. זאַגאַן איז פאַרמשפּט געוואָרן צו שפּילן חנעלען.

עס איז קלאָר אַז אונזער ליבע צום טעאַטער איז געווען גרעסער ווי אונזערע שוישפּילערישע פעאיקייטן, אַז מיר זיינען נישט געווען קיין געהויבענע בינע־טעכניקער און קיין גרויסע רעזשיסאָרן, דערפון איז אָפּגערעדט, אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. איך וויל נאָר בקיצור דערציילן וואָס מיט אונז האָט אויף אַזאַ פאָרשטעלונג פּאַסירט. אַריינהאָקענדיק צווי האָקענס אין אַ וואַנט פון אַ פאַריינס־לאָקאַל, כדי צו קענען ציען אויף אַ שנור אַ קאָלדרע, וואָס איז געווען אונזער פאָרהאַנג, האָט זיך אונז אַמאָל געטראָפן, אַז די שנור איז צו פעסט געשפּאַנט געוואָרן, אַרויסגעריסן די האָקענס און די פאָרהאַנג איז אַראָפּגעפאַלן נאָך איידער מיר האָבן אָנגעפאַנגען צו שפּילן. מיר האָבן זיך גראָד געהאַלטן אין איבערטון. זאַגאַן איז פּונקט געווען פאַרנומען מיטן פאַרמירן זיך אַ בוזעם. בלייבנדיק אין זיינע קורצע תחתונימלעך איז ער נישט איבערגעשראָקן געוואָרן, נאָר אַ כאַפּ געטון זיין קלייד, זיך דערין איינגעהילט און אויף אַ בענקל אַרויפגעשטיגן און געהאַלטן אויסגעשפּאַנט די שנור מיט דער קאָלדרע ביז מיר האָבן זי ווידער באַפעסטיקט... דאָס געלעכטער און געקוויטש פון די מיידלעך, ווייבלעך און בחורים, האָט אויפגעהערט. ס׳איז ווידער געוואָרן אויס פורים. נאָר בזה האופן האָט אונז זאַגאַן אַרויסגעראַטעוועט פון דער מיזעראַבעלער טראַגי־קאָמישער סיטואַציע...

אַ וואַגנדיקער און איבערגעגעבענער געטרייער חבר איז תמיד געווען ש. זאַגאַן. זיין לעבנסמוט און שפּרודלדיקע פריילעכקייט האָט יעדערן אָנגעשטעקט.

אויף דער יוגנטלעכער אַרבעטער קאָנפערענץ, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אומגעפער אינם יאָר 1909־1910 אין לעמבערג, האָט ש. זאַגאַן שוין

פיגורירט כמעט אַלס איינער פון די הויפּט רעדנער און ביי אַלעמען שטאַרק אויסגענומען. מען האָט אים ליב געהאַט און געאַכטעט, מחמת זיין שאַרפן און לאַגישן באַנעמען פון יעדן ענין. און באַזונדערס אַ דאַנק זיין אויסערגעוועגלעכן רעדנער־טאַלאַנט.

אפשר אין דער זעלביקער צייט, אָדער אַ יאָר־צוויי פריער, איז אויך פאָרגעקומען איבער גאַנץ גאַליציע די „פאָלקס־ציילונג״, און צו דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיך בשעתו די פּאָליאַקן שטאַרק אונטערגעגאַרטלט, געזוכט צו געווינען אויף זייער צד די רוטענער און די יידן, כדי צו האָבן אַ גרעסערע מאַנדאַטור אינם עסטרייכישן פּאַרלאַמענט. מ׳האָט אונטערגעקויפט און געחנפעט, צוגעזאָגט כל טוב, נאָר זיך צו פאַרשרייבן אַלס אַ פּאָליאַק; דאָס מיינט, אַז פּויליש איז „די מוטער־שפּראַך״. און אַז דאָס איז נישט געגאַנגען מיט גוטן, האָט מען געפּרוווט מיט בייזן עס צו רעאַליזירן, דראָענדיק מיט כלערליי שטראָפן שבעולם. זאַגאַן און מיין וויניקייט זיינען דאַמאָלט אַרומגעפאָרן אַגיטירן איבער דער פּראָווינץ אָנצוגעבן יידיש אַלס „די מוטער־שפּראַך״. עס מוז דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז אַן אומגעהויערע ראָלע האָט דאַמאָלט געשפּילט דער באַרימטער למדן, שרייבער און ציוניסטישער עסקן, און באַזונדער גרויסער אוהב פון יידיש, לייבל טויבש ז״ל. זיין פּקחות און חריפות האָט שטאַרק משפּיע געווען אויף ברייטע יידישע קרייזן. ער האָט זיך פּשוט מוסר נפש געווען צו דערקלערן און צו באַווייזן די וויכטיקייט פון יידישן לשון, און דעם חוב וואָס יעדער ייד איז שולדיק זיין שפּראַך. ער האָט געהערט צו די ערשטע פּיאָנערן און פאַרקעמפער פון יידיש אין גאַליציע. זיין נאָמען מוז תמיד מיט אַזאַ ליבע און דרך ארץ דערמאָנט ווערן, ווי ער האָט געטראָגן צו יידיש און צום יידישן פאָלק. צוליב די זעלביקע פּאָליטישע טעמים וואָס די פּאָליאַקן האָבן פאַרלאַנגט אַז די יידן זאָלן אָנגעבן פּויליש אַלס זייער מוטער־שפּראַך, האָבן די ציוניסטן פאַרלאַנגט (פאַרשטייט זיך נאָר על־פּי מוז) אַז יידן זאָלן אָנגעבן „יידיש״. די אַקציע האָט מיט דער צייט אָנגענומען שאַרפערע פאָרמען. ס׳איז קלאָר, די פּאָליאַקן אַלס אַ מערהייט האָבן אונטער דער עסטרייכישער דעמאָקראַטיע דאַמאָלט פאַרמאָגט מער מיטלען און מעגלעכקייטן זייער פּראָפּאַגאַנדע אויסצוברייטערן און דורכצופירן. און דער קאַמף איז באמת נישט געווען קיין קליינער (הויפּטזעכלעך אין קראָקע) מחמת די עלטערן זיינען דאָס רוב געווען אָדער פאַנאַטישע חסידים, וואָס האָבן מורא געהאַט מורד במלכות צו זיין, אָדער פּוילישע אַסימילאַטאָרן, מיטן יידישן גלויבן (געראָפּענע משה רבינו פּערדלעך), מה יפית־ניקעס, וואָס האָבן זיך געשעמט מיט יעדן פּונק יידישקייט און שטאַלצירט מיט אַלעם וואָס איז געווען פּויליש. מיר האָבן באַשלאָסן משפּיע צו זיין אויף

אונזערע עלטערן, און נישט צו דערלאָזן בשום אופן וועלכע ס'איז בגידה פון פחדנות. מיר זיינען געווען באַרייט אויף אַלעם און האָבן אונזער באַשלוס דורכגעפירט. פאַרשריבן אויף די פראַגע־בויגענס אַז אונזער מוטער־שפּראַך איז יידיש, נישט פויליש!

אין אַ שיינעם האַרבסטיקן זונטיק פאַרמיטאָג איז עס געווען, בעת צוויי „פּאַכאַלקעס" זיינען געקומען מיך פאַרבעטן אויף דער פּאָליציי־סטאַציע. דאָרטן איז מען געווען אויסערגעוועהנלעך פריינדלעך צו מיר, מיך געבעטן זיך מיישב צו זיין און צוריקצוציען מיין אונטערשריפט, אויב נישט וועלן זיי זיך געצוווּנגען מיך אַריינצוזעצן אין תפיסה, מחמת עס איז נאָר פאַראַן צוויי מוטער־שפּראַכן: אייגנע פויליש און די אַנדערע דייטש, און אַזוי ווי מיר לעבן אַלע אין פוילן מוזן מיר דעם אמת שרייבן: אונזער „מוטער־שפּראַך" איז פויליש.

פון אַ נעבנדיקן פאַרהער־צימער האָב איך געהערט ש. זאַגאַנס דרייסטן און אויפגערעגטן קול: „באין אופן וועל איך מיין אונטערשריפט נישט ענדערן! דאָס געזעץ פאַרלאַנגט דאָך דעם אמת, אין קעגנפאַל ווערט מען באַשטראָפט, און איך וויל נישט באַשטראָפט ווערן. מיין מוטער רעדט צו מיר נישט קיין פויליש, מיין פאָטער אויך דאָס זעלביקע, און ס'איז קלאָר אַז זייער זון ענטפערט זיי נישט אין קיין אַנדער שפּראַך ווי זיי רעדן צו אים"...

— דו ביזט דאָך אָבער אַ פוילישער סטודענט וואָס וועט קומען אויף דער פוילישער אוניווערזיטעט, און סוף כל סוף ווילסטו דאָך דיין קאַריערע אויך נישט מאַכן ביי די דייטשן, נאָר אין פוילן.

— געוויס, איך בין אַ פויליש־יידישער סטודענט!

— דו האָסט אָבער פאַרגעסן, אַז דו טרעטסט אויף דער פוילישער ערד און עסט אויך פויליש ברויט...

— איך האָב גאָרנישט פאַרגעסן — האָט דער יונגער נאַציאָנאַל־באַוווּס־טער זאַגאַן זער העפלעך, אָבער נישט ווייניקער ערנסט געענטפערט — איך האַלט נישט פון די טעריטאָריאַלע גרעניצן וועלכע מענטשן האָבן זיך קינסט־לעך געשאַפן כדי זיך אַפּצוצוימען... ווען איר האַלט אָבער יאָ דערפון, איז דאָס אייער עסק. און איבעריקנס, טרעטן מיינע אבות כמעט שוין אַזוי לאַנג אויף דער פוילישער ערד ווי די אייעריקע! און מכוח דעם וואָס איר מיינט אַז איך עס פויליש ברויט, מוז איך אייך ענטפערן, אַז דער באָדן איז שוין נישט איינמאָל מיט יידיש בלוט באַפּרוכפּערט געוואָרן! דער אמת איז מיר אויך פיל וויכטיקער ווי אַלע אוניווערזיטעטן און קאַריערעס, און אויב מיין קאַריערע מוז זיך באַזירן אויף שקר, פאַרציכט איך אויף אַזאַ קאַריערע...

— וועסטו אין תפיסה אַריינקומען — האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר גע־

דונערט מיט כעס און שנאה.

— ביטע, מיין הער, אויב עס איז נויטיק פאַר דעם אמת צו זיצן, וועל איך עס גערן טון.

נאָך אַ קורצער צייט האָב איך זיך טאַקע מיט זאַגאַנען צוזאַמענגעטראָפן אין תפיסה. עס זיינען דאָרט שוין אויך געווען פאַרזאַמלט פאַרטיי־פירער פון דער „זש.פּ.ס.״ (גאַליצישן בונד), פון דער פועלי ציון און פון די ציוניסטן. חברה זיינען דווקא גאַרנישט געווען טרויעריק געשטימט, פאַרקערט, מיר האָבן אַזוי פיל זיך געוויצלט און געלאַכט, אַז אין די תפיסה־מויערן האָט נאָך קיינמאָל נישט געהילכט אַזוי פיל שפּרודלדיק פריילעך געלעכטער. איבעריקנס זיינען מיר אויך גאַרנישט לאַנג געזעסן, מחמת אַדוואָקאַטן פון אַלע פּאַרטייען האָבן אונז באַלד באַפרייט.

ווי די „„יידישע אַקציע״ האָט זיך דאַמאָלט פאַרענדיקט איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז נאָר, אַז די פּראָפּאַגאַנדע צוליב דער יידישער אַקציע האָט יידיש שטאַרק פּאָפּולער געמאַכט אויך צווישן נישט־יידן, און אויך איינגעפלאַנצט חשיבות און דרך ארץ ביי די פשוטע פאָלקס־מאַסן צו זייער שפּראַך, וואָס האָט אינסטינקטיוו ביי יעדן איינעם גערוט אין האַרצן און נאָר געוואַרט אויף אַ דערוואַכונג.

דאָס איז נישט געווען דער איינציקער פאַל, וואָס ש. זאַגאַן האָט געקעמפט פאַר יידיש און זיך דערפאַר איינגעשטעלט. אין אַלע זיינע פאַרטראַגן, דיסקוסיעס, פאַרטיי־צוזאַמענפאַרן און אין אַלע זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען, איז די ליבע צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור נישט געווען קלענער, ווי די ליבע צום פּראָלעטאַריאַט און צום סאָציאַליזם.

יידיש, האָט ער תמיד געטענהט, איז היינט אונזער לשון־קודש, מחמת דער פּראָדוקטיווער מענטש וואָס איז דער ווערטפולסטער און ערלעכסטער עלעמענט פון יידישן פאָלק, האָט די שפּראַך געהייליקט מיט זיין העראָאישן קאַמף פאַר אַ נייעם און גערעכטן לעבן. דערפאַר האָט זאַגאַן קיינמאָל נישט אויפגעגעבן דעם קאַמף פאַר יידיש, ווי אַ סך לינקע פועלי ציון האָבן עס געטון, פון רעכטע שוין אָפּגערעדט; ער איז געבליבן אַ פאַרעקשנטער יידישיסט ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ער האָט אויך שטאַרק געגלויבט אין דעם, אַז יידיש וועט אפילו נאָך אין פּאַלעסטינע אויפלעבן. און אויב יידיש וועט נישט קענען ווערן די הערשנדיקע שפּראַך אין לאַנד, וועט מען מינדעסטענס מוזן לאָזן אויסלעבן אין דער שפּראַך די מאַסן וואָס וועלן עס פאַרלאַנגען — און פאַרלאַנגען אפילו מוז מען אויך אַ מאַסע אויסלערנען. דעם סאָציאַליזם האָט מען אויך נישט פאַרלאַנגט, דעם ציוניזם נאָך ווייניקער, און דאָך האָט מען די מאַסן אויסגעלערנט ביידע; פאָדערן און פאַרלאַנגען!...

ווען זאַגאַן האָט זיך דערוווסט אַז איך בין אין 1930 געווען אין וואַרשע, איז ער תיכף געקומען מיך זען. איך האָב זיך דאַמאָלס אויך באַקענט מיט זיין זון, אַ תלמיד אין דער ערשטער קלאַס פֿון דער לינקער פּועלי־ציוניסטישער יידישער פֿאָלקס־שול; און מיט זיין ליבער פֿרוי, חברטע גוסטע טרויבמאַן (איר מיידל נאָמען)". מיר קענען זיך שוין, דוכט מיר — האָט זי געשמייכלט — אויב איך האָב נישט קיין טעות, נאָך פֿונם קראָקעווער „רחל־פֿאַריין".

קיין ספק איז מיר דאַמאָלט נישט באַשערט געווען מיט זאַגאַנען צו פֿאַרברענגען, הגם כ'האָב ביי אים געווינט, מחמת ער איז געווען שטאַרק פֿאַרנומען אין יענער צייט מיט פּאַרטיי־זיצונגען. פֿון זיין פֿרוי בין איך דערגאַנגען אַז ער האָט אָפּגעדינט פֿיר לאַנגע יאָרן אין דער עסטרייכישער אַרמיי, געווען אַ פֿעלדפֿעבל, און באַלד נאָכן קריג האָט אים בעלאַ קוהן, דער אָנפֿירער פֿון דער אונגאַרישער ראַטן־רעגירונג, צו זיך פֿאַרבעטן און ער איז געווען זיין סעקרעטאַר ביז צו דער לעצטער מינוט ווען די האָרטי־באַנדעס האָבן די יונגע קאָמוניסטישע רעפּובליק בלוטיק אַנידערגעשלאָגן. זייענדיק פֿאַרמשפּט צום טויט מיט בעלאַ קוהנען, איז עס זיי קוים געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פֿון די פֿינסטערע האָרטישע לאַפּעס.

ווייל זאַגאַן האָט דעמאָלט אַזוי ווייניק צייט געהאַט זיך מיט מיר אָפּצוגעבן, איז עס פֿאַרבליבן, אַז ער זאָל זיין רייזע וואָס ער האָט געדאַרפֿט האָבן לטובת דער יידישער פֿאָלקס־שול מאַכן איבער מינכען, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט זיך מיט מיר מער אַדורכצושמועסן און טאַקע אויך טיילן אונזערע יוגנט־זכרונות פֿון די לאַנגע אַמאָליקע גליקלעכע יאָרן, וואָס מיר האָבן צוזאַמען פֿאַרבראַכט.

אַ בריוו איז נאָך צו מיר דערגאַנגען, אין וועלכן ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז ער קלייבט זיך שוין צו פֿאָרן און אַז ער וועט אוודאי באַלד קומען; אָבער אַנשטאָט אים איז געקומען היטלער, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פֿאַרפֿאָלגונגען און אונטערדריקונגען פֿאַר יעדן פּראָגרעסיוו דענקענדן מענטשן און בפֿרט פֿאַר אַ יידן.

זאַגאַן האָט פֿון זינט ער איז אַרויס פֿון עסטרייכישן חיל, געלעבט אין פּוילן. אָפּגעזאָגט זיין ברודער (וועלכער איז געווען אַ באַקאַנטער פֿרויענאַרצט אין בערלין) גוטע לעבנס־מעגלעכקייטן, וואָס ער האָט אים אָנגעבאָטן, ווען ער וועט צו אים קומען.

די גאַנצע צייט איז ער נאָך פֿאַרבליבן צווישן זיינע גייסטיקע ברידער אין פּוילן, געלעבט אַ פּראָלעטאַריש אָרעם לעבן; געווען אַ געטרייער עקזעקוטיוו־מיטגליד פֿון דער לינקער פּועלי־ציון. מיטגעאַרבעט אינם וואָכן־

זשורנאַל, וואָס זיי האָבן אין וואַרשע אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט יעקב קענער, זרובבל און אַנדערע. געהאַלטן פאַרטראַגן, געפאָרן אויף אַגיטאַציע, געאַר־בעט אין דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע, אַלץ פאַר זיין אידעאַל, פאַר דער באַפרייאונג פונם יידישן פראָלעטאַריאַט. נישט פאַרלאָזן וואַרשע ווען אפילו די מאוימדיקע פלאַמען האָבן שוין געהאַט פאַרכאַפּט די לעצטע הייזער פונם יידישן געטאָ, און ביז די רוצחים האָבן אים נישט געטראָפן, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען דער פעלדפעבל פון דער יידישער געטאָ, שכנא זאַגאַן — ווי אַ פעלזן פעסט מיט זיין פרוי און צוויי קינדער, און נישט פאַרלאָזן זיין פאָסטן אַלס אַן אָנפירער אין אַ באַצירק פונם וואַרשעווער אויפשטאַנד, נאָר ער האָט געקעמפט געטריי און איבערגעגעבן, אַזוי ווי ער איז געווען אין זיין גאַנצן לעבן, פאַרן כבוד פונם יידישן אַרבעטער. און האָט ער נישט געקענט לעבן מער פריי, איז ער כאָטש געשטאָרבן ווי אַ העלד — שטאָלץ און פריי, ביז ער האָט זיין לעצטן אָטעם נישט אויסגעהויכט איז ער פון זיין פאָזיציע נישט אָפּגעטרעטן, נאָר געהייליקט זיין קעמפּענדיקן ערלעכן לעבן מיט אַ מאַרטירערישן טויט.

די אייביקע אומדערמידלעכע איבערגעבנקייט זיינע פאַר זיין ליכטיקן אידעאַל וועט קיינמאָל נישט ווערן פאַרלאָשן, נאָר וייטער לעבן אין די הערצער פון זיינע חברים, און באַלייכטן דעם ערלעכן לעבן זיינעם, וואָס האָט פאַרשריבן אַ רומפולן גרויסן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער „לינקער פועלי־ציון באַוועגונג״, אַזוי ווי אין דער געשיכטע פונם יידישן פאָלק.

יעקב קענער

ווער עס האָט געלייענט „די אַרבעטער יוגנט" (רעדאַקטירט פון יעקב קענער) נאָך אין די יאָרן 1907־1908־1909 און נישט פאַרגעסן די פיינע סקיצע „די מאַמע אין שפּיטאָל" מיט די פאַרשידענע אַרטיקלען און אָפּ־האַנדלונגען איבער פּאָליטיש־סאָציאַלע פראַגן, וואָס זיינען צעזייט און צע־שפּרייט איבער אומצייליקע צייטונגען און זשורנאַלן, און באַזונדערס דאָס פיינע בוך „אַ קווער שניט", דער קען עדות זאָגן אויף יעקב קענערס גרויסע שרייבערישע פעאיקייטן. יאָ, קענער האָט אַלעס געקענט זיין (נישט אויסגע־שלאָסן אפילו אַ רבֿ, מחמת ער איז געווען אַ גוטער תלמודיסט, דער זון פון אַ גרויסן למדן, אַ פּאַדוואָלאָטשיסקער דיין, אַ זעלטן אָפּגעהיטענער טייערער ייד). אָבער ער האָט אַלעס מקריב געווען, — מקריב געווען אפילו דאָס עלעמענטאַרסטע צו וואָס יעדעס מענטשל און מענטש קען זיך אין אונזער לעבן דערשלאָגן, ווי צו אַ ווייב און קינדער און אַ היים. און פאַרוואָס דאָס אַלץ? — ווייל זיינע קינדער זיינען געווען אַלע יידישע יוגנטלעכע אַרבע־טער, זיין פרוי — די סאָציאַלע פרייהייט און זיין היים — די גאַנצע וועלט, באַזונדערס ארץ־ישׂראל... וואָס ער האָט געוואָלט זען באַפרייט! ווייל הונדערטער טויזנטער טאַטעס און מאַמעס זיינען געווען פאַרדאגהט און פאַרפּלאָגט, נישט געקענט געבן אַכטונג פאַר זייערע קינ־דער, — האָט יעקב קענער געמוזט זאָרגן פאַר זייער דערציאונג, בילדונג, פאַרבעסערן זייער קלאָגעדיקן מצב, כדי זיי אַ ביסל גרינגער צו מאַכן דאָס שווערע לעבן.

און אַזוי האָט ער טאַקע געזאָרגט פון זיין פריסטער יוגנט אָן, ביז צו זיין לעצטן לעבנסטאָג. און ווער דען — וואָס האָט געלעבט אין קראָקע נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — קען זיך נישט דערמאָנען ווי אַ בלאַסער יינגערמאַן פון נידריקן וווקס איינגעהילט אין אַ לאַנגער פּעלערינע און אַ מיצקעוויטש־שלייף מיט גרויסע פינקלדיקע שוואַרצע אויגן און אַ יעזוס־בערדל אַרום דעם ברייטלעכן פּנים, האָט געוואַנדערט פון איין פאַבריק און פאַבריק צו דער צווייטער, כדי די 11־12־יאָריקע יוגנטלעכע אַרבעטער אויפצוקלערן און זיי אָרגאַניזירן אין דעם קראָקעווער „יידישן אומפּאַרטיי־אישן בילדונגס־פאַריין פון דער אַרבעטער־יונגט"?

יעקב קענער האָט געזאָרגט, אַז נאָך דער לאַנגער 12־שעהדיקער אַר־בעטס־צייט, זאָלן זיך די פאַרהאָרעוועטע יוגנטלעכע קענען פריי באַוועגן אין אַ ליכטיקן, טרוקענעם לופטיקן, זויבערן פאַריינס־לאָקאַל, פאַרזען מיט פאַרטראַגן און קורסן צו לערנען שרייבן, לעזן, רעכענען און טורנען, וואָס דער רוב פון זיי זיינען נאָך דאַמאָלט אין קיין שול נישט געגאַנגען. און טאַקע אינעם דאָזיקן אומפאַרטייאישן בילדונגס־פאַריין פון די יוגנטלעכע אַרבעטער אין דער „מעד־גאָס" נעבן טעמפּל, האָב איך זיך אַן ערך מיט 45 יאָר צוריק מיט יעקב קענערן באַקענט, און גלייכצייטיק אויך מיט די חברים שכנא זאגאַן (געפאַלן אין אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ) און משה יעקב קליפער (צו לאַנגע יאָר). מיין ווייניקייט מיט זאגאַן און קליפער זיינען דאַן געוואָרן אַ טריאָ פאַרבונדן אויפן גאַנצן לעבן און קענער אונזער יוגנט־לערער. מיט אַ גאָר באַזונדערער התמדה האָט ער זיך מיט אונז אָפּגעגעבן מחמת דער גוטער קינדער־פּסיכאָלאָג האָט אין אונז דערפילט פאַרשידענע פעאיקייטן.

מיר זיינען אין אים פשוט פאַרליבט געווען, ווייל ער האָט אונז אַזוי גוט פאַרשטאַנען. הגם כמעט אַליין נאָך אַ קינד, האָט ער שוין פאַרשטאַנען קיינעם נישט פאַרצוציען, כדי אונז נישט אייפערזיכטיק צו מאַכן, נאָר גלייך די ליבע זיינע צווישן אונז פאַרטיילט. יעדן פון אונז געגעבן פּאַסנדיקע ביכ־לעך צום לייענען, זאגאַנען סאָציאָלאָגיע, מיר און קליפערן מער פּאָעזיע און בעלעטריסטיק. אונז אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מיר מוזן אויך לערנען גע־שיכטע, און באַזונדערס טאַקע די געשיכטע פון יידישן פאָלק.

דער ערשטער, וואָס האָט מיינע און משה יעקב קליפערס לידלעך און אַרטיקלען געדרוקט איז געווען יעקב קענער, אין דעם חודש־זשורנאַל „די יידישע אַרבעטער יוגנט", וועלכן ער האָט אַליין רעדאַקטירט און אַרויסגע־געבן פאַר זיינע פון מויל אָפּגעשפּאָרטע אַליין אָפּגעהאָרעוועטע פאַר אָרימע גראָשנס. ער האָט אויך געזאָרגט פאַר מיינע, קליפערס און זאגאַנס דעקלאַ־מאַטאָרישע און אָראַטאָרישע פעאיקייטן.

זיין ליבלעכקייט איז געווען די צוציאונגס־קראַפט, וואָס האָט אַלע יוגנטלעכע הערצער באַוויגן און צוגעצויגן, ווייל ער איז געווען, ווי פריער שוין באַמערקט, אַ גוטער פּסיכאָלאָג, האָט ער פאַרשטאַנען דעם אָרימען דערשלאָגענעם אַרבעטער־קינד ממלא צו זיין דאָס, וואָס האָט אין דער היים אים אויסגעפעלט, ווי אויפמערקזאַמקייט, צערטלעכקייט, ליבע און אַנערקע־נונג. און דאָס אַלץ האָט טאַקע ווי אַ באַלזאַם געווירקט היילנדיק דאָס שווערע יוגנטלעך פאַרוואונדעטע געמיט...

דער יונג־אַלטער, און אַלט־יונגער אַקאַדעמיקער פון דעם אייביקן אוני־

ווערזיטעט פון לעבן — אין דעם שוין פריער באַשריבענעם הילוך — ווי ס׳האָבן זיך אויך דאַמאָלט געקליידט אַלע יידישע שרייבער און אינטעלעק־טואַלן — האָט תמיד געזאָרגט פאַר דעם יוגנטלעכן אַרבעטערס היגיענע פון גוף און פון גייסט.

און איז ווער פון אַן אַרבייטנעמער געקריוודעט אָדער באַליידיקט גע־וואָרן, איז יעקב קענער תיכף ומיד געלאָפן צום אַרבייט־געבער, מיט אים גערעדט, קלאָר געמאַכט דעם יוגנטלעכנס לאַגע און געבעטן פאַר אַ בעסע־רער באַהאַנדלונג און לוין. און ווען דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן, אויך געדראָט מיט אַנגעמען פאַרשידענע מאָס־מיטלען. און אַ סך מאָל די דראָאונ־גען טאַקע דורכגעפירט.

צוזאַמען מיט דעם אומגעקומענעם אַרבעטער־פירער שכנא זאגאַן און מיט פיל אַנדערע לעבן־געבליבענע, האָט אויך דער שרייבער פון די שורות יעקב קענערן אַ סך צו פאַרדאַנקען אפילו פאַר דעם ווייניקן, וואָס עס איז פון אים געוואָרן. אַלץ וואָס קענער האָט געהאַט און באַזעסן האָט צו אַלעמען געהערט און באַלאַנגט. זיין אָרימע היים איז געוואָרן די היים פאַר יעדן היימ־לאָזן, זיין בעט תמיד אָפן פאַר אַ חבר צו שלאָפן, און זיין טיש געגרייט פאַר יעדן הונגעריקן, נאָר זיין האַרציקע ליבע חברשאַפט איז געווען שקול כנגד כולם.

ווייל קענער איז תמיד געווען אינטערעסירט מיט זיינע תלמידימס אַנט־וויקלונג און פּראָגרעס, האָט ער זיך אויך שטענדיק געפרייט מיט זייער אָנערקענונג. זיין גאַנצע צייט און זיין לעבן האָט ער אָוועקגעגעבן, צוערשט פאַר דער פאַרבעסערונג פון דעם יוגנטלעכן אַרבעטערס מצב, און דערנאָך סתם פאַר דעם יידישן פּראָלעטאַריער. דערפאַר איז ער געבליבן אַ ציוניסט־סאָציאַליסט, אַ געטרייער קעמפער פונם לינקן פועלי־ציוניזם ביז צו זיין לעצטן אָטעמצוג.

אין די גליקלעכע שלום־צייטן, ווען יעדער האָט נאָך געלעבט במנוחה און ברויט, פּוטער, מילך, קעז, אייער, פלייש, גרינס מיט די ווייגונגען זיינען געווען בחצי־חינם אין גאַליציע — און מען האָט געקענט קויפן, ווי דאָס פאָלקס־ווערטל האָט געזאָגט, „אַן אָקס פאַר אַ גראָשן, נאָר ס׳איז נישט גע־ווען דער גראָשן פאַרן אָקס״, אין יענער צייט איז יעקב קענער פיל מאָל אַרומגעגאַנגען אין די קראָקעווער אַלייען דיסקוטירנדיק מיט אַנהענגער און קעגנער איבער ציוניזם און סאָציאַליזם, און נישט איינמאָל האָט עס זיך אויך געמאַכט, אַז קענער האָט געמוזט ערגעץ אין אַ פּאַרק איבערנעכטיקן . . . אָבער תמיד אַ פריילעכער, לעבנס־לוסטיקער, פול מיט הומאָר און דער עיקר מיט הונדערטער קליינע און גרויסע פּלענער און אונטערנעמונגען פאַר דער

פּאַרטיי און אָרגאַניזאַציע. יעקב קענער האָט נישט נאָר אַליין געזאָרגט פאַר דעם עקאָנאָמיש־סאָציאַלן און קולטורעלן מצב פון אַ וועלכן נישט איז לאָקאַלן יוגנט־פאַריין פון דער שטאָט אין וועלכער ער האָט זיך גראָד געפונען, נאָר אויך פאַר די פאַריינען פון דער גאַנצער מדינה.

אַזוי האָט עס אויך געקענט פּאַסירן, אַז יעקב קענער זאָל דווקא מוזן אויסטויישן דאָס אָרט, ווו ער האָט שוין געהאַט געוויסע לעבנס־מעגלעכקייטן און געווען אויך מער־ווייניק שוין איינגעלעבט מיט חברים אָנהענגער פון אַ גוטער אויסגעבויטער אָרגאַניזאַציע, — פאַר אַ סך אַ שלעכטערן אָרט, כמעט אָן פריינט, אָן אַ פאַריין און אָן לעבנס־מעגלעכקייטן, כדי צו שאַפן נייע אָרגאַניזאַציעס און צו פאַרברייטערן דאָס פאַריינס־וועזן.

ווער עס האָט זיך נישט געפונען אין קענערס נאָענטקייט און מיטגעלעבט די באַגייסטערטע צייט פון 1907־1908 אין קראָקע פאַר דער ערשטער יוגנט־קאָנפערענץ אין לעמבערג, ווי אַזוי קענער האָט דאָס אַלץ אָרגאַניזירט, אויסגעקליבן די יוגנטלעכע דעלעגאַטן און פאַרשאַפט די רייזע־הוצאות פאַר זיי, דער ווייסט איבערהויפּט נישט, וואָס באַגייסטערונג און איבערגעבנקייט הייסט.

צו קענערס שבח מוז נאָך געזאָגט ווערן, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין פּאַרטיי פאַנאַטיקער אָדער דעמאַגאָג, נאָר אַ ברייטהאַרציקער מענטש. עס איז אים נישט קיינמאָל ווייניקער אין האַרצן געלעגן ווי די אַנטוויקלונג פונם יוגנטלעכן אַרבעטער און די פאַרבעסערונג פון זיין לעבנס־מצב, — ווי די פּאַרטיי מיטן פּועלי ציוניזם... דערפאַר איז דער קראָקעווער יוגנט־פאַריין טאַקע געוואָרן אינם דאַמאָלטדיקן גאַליציע אַ שם־דבר, איבעראַל האָט מען זיך מיט אים גערעכנט, און אָראָפּגענומען פּרעלעגענטן און דעקלאַמאַטאָרן פאַר דער גאַנצער פּראָווינץ.

און וועלכער ייִנגערער אָדער עלטערער יידישער שרייבער און אינטעלעקטואַל עס איז נאָר געקומען אין קראָקע, איז — אָדער ער איז פאַרבעטן געוואָרן אויף אַ פאַרלעזונג אָדער פאָרטראַג אינם יוגנט־פאַריין, אָדער דער גאַנצער יוגנט־פאַריין איז קאָמפּאַקט געקומען צו זיין פאָרטראַג, נישט געקוקט דערויף צו וועלכער פּאַרטיי ער האָט אָנגעהערט. און דאָס אַליין איז שוין געווען אַן אַקט פון אמתער גרויסציגיקייט... אַזוי האָבן טאַקע אינם קראָקעווער יוגנט־פאַריין מיטגעווירקט דער באַרימטער דיכטער און עסייאיסט א. אלמי, י. ה. לעווי, פּ. בימקאָ, בן־א. סאָכאַטשעווסקי, א. וועוויאָרקע, הערשעלע, ש. י. אימבער, נחמן מיפעלעוו, מדרכי געבירטיק, משה ערליך, ה. דראַכליע און אַנדערע.

און ווען עס האָבן זיך אין קראָקע באַוויזן די קלאַסיקער פון דער יידי־

שער ליטעראַטור, ווי י. ל. פּרץ, שלום עליכם, מאָריס ראָזענפעלד, י. ראָזענ־פעלד, מ. טייטש, א. ווייטער און אברהם רייזען, איז שוין אָפּגערעדט, אַז עס האָט נישט קיין איינציקער פונם יוגנט־פאַריין פאַרפעלט צו קומען.

אומפאַרגעסלעך זענען צוויי עפּיזאָדן. דער ערשטער איז געווען, ווען קענער האָט פלוצים פאַרלאָזן קראָקע און זיך אויפגעהאַלטן אין טאַרנע אַרום 1905־1906 און מיין בענקשאַפט צו אים איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך בין אַנטלאָפן פון דער היים און זיך האַלב צופוס און האַלב אויף פורן געלאָזן צו אים, און אים אויפגעזוכט... קענער האָט מיך אַנגעקוקט נשתומם, אָבער באַלד מיט פאָטערלעכער ליבע זיך צו מיר געווענדעט: דו ווייסט און פאַרשטייסט דאָך (איך האָב עס דאַמאָלט נישט געוווסט און נישט פאַרשטאַנען) אַז איך בין פון קראָקע אַוועק ראשית כל, מחמת דער טאַרנער פאַריין מוז בעסער אָרגאַניזירט ווערן, ושנית, ווייל איך האָב אין קראָקע שוין אַלע קעז־קיכלעך און פלאָדנס אויפגעגעסן... אָבער נישט געזאָרגט, גאָט איז אַ פאָטער! — האָט ער מיך צערטלעך אַרומגענומען זעענדיק, אַז מיינע אויגן ווערן פאַרוואָלקנט מיט שרעק — וואָס איך וועל עסן וועסטו אויך עסן, וואָס עס וועט זיין מיט מיר, וועט זיין מיט דיר. — אין דעם שיינעם שמעקנדיקן טאַרנער גאָרטן, ווו מיר האָבן זיך דאַמאָלט געפונען, האָט קענער נישט צו־פיל געגעסן, נאָר אַ גליק איז געווען, וואָס איך האָב דאַמאָלט געהאַט מיטגע־בראַכט אַ פּאָר זעקסערלעך מיט זיך, און די דאָזיקע האָבן מיר פאַרצערט. אָבער מיר האָט נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט בעסער געשמעקט אַ מאָלצייט, ווי דאָס דאַמאָלטדיקע מאָלצייט פון פּוטער, ברויט, פּוילישן ווייסן קעז מיט אַ פרישן קווערטל זויערמילך און סמעטענע.

די גליקלעכע צייט, וואָס איך האָב דאַמאָלט מיט קענערן פאַרבראַכט, און דער עיקר דאָס איבערנעכטיקן אין גאָרטן, באַגלייט מיט די פאָטערלעכע באַלערנדיקע רייד זיינע, דעם געשמאַק פון כלערליי בלומען און קרייטעכ־צער, דאָס איז פאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון.

און דער צווייטער עפּיזאָד איז געווען אין וואַרשע בעת איך בין געווען אין יאָר 1930 אויף אַ טורנע איבער פּוילן. נאָך די לאַנגע שווערע מלחמה־יאָרן, וואָס איך האָב מיין יוגנט־פריינט שכנא זאַגאַן נישט געהאַט געזען און זיך מיט אים ווידער באַגעגנט אין דער רעדאַקציע פון וואַרשעווער „אַרבע־טער וואָרט", האָב איך זיך פּשוט נישט מער געקענט איינהאַלטן און אויס־געבראָכן אין זיינע אָרעמס מיט טרערן. באַלד איז יעקב קענער דערשינען, אַ צעשמייכלטער אָבער אויך טיף־גערירטער: העי, וואָס פאַר אַ געיאָמער איז דאָס! זאָלן שוין ליבער אונזערע שונאים וויינען, מיר וועלן בעסער לוס־טיק און תמיד לעבעדיק זיין. — זאַגאַן, דער גוטער פּאָליטיקער זון גלענצנ־

דיקער רעדנער, האָט דאַמאָלט אפילו אַ וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען, נאָר לאַנג מיט זיינע גרויסע בלויע אויגן נישט אויפגעהערט מיך צו באַקוקן, און דאַן געפרעגט ווו איך ווין...

עס איז געווען אַ רירנדיקע באַגעגעניש פון דריי יוגנט־פריינט נאָך אַט די לאַנגע ליידן און נסיונות פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין דער רע־דאַקציע פון „אַרבעטער וואָרט“ אין וואַרשע — וועלכע האָבן יעדער אויף זיין אופן נהנה געווען פון עסטרייכישן מיליטאַריזם. קענער קעמפנדיק אויף דעם איטאַליענישן פראָנט, זאגאַן אויף דעם גאַליציש־רוסישן פראָנט און מיין ווייניקייט אין מיליטער־לאַזאַרעטן און אין שמוציקע פערד־ און קו־שטאַלן, וואָס זיינען אין קאַסערנען פאַרוואַנדלט געוואָרן. ווען איך בין פון דער רעדאַקציע אַרויס, האָב איך געפילט ווי שווערע שטיינער וואַלטן זיך פון מיין האַרץ אַראָפגעקייקלט, אַזוי לייכט איז מיר געוואָרן, נאָכן אַראָפרעדן זיך, אויף דער נשמה...

צומאָרגנס אין דער פרי אַרום 7 אַזייגער האָט מען געקלאַפּט אין דער טיר פון מיין צימער אין האָטעל „קראַקאָווסקי“, ווו איך בין איינגעשטאַנען. אַ פאַרשלאָפענער פרעג איך: ווער איז עס? — פרעג נישט קיין שאלות נאָר עפן! — איך עפן די טיר, און עס שטייט פאַר מיר שכנא — שכנא זאגאַן מיט דעם געלאָקטן בלאָנדלעכן קאָפּ און די תמיד גוטע בלויע אויגן, מיט אַ לייכטן שמייכעלע אויף זיינע דינע פיינע ליפּן.

— ווי האָסטו דיר דאָס פאַרגעשטעלט — האָט ער ביי מיר געפרעגט — דו וועסט קומען פון מינכען נאָך אַזוי פיל יאָרן זיך נישט זען, קיין וואַרשע, און דו וועסט נעכטיקן און לעבן אין אַ פרעמדן האָטעל, בעת דיין יוגנט־פריינט וווינט דאָ מיט אַ פרוי און צוויי קינדער? אַז דו ביזט שוין געוואָרן אַזוי פאַרדייטשט, האָב איך נישט געגלויבט. דאָס איז אוודאי שוין די השפעה פון דיין דייטשן פאַספּאָרט...

— באַרואיק זיך, נישט איך און נישט מיין פּאַס איז דייטש געוואָרן; עס איז דערפאַר ווייל איך וויל דיר נישט קיין טרחה מאַכן, אפשר האָסטו נישט קיין גרויסע וווינונג, און איך בין אין דער סיטואַציע צו קענען באַצאָלן פאַר אַ האָטעל...

— רעד נישט קיין שטותים, סיטואַציע שמיטואַציע, מיין וווינונג איז גענוג גרויס אויף צו קענען לאָזן איבערנעכטיקן אַ חבר. פּאַק דיר גיך צענויף דיינע זיבן זאַכן, און קום מיט מיר. דו וועסט זיין אונזער אַנגעלייגטער גאַסט ווי לאַנג נאָר דו וועסט וועלן פאַרבלייבן אין וואַרשע. מיין פרוי איז שוין אַ האַלב־באַליידיקטע פאַרוואָס דו ביזט נישט גלייך צו אונז געקומען וויסנדיק, אַז מיר געפינען זיך דאָ... — און שכנא זאגאַן האָט געכאַפּט מיין וואַליזקע

און מיך געבראַכט צו זיך אַהיים אין דער מוראַנאָווער גאַס אין זיין קליינער אָבער ציכטיקער וווינונג, מיט זיין שיינער באַחנטער פרוי און ליכטיקע קינדערלעך, ווו איך האָב פאַרבראַכט די אינטערעסאַנטע און גליקלעכסטע טעג אין מיין לעבן; הגם זיין וווינונג איז דווקא אַ גאָר קליינע געווען האָב איך זיך דאָרט געפילט גערוימער און אויפגעלייגטער ווי אינעם שענסטן און גרעסטן פּאַלאַץ.

קענער און זאגאן האָבן מיך אויך געפירט אין דער יידישער פאָלקסשול געגרינדעט פון די לינקע פועלי־ציון. איך בין נתפעל געווען — ראשית כל פון דער זויבערקייט, והשנית פון דער קענעווודיקייט פון די בראווע קינדער, והשלישית פון דער האַרציקער און חברישער באַציאונג פון די לערער צו די קינדער.

איך בין פשוט אַ גערירטער געווען, ווען אַ 11־יאָריק בלאָס מיידעלע האָט מיר פאָרגעלייענט מיינס אַ קינדער־לידל „צום שמעטערלינג" (געווען געדרוקט אין די „גרינינקע ביימעלעך" ווילנע). איידער איך האָב די שול פאַרלאָזן האָב איך באַגריסט די טייערע קינדערלעך מיט מיינע אומפאַרגעס־לעכע יוגנט־פריינט שכנא זאגאן און יעקב קענער. באַלד דערנאָך האָבן די לינקע פועלי־ציון פאַר מיר אויך אַראַנזשירט אַ גרויסן ליטעראַרישן אָוונט אויף וועלכן ס'האָבן אָנטייל גענומען די באַוווּסטע שרייבער און דיכטער: מלך ראַוויטש, משה זילבורג, י. פערלע, י. י. זינגער, קאַדיע מאָלאָדאָווסקאַ, י. קירמאַן, איציק מאַנגער און אַנדערע.

דער אָוונט איז געווען אַ זער דערפאָלגרייכער. קענער האָט מיר נאָכן אָוונט געגעבן אַ האָנאָראַר פון 70 זלאָטעס, וועלכע איך האָב צוריקגעלאָזן פאַר דער שול.

מיר האָבן זיך האַרציק אָפגעזעגנט און איך האָב זיך געלאָזן קיין לאָדזש און ווילנע, וואו האָט געקאָנט פאָראויסזען די קאַטאַסטראָפע — אַז איך וועל מיינע טייערע יוגנט־פריינט שוין קיינמאָל מער ניט זען. — איינער וועט ווערן דערמאָרדעט מיט 6,000,000 פון אונדזערע ברידער, און דער צווייטער וועט פּלוצים אומגעריכט אַוועקפאַלן און צעשטערן מיין גרעסטע בענקשאַפט, זיך מיט אים נאָכאַמאָל אין מיין לעבן צו באַגעגענען אויך צו קענען זיך אַדורכרעדן, און אויסצורעדן אויסצוגיסן די ביטערע געמיטער מיט די צוריקגעבליבענע ברענענדיקע טרערן נאָך דעם מאָוימדיק דריטן גרעסטן חורבן וואָס די דייטשע באַרבאַרן האָבן גורם געווען צו אונדזערע אומשולדיקע ברידער.

אין אַ צייט אַרום האָב איך זיך געקליבן צו פאָרן קיין ארץ ישראל, אָבער ליידער מיין חלום ניט געקענט רעאַליזירן. האָב איך מיין קו־

זין יוסף הלל בינענפעלד געבעטן אויפצוזוכן יעקב קענערן און אים גרוסן פון מיר איבערצוגעבן. מיין קוזין האָט מיין בקשה ממלא געווען — קענערן גרוסן פון מיר געבראַכט און מיר טרויעריקע גרוסן פון אים צוריקגעבראַכט.

ער האָט פאַרלאָזן אַמעריקע, ווו ער איז שוין געווען גאַנץ נישקשהדיק איינגעאָרדנט, אַפילו מיט אַ שטיקל פּאָזיציע און זיך תיכף ומיד געלאָזן קיין ארץ־ישראל — ווי נאָר די יידישע מדינה איז אויסגערופן געוואָרן, ווייל ווי האָט עס דען געקענט גאָר אַנדערש זיין?! אָבער לײדער האָט ער זיך מיט דער צייט אויך דאָרט ניט גוט געפילט, ער איז געווען פאַרביטערט, פאַר־איינזאַמט און ניט פאַרנומען דאָס אָרט — וואָס ער האָט פאַרדינט און צו אים באַלאַנגט — דעם געטרייען אָרגאַניזאַטאָר פון דער „באָראָכאָוויזגנט".

יעקב קענער, דער זון פון אַ פּאָדוואָלאָטשיסקער דיין (אַ שטעטל אין גאַליציע ביי דער רוסישער גרעניץ, וואָס האָט געהאַט די באַן־ליניעס צו דער אוקראַינע) איז אַליין אויך געווען אַ גוטער גמרא־קאָפּ און האָט פאַר־מאָגט אַ גרויס וואַרעם חסידיש האַרץ, וואָס האָט ליב געהאַט דאָס יידישע פאָלק און דאָס יידישע לשון פונקט אַזוי ווי שכנא זאגאַן דער אייביקער „יידישיסט" . . .

ער — דער געטרייער באָראָכאָוו אַנהענגער האָט געמוזט צוזען — ווי מ'האָט אין אייגענעם אויסגעהלומטן און שווער אויסגעקעמפטן לאַנד באַעוולט דאָס יידישע לשון, און ווי אַפילו געטרייע חברים האָבן עס פאַר־ראַטן; דאָס דאָזיקע לשון פאַר וועלכן דער אומשטערבלעכער בער באָראָ־כאָוו האָט אַזוי געשטריטן מיט זיינע פילאָלאָגישע טראַקטאַטן און באַזונדערס מיט דער גאונישער אָפּהאַנדלונג: „אַ גרויס פון פאַר פינפהונדערט יאָר" אין וועלכן באָראָכאָוו ווייזט אָן אויף אַ וונדערבאַרן אופן דעם ווערט, די באַדייטונג און די אָריגינאַליטעט פון אונדזער יידיש . . .

יאָ, קענער האָט געמוזט דערלעבן צו זען, ווי די גאַנצע טייערע יוגנט, וועלכע ער האָט דערצויגן מיט דער יידישער קולטור איז פון די דייטשע מערדער דערמאָרדעט געוואָרן.

דער איבערגאַנג (ווי ס'רעדט זיך כלומרשט) פון יידיש אויף העברעאיש —אין ארץ־ישראל איז ביי יעקב קענערן גאָרניט געווען אַזאַ נאַטירלעכע דערשיינונג, און אוודאי און אוודאי ניט קיין „היסטאָרישע נויטווענדיקייט" ווי אַ סך לינקע פּועלי־ציון ווילן היינט באַהויפּטן . . .

און דערפאַר האָב איך גוט געקענט תופס און משיג זיין די איינ־זאַמע פאַרביטערונג און די פאַרביטערטע איינזאַמקייט פון מיין יוגנט־דערציער אין ארץ־ישראל . . . אלס איינער פון די ערשטע מיטגרינדער פון דעם באָראָכאָוויזם, ווי א. ל. שוסהיים, כתריאל (כאַזאַנאָוויטש), זרובבל, נ.

מיפּעלעוו, בערל לאָקער, האָט אויך י. קענער אַ צייט לאַנג רעדאַקטירט דעם „יידישן אַרבעטער" (אָרגאַן פון די עסטרייכישע פּועלי־ציון) אומדערמידלעך — אין וואָרט, שריפט און טאַט געווירקט פאַר דעם באַראָכאָוויסטישן אי־דעאַל. ער איז געשטאָרבן פאַראייגזאַמט אין זיין דירה אין שיכון עירוני קרית־בורוכוב ביי רמת־גן.

קיין מצבה וועט קענער ניט ברויכן, — ווייל זיין מיפּולער און איבער־געגעבענער לעבן, וועט בלייבן ווי די העכסטע מצבה וואָס שפּאַרט זיך אין דער אייביקייט אַריין, און קיין צייט קען זי ניט אויסמעקן און פאַרזינקען. ווייל יעקב קענער האָט געלעבט איבער דער צייט! . . .

יוסף האָלענדער

סך הכל נאָר 52 יאָר אַלט געוואָרן. כמעט אַ חוזק צו די ריזן־בערג פון פּײַן, צרות, דחקות, פאַרצווייפלונג, טויט־שרעק און טרערן, איבער וועלכע דײַן צאַרטער, שלאַנקער און איידעלער גוף איז דורך אונזער פינסטערן גורל פאַרמשפּט געוואָרן איבערצוקלעטערן...

הגם מיר זיינען מיט דעם טויט, זינט אונזער דריטן חורבן, שוין אַזוי פאַרברידערט געוואָרן, היילט אונז פאָרט נישט שאָפּענהויערס אויסגע־חקרנטע רפואה, אַז „מיר זאָלן אין טויט נישט געדענקען, ווייל עס וועט אונז דערנאָך נישט וויי־טון, אַזוי ווי עס האָט אונז אויך נישט וויי געטון איידער מיר זיינען געבוירן געוואָרן"...

הגם עס דאַכט זיך אונז אָפּט אויס, אַז ס'איז נאַריש דער ווייטיק, מחמת מיר האָבן סוף־כל־סוף שוין דאָרט אַ סך מער נאָענטע, טייערע און פאַר־וואַנדטע, ווי עס איז אונז דאָ, אין דעם עמק הבכא, איבערגעבליבן, קאָנסטו אָבער דאָך נישט פּטור ווערן פון דעם נאָגנדיקן געפיל, וואָס נעמט אַרום דיין נשמה, גלייך ווי דער „הבל־הבלים" וואָלט איבער דיר זיינע בלייערנע פליגל אויסגעשפּרייט און דיך אין כף־הקלע אַריין פאַרטראָגן. אַזוי באַנג ווערט עפּעס אויפן האַרצן און נישט ווילנדיק טראַכסטו: „דער מענטש, די קרוין פון דער נאַטור, וואָס האָט שוין אַזוי פיל זיכערע מאָרד־און־טויט־אינסטרומענטן אויסגעטראַכט פאַר דעם קורצן מענטשן־לעבן — האָט אפילו נאָך נישט באַוויזן דאָס מינדסטע רפואהלע צו באַשאַפן, כדי דעם טויט אַ ביסל אומזיכערער צו מאַכן..."

אַט דער גרויסער און דערהויבענער מעכטיקער בעל־שכל און תקיף, ווערט פלוצלינג אויף איינמאָל אַזוי אָפּהענטיק און מאַכטלאָז, נעמט און פאַלט אַוועק ווי אַן אָרעמער פויגל, כלא היה...

אינם יאָר 1923 האָב איך דיך דאָס ערשטע מאָל אין מינכען געזען, און באַלד אַזוי פאַרקניפּט געוואָרן מיט דיר, ווי איך וואָלט דיך פון תמיד אָן שוין געקענט. דו ביזט דעמאָלט נאָך יונג און פריש געווען, ווי אַ צעבליטער צעדערבוים, און גענומען דווקא דיין קאָפּ אין הימל אַריינבויערן ווייל דיינע פיס זיינען געווען אַזוי טיף פאַרוואָרצלט מיט דער ערד...

ס'איז אויך דעמאָלט געווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיט די

ביטערע פעטלורע־פּאָגראָמען, נאָך דער „באַלפור־דעקלאַראַציע", מיט דעם ווייס־בוך, נאָך דעם דורכפאַל פון דער דייטשער רעוואָלוציע און די דער־מאָרדונג פון קורט אייזנער, אויגען ניסן לעווינע, גוסטאַוו לאַנדאוער אין מינכען און ק. ליבקנעכט, ראָזע לוקסעמבורג מיט וואַלטער ראַטענאו אין בערלין.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווי דו ביזט צו מיר געקומען דאָס ערשטע מאָל אין מיין פירטן גאָרנדיקן בוידעם־שטיבל אין דער טיר־שטראַסע 51 צוזאַמען מיט דעם דיכטער אליעזר שינדלער. מיר זיינען דאָן זאַלבע־דריט געזעסן ביז טיף אין דער נאַכט, גערעדט און מתווכח געווען איבער דעם וועלט־סאָציאַליזם און דער אַנגעווייטיקטער יידן־פּראָגע, איבער דער אייראָפּעאישער און יידישער ליטעראַטור. מיר האָבן אַזוי לאַנג און ברייט געשמועסט ביז עס איז ביי אונז נולד געוואָרן די אידעע אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל „אונזער סביבה" כדי די מזרח־יידן גייסטיק נענטער צו ברענגען און אויפצובליען דאָס אין זיי זיך שוין כמעט פאַרלאָשענע יידישע פלעמל...

איך וועל תמיד געדענקען, ווי דו ביזט אַ באַגייסטערטער מיט דער אידעע אַרומגעלאָפן צווישן אַלע מינכענער יידן און אויפגעזוכט אינטערעסאַנטן מיט אַבאָנענטן אויף צו קענען רעאַליזירן אונזער ליטעראַרישן פּלאַן. ווי גליקלעך האָט דיין שטים אין טעלעפאָן געהילכט, בעת דו האָסט מיר אָנגע־קלונגען, אַז דער ערשטער נומער איז שוין געזיכערט...

טאַקע באַלד דערנאָך איז אין מינכען דעם 15־טן נאָוועמבער 1923 דערשינען דער ערשטער (און לײדער צוגלייך דער לעצטער) העפט „אונזער סביבה", „ליטעראַריש־פּובליציסטישע פלוג־שריפטן", אונטער דער רעדאַק־ציע לייטונג פון י. האַלענדער, אליעזר שינדלער און י. ה. לעווי מיטן אינהאַלט: „אויפן וועג צו דער מענטשהייט". האַלענדער (אַרטיקל), א. שינד־לער (לידער), גערהאַרט האופּטמאַן (עסיי), י. האַלענדער, און „די פּאַלטשע סאָנאַטע" (דערציילונג) י. ה. לעווי.

נאָך דער פינסטערער רעאַקציע, וואָס האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן פּאַמעלעך אויסצושפּרייטן אירע בלוטיקע לאַפּעס צוערשט אין בייערן און דערנאָך איבערן גאַנצן דייטשן רייך — האָט מען אי מיך, אי דיך אויסגע־וויזן פון גאַנץ בייערן. דו האָסט זיך דאַן באַזעצט אין קאַרלסרוהע (באַדען) און איך אין לייפּציג (זאַקסן). אונזער קאָנטאַקט אָבער האָט שוין מער קיינער נישט געקענט איבעררייסן ביז די היטלעריסטישע בעסטיע איז געקומען און אַלץ פאַרוויסט און צעשטערט.

ווען איך בין ביי דיר געווען אין קאַרלסרוהע אויף אַן אוונט צוזאַמען מיט דעם באַוווסטן קאָמפּאָניסט און כאָר־דיריגענט יאָזעף ציגלער (אומגע־

קומען אין דאַכאו), וואָס די קאַרלסרוהער פּועלי־ציון האָט געהאַט אָראַנ־זשירט פאַר מיר — האָסטו באַלד ווידער פונאַנדערגעוויקלט דיינע פּלענער, וועלכע דיין נשמה האָט מיט דעם גרעסטן אייפער און פיבער געזוכט צו פאַרווירקלעכן מיט אַלע מעגלעכע און כמעט אוממעגלעכע מיטלען.

איך וועל אויך קיינמאָל נישט פאַרגעסן די שטראַלנדיקע פרייד, וואָס האָט אַרויסגעלויכטן פון דיינע אויגן, בעת דו האָסט מיר מבשר געווען, אַז דו ביזט אַריינגעטרעטן אין אויסשוס פון דער קאַרלסרוהער „סאָציאַל־דע־מאָקראַטישער פּאַרטיי". דאָס וועט זיין די אייזערנע בריק — האָט דיין שטים פול מיט בטחון געשאַלט — דורך וועלכע אונזערע ציוניסטיש־סאָ־ציאַליסטישע אידעאַלן וועלן קאָנען פריי אין אַלע לענדער אַריינמאַרשירן, כדי דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אויפצוקלערן, אַז מיר זיינען אַ באַזונדער פאָלק, מיט אַ באַזונדערער שפּראַך, ליטעראַטור, און דער עיקר — מיט באַזונדערע עקאָנאָמישע און קולטורעלע אינטערעסן. ווייל דער הייליקסטער חוב פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט איז אונז צו העלפן לייזן די אָנגעווייטיקטע יידן־פראַגע...

מיר זיינען דאַן זאַלבע־דריט, קאַפּעלמייסטער יאָזעף ציגלער, דו און מיין וויניקייט אין דיין קליינעם ציכטיקן חדרל אַריינגעקומען. אויפפאַלנדיק האָבן צו אונז אַרונטערגעוווּנקן די קידוש־לבנה־אותיות, וועלכע זיינען גע־ווען אויסגעהאַפטן אויף אַ רויטן באַנד, וואָס איז געווען אויסגעשפּאַנט אויף דער וואַנט נעבן וועלכער דיין בעט איז געשטאַנען, מיט דער פּאַראָל „פּראָ־לעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!"

ווען די ערט אין דייטשלאַנד איז דיר צו הייס געוואָרן, ביזטו אַנטלאָפן קיין שטראַסבורג (עלזאַס לאָטרינגען) און דאָרטן חתונה געהאַט. פון צייט צו צייט האָב איך געלייענט דיינע אַרטיקלען אין יידישע און אין דייטשע זשורנאַלן. זיי זיינען אַלע געווען אָנגעלאָדן מיט פּאַטאָס, האָפנונג, צער, דער עיקר — מיט טיפער ליבע צום יידישן פאָלק, בפרט צום אַרבעטער. ווייל דו ביזט געווען דער אמתדיקער טריבון, וואָס האָט נישט געקענט לעבן אָן „עמך". דער ציוניזם איז געווען דיין צעבליטער אומענדלעכער הימל, און דער סאָציאַליזם — דיין צעבליטע דופּטיקע ערט. סען סימאָן, פּרודאָן, אועון, מאַרקס, פון לינקס — משה העס, מאַקס נאָרדאו, נחמן סירקין מיט בער באָראָכאָוון פון רעכטס — זיינען געווען דיינע געטרייע לערער ביי וועלכע דו האָסט זיך מיט עילויישער התמדה געלערנט קעמפן, ליבן, האָסן און גלויבן אין אַ נייער וועלט מיט אַ פרייען גערעכטן מענטשן, וועלכע וועט נאָך מוזן קומען. נאָר דיין בעסטער בוך, מיט די גרעסטע לערער זיינען געווען די נביאים, דער תנ"ך פון וועלכע דו האָסט נישט אויפגעהערט ביז

צו דיין לעצטער מינוט צו שעפן עפּאָס, פּאַטאָס און דאָס אייביקע ליכט פאַר דיין נשמה...

נאָך לאַנגע ביטערע יאָרן פון שרעק, טויט, מאָרד, טרערן, בלוט און פייער, ווען מיר זיינען פון דער שבעה אויפגעשטאַנען נאָך דעם דריטן און גרעסטן חורבן אונזערן, וועלכער האָט אונז אַלע איבערגעלאָזן אַלטע, קראַנקע און אייביק צעבראָכענע אבלים — האָב איך פּלוצלינג אין אַ נעפּלדיקן זער שפּעטן פעברואַר־אָוונט געהערט מיין טעלעפאָן קלינגען. איך בין צוגעגאַנגען אויפהויבן ס׳טרייבל, געהערט עפּעס אַ באַקאַנט קול, מיינע הענט און פיס האָבן אָנגעהויבן ציטערן... „יאָ, איך בין עס, יוסף האַלענדער!” אַ ווײַלע האָבן מיר ביידע נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסברענגען, מחמת טרערן האָבן אונז ביידע געוואָרגן...

איך בין געקומען צו אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ און צו דיר, מיין אַלטער, טייערער יוגנט־פריינט, קיין לאָנדאָן. מיר וועלן זיך מאָרגן זען. און צומאָרגנס האָבן מיר זיך טאַקע געזען.

איך וועל דיין געוויין — בעת דו ביזט אויף מיר אַרויפגעפאַלן און מיך געהאַלזט ווי אַ קינד אַ געפונענעם טאַטן — שוין מער נישט פאַרגעסן, ביז מען וועט מיך אין גרוב אַריינלייגן. ווידער ביי דיר געוועזן און מיר זיינען געזעסן און געשמועסט, ווי אַמאָל אין די יונגע, גליקלעכע טעג. אָבער דער אינהאַלט פון אונזער שמועס איז נישט מער געווען דער אַמאָליקער...

דו האָסט מיר געוואָלט דערציילן בקיצור די ענויים קשים און די שבעה מדורי גיהנום, וואָס דו ביזט אויסגעשטאַנען, בעת דו ביזט לאַנגע יאָרן אָפּגעלעגן מיט שרעק, טויט־שרעק אין פינסטערע באַהעלטענישן...

דו האָסט מיר אויך דערציילט פון דיינע חלומות, צעשטערטע מענטשן און וועלטן — און אויך פון דיינע ליידן, און גלייך דערנאָך ביזטן צו מיר געקומען און דווקא אויף אַ שמחה... איך האָב דעמאָלט פונקט געהאַט מיין יונג טעכטערל פאַרקנסט, האָסטו מיר דעמאָלט די שמחה מיט דיינע פאַר טיף־רירנדיקע, צעפּערלטע ווערטער באַצירט און באַשיינט.

דו האָסט געהאַט אַ ברייט האַרץ, ווי אַ חסיד — און אַ געשליפענעם שכל ווי אַ משכיל...

מיט דיר, מיין טייערער פריינט, איז אַוועק די גלאָריע פון אונזער הייליק־פרומען אַלטן דור, וואָס האָט געשטראַלט אין באַראַנאָוו (גאַליציע), וווּ דו ביזט געבוירן געוואָרן, ביי דיין גרויסן טאַטן, דעם מחבר פון אייניקע ש״ס־ און פוסקים־ספרים. דיין חסידיש איבערגעפילט האַרץ מיט דבקות איז אויפגעגאַנגען אינעם „סאָציאַליסטישן ציוניזם”, און מיט דיין איבערגעבנקייט אַלץ צו זיך צוגעצויגן... אויפגעצויגן געוואָרן ביי אַ טאַטן אַן

עילוי — ביזטו אַליין אויך אַ גרויסער למדן אויסגעוואַקסן.

דו האָסט דיין גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן פאַר דיין־אונזער אידעאַל... היינט, ווען ער איז נאָך דער שחיטה פון זעקס מיליאָן פון אונזערע ווערט־פולסטע ברידער מקוים געוואָרן — איז דיר נישט באַשערט געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, נאָר דו האָסט געמוזט שטאַרבן אין גלות. מחמת מיר זיינען נישט מער ווי אַ שפּילצייג פאַרן גורל, ווי די פלעווקעס פאַרן ווינט.

בעת מיר האָבן זיך אין לאָנדאָן געזעגנט, האָבן מיר אָפּגעשמועסט זיך ווידער צו טרעפן אין פאַריז. אָבער דער מלאך־המות איז געווען אַ ביסל זיכערער און פלינקער ווי איך, ווייל אַנשטאָט מיר, האָסטו זיך מיט אים געטראָפן... נישטאָ מער דער באַגייסטערטער רעדנער, שרייבער און פאָלקס־מענטש! ווו דו האָסט נאָר דיין אָרעם געצעלט אויפגעשלאָגן, האָסטו באַלד גייסטיק געאַרבעט עבודת־פרך, ווייל דו האָסט אַלעס געוואָלט דער־הויבן, פאַרשענערן און פאַרבעסערן. נאָר — מה אנחנו ומה חיינו?... אַלץ קומט און פאַרגייט, און דאָס גאַנצע מענטשלעכע קורצע לעבן איז קיינמאָל נישט זיכער. זיכער איז, אייביק, נאָר די פאַרגענגלעכקייט...

קראָקע

קראָקע, די אַלט־היסטאָרישע פּויליש־יידישע שטאָט (אַמאָליקע רעזי־דענץ), וואָס דערמאָנט מיט איר אַנטיקער קולטור, אַרכיטעקטאָניק דאָס אַמאָליקע באַרימטע נירנבערג — איז געווען און בלייבט נאָך עד־היום אַן אומאויסגעשעפּטער קוואַל פון יידישע לעגענדעס. אין אַ קליינער, אָבער זער געלונגענער אָפּהאַנדלונג איבער קראָקע זאָגט משה בלעכער צווישן אַנדע־רעס: „די שטאָט פון ר' אליהו גאון, ירושלים דליטע, איז די רעזידענץ פון מתנגדישן ראַציאָנאַליזם, פון שכל, וואָס בונטעוועט זיך קעגן דער אויבער־הערשאַפט פון געפיל; די שטאָט פון רמ"א, פון תוספות־יו"ט איז דער צענ־טער פון רבנישן קאָנסערוואַטיזם, וואָס איז געווען פּחדניש אין דער פראַגע־שטעלונג ביי ספקות, האָט אָפּגעשיקט דעם זוכער און צווייפלער צום אכזריותדיקן „תיקו", צום ווייבערישן אַבערגלויבן און חסידישן וווּנדער־גלויבן. אין ביידע שטעט זיינען געווען געטאָס, און דאָך איז ווילנע געווען פריי אין איר געטאָ, ווייל זי האָט טראָץ און איבער די דיקע מויערן אָנגע־האַלטן אַ צאַפּלדיקן קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער פרייער וועלט פון יענער זייט מויער, איז געגאַנגען אין שול צו דער מענדלזאָנישער אויפקלערונג, האָט מיט פלייס און התמדה שטודירט זיין „ביאור", דיספּוטירט איבער זיין ראַציאָנאַליסטישער פילאָזאָפיע און האָט שפּעטער גענומען אַן אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג קעגן צאַרישן רוסלאַנד אין די ערשטע יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט. און קראָקע? — זי האָט זיך איינגעהילט אין טרויער־שלייער פון אַ וויסטער אלמנה, האָט געוויינט אויף גלות־השכינה, זיך פאַרטיפט אין קבלה, געזוכט צו באַשטימען דעם „קץ" און זיך אויסגע־דרייט מיטן רוקן צו דער וועלט"... דערפאַר און מחמת נאָך פאַרשידענע אַנדערע סאָציאַלע טעמים איז קראָקע געבליבן אָפּגעשטאַנען ווי אַן אינזל אינם שוין סיי־ווי פאַרגליווערטן גאַליציע. זיין עקאָנאָמישע געפאַלנקייט און גייסטיקע אַנעמישקייט, האָבן דאָס גורם געווען איר אייגנטלעכע משונהדיקע אַסימילאַציע. איך זאָג משונה, ווייל זי איז באמת טיפּיש און אַן אַ גלייכן אין איר אַרט. דאַוונען אין ר' אהרן'ס בית־המדרש (חסידישער קלויז), טראָגן אַ לאַנגע בעקעשע מיט געקרייזלטע פאות מיט אַ הויכן קאַלפּאַק אויפן קאָפּ און רעדן פויליש, האָבן אַ טאַטן, אַן עוסק־בתורה — און אַ שוועסטער, וואָס

חברט זיך מיט אַפּיצירן און ענדיקט אין קלויסטער — אַזעלכע משוגענע שוואָמען האָבן נאָר געקענט אין קראָקע אויסוואַקסן... אָבער פּאָרט אין מעלה האָט זי דאָך געהאַט, די בידנע גאַליציע — עס זיינען אין אירע מאָגערע שויסן אויסגעוואַקסן קוואַליפיצירטע לומדים און אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך ליכט און קלאָרקייט אין דער יידישער ליטעראַטור. מחמת דעם ליבעראַלן עסטרייכישן רעזשים האָבן די יידן גענאָסן אַלע פרייהייטן אויפן עקאָנאָמישן און גייסטיקן געביט; באַקומען כל־ערליי מעגלעכקייטן, וואָס זיינען פאַר דעם רוסישן יידן, למשל, געווען נאָר אַ ווייטער חלום... אויף אַ זער מייסטערהאַפטן אופן באַקענט אונז גרשם באַדער אין זיין „מדינה וחכמיה" מיט גאַליציעס גייסטיקער רעפּרעזענטאַנץ. וואָס מער דער גאַליציש־עסטרייכישער ייד איז געוואַקסן אין דער הויך — איז דער רוסיש־פּוילישער ייד געוואַקסן אין דער טיף... מענדעלע מיט זיין יידישער אייראָפּעאישקייט און פּרץ מיט זיין אייראָפּעאישער יידישקייט, מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות, טראָגן בלי־ספק דעם חותם פון דעם דערדריקנדיקן רעזשים, אונטער וועלכן זיי זיינען פאַרמשפּט געווען צו לעבן, צו דענקן און צו שאַפן...

ווייל קראָקע איז געלעגן נאָענט פון דער אַמאָליקער רוסישער גרענעץ, און אַ סך עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געלאָזט פון רוסלאַנד אין דער וועלט אַריין גלות אַפריכטן, זענען דורכגעפאָרן דורך קראָקע — האָט קראָקע סוף־כל־סוף געמוזט אַרונטערפאַלן אונטער דער השפּעה פונם אָנגעווייטיקטן יידישן רענעסאַנס. פאַרפאָלגט פון פּאָגראָמען, פאַרשיקט פון דער רעאַקציע, זיינען געקומען די באַגייסטערטע נאַציאָנאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן מיט זייער טיפער עמאָציע און אומצעברעכלעכער עקשנות, די באַגייסטערטע חסידים פון ציוניזם און סאָציאַליזם און אַריינגעגאָסן ניי בלוט אינם אַנעמישן גאַליצישן גוף. אַזוי האָט זיך אין קראָקע פּלוצים באַוויזן די אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט פישל וואַשיץ (פון רוסלאַנד) און אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אינם יאָר 1903־1904 דעם „ייד", וועלכער האָט געטראָגן אַ ציוניסטישן כאַראַקטער און אַרום זיך גרופּירט אַ סך באַדייטנדיקע שרייבער פון יענער זייט גרענעץ. עס איז קלאָר, אַז דאָס דערשיינען פונם „ייד" האָט געשאַפן אַ רעוואָלוציע אינם פאַרשימלטן יידישן לעבן פון קראָקע און צעאַקערט דעם שטייניקן באָדן פאַרן יידישן וואָרט און געדאַנק, אויפגעוועקט אַ סך דרעמלענדיקע גאַליצישע טאַלאַנטן צו אַ נייעם לעבן. צו דער זעלבער צייט כמעט, ווען אין קראָקע איז דערשינען דער „ייד", איז אין לעמבערג אַרויסגעגאַנגען דאָס „לעמבערגער טאָגבלאַט" רעדאַקטירט פון דעם באַרימטן יידיש־העברעאישן שריפטשטעלער גרשם באַדער, וועלכער האָט אויך דערנאָך

אַרויסגעגעבן דעם מאַנאַטלעכן זשורנאַל „שטראַלן", אויפגעצויגן אַ סך יינגע טאַלאַנטן און בכלל אויפגעוועקט מזרח־גאַליציע צו אַ נייעם שעפערישן לעבן, געוואָרפן דעם זוימען פאַר דעם מאָדערנעם שיינעם יידישן וואָרט אין גאַליציע און געמאַכט אַזאַ רושם, אַז זיין השפעה וועט בלי־ספק פאַרנעמען אַ גאָלדן קאַפּיטל אין דער יידיש־גאַליצישער ליטעראַטור. אומגעפער אין דער זעלביקער צייט, אַרום 1905, איז אויך דערשינען דער „יידישער אַרבעטער" (אָרגאַן פון דער עסטרייכישער פועלי־ציון אין קראָקע) רעדאַקטירט פון דעם באַוווסטן פובליציסט א. ל. שוסהיים; דער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" (אָרגאַן פון דער יידיש־בונדיסטישער סעקציע) רעדאַקטירט פון פּאַפּיער, שפּעטער אויך פון שוועבער קיסמאַן; און דער „אַרבעטער" פון כאַזאַנאָ־וויטש־כתריאל, י. קענער, נ. מיפעלעוו, זרובבל און בערל לאָקער. דיביידע אָרגאַנען, דער עיקר דער „יידישער אַרבעטער" האָבן גרופּירט אַרום זיך די בעסטע כוחות פון גאַליציע: ש. י. אימבער, דוד קעניגסבערג, ד"ר ברענדער, י. מעסטעל, נ. מיפּעלעוו, פרידא האַלפּערן, מ. ל. האַלפּערן, מלך ראַוויטש, י. ה. לעווי, טוביה כ"ץ, מרדכי געבירטיק, ד. קלינגהאָפער, אַדעלשלעגער, י. אַדלער, ר. אייזנלאַנד, פישל וויטקאָווער (אימן), א. מ. פוקס און אַנדערע און צווישן אַט די צוויי פראַנטן איז אויך אַרויס די „המצפה" רעדאַקטירט פון ר' שמעון־מנחם לאַזאַר ז"ל, וואָס איז געווען דער ציל־פּונקט, אויף וועלכן ס'זיינען געפאַלן די פייערדיקע קוילן פון ביידע פראָנטן. געוויס האָבן מיר קיינמאָל נישט מסכים געווען מיט די איבערצייגונגען פון לאַזאַר ז"ל, אָבער פאַרט האָט ער אונז צום קאָפּ אָנגערעגט און דערפאַר מוזן מיר אים דאַנקבאַר זיין...

אַ גאַנץ באַזונדערע ראָל האָט געשפּילט אין קראָקע פאַרן יידישן וואָרט און שפּראַך דער גרעסטער יידישער ליריקער אברהם רייזען. זיינע דערציי־לונגען, לידער און מאמרים, וואָס ער האָט פובליקירט אין „סאָציאַל־דעמאָ־קראַט" און אין „יידישן אַרבעטער" ווי אויך אין זיינע אייגענע אָרגאַנען: „דאָס יידישע וואָרט" און „קונסט און לעבן", האָבן פּשוט אויפגעטרייסלט דאָס פאַרגליווערטע, אָפּגעשטאַנענע קראָקע, אים געגעבן אַ חוש פאַרן מאָדערנעם עסטעטישן וואָרט, געקרעפּטיקט דעם דאַמאָלט נאָך יינגען ד"ר י. שיפּער, ש. י. אימבער און זיגמונד האָבער. אַזוי האָט דער אומדערמידלע־כער גרויסער רייזען געווירקט מיט וואָרט, שריפט און טאַט, געוועקט, גע־מונטערט, דערצויגן און געקעמפט מיט דער אַסימילאַציע — די שונאים פון יידיש, פונם ציוניסטישן און פון סאָציאַליסטישן לאַגער — ביז ער האָט רייף געמאַכט דעם קראָקעווער באָדן פאַר דעם „טאָג", וועלכן ס'האָט רעדאַקטירט אַרום דעם יאָר 1912 יונה קרעפּל. מען מוז מודה זיין, הגם יונה קרעפּל איז

געווען אַ גאַנץ ראַפינירטער זשורנאַליסט, האָט ער דאָך נישט דערפילט דעם חוב, וואָס אַזאַ טאָגבלאַט האָט פון אים געפאָדערט; ער איז נישט געווען פאַר יידיש און נישט קעגן יידיש, ער איז אויך נישט געווען פאַרן ציוניזם און נישט קעגן ציוניזם, ער איז נאָר געווען פאַרן פּראָפיט; דערפאַר איז ער פאַרשווונדן אַ פנימלאָזער. הגם יונה קרעפּל האָט אויך דערנאָך אַרויסגעגעבן אַן אילוסטרירט וואָכנבלאַט מיט אַ ליטעראַרישער שבת־ביילאַגע אונטער דער רעדאַקציע פון א. וועוויאָרקאַ (וועלכער האָט גלייכצייטיק אויך אַרויס־געגעבן די מאָנאַטס־שריפט „דאָס בוך", אין זיין אייגענעם פאַרלאַג „שולמית"), האָט עס דעם פּרעסטיזש פון קרעפּלס אויסגאַבן נישט פאַרבע־סערט, ווייל עס איז געווען און פאַרבליבן אַ ריין־סוחרישע פּריוואַטע אונ־טערנעמונג, פינאַנסירט פון דעם אָבערקאַנטאָר יאָזעף פישער ז"ל, וועלכער איז געווען דער אייגנטימער פונם באַקאַנטן „פאַרלאַג פישער, קראָקע". נישט דער „יידישער אַרבעטער" און „סאָציאַל־דעמאָקראַט", וועלכע זיינען פאַרט געווען פאַרטיי־בלעטער, נישט יונה קרעפּלס פּריוואַטע אונטערנעמונגען, אויך נישט דאָס יידישע וואָכנבלעטל, אָרגאַן פון ד"ר גראָסנס פאַרטיי „אומ־אָפּהענגיקע" יידן (רעדאַקטירט פון דעם פיינעם העברעאיש־יידישן שריפט־שטעלער משה ערליך) — זיינען געווען צוגעפּאַסט צו די באַדערפעענישן פונם ברייטן יידישן לעזער, ווייל די ערשטע זיינען געווען צו טענדענציעז און די לעצטע פּשוט צו פאַרבלאָז. געוויס זיינען אברהם רייזענס אויסגאַבן געווען וואַגיק און אין ליטעראַריש־עסטעטישן זין פון וואָרט אַ סך העכער ווי אַלע אַנדערע — אָבער ראשית האָבן זיי זיך לײַדער נישט לאַנג געהאַלטן, והשנית זיינען זיי פונם דורכשניטלעכן לייענער געווען מיט אַ סך קעפּ העכער, דער־פאַר האָבן זיי אויך נישט געקענט פון יעדן געלעזן ווערן...

נאָך אַ לאַנגער און בלוטיקער מלחמה, מאוימדיקע רעוואָלוציעס, איינ־פלאַציעס פון גייסט און וואַלוטע — בעת גרויסע אידעען זיינען איבער נאַכט אַנטוועטעט געוואָרן און דאָס יידישע לעבן האָט געפיבערט, געבלוטיקט און איבעראַל זיך געוואַלגערט ווי די אַנטווערטעטע באַנקנאָטן; בעת יעדעס קלענסטע שטעטעלע אין פּוילן האָט זיך דערשלאָגן, ווער צו אַ לאָקאַל־וואָכנ־בלעטל און טאָגבלאַט, ווער צו פּעריאָדישע און אומפּעריאָדישע זאַמל־ביכער און זשורנאַלן — איז קראָקע דוכט זיך געווען די איינציקע גרעסערע שטאָט אין פּוילן, וואָס איז זיך רואיק ווייטער געלעגן אין איר לעטאַרגישן שלאָף, זיך נישט גערירט, ביז ענדלעך ס'איז געקומען משה בלעכער אינם יאָר 1937 און אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן „די פּאָסט", אַן אומפּאַרטייאישע וואָכנשריפט, וועלכע שטייט אין גרעסטן קאָנטראַסט צו י. קרעפּלס אַמאָליקן „טאָג". דער יינגער יידישער קולטור־טרעגער משה בלעכער איז אַ מענטש מיט פיל

ערודיציע, שטאַרק באַהאַוונט מיט יידיש־אייראָפּעאישן וויסן, אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, אַ מענטש מיט פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וויסן און געוויסן און דער עיקר — מיט אַ קלאָרער מאָדערן־יידישער אָריענטאַציע. אָט דער דאָזיקער שרייבער, וואָס דער עיקר איז ביי אים זיין אידעאַל און נישט דער פּראָפיט, האָט אויף זיך גענומען דעם שווערן עול אונטער די האַרטסטע און קלעגלעכסטע אומשטענדן אַרויסצוגעבן „די פּאָסט“ אין קראָקע, די שטאָט פון גלייכגילטיקייט, די שטאָט פון דער שונטדיקסטער אַסימילאַציע, יאָ, אין דער שענסטער און פינסטערסטער שטאָט פון גאַנץ פּוילן; אָט אין דער דאָזיקער שטאָט האָט משה בלעכער אויף זיך גענומען דעם חוב צו קעמפן מיט דער קולטורלאָזיקייט, אינדיפערענטיזם, פּנימלאָזיקייט, פאַרן מאָדערנעם שיינעם, נייעם יידישן וואָרט און אַ בעסערן נאַציאָנאַלן לעבן. דאָס איז אַן אמתע העראָאישקייט, וועלכע נאָר יחידים קענען זי באַווייזן. און עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלן זיך דערלויבן צו זאָגן, אַז משה בלעכער האָט זי צום טייל שוין באַוויזן אין משך פון דעם איינעם יאָר זינט ער האָט רעדאַקטירט „די פּאָסט“, וועלכע איז אין פאַרהעלטעניש צו דער פריערדיקער קראָקעווער פּרעסע הן שפּראַכלעך, הן אינהאַלטלעך אַן אמתע דערגרייכונג. הגם „די פּאָסט“ איז נישט פּאַרטייאיש, פאַרטרעט זי פּאָרט די גרעסטע יידישע פּאַרטיי, וואָס שטייט איבער אַלע פּאַרטייען, און דאָס איז די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור; באַלייכט סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען און בכלל קולטורעלע מיט אַ פיינעם אָביעקטיוויזם, באָמיט זיך צו ברענגען בעלעטריסטיק, פּאָעזיע און פּובליציסטיק פון די עלטערע און דער עיקר פון די סאַמע יינגסטע שרייבער, וואָס זיינען ביי יעדן פאָלק די גאַראַנטיע פון אומפאַרגענגלעכקייט.

„די פּאָסט“ איז געוואָרן אַן אמת׳ער „עיר־מקלט“ פאַר אַלע יינגע, קעגן וועלכע מ׳האָט ביי אונז שוין אַזוי פיל געזינדיקט און מ׳האַלט נאָך אין איין זינדיקן. דאָס מיינט אָבער נישט קעגן דעם טאַלאַנטלאָזן, נאָר קעגן דעם אמתדיק באַגאַבטן, וועלכער ווערט אַזוי אָפט דער קרבן פון אַ חברה, וואָס האָבן זיך אַליין דיפּלאָמירט פאַר ליטעראַרישע מבינים, אָדער זיי זיינען על־פּי צופאַל פון אַ וועלכער נישט איז פּאַרטיי אָדער גאָר פון אומנאָרמאַלע פאַרהעלטענישן אַרויסגעשטעלט געוואָרן. די אומטאָלעראַנץ און די ריגאָראָזיטעט פון דער יידישער קריטיק האָט נישט פאַרמינערט דעם אויפקום פון אַ סך אומפּעאיקע דיכטער, נאָר דעם אויפקום פון אַ סך ווערטפולע דיכטונגען. דערפאַר באַזיצן מיר לעצטנס אַזאַ שפע פון דיכטער און אַזאַ אָרעמקייט אין אמתער דיכטונג... און באמת, ווער האָט דאָס די העררן רעדאַקטאָרן און פּאַטענטירטע קריטיקער געגעבן דאָס רעכט מיט איין פעדער־

שטריך און מיט איין פּאַרוואָרף אין רעדאַקציע־קויש אָפּטמאָל צו ברענגען דעם בעסטן טאַלאַנט פּשוט צו פאַרצווייפלונג? צי האָבן דען נישט די ייִנגע דאָס זעלביקע רעכט מסופק צו זיין איבער דעם ריגאָראָזן משפּט פון די חשובע הערן — ווי די דאָזיקע הערן איבער די פעאיקייטן פון די ייִנגע. מאַכט איז נישט רעכט... צי האָבן אונז דען נישט שוין באַוויזן פאַרשידענע ליטעראַטור־געשיכטלעכע פּעריאָדעס, אַז גדולים, וואָס זיינען אין זייער דור לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן, האָט אַן אַנדערער דור ווידער צו תחית־המתים אויפגעוועקט. יאָ, די אַליין זיך געגומענע באַרופנקייט, דאָס איז נאָך לאַנג נישט קיין גאַראַנטיע פאַרן אומבאַדינגטן אמת. עס געהערט בכלל צו איינעם פון די האַרבסטע פּראָבלעמען דער ענין טאַלאַנט און עפּיגאָן, ווייל אינם אָנפאַנג סטאַדיום זיינען אַלע גדולים געלעגן אין ווינדעלעך פאַרבונדן מיט אַ וויקלשנור און פון דער מאַמעס ברוסט (אָדער אַ פרעמדער) געזויגן, ביז די ביינדעלעך זייערע האָבן זיך געשטאַרקט און זיי האָבן אַליין די קעפּע־לעך אויפגעהויבן, אָנגעפאַנגען צו הערן, זען און ענדלעך אַ פּיסל צו שטעלן און צו גיין. עס איז דערפאַר נישט מעגלעך אין אָנפאַנג איבער איינעמס שאַפן עפּעס דעפיניטיווס אַרויסצוזאָגן, מחמת אַרבעט, פלייס, אַ שטאַרקער ווילן און דער עיקר, עקשנות זיינען אָפט גובר דעם גרעסטן טאַלאַנט, וועל־כער לעבט אָפּגעלאָזן אין פוילקייט און אויפן חשבון פון גליקלעכע קינסט־לערישע וויזיעס און אילוזיעס פון וועלכע ער דערוואַרט, אַז זיי וועלן אים ווי געבראָטענע טייבעלעך קומען אין מויל אַריין אַן מי. ווילסטו געליבט זיין, מוזטו יענעם ליבן, ווילסטו געערט זיין, מוזטו יענעם ערן, ווילסטו האָבן דערפאָלג, מוזטו אַרבעטן און אַרבעטן און נאָכאַמאָל אומדערמידלעך אַרבעטן — זיך נישט לאָזן פון קיינעם צוריקהאַלטן.

בלעטערנדיק די נומערן פון „די פּאָסט" וועלכע זיינען בעת דעם ערשטן יאָר דערשינען מוזן מיר מיט פרייד קאָנסטאַטירן, אַז איר גרעסטער פאַר־דינסט איז טאַקע (ווי שוין אויבן דערמאָנט), וואָס זי איז געוואָרן אַן „עיר־מקלט" פאַר אַלע ייִנגע און ייִנגסטע טאַלאַנטן.

פישל בימקא

צווישן די אַלע פּאַרשיקטע און אַנטלאָפענע עמיגראַנטן פון צאַרן־רוס־לאַנד, האָט זיך פּלוצים באַוויזן אין קראָקע אויך פישל בימקאָ. געווען איז דאָס אין יאָר 1910, אין אַ קאַלטן ווינטער־אָוונט, אינם „אומפּאַרטייאישן ביל־דונגס־פאַריין פאַר יוגנטלעכע אַרבעטער און פּראַקטיקאַנטן" אויף דער מעד־גאַס, ווו איך האָב בימקאָן דאָס ערשטע מאָל געזען און זיך מיט אים באַקענט. דאָרטן אין די קליינע נאַסע שטיבלעך מיט די פאַראייזטע פענסטער, וואָס זיינען יעדן אָוונט באַלויכטן געוואָרן פון אַ בליך־לאָמפּ, און באַקומען אַ היימלעכן אויסזען, איז געווען דער „עיר־מקלט" פאַר אַלע יונגע פּאַרטרי־בענע יידישע קינסטלער, און צוגלייך אויך די שול און אוניווערזיטעט פאַר די יוגנטלעכע אַרבעטער. אין דעם דאָזיקן פאַריין, געגרינדעט פונם באַקאַנטן יוגנט־פירער און פּובליציסט יעקב קענער, האָבן זיך אַלע גוט און היימיש געפילט, ווייל די טאַלאַנטירטע האָבן דאָרט געפונען אָפענע אויערן און הער־צער פאַר זייערע פּאַרטראַגן און שאַפונגען, די יוגנטלעכע אַרבעטער ווידער אַ גייסטיקן תענוג און מנוחה נאָך דער שווערער ביטערער פּראַצע פון אַ גאַנצן טאָג. דאָרטן האָט מען יעדן אָוונט בחבורותא געזונגען פאָלקס־לידלעך, דעקלאַמירט ראָזענפעלד, עדעלשטאַט, רייזען און שטודירט פּרץ, אַש און שלום עליכם. יעדער אַנטוויקלטער האָט זיך געטיילט מיטן קלענערן פון זיין גייסטיקן פאַרמעגן. באַלד איז אָנגעקומען דער שטילער אליהו חיים שעפּס (אלמי) און דעקלאַמירט מיט אַ שוואַכער שטים זיינע ערשטע לירישע פריי־הייטס־לידלעך. דאָרטן האָט אויך פאַרקערט דער זער טאַלאַנטירטער דיכטער און דערציילער אברהם וועוויאָרקע, וואָס האָט שוין דאַמאָלט געהאַט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע פיינע דערציילונגען „חייקל שיכור", „דער היקער" און ליריש־סאָציאַלע לידער „אַמאָל איז געווען אַ מיידל" און „ווינ־טער". באַגלייט האָבן אים שטענדיק זיינע חברים לייבל אַסטראָווער און מאיר ווינער, באַדייטנדיקע שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד. צווישן דער דיכ־טער־קאָמפּאַניע האָט אויך נישט געפעלט פּרץ'ס דאַמאָלטדיקער ליבלינג, דער קליינער הערשעלע, און אהרן הלוי, דראַכליע, סאָכאַטשעווסקי און טאָקע פישל בימקאָ.

פון דער גאַנצער כאַליאַסטרע, מיט וועלכער איך בין געווען באַקאַנט,

זיינען מיר די נאָענטסטע און ליבסטע געווען בן־א. סאָכאַטשעווסקי און פישל בימקאָ. נאָך די פּאַריינס־אָוונטן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אונזער יחידישער לעבן: מיר האָבן אַרומגעוואַנדערט אין די אינטערעסאַנטע קראָקעווער יידי־שע געסלעך אַרום דער היסטאָריש־באַרימטער „אַלטער־שול", באַטראַכט דעם רמ"א'ס ציון און דאָס „חתונה־בית־הקברותל", וואָס זיינען געלעגן אַנ־געפּעלצט אין טיפע שנייען, און טאַקע דאָרטן, אויף דעם לעגענדאַריש־ראָ־מאַנטישן אָרט, ביים שיין פון אַ פּאַרצייטיקן גאַז־לאַמפּ, האָט אונז פישל בימקאָ פאָרגעלייענט זיין ערשט געדרוקטע זאַך: „אַ שטרעקע ערד" (אַ קאַפּיטל פון אַ לענגערער דערציילונג, געווען פּובליקירט אינם „יידישן אַר־בעטער", אָרגאַן פון דער עסטרייכישער פּועלי ציון, רעדאַקטירט פון זרובבלן). נאָכן פאָרלייענען פון דער דערציילונג, איז עפּעס אַזוי מאָדנע גוט געוואָרן אויפן האַרצן, אַז איך מיט בימקאָן האָבן זיך וואַרעם צעקושט. און בעת מיר האָבן זיך גענומען אונטערן אָרעם ווייטער צו גיין, האָב איך באַ־מערקט ווי ער האָט זיך בסתר די אויגן אויסגעווישט. סאָכאַטשעווסקי, וואָס איז געווען דער דריטער אין אונזער בונד, האָט מיט התפּעלות אויסגערופן:

— חברה, מיר מוזן זיך היינט אומבאַדינגט ערגעץ אין אַ נאַכט־קנייפּע אַריינכאַפּן, כדי בימקאָס ערשטע דערציילונג צו באַגיסן און אַליין זיך טאַקע אויך צעפירן אַ ביסל דיביינער!

— אוודאי, אוודאי — האָט אים בימקאָ מיט זיין מיידליש ווייכער שטים אונטערגעהאָלפן — מיר וועלן גיין, מיר וועלן גיין, וואָס דען?

— טאַקע אַלעס וווּל און פיין, אָבער ווו נעמט מען די נויטיקע מטבעות דערצו? — האָב איך אַ פרעג געטון — ווייל איך פאַרמאָג נישט קיין חצי־פּרוטה, סיידן איר זענט עס די קאַפּיטאַליסטן.

יעדער האָט זיך גוט בודק געווען זיינע טאַשן, אָבער גאָרנישט פון דאָרטן אַרויסגענומען. פּלוצים שפּרינגט אויף בימקאָ אַ פריידיקער:

— קינדער, ס'איז דאַבזשע! אַזוי זאָל איך זיין געזונט, מיר גייען אין „קאַפע דראַבנער" אויף מיינע הוצאות! זאָל עס קאָסטן וואָס עס וויל, נעמט עס דער רוח!

— וואָס הייסט, וואָס הייסט? — האָבן מיר אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— וואָס איז דאָס אייער דאגה? איך זאָג אייך אויף מיינע קאָסטן, איז אַ כאָלערע אין דער וועלט אַריין! איך וועל פאַר אַלעם שוין ערב זיין!

— וואָס הייסט אַז דו וועסט פאַר אַלעם ערב זיין? דו פאַרמאָגסט נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה, ווילסטו גאָר נאָך שפּילן דעם דזשענטעלמאַן דערצו? — האָבן מיר ביידע פּראָטעסטירט.

דאָ איז בימקאָ אַרויס פון די כלים און באַקומען אַ נשמה יתירה, אָנגע־

הויבן אַלס רעוואַנזש אויסצולופּטערן זיין גאַנצן פאַרכישופטן „וואַגאַבונד־לעקסיקאָן" וואָס ער האָט באַזעסן, צעפּלאַכטן די וויצן, צעשיט די ווערטלעך און צעוועלגערט די קללות, אַז מיר האָבן זיך פשוט געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין. וואַנדערנדיק איבער די פאַרשנייטע, פאַרלאָזענע נאַכטיקע אַלעען, זיינען מיר אָנגעקומען צו דעם „מיצקעוויטש־מאָנומענט".

— אפשר, חברה — האָט בימקאָ מיט אַ קינדישן ערנסט ווייך אַ פרעג געטון — ווען מיר אויך אַמאָל אַזוי זיצן פאַרשנייטע און צוגעקאָוועטע צו אַ פאַראייזטן שטיין און אָפּפרירן די לאַנגע ווינטער־נעכט, אַזוי ווי ער ? האָ ?

— הלוואי האָלט איך שוין אַזוי ווייט — האָט סאָכאַטשעווסקי אים פריידיק געענטפערט — איך וואָלט באַשטאַנען דאָ צו זיצן אַזוי אַ פאַר־שנייטער און צוגעשמידטער צו אַ פאַראייזטן שטיין, נאָר שוין צו האָבן געשאַפן אַזעלכע ליטעראַרישע אוצרות ווי אָט דער פריץ, אויפן פאַרשנייטן טראָן, און צו געניסן בשלום און בשלוה פון זיין עולם הבא...

— ביזט אַ בהמה בצורת מענטש ! — האָט אים בימקאָ דערווידערט — מיר איז נאָך אַלץ ליבער אַ לעבעדיקער הונט ווי אַ טויטער לייב. הגם מיין לעבן איז אַ בידנער און פאַרצרהטער, בין איך אַלץ מקבל באהבה, ווייל אַז מען לעבט, דערלעבט מען. אַזוי איז מיין אָרעם שטיבל, וואָס איך באַוווין בשותפות מיט נאָך אַ פּאָר פאַמיליעס, אינטערעסאַנטער און שענער פאַר מיר ווי יעדער פּאַלאַץ. מיינע שכנים, די געזונטע שוסטער־ און בעקער־ייִנגלעך, מיט זייערע געוועזענע דינסטן און אַמען, וואָס פרעסן מיר מיט זייערע אויגן פשוט שטיקער פון מיין לייב, זיינען מיר ליבער ווי אַלע אומשטערבלעכע פריצים פון דער וועלט אויף זייערע פאַרשנייטע טראָנען און ווי אַלע עולם־הבא'ס... און ווער רעדט נאָך, אַז מיין חברה צעגייט זיך אַ ביסל אין אַ שמועס, דאַן דערפיל איך אַזוי ווי איך וואָלט געהערט שפּילן די פיינסטע סימפאָניע. איז נישט כדאי צוליב דעם אַליין אַלץ צו דערטראָגן און צו לעבן אויף דער וועלט, האָ ?

ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען צום „קאַפע דראַבנער", אָפּגעטרייסלט דעם שניי פון די מאַנטלען, און אַראָפּגעלאָזט די אויסגעריבענע אויפגע־שטעלטע קאָלנערס.

— אוי, אַ קלאָג צו מיר ! — רופט פּלוצים אויס בימקאָ — גיב נאָר אַ קוק, מיין טייערער, אויף מיין מישטיינסגעזאָגט פאַרשמאַדערטן און צעקנאַ־דערטן קאַפּעלוש, נעבעך, האָ, מ'קען שוין האָבן אַ הדרת־פּנים אין אַזאַ שטייגער הולך ?

— מילא, דאַרפסט זיך גאָרנישט איבערנעמען, ווייל מער אויף צרות טויג דיין אויסגעדריוולט רעקל מיט די ענגע הויזן, פון וועלכע ס׳קוקט אַרויס דיין אָרים גופל מיט תרעומות צו דער וועלט. און טראָץ דעם אַלעמען ביזטו נאָך אַ מלך לגבי מיר, ווייל צו אַ רעקל מיט קורצע אַרבל און הויזן מיט געלאַטעטע קני, קומט דאָס נאָך נישט...

— איר האָט אייך בײדע נישט וואָס צו באַקלאָגן! — האָט סאַכאַ־טשעווסקי אונז איבערגעריסן די רייד — דער עיקר זיינען סוף כל סוף די טרעטערס, און ביי מיר, רחמנא ליצלן, קוקן שוין פשוט די פינגער פון די קאַפּן אַרויס, ווייל אַ חודש לאַנג גיי איך דאָך שוין אַזוי אַרום אָן זוילן...

— היי, חברה! — האָט אונז בימקאָ אַ קלאַפּ געטון איבער די פּלייצעס — מיר האָבן זיך אַלע נישט וואָס צו שעמען! אָבער כאַפּט עס דער וואַנ־מאַכער! ווער האָט דען מורא? אויף צעפּיקעניש דאַרט אַלע אויסגע־שטראַנצלטע פראַנטלעך מיט זייערע פאַרפומירטע מיידן, וועלן מיר דווקא אַריינגיין.

און בימקאָ האָט זיך באַלד מיט מוט דער ערשטער אַ שטעל־אַוועק גע־געבן אין דער טיר פונם קאַפע. ווי אַן אמתער יאָלד האָט ער אויפגעפּראַלט די טיר און אַריינגעגאַנגען; מיר נאָך אים. דערזעענדיק דעם עלעגאַנטן נאָ־בעלן עולם, האָט אונז אַרומגענומען אַ פּחד און מיר האָבן געזוכט ווי ציטער־דיקע האָזן זיך צו באַהאַלטן הינטער בימקאָס רוקן. די פיינע פּאַרפיומען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די רייצנדיק דעקאָלטירטע פרויען, די ווונדערבאַרע מוזיק האָט אונז פשוט באַרוישט און פאַרכישופט. מיר זיינען געבליבן שטיין פאַרגאַפטע מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און מיט אָפענע מיילער. אַ דרייסטער איז בימקאָ צוגעגאַנגען צו אַ נישט באַזעצטן טישל און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

דער אויבערקעלנער איז צוגעקומען. בימקאָ האָט באַשטעלט דריי גלעז־לעך רויזנליקער מיט שאָקאָלאַד־טאָרטן. דער קעלנער האָט זיך שיין פאַר־נייגט און אַ מיידל האָט באַלד געבראַכט צו טראָגן די טאָרטן מיט דער משקה. בימקאָ האָט אַ נעם געטון אַ גלעזל, און מיט אַ זינגענדיקן „לחיים״ עס אַרונ־טערגעלאָזט. ביי מיר האָבן זיך די הענט עפּעס נישט געוואָלט באַוועגן, אָבער „בעל כרחך אתה חי!״ אַזוי האָבן מיר פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו כוס׳ען און פרעסן טאָרטן, פשוט אָנשטאָט ברויט. סאַכאַטשעווסקי האָט טאַקע באַלד דערנאָך אַ זאָג געטון:

— ס׳איז נישט קיין תכלית, זאָל מען ליבער ברענגען אַ ברייטל מיט אַ הערינג, ווייל איך בין אויסגעהונגערט ווי אַ וואָלף און וואָס מער טאָרטן איך עס, באַקום איך מער הונגער!

— ביזט דאָך פשוט חסר־דעה! — האָט זיך בימקאָ געקייכט פאַר גע־לעכטער — ווי קען מען דאָ אין אַזאַ וואַזשנעם קאָפּע און פאַר אַזאַ אַריס־טאָקראַטסקע עולם עפּעס נעמען און עסן ברויט מיט הערינג? וואָס וועלן די שניי־ווייס געדעקטע טישלעך מיט די וואַזעס בלומען זאָגן דערצו? היינט די בלאָנדע מיידן, וואָס לאָזן שוין סיי־ווי־סיי די גלאָצערס פון אונז נישט אַראָפּ? ביזט הונגעריק — באַשטעל אַ בראַטן און עס דיך אָן ביז די כאָלערע וועט דיך נעמען און פטור אָן עסק!

— אוי, בימקאָ, בימקאָ, ס'אַראַ רוח איז אין דיר היינט אַריין? וואָס ווילסטו פון אונז האָבן? מ'וועט אונז נאָך צעטעווען און אין קיטשימענט אַריינשלעפּן דורך דיר, ס'וועט דאָך זיין אַ בראָך צו אונזערע יאָרן. ווער, ווער, רבונו של עולם, וועט דען דאָס אַלץ באַצאָלן?

בימקאָ האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און אַ דראָבנער שווייס האָט זיך אויף זיין שטערן צעפּערלט.

— יאָ באַצאָלן, נישט באַצאָלן — האָט בימקאָ מיט אַ געמאַכטער פריי־לעכקייט אַ זאָג געטון — קודם־כל פרעסט און טרינקט, דערנאָך וועט שוין זיין וואָס ס'האָט צו זיין.

— אויף דיין אחריות, פישל! דו וועסט פאַר אַלעם ערב זיין! — האָבן מיר אים געוואָרנט.

— יאָ, יאָ, אויף מיין אחריות! — איז בימקאָ געוואָרן נערוועז — און הערט מיך שוין אויף צו נודיען היינט...

די מוזיק האָט אָנגעהויבן שפּילן שובערטס „אַווע מאַריאַ", און מיר האָבן אַרונטערגעלאָזט נאָך צו פאַר גלעזלעך ליקער. סאַכאַטשעווסקי האָט דערווייל געאַרבעט איבער אַ געזונטן קאַלבס־בראַטן און שוויצנדיק זיך שטאַרק געמוטשעט צו האַלטן כדין און כדת דעם גאָפּל און מעסער, ווי עס פּאַסט זיך אין אַזאַ געזעלשאַפט. בימקאָ האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין בוזים־טאַש אַ בינטל כתבים מיט אַ רויטן פאָדעם צוגעבונדן און גענומען לייענען אַ ניי אָנגעשריבענע דערציילונג, וועלכע האָט זיך אַזוי אָנגעהויבן: „אַמאָל האָב איך געזען אַ מיידל, וואָס איז געווען אַזוי שיין און שלאַנק ווי אַ טאָ־פּאָליע געוואַקסן אויף דער פּוילישער ערד...."

— נו, ווי געפעלט אייך דער אַריינפיר? — האָט בימקאָ אַ פרעג געטון.

— ווויל ווי די וועלט! — האָבן מיר אַנטציקטע געענטפערט. ווייל שוין דעמאָלט נאָך, אין די ערשטע טריט פון בימקאָס אַנטוויקלונג, איז געווען צו מערקן אַ פיינעם ליריזם, באַהויכט מיט אַן אַשיש־סובטילער ראָמאַנטיק, וועלכע האָט געצאַפּלט פאַרכישופט אַרויס פון אַלע זיינע שורות. עס האָט זיך אויך שוין דעמאָלט געלאָזט דערקענען בימקאָס שטאַרקע נטיה און

פעאיקייט צו דראַמאַטיזירן געוואַגטע טעמעס; הגם דער גאַנצער בימקאָ איז נאָך דעמאָלט געלעגן, ווי איך האָב שוין באַמערקט, איינגעהילט אין שלום אַשס ראָמאַנטיש־לירישע ווינדעלעך, האָט זיין שפּרודלדיקער טאַלאַנט זיך שוין געזוכט אַ פּרייען וועג, כדי צו קענען דרייסט פון זיך אַראָפּוואַרפן יענעס באַנומענע און ליכטיק אויפצוגיין אין זיין אָריגינאַליטעט — אָנצונעמען דעם רעאַלן נאַטוראַליסטישן טאָן, וועלכער פירט דורך טיפער אינטואיטיווער דערקענטעניש צום קלאָרן פּאָזיטיוויזם, וואָס זוכט די פּאַרפּלאָנטערטסטע דראַמאַטישע סיטואַציעס מיט אַ שטראַלנדיקער פּסיכאָלאָגישער העלקייט צו באַלייכטן און אויפצופּלאָנטערן ביים מענטשן...

פּאַרענדיקט דאָס לייענען, האָב איך און סאָכאַטשעווסקי זיך פּראָדוצירט מיט אַ פּאָר „פּאַרליבטע פּערזן", פון וועלכע בימקאָ האָט גאָר אָנגעקוואָלן. אגב איז דאָ אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אונטער בימקאָס עפּיק וויברירט פּאַרבאַהאַלטן עפּעס אַ מין סובטילע לירישקייט, וואָס רעאַגירט אויף די קלענסטע ניואַנסן, הגם זיין שפּראַכלעכע ווירטואָזיטעט דעקט זי אָפּט צו מיט מאָנאָלאָגישע שיכטן פון גאַנץ פּאַרשיידן אַנדערש פילנדיקע און דענקנדיקע מענטשן ווי ער איז...

נאָך אונזערע לידער, האָט בימקאָ ווידער חשק באַקומען צו לייענען, אַרויסגענומען אַ נאָך נישט פּאַרענדיקטע דראַמע, אָנגעהויבן צו לייענען, און באַלד זיך אָפּגעשטעלט זיפצנדיק:

— אוי, קינדער, איך וואָלט געקענט זיך אַוועקזעצן און שרייבן אָן אַן אויפהער, בייטאָג און ביינאַכט, ווייל דאָס האַרץ ביי מיר איז אַזוי פול, איך ווער אָפּט פּשוט שיער נישט דערטרונקען אין ים פון מיינע טעמעס...

בימקאָ און מיר האָבן געוואָלט דעם ליטעראַרישן אָוונט ווייטער פּאָרזעצן, אָבער דער שנאַפּס האָט געהאַט מער כוח ווי אונזער פּאָעטישער גייסט מיט אַלע אונזערע שאַפונגען, און אָנגעהויבן אויסצובריי טערן זיין ווירקונג אין אַלע קעמערלעך פון אונזער קאָכעדיקן פּאַרליבטן בלוט.

צום טישל איז צוגעקומען אַן אָרעם בלומען־מיידל מיט פיין שמעקנדיקע נאַרציזן. בימקאָ האָט עפּעס געגישטערט און אַרויסגעשלעפּט אוודאי זיינע לעצטע פּאָר גראָשן און איר אַוועקגעגעבן. דאָס מיידל האָט אים דערלאַנגט אַ נאַרציז. ער האָט אַ ווײלע זי באַקוקט, גענומען צום נאָז, און באַלד עס דעם מיידל צוריקגעגעבן. זי האָט אויף אים אויסגעשטעלט אַ פּאָר מאָדנע אויגן.

— וווּנדערט אייך נישט, איך שענק אייך צוריק די בלום, פּשוט ווייל איר געפעלט מיר בעסער ווי אַלע מיידלעך פונם דאָזיקן קאַפע. איך בין אַ יידישער שרייבער, וואָס האָט ליב אַלע מענטשן, באַזונדערס אָבער ליב איך אַלע שיינע מיידלעך...

אַ פאַררויטלטע, מיט אַן אינערלעך צופרידענעם שמייכל, איז דאָס מיידל אַוועקגעגאַנגען פון אונזער טישל. בימקאָ האָט איר נאָכגעוואָרפן פאַרליבטע קושן. סאָכאַטשעווסקי האָט פאַר גערירטקייט אָנגעהויבן צו שרייבן אַ ליד און עס אונז געוואָלט פאַרלייענען, אָבער אין אונזער בלוט האָט דער שנאַפּס געאַרבעט מיט אַלע כוחות און איבער אונזערע קעפּ האָט געהילכט די מוזיק. מיר האָבן פאַרלוירן דעם דיל פון הינטער די פיס, פאַר די אויגן האָבן זיך אונז געדרייט און געטאַנצט סאַטורן מיט אַלע זיינע אַכט לבנות. מיר האָבן פאַרגעסן אין אַלע דערציילונגען, לידער און דראַמען, און אפילו נישט גע־חלומט אַז פישל בימקאָ זיצט דערווייל אין דער קלעם, קוקט זיך אויס די אויגן און וואַרט אויף עמיצן, ווי אויף משיחן... באַלד וועט מען אים אויפ־רופן „מפטיר" און הייסן באַצאָלן אחת ואחת פאַר דעם פאַרצערטן.

אונזערע אויגן האָבן זיך מיט תענוג איינגעגעסן אין די פּוכיקע רייצנ־דיקע קראַקעווער מיידלעך, וואָס זיינען געזעסן אַקעגנאיבער אונז און נישט אויפגעהערט אונז די גאַנצע צייט צו אָבסערווירן און פיקסירן. און בעת מיר האָבן געפלירטעוועט און קאָקעטירט מיט די מיידן, האָט בימקאָ געזוכט פאַר־געסנקייט און זיך געשפּיגלט אין די קאַרטלעך פון פּרילוצקין און בעל־מחשבותן, וועלכע האָבן שטרענג געמאָנט ביי אים ער זאָל איבער זיך אַר־בעטן און ווייטער לייענען און שרייבן, נישט קוקן אויב אַ זאַך ווערט יאָ גע־דרוקט אָדער נישט, זיך פאַר גאָרנישט אין דער וועלט אָפּשטעלן, וועט דער לוין זיכער נישט אויסבלייבן...

אינצווישן האָט דער עולם אָנגעהויבן קלענער צו ווערן, אייניקע ליכטער זיך צו פאַרלעשן, דער אויבערקעלנער איינצוקאַסירן די געלטער. בימקאָ איז אַ ווײַלע געבליבן זיצן ווי פאַרגולמט און געגלאָצט אַ פאַרצווייפלטער אַרום זיך... נאָר פלוצים האָט ער אַ קרייד־ווייסער אָנגעהויבן צו שטאַמלען:

— חברה, ס'איז חושך מצרים! ביטער ווי אַ גאַל, ס'וועט דאָ גאָרנישט העלפן, איך מוז אייך אַלעס מודה זיין: כ'האָב געהערט, אַז מיין קוזין, אַן אויבערקעלנער, איז פאַר אַ קורצער צייט באַשעפטיקט אין דאָזיקן לאָקאַל, ביז ער וועט ווייטער פאָרן קיין פאַריז. האָב איך גערעכנט אַז ער וועט מן הסתם היינטיקן אָוונט האָבן דאָ דינסט, און אַזוי ווי איך קען אים פאַר אַ פיינעם יאַט, וועט ער דערווייל אויסלייגן צו באַצאָלן דעם צעך...

— אַ שיינע מעשה! — האָט סאָכאַטשעווסקי אונטערגעכאַפּט — ס'וועט דאָ זיין אַ לעבעדיק עסקל! האָט דיר דען גאָרנישט געקענט איינפאַלן, חכם מיינער, אַז פונקט היינט אָוונט, ווען דיר האָט זיך גראָד פאַרגלוסט אַ לעב צו טון, האָט דיין קוזין געקענט האָבן אויסגאַנג, אָדער כלל דאָ נישט זיין? אַזאַ שווערע זאַך איז דאָס געווען פאָראויסצוזען?... געוואָלט, וואָס וועט היינט

אונזער סוף דאָ זיין?

— קיין גרעסער אומגליק זאָל מיר קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פּאַסירן — האָט בימקאָ געפּרוווט זיך צו שטאַרקן — אַז מיר וועלן שוין גאָר קיין ברירה נישט האָבן, וועלן מיר דעם דלות ביי זיי פאַרזעצן, וועט ער שוין סטאַרטשן פאַר אַלעם...

אָבער אונז איז עס נישט געווען אַזוי פֿויגלדיק אויף דער נשמה. מיר זיינען געזעסן, די קעפּ זיך געבראָכן און געפאַלן אויף פאַרשידענע תחבולות: אַרויסגנבענען זיך איינציקווייז, יעדער איינער בשתיקה; וועט מען באַמערקן, נעמען און צורופן דעם קעלנער — עלעהיי ער קומט אַליין — און אים דערציילן דעם גאַנצן ביטערן אמת, וואָס וועט עס העלפֿן נוצן? זיצן און צווואַרטן ביז ער וועט אַליין קומען, אויך ווידער דאָס זעלבע... אַזוי האָבן מיר זיך פאַרפלאָנטערט אין אונזערע מחשבות און נישט געקענט אַרויס פון זיי. און בעת מיר זיינען אַזוי געזעסן אין אונזער יאוש פאַרזונקן, האָט זיך אונטערגערוקט אַ שטאַלטנער יונגערמאַן, מיט אַ פיין אויסגעפּאָמאַדירטן גלאַנציקן שרינט אין אַ שוואַרצן סמאָקינג, מיט אַ שניי־ווייסער ברוסט. מיר האָבן פאַר אַנגסט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און ווי אין אַ פינסטערן חלום האָבן מיר דייטלעך געהערט אַ שטרענגע באַס־שטימע:

— מיינע הערן, צאָלן!

דאָ איז בימקאָ אַ פאַרציטערטער אויפגעשפרונגען:

— אוי, פּנחס, דו ביזט עס? ביזט ווי אַ מלך משיח אָנגעקומען, טאַקע נאָר אונז צו ראַטעווען! — און ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף אים ווי נאָר צו צעקושן זיך.

— פילט אייך נישט אַזוי קרעמפּירט, חברה — האָט בימקאָס קוזין אַ שמייכל געטון צו אונז — עסט און טרינקט וואָס איר ווילט, און פאַר באַצאָלן זאָלט איר אייך גאָרנישט זאָרגן!...

— מיר האָבן דיך שוין געפאָלגט, מיין טייערער — איז בימקאָ געקומען אין התפעלות — נאָך איידער דו ביזט אַזוי פריינטלעך געווען און אונז איינגעלאָדן. אוי, פּנחס מיינער, אַז מיר האָבן דיך שוין היינט נישט בדיל הדל געפּרעסן, וועסטו מער אין דיין לעבן שוין קיין קבצן נישט שטאַרבן... ווי דו זעסט דאָס שטילע וואָסערל דאָרט — האָט בימקאָ אויף מיר אָנגעוויזן — ער האָט זיך חלילה אויך נישט וואָס צו שעמען... און טאַקע אני הקטן אַליין האָב אויך נישט דערנעבן געלייגט...

איך האָב געמיינט, אַז דער יונגערמאַן וועט באַקומען אַלע פאַרבן, ווערן גרין און בלוי און געל, לכל הפחות כאָטש אויפשפרונגען ווי אַ געבריטער פאַר עגמת־נפש, אָבער אַ נעכטיקער טאָג! דער פריץ האָט זיך גאָר צו אונ־

זער פאַרוווּנדערונג האַרציק צעלאַכט און בשעת־מעשה אַרויסגעשטעלט צוויי שורות געזונטע ווייסע צייגער און טאַקע אויף אונזער געזונט מיט די דאָזיקע זיך געמאַכט אַ שפּאַס: אַראָפּגעבראָכן אַ שטיק פון אַ שנאַפּס־גלעזל און דאָס שטיק גלאָז געהאַלטן אין מויל און אונז באַוויזן די אַקראָבאַטישע קונסט אַז ער האָט זיך נישט צעבלוטיקט, כדי מיר זאָלן נישט מיינען אַז ער איז אַבי ווער.

דערנאָך האָט אונז בימקאָס קוזין, אונזער גואל, איינגעלאַדן אַריינצוגיין אין זיין אָפּטיילונג צו אַ גלעזל וויין און זיך אַ ביסל צוקוקן ווי מען הוליעט דאָרט אַדורך די נעכט מיט וויין און ווייבער.

— טרינקען נישט, נאָר אָבסערווירן, דאָס יאָ! — האָבן מיר געשמייכלט און זיך אַריינגערוקט אין שכנותדיקן טאַנץ־זאַל.

ביי אַ רויזיק־געדעמפּטן ליכט און אונטער די קלאַנגען פון מוזיק האָט זיך געגאָסן דער שאַמפּאַניער מיט דער אייביקער נאַגנדיקער תאווה...

— אוי, ווי וואָלט איך איצט חשק געהאַט אַ כאַפּ צו טון אַזאַ שיינע בלאָנדע מויד — האָט פּישל אַ באַגייסטערטער אויסגערופן — און איר אַדורכצולייענען אַלע מיינע נאָך נישט געדרוקטע זאַכן, זי אַזוי אָנצוסטראַיען זי זאָל פּשוט שיעור פון ליבע פאַרגיין!...

— זאָל זיך דיר דאַכטן — האָט אים סאָבאַטשעווסקי געענטפערט — אַז איך בין דאָס די בלאָנדע מויד, און קום אַרויס מיט מיר ווען מיר שוין כאַפּן דאָס אמתדיקע טענצל.

מיר האָבן זיך מיט בימקאָס קוזין האַרציק אָפּגעזעגנט און זייגען אַרויס אין גאַס. די וועלט איז געווען אַזוי שיין און פאַרכישופט אין אונזערע אויגן, אַז ס׳האָט זיך אונז פאַרגלוסט צו ווייגען פאַר תענוג...

מיר האָבן זיך הפקרדיק צעזונגען אויף די אין שניי און נאַכט פאַרלאָזענע איינגעלייגעלעטע גאַסן. בימקאָ האָט זיך געשוווירן:

— איך זאָל אַזוי זיין געזונט, ווי איך וועל מיין קוזין יעדן גראָשן באַצאָלן! איך וועל מיר נישט לאָזן שענקען!

און ווען מיר זיינען אָנגעקומען הינטערן „וואַוועל" צו דער ווייסל, וועלכע איז געלעגן אַ פאַרקאָוועטע אין אייז און אויסגעוועלגערט פונם פראָסט, האָט זיך בימקאָ אַ מידער אַוועקגעלייגט און ווידער אָנגעהויבן זיך צו שווערן:

— איך זאָל אַזוי זיין געזונט, ווי איך וועל מיין פּנחסן קיין גראָשן נישט שולדיק בלייבן!...

מיר האָבן אים אַ נעם געטון אונטער די אָרעמס און זיך מיט אים אַ לאָז געטון איבער דעם שפּיגלדיקן אייז פון דער ווייסל, ביז ער איז ווידער פריש

און מונטער געוואָרן און אָנגעהויבן צו זינגען מיט זיין ליריש קולעכל: „אוי דו שיין מיידעלע, אוי דו פיין מיידעלע...“

דער ווינט און די נאַכט האָבן פאַרשלונגען דאָס געזאַנג און עס צעזייט איבער דעם וואַלד און דער פוילישער ווייסל, וואָס האָט געדרימלט אַ פאַרוויגטע אינם שניי און אייז.

י. ל. פרץ

מיט דעם אַוועקגיין פון י. ל. פרץ איז עד־היום נאָך ליידיק געבליבן דער מזרח־שטענדער פון דער יידישער ליטעראַטור, נישטאָ קיין ממלא־מקום... ווייל פרץ דער פילאָזאָף, פּאָליטיקער, סאָציאַלער דיכטער און דער עיקר דער מענטש און וועגווייזער, איז געווען אַ גרויסע פּערזענלעכקייט.

אין זיין אויסערגעוויינלעכער פּערזענלעכקייט זיינען געווען קאָנצענטרירט כמעט אַלע ריכטונגען פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע און פּראָזע. ער איז געווען דער נאַוואַטאָר פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. נישט נאָר בלויז קינסטלעריש־ליטעראַריש האָט פּרץ איבערגעשטיגן זיינע צייט־גענאָסן מענדעלע מוכר־ספרים און שלום־עליכם׳ן, נאָר אויך אידעאיש־סאָציאַל... מענדעלע מוכר־ספרים האָט מיט זיין קינסטלערישן אַפּאַראַט אָפּגעפאָטאָגראַפירט פאַר אונז די פּאַראַביונטע אומבאַהאָלפענע מאַסע פון קאַבצאַנסק, די קאַליקעס און שנאָרערס, די מישטיינס־געזאַגטע קהילה־פאַרזאָרגערס, פון דעם אָרימען טרויעריקן יידישן לעבן.

שלום־עליכם האָט פאַר אונז אויף אַ ברייטער קאַנווע פונאַנדערגעוויקלט דאָס שטעטל פון די טראַגי־קאָמישע מנחם־מענדלס און באַלויכטן די טרויעריקסטע שאָטן־זייטן פון יידישן לעבן מיט זיין העלן עכטן יידישן הומאָר.

אָבער י. ל. פרץ האָט ערשט דערזען און דערפילט דעם געוואַלטיקסטן כוח פון יידישן לעבן — דעם שענסטן און העכסטן טיפּ פונם רוסיש־פּוילישן יידנטום: דעם חסיד, און ער האָט אים לעבעדיק געמאַכט, און די קאַלטע תורה פונם למדנישן מתנגד, וועלכע האָט געשימלט און געשטויבט אין זיין ספרים־שאַנק, מיט אַט דער קאַלטער תורה האָט ער זיין האַרץ דערוואַרימט.

און אויך דעם האַרעפּאַשניק, וואָס האָט אויף זיינע פּראָלעטאַרישע פּלייצעס דערטראָגן דעם גאַנצן עול פונם יידישן סאָציאַליזם, פון דער יידישער שפּראַך און קולטור, האָט ער מיט ווירדע פאַראייביקט...

מענדעלע און שלום־עליכם האָבן דעם גויאישן אָרום פאַריידישט, און פרץ האָט דעם יידישן אָרום אייראָפּעאיזירט...

מיט זיין וויטן בליק און גאונישער פּען האָט ער פּאַרפּיקסירט דאָס גאַנצע יידישע לעבן: דעם עם־הארץ און דעם למדן, דעם חסיד און דעם מתנגד, דעם ציוניסט און סאָציאַליסט, דעם אַסימילאַטאָר און נאַציאָנאַליסט,

דעם אָרימען און דעם רייכן... ווייל זיין גייסט האָט זיך איבער זיין פאָלק דערהויבן, האָט ער געקאָנט אָפּשפּיגלען די פיזישע און גייסטיקע ליידן פון זיין עפּאָכע...

פּרץ איז נישט נאָר געווען דער גרעסטער יידישער נאָוועליסט, נאָר אויך דער גרעסטער יידישער דיכטער פון זיין צייט, און אפשר גאָר איבער אַלע צייטן... ווייל ער האָט נישט נאָר אויסגעדריקט זיינע פּערזענלעכע געפילן, אָדער די געפילן פון זיין פאָלק, נאָר כמעט די גאַנצע יידישע בענקשאַפט נאָך פרייהייט, גערעכטיקייט און שלום האָט ער אוניווערזאַליזירט...

ביי „אַ פרעמדן חופּה קלייד" האָט פּרץ אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן סימבאָליזירט די גרעסטע סאָציאַלע דראַמע, און אַרויסגעבראַכט דעם שוידערדיקסטן קאָנטראַסט פון אַרבעט און קאַפּיטאַל אויף אַזאַ פּשוטן קלאָרן אופן, אַז מיר ווערן טיף אויפגעשוידערט און מיטגעריסן מיט אים ווען ער זינגט:

„באַטראַכט נאָר דיין ברודער, דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלן, ברילִיאַנטן, דימאַנטן און גליק!
עס טרעפט זיך ער אַרבעט, און הונדערלעך הייס
הערט אים דער שטערן — באַדעקט זיך מיט שווייס;

עס טריפן די טראָפּן! ער ווישט מיט דער האַנט:
לאָז נישט! דער טראָפּן דאָס איז אַ דימאַנט.
נאָר אַרבעט הייס!
קלויב אויף דעם שווייס!
שיטסטו אָן פעסער דימאַנטן...

עס טרעפט און אים פאַלט פון די ברעמען אַ טרער:
דו שוטה, דו מיינסט עס איז וואַסער נישט מער,
און טרייסטן און האַלזן, דו האַלטסט עס נישט אויס,
און קושסט אויס די טרערן פון ד׳אויגן אַרויס!

פאַרשווענדסט דיין פאַרמעגן, דו נאַרישער קאָפּ,
לאָז ווייִנען, לאָז וויינען! און קלויב יעדן טראָפּ!
אַ טראָפּ האָט פאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט,
רייך וועסטו זיין ווי אַ קעניג!

דערנאָך — האָט דיין ברודער אַן איידעלע פעל,
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל,
בלוט זאָגסטו איז עס, בלוט זאָגסטו אַ קאַפּ,
דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאַפּ נאָר און צאַפּ!...

זאָל ער נאָר בלוטן, און בלוטן נישט קאַרג,
אָנשיטן שוין װעסטו קרעלן אַ באַרג,
דו האָסט אַ פֿאַבריק,
און מאַך דיר דיין גליק,
ביזט שטאַרק און װייסט שוין דעם סוד !״ . . .

נישט נאָר דעם סאָציאַלן קאָנטראַסט האָט פּרץ באַוויזן אויסצוזינגען אין זיין מייסטערהאַפטן פּערז, נאָר אויך די נאַציאָנאַלע טראַגעדיע איז וואַך געוואָרן אין זיין ווונדערבאַרן ליד „דער בעל עגלה״.

הגם פּרץ איז געווען אַ גרויסער קאָסמאָפּאָליט, האָט דאָס אָבער פּאָרט נישט אָפּגעשוואַכט זיין דורכדרינגענדיק אויג און געפיל צו קענען אַרומנעמען דאס גאנצע יידישע לעבן מיט אַלע זיינע שאַטירונגען. זיין אומ־זיכערקייט, אויסגעוואָרצלטקייט, און פּאָרט אַזאַ צוגעבונדנקייט מיט ליבע צו דער ערט, דעם טייך און דעם וואַלד — די היים ווו מען איז געבוירן . . . אָבער אַזוי ווי דער ייד פילט נישט נאָר ליבע און טרייקייט צו דער ערט ווו ער איז געבוירן, נאָר אויך טיפע סענטימענטן צו דער דאָזיקער ערט ווו זיינע אבות אבותיהם האָבן אַמאָל גליקלעך געלעבט און געשאַפן אייביקע ווערטן, דערפאַר האָט אויך פּרץ געזונגען:

„װייס איך צו זאָגן
װאָס גלייך איז און קרום,
איך האַלט מיך ביי מיינעם —
גאָטס װעלט ז׳אומעטום.
איך פלעג מיט פאַרשוינען,
ביי בעסערע יאָרן,
קיין לעמבערג, קיין קראָקע,
קיין פּרייסן צו פֿאָרן.

איך זע נישט קיין צייכן,
איך זע אַ זשאַנדאַר,
ער זאָגט מיר : ׳גראַניצע׳,
נו גלויב איך דעם האַר . . .
יאָ דאָ װעל איך בלייבן,
אַן אַלטער . . . אַ שאַרבן,
דאָ בין איך געבוירן,
דאָ װעל איך שוין שטאַרבן . . .

איך װייס נישט עס ציט דאָך
דער הימל, דער װאַלד . . .
װאָלט נאָר נישט געװעזן
דאָ נאַס, אַזוי קאַלט . . .

עסייען

עס ציט מיך מיין הייזל,
עס איז דאָך אַ חייטיק...
כאָטש עס פאַלט כורעים, —
אַ שינדל — דאָך נייטיק...

עס דאַכט זיך מיין שורש
ליגט דאָ אין דער ערט;
חייס איך מיר דאַכט זיך —
און חידער פאַרקערט!
האַלט מען ביים פאָרן
דאַכט זיך מיר פאָרט, —
א״י ארץ ישראל,
דאָס איינציקע אָרט...

כ׳חיל זען למשל,
אָט, רחל׳ס אַ קבר,
אויך ס׳בית המדרש
פון שם און פון עבר...
דאָ ליגט אַ מלך,
אַ כהן, אַ נביא,
און היינט־זשע די כותל, —
די כותל מערבי״...

ווי וווּנדערלעך פּרץ זאָל נישט האָבן פאַרשטאַנען צו באַזינגען די קאָנ־טראַסטן און דיסאָנאַנסן פונם יידישן לעבן, און ווי טיף ער זאָל אויך נישט האָבן פאַרגעפילט זינגענדיק: „וואָלט נאָר נישט געווען דאָ — נאָס אַזוי קאַלט!״... האָט דער הייסער פאַלקיסט, באַגייסטערטער סאָציאַליסט און ראָמאַנטישער ציוניסט פאָרט נישט געקענט פאָראויסזאָגן אַז דער דורותדיק מעכטיקער שטאָם און טיפער ברונעם פונם פויליש־ליטווישן יידנטום, פון וועלכן זיין וווּנדערלעכע פען האָט אַזוי פיל אומענדלעכע אוצרות אַרויסגע־כישופט, וועט אַזוי אומברחמנותדיק גיך פאַרשניטן און פאַרשטאָפּט ווערן... און איבער די בלוטיקע חורבות וועט אויסגעמישט מיט אומענדלעכן טרויער און פרייד אויפגיין ווי אַ נס די צוויי־טויזנט־יאָריקע אויסגעבענקטע אומגלויבלעכע „פאַטאַ־מאָרגאַנאַ״, „ציון במשפט תפדה״... אין דער געשטאַלט פון אַ יידישער מדינה.

אַז ס׳וועט ציון אין דער פאָרם פון אַ יידישער מדינה טאַקע זיין ביכולת ממשיך צו זיין אונזער המשך, דאָס וועט די נאָענטע צוקונפט באַלד באַווייזן.

אין יעדן פאַל האָט דער גראַנדיעזער קאָסמאָפּאָליטישער דיכטער געזונגען פון דעם אַלמענטשלעכן ליד:

יוסף הלל לעווי

„געלע, ברוינע, שוואַרצע, רויטע,
מישט די פאַרבן אויס צוזאַמען, —
אַלע מענטשן זענען ברידער,
פון איין טאַטן און איין מאַמען״...

ר׳האָט נישט געחלומט, אַז קומען וועט צום ערשט (זאָל זיין טיילוויז) אַ יידישע אויסלייזונג, פאַר דער וועלטלעכער אויסלייזונג...

אָבער געוווּסט האָט פרץ נישט ווייניקער ווי זיינע גרעסטע ציוניסטישע צייט־גענאָסן, אַז יידן מוזן האָבן „אַן אייגענע טעריטאָריע״. דער בעסטער באַווייז דערפאַר זיינען די צוויי שורות אין זיין דראַמע: „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״:

„אַ פאָלק ווי אַ מענטש מוז האָבן אַ היים,
דערווייל אַ סיים, דערווייל אַ סיים״...

אַזוי ווי פרץ דער פּראָבלעמאַטיקער איז געווען כמעט איינער פון די גרעסטע יידישע דיכטער, האָט ער אויך פאַרנומען אַ גאַנץ באַזונדערן אויבן־אַן אין דער פּראָזע.

אין זיינע סקיצן, נאָוועלן, בילדער און דראַמען איז שוין געלעגן דער זוימען (פונקט ווי אין זיינע פערזן) פאַר אַלע מאָדערנע ריכטונגען אין דער יידישער ליטעראַטור.

ווייל פרץ איז געווען דער ערשטער יידישער אוניווערזאַליסט, האָט ער געזוכט אַריינצוברענגען אין דער יידישער ליטעראַטור די מאָדערנע שטרע־מונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור, כדי צו געבן די יידישע פּראָבלעמען אַן אַלוועלטלעכן פּנים...

דער סלאָווישער פּרינציפּ: „צו זיין מיט דעם געדריקטן און שוואַכן״, וועלכן ס׳האָבן אַזוי גאוניש פאַרטראָטן טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, טורגעניעוו און אַנדערע, איז אויך געווען שטאַרק דאָמינירנדיק אין פרץ׳ס שאַפן.

מ׳קאָן נישט זאָגן, אַז פרץ זאָל האָבן באַלאַנגט צו איין ריכטונג, מחמת אין זיין סטיל זיינען געווען אַסימילירט כמעט אַלע ריכטונגען. קלאַסיציזם, רעאַליזם, מיסטיציזם און צומאָל אפילו אויך נאַטוראַליזם, האָבן זיך אין אים האַרמאָניש פאַראייניקט. ווייל זיין סטיל איז געווען גראַציעז, דעליקאַט, צומאָל קראַס און אפילו אויך ברוטאַל, — האָט ער תמיד געקענט אַ סך אין זיך אויפנעמען און אַליין נישט בטל ווערן... דערצו האָט אים שוין זיין פּעדאַנטישע פיינע דיאַלעקטיק תמיד אַרויסגעהאָלפן... פרץ איז אפשר געווען דער וווּנדערלעכסטער ראָמאַנטיקער פונם רעאַליזם...

פרץ האָט אין זיינע נאָוועלן אַרויסגעבראַכט די טיפסטע און הערלעכסטע

יידישע טיפן. אַנגעפּאַנגען פון זיין באַרימטער נאָוועלע: „אין קעלער־שטוב", „דער משוגענער בטלן", „אַ כעס פון אַ יידענע", „אַ גלגול פון אַ ניגון", „שלום בית", „באַנטשע שוויג", „דאָס שטריימעל", ביז צו זיין גאונישער נאָוועלע „צווישן צוויי בערג". אָט די אַלע ווערק וועלן פאַרבלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אייביק דופטענדיק צעבליטע בלומען.

פרץ איז אויך געווען דער גיגאַנטישער הומאַניסט, וואָס האָט דערהויבן יידיש צו אַן אידעע, און אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין „יידיש־לאַנד" טעריטאָריאַליזירט. ווייל פּרץ האָט דערפילט און געוווּסט, אַז די ריינסטע בליטן פון פּאָעטישער טיפקייט, סאָציאַלער גערעכטיקייט און ליבע צום מיטמענטשן האָבן ווי די פיינסטע איידלווייס נאָר געקענט אויסבליען אויף די פאַרכישופטע אַלפּן פונם חסידיזם; דערפאַר האָט זיין קינסטלערישע אינטואיציע, מיט זיין אַדלער־גייסט, אים געפירט צום חסידיזם...

די חסידישע מעשהלעך פון ר' ישראל בעל שם טוב און זיין שיטה, געהערן צו די שענסטע און העכסטע פון אַלע צייטן. זייער טיפקייט אין געדאַנק און ריינקייט אין געפיל, קענען זיך פאַרגלייכן צו לאַאָטסע, קרישנאַ, בודאַ און קריסטוס... דערפאַר האָט דער חסידיזם פּרץ'ן אַזוי גרויס גע־מאַכט, ווי ער דעם חסידיזם.

פרץ האָט אויך טיף מרגיש געווען די רעליגיעזע שטימונגען און געפילן פון זיין דור. אין אים זיינען געווען פאַראייניקט דער אפיקורס מיטן צדיק, דער גלויביקער מיטן צווייפלער, דער בויער און צושטערער...

און ווער עס גלויבט, אַז פּרץ האָט אָפּאָטעאיזירט דעם אָבערגלויבן, פאַנאַטיזם און צדיקיזם, דער האָט פּרץ'ן לחלוטין נישט פאַרשטאַנען; מחמת פּרץ גופא איז אָפט געווען אַ גרויסער סקעפּטיקער, ער האָט נאָר באַוווּנדערט דעם ריינעם גלויבן און דאָס מקריב זיין זיך פאַר אַ גערעכטער אידעע, וואָס איז אָפטמאָל העכער, גרעסער און אייביקער ווי דעם מענטשנס לעבן...

„בעסער אין גיהנום מיט כל ישראל איידער דאָ אַליין"... זאָגט דער ביאַלער רבי צום בריסקער רב, אין דער דערציילונג „צווישן צוויי בערג". דאָס מיינט: די קאַלטע לאָגיק, דער פּלפּול, די סברות און דער ראַציאָנאַליזם פון אַלע טרוקענע לערעס, קענען דעם מענטשן נישט דערוואַרעמען... דערפאַר איז בעסער אַראָפּצונידערן צו דער פּשוטער מאַסע, כדי זי צו זיך צו דערהויבן... איידער צו לעבן דערהויבן אַליין אַן דער מאַסע...

אַזוי ווי דער חסידיזם איז געווען אַ פאָלקס־באַוועגונג, וועלכע איז דאַן געוואָרן די פאַרשטופע צום יידישן סאָציאַליזם, און פּרץ איז געווען אַ מענטש וואָס האָט ליב געהאַט דאָס פאָלק — האָט ער צום פאָלק אַראָפּגענידערט, און עס טאַקע צו זיך דערהויבן...

נאָר פּרץ'ן איז עס געלונגען, ווי קיין שום יידישן שרייבער פריער, מיט אַ פענאָמענאַלער דיאַלעקטישער טיפקייט אַרויסצוברענגען די דיפערענצן פונם פויליש־ליטווישן יידן... פון איין זייט דעם טרוקענעם ראַציאָנאַליזם, וואָס האָט אָפט דערגרייכט ביז צו אפיקורסות; פון דער אַנדערער זייט ווידער דעם נאַאיווען אַבערגלויבן, די היציקע פאַנטאַזיע וואָס איז פאַר־פלאָכטן מיט אמתער פאָעזיע...

י. ל. פּרץ איז נישט נאָר געווען דער גרעסטער יידישער דיכטער, נאָר אויך (ווי שוין פריער באַמערקט) דער גרעסטער דעמאָקראַט פון דער יידישער ליטעראַטור. דערפאַר איז עס דעם וואונדערבאַרן קאָסמאָפּאָליט געלונגען זיך אַזוי סימפּאַטיש און הומאַן צו באַציען צו אַלע יידישע פאַרטייען און ריכטונגען.

סיי אין זיינע ליטעראַרישע און פובליציסטישע שאַפונגען, סיי אין זיינע עפנטלעכע אַרויסטריטן, איבעראַל איז פּרץ געווען דערהויבן, ברייט און אומענדלעך טיף. די וויטזיכטיקייט, דער פאַטאָס און עפּאָס — דאָס הויכע מאָראַלישע געפיל פון די נביאים, האָט געגליט אין זיינע רמ״ח אברים.

ער האָט געחלומט אַ גרויסע און גליקלעכע צוקונפט פאַר דעם גע־־־־יזן און שוואַכן, באַזונדערס פאַר דעם דערנידעריקטסטן און אויסגעפייניקטסטן פאָלק פון אַלע פעלקער. אָבער פּרץ האָט נישט געגלויבט אין דער אַסימי־לאַציע. אין איינעם פון זיינע מאמרים זאָגט ער: „איך גלויב נישט אַז אַ פאָלק זאָל, צוליב זיין אייגענער טובה אָדער צוליב דער טובה פון דער מענטשהייט, זיך מוזן אַסימילירן... פאַרקערט, אַ פאָלק דאַרף אָנווענדן אַלע זיינע כוחות אָפּצוהיטן זיין נאַציאָנאַלע קולטור. איך ווייס״, זאָגט ווייטער פּרץ אין זיין „אני מאמין״, „אַז מיר זיינען תמיד געווען די ערשטע צו פאַר־גיסן אונזער בלוט פאַר דער פרייהייט און די לעצטע פון איר צו געניסן״...

דאָס פאָלק פון „בדמיך חיי״ וועט נישט אומקומען — אומקומען וועלן נאָר די רשעים מיט דעם גלות, אין וועלכן דער רוב פון פאָלק איז נאָך היינט געצווונגען צו לעבן; ביז אויפגיין וועט דאָס פאָלק ישראל, צעשטראַלט מיט יושר, צדק, דין און שלום, און באַפרוכפערן דעם חוץ־לארץ; און דער חוץ־לארץ וועט זיינע שטראַלן ווידער צוריקשיקן קיין ישראל...

העברעאיש מיט יידיש וועלן מוזן שליסן אַן אייביקן פרידנס־בונד, צוליב דעם קיום פון כל ישראל.

מיר קענען נישט אויפהערן צו לעבן און צו ליידן ביז מיר וועלן נישט פאַרווירקלעכן די גרויסע מיסיע — דעם דערהויבנסטן חלום איבער אַלע צייטן, פון אונזער גרעסטן נביא ישעיה! ווייל אָט דער אומפאַרגענגלעכער חלום פון אמת לאָזט אונז קיינמאָל נישט אונטערגיין!...

עסייען

„שטילער, שטילער,
דאַנקען װיל ער״...

מיט דעם דאָזיקן פּסוק אויף די ליפּן איז פּרץ׳ן אַרויסגעפאַלן די פען פון דער האַנט, און זיין גרויס האַרץ האָט אויף אייביק אויפגעהערט צו קלאַפּן.

מיר וועלן מיט דאַנקבאַרקייט געדענקען דעם גאונישן יידישן דיכטער פאַר דער אומשעצבאַרער רייכער און אייביקער ירושה, וואָס ער האָט אונז איבערגעלאָזן.

עס קאָן נישט זיין, אַז אַזאַ שפּרודלדיקער ריינער קוואַל, וואָס האָט דורות לאַנג נישט אויפגעהערט צו שלאָגן, זאָלן מערדערישע טמא הענט שוין האָבן אויף אייביק פאַרשטאָפּט!

דאָס פּויליש־ליטווישע יידנטום, וואָס האָט אַזוי פיל אייביקע טיפקייטן געשאַפן, אָט דער דאָזיקער גיגאַנטישער שאַפער וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין.

און דער ווונדערבאַרער זינגער י. ל. פּרץ, וואָס האָט אויף אַזאַ הערלעכן אופן באַלעבט און באַזונגען דעם פּויליש־ליטווישן ייד, וועט ווידער אין דורות יידן אויפלעבן און פון זייער האַרצן אַרויסזינגען.

שלום עליכם

מאַדנע איז דעם מענטשנס גורל, דווקא דער שלום עליכם וואָס האָט שוין גאָר קיין פריילעכע יוגנט נישט געהאַט, מחמת זיין מוטער איז אים נאָך אַלס קינד געשטאָרבן און ער האָט באַקומען אַ שטיפמאַמע (זי זאָל אים עס דאָרט מוחל זיין) אַ גרויסע מרשעת — אַ יידענע וואָס פעך און שוועבל האָט זיך פון איר מויל געשאָטן, אַ פרייע האַנט געהאַט אויף פרעמדע באַקן, און האָט מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל געקאָמאַנדעוועט איבער צוריקגעבליבענע יתומים. שלום עליכם׳ס אַ קליין ברודערל האָט זי איינמאָל פאַר כעס געגעבן אַזאַ זעץ־אַנידער, אַז ער איז געבליבן אַ קאַליקע אויף זיין גאַנצן לעבן. שלום עליכם, איז באַקאַנט, אַז ער האָט אַלס קינד זעלטן געוויינט. און דער דאָזיקער שלום עליכם איז געוואָרן דער גרעסטער יידישער הומאָריסט. נישט אַכטענ־דיק אויף די אַלע עוולות, איז ער געבליבן אַ שטענדיקער שטיפער און מנצח געוועזן יעדן אומעט, טרויער און יאוש פון לעבן; און די טראַגישסטע מאָמענטן באַלויכטן מיט אַ שפרודלדיק פרישן הומאָר.

געבוירן איז שלום עליכם אין יאָר 1859 אין דעם קליינעם שטעטל פערעיאַסלעוו (פּאָלטאַווער גובערניע), אַ שוואַך קינד מיט געקרייזלטע בלאָנדע לאָקן, גרויע נייגעריקע אייגעלעך, אָבער אַ רירעוודיקער שטיפער.

דעם קליינעם שלום עליכם׳ס פעאיקייטן צום לערנען און זיין גרויסע התמדה צום לייענען האָבן זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אַזוי אַז ער איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אין זיין קליינעם שטעטל מיט זיין זעלטענעם קאַליגראַפישן כתב.

„מען קען זיך משער זיין״ (שרייבט ז. שניאור אין זיינע „ביאָגראַפישע שטריכן״ איבער שלום עליכם) „אַז אין דער דאַמאָלטדיקער צייט איז אַזאַ מענטש געווען אַ געבילדעטער, און מען האָט פאַר מיידלעך געדונגען אַזעלכע לערער וואָס האָבן געהאַט אַ גוטן כתב־יד. און דער שיינער כתב־יד זיינער איז אים טאַקע דערנאָך אין זיין נויט נישט איין מאָל בייגעשטאַנען״.

אָבער נישט נאָר ביי זיין שיינעם כתב־יד איז דער קליינער שלומל געבליבן. ווען זיין פאָטער איז אים געשטאָרבן, האָט ער פאַרלאָזט זיין שטיפ־מוטער און וייטער געלערנט פלייסיק. שפּעטער באַקומען אַ געוויסן ביל־

דונגס צענז אין דער זשיטאָמירער ראַבינער שול, און טאַקע צו 21 יאָר געוואָרן ראַבינער און אַמטירט דריי יאָר. אין אַ קורצער צייט האָט ער אויך חתונה געהאַט פאַר זיינער אַ שילערין אויס ליבע — איבער וועלכער ער האָט קיינמאָל נישט געשריבן, און געוואָן געקענט שרייבן דעם שענסטן ליבעס־ראָמאַן...

ווען זיין שווער איז געשטאָרבן זענען דאָס יונגע פּאָר געבליבן די אייני־ציקע יורשים איבער אַ מאַיאָנטעק פון איבער 300,000 רובל. אָבער שלום־עליכם, נישט זייענדיק קיין סוחר, האָט באַלד זיין געלט צעפּטרט, דעם גרעסטן טייל אויף דער בערזע, און דעם איבעריקן טייל פאַר שרייבער און ליטעראַטור. (עס איז באַקאַנט אַז מיט אַזאַ פולער האַנט ווי ער, האָט זעלטן ווען איינער זיינע מיטאַרבעטער באַצאָלט.) מחמת ער איז נישט נאָר געווען אַ פיינער שרייבער, נאָר אויך אַן אויסערגעוויינלעך גוטער חבר צו אַלע זיינע חברים.

עלעמענטן פון סאָפאָקלעס, מאָליער און גאָגאָל האָבן געהאַט אַן אומ־דירעקטן איינפלוס אויף זיין שפּילעוודיק לייכטן און קלאַסישן סטיל...

פון דעם גיגאַנטישן בוים, וועלכער איז צעצווייגט מיט הומאָר, סאַטירע, איראָניע, פּאַראָדיע, גראָטעסק, פאַרס, אַנעקדאָט, פאַבל, וויץ וכדומה, האָט שלום עליכם זיך אָפּגעבראָכן אַן עלאַסטיש, שמעקנדיק צווייגעלע, און זיך אויסגעשניצט דערפון אַ פאַרכישופטן סצעפּטער פון הומאָר, און מיט דעם דאָזיקן הומאָר האָט ער אייביק דיריגירט זיינע העלדן... און אַזוי ווי דער רוימישער דיכטער ווירגיליוס האָט אַרומגעפירט דאַנטען אין זיין „געטלע־כער" קאָמעדיע, איבער דעם טיפסטן לאַבירינט פון מענטשלעכע ליידן און פּיין, אַזוי האָט אויך שלום עליכם׳ן אַרומגעפירט זיין הומאָר איבער דעם גאַנצן יידיש טראַגישן און קאָמישן לעבן... אָבער שלום עליכם איז נישט בטל געוואָרן, נאָר תמיד אַרויס פון דאָרט אַ לייכטער, צעוויצלטער, און קיינמאָל נישט נכשל געוואָרן מיט ציניזם, וואָס איז דער קראַנקהאַפטסטער, שעדלעכסטער עלעמענט פון דער גאַנצער ליטעראַטור.

בלי שום ספק איז ער געווען אַ ווילער תלמיד פון זיין גראַנדיעזן רבין מענדעלע מוכר־ספרים, וועלכער האָט אָבער נישט פאַרמאָגט ווי זיין תלמיד אַזאַ הומאָר, נאָר אַ „גאַלגענהומאָר"... מענדעלע האָט אויך געקענט לאַכן, אָבער נאָר מיט יאַשטשערקעס... שניידנדיק, ביטער; מענדעלעס געלעכ־טער האָט געקניפּן און פאַרוואונדעט. שלום עליכמס געלעכטער איז געווען קיצלדיק און האָט געשלאָגן ווי אַ שפּרודלדיקער קוואַל אָפּפרישנדיק. מענ־דעלעס געלעכטער איז געווען אַנגעווייטיקט טיף; שלום עליכמס שפּילעוודיק, לייכט און גלעטנדיק, ווייל ער איז געשטאַנען איבער דער טראַגי־קאָמיק פון

דעם גאַנצן לעבן... ער האָט באַזעסן די גרויסע קונסט צו קענען לאַכן נישט נאָר פון אַן פאַר אַנדערע, נאָר אויך פון זיך, אין זיך און פאַר זיך...

„לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן". דאָס איז געווען זיין מאָטאָ.

און דאָס קראַנקע יידישע פאָלק האָט אייביק געדאַרפט און עס דאַרף נאָך היינט זיך געזונט צולאַכן... און דערפאַר האָט ער טאָקע קאָמפּאָנירט די געוואַלטיקסטע ראַפּסאָדיע פון מענטשלעכן געלעכטער אויסגעמישט מיטן יידישן געוויין...

זיינע טיפּן מנחם־מענדל און טוביה דער מילכיקער, געהערן כמעט צו די אינטערעסאַנטסטע אין דער יידישער ליטעראַטור.

מנחם־מענדל איז אַ שטיק טראַגי־קאָמיק פון דעם יידישן לעבן. אַ פאַנטאַסט וואָס באַלד האַנדלט ער אויף דער בערזע, באַלד מיט וואַלד און הייזער, און מיט וואָס האַנדלט דען מנחם־מענדל נישט?

אַ שטיק „דאָן קיכאָט" — וואָס שרייבט בריוו צו זיין פלוניתטע, וועלכע שפּילט אַ פּראַקטישע ראָלע ווי „שאַנסאָ פּאַנצאָ" אין דעם וועלט־באַרימטן סערוואַנטישן ראָמאַן.

שלום עליכמס כתרילעווקער איינוווינער זיינען אָרעמע לייט בעטלער, ווי די קאַבצאַנסקער. כתרילעווקע שטעלט מיט זיך פאָר ווי מענדעלע מוכר־ספרימס „טונעיאַדעווקע", זאָגט ד"ר פינעס אין זיין געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, דאָס טראַדיציאָנעלע לעבן וואָס איז נאָך נישט באַרירט געוואָרן פון דער מאָדערנער קולטור.

דער גרויסער קולטור פילאָזאָף מאַקס נאָרדוי האָט אַמאָל געזאָגט: „אַ געוויסער מין פון דעם מנחם־מענדלס טיפּן, נישט קענענדיק זיין קיין שוס־טערס, ווילן זיי ווערן מיניסטאָרן"...

נאָך גרעסער, בולטער און טיפער ווי זיין מנחם־מענדל איז אַרויסגע־קומען טוביה דער מילכיקער. איבער זיין לעבן שוועבט אַ לייכטע איראָניע, מיט אַ צושפּילטער נאַאיווער פרייליכקייט, ווען אפילו זיין האַרץ ווערט אים בשתיקה צעריסן פון דעם טיפסטן ווייטיק, ווען אפילו די פינסטערסטע רעיונות טאָטשן אים, פאַרלאָזט אים אויך נישט זיין בטחון, דער אייביקער פעלזן־פעסטער יידישער בטחון!...

אין דער שווערסטער צייט רעדט טוביה זיך תמיד פון האַרצן אַראָפּ מיט אַ פסוק, און ער געפינט זיך תמיד זיין פסוק, ווייל אויף אַלעם האָט ער פסוקים. ער איז אַ פּאָזיטיווער פילאָזאָף, און זיין לעבנס־פילאָזאָפיע איז דער אָפּטימיזם.

שלום עליכם האָט אויך געשריבן ראָמאַנען. די באַקאַנטסטע זיינען: „סטעמפּעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי". אין די דאָזיקע ביכער האָט ער פאַר־

לייגט דעם זוימען צום גרעסערן בעסערן יידישן ראָמאַן.

נישט ווייניקער האָט אים די יידישע בינע צו פאַרדאַנקן, זיינע קאָ־מעדיעס: „נאַר אַ דאָקטאָר", „דער גט", „צוזייט און צושפּרייט", „דאָס גרויסע געווינס" געהערן צו די בעסטע פון דער יידישער טעאַטער־ליטעראַטור.

צווישן די ליבסטע און אַממיינסטן געלייענטע יידישע קלאַסיקער אין סאָוויעט רוסלאַנד געהערט שלום עליכם, ווייל אַזוי ווי ער, האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען אָפּצולאַכן און פיינט האָבן די בורזשואַזיע, און די אויפגעקומענע גבירים...

באַזונדערס טיף און באַחנט זיינען זיינע „קליינע מעשהלעך פאַר גרויסע מענטשן", און זיינע קינדער מעשהלעך „דאָס פידעלע" און „דאָס מעסערל". אין זיי האָט שלום עליכם אַריינגעגאָסן די גאַנצע טיפקייט און צאַרטקייט פון זיין גרויסער נשמה. ווירטואָזיש האָט ער פאַרשטאַנען אַריינצוּוועבן דעם גאַנצן יידישן פאָלקלאָריזם אין זיינע ווערק, אַז יעדע שורה און יעדעס אות וועט בלייבן ווי אַן אייביקער מאָנומענט פון שפּראַכלעכן געניוס פאַרן יידישן לינגוויסט.

אויף אַ גרויסן פאָלקס־באַנקעט לכבוד שלום עליכמן אין אַמעריקע איז אויך געקומען זיינער אַ ווייטער, פרעמדער און וועלט־באַרימטער קאָלעגע אַ הומאָריסט, וועמענס נאָמען עס איז געווען מאַרק טווען. ווען מען האָט זיי ביידע באַקאַנט געמאַכט, האָט דער אַמעריקאַנער הומאָריסט געזאָגט צום יידישן: „איך האָב געהערט, קאָלעגע, אַז איר זענט דער יידישער מאַרק טווען". אויף דעם האָט אים שלום עליכם גלייך אָפּגעענטפערט: „און איך האָב געהערט אַז איר זענט דער אַמעריקאַנער שלום עליכם"...

ווייל ער האָט באַזעסן אַלע העכסטע עלעמענטן פון אַ געניאַלן אַבסער־וואַטאָר, וואָס איז פעאיק אַריינצוקוקן אין דער טיפסטער אומבאַהאָלפנסטער סיטואַציע פון דעם מענטשנס נשמה וואָס וויגט זיך אייביק צווישן טראַגיק און קאָמיק; האָט זיך ביי אים גענומען דער גרויסער כוח, דער זאַפטיקער הומאָר, אייביק צו קענען לאַכן פון די גרעסטע צרות און פיין, פון די פאַר־צווייפלטסטע עינויים, פון די בלוטיקסטע מאָמענטן אין זיין לעבן, און אין דעם לעבן פון זיין פאָלק. דערפאַר איז זיין שפּרודלדיק, גלעטנדיקער און דערפרישנדיקער געזונטער געלעכטער געוואָרן דער באַליבטסטער און גע־טרייסטער אייביקער באַגלייטער פון זיין פאָלק אין אַלע צייטן.

אברהם רייזען

אפילו די שענסטע פראָזן זענען ניט בכח איבערצוגעבן פון אַן אמתן דיכטער דאָס מיטלמעסיגסטע ליד.

עס זענען פאַראַנען דריי מינים דיכטער: צום ערשטן געהערן די דאָזיקע, וואָס ווערן פון גייסט באַצוואונגען צום זינגען, צום צווייטן מין געהערן די וואָס ווערן פון הארץ באַצוואונגען צום זינגען, — און צום דריטן מין געהערן די, וואָס באַצווינגען אַליין זייער האַרץ און גייסט צום זינגען.

בלי שום ספק קענען אַלע דריי מינים דיכטער גרויס זיין, ווען זייער דיכטערישע ווירטואָזיטעט באַלאַנסירט מיט זייער טעמאַטיק: און די טעמאַטיק מיט זייערע בילדער, געדאַנקען און געפילן...

און אַזוי ווי עס זענען פאַראַנען פאַרשיידענע מינים דיכטער, זענען אויך פאַראַנען פאַרשיידענע מינים לייענער. מחמת ניט צו יעדן לייענער אַפּעלירט יעדער דיכטער.

עס איז קלאָר, אַז צו דעם סאָציאַל־געדריקטן מענטשן וועט אַ סך בעסער אַפּעלירן דער האַרצנס־דיכטער, וואָס ווערט פון זיין סאָציאַלער טעמאַטיק באַצוואונגען צום זינגען, איידער דער דיכטער וואָס באַצווינגט זיין טעמע. פון דעם רעטאָריקער שוין אין גאַנצן אָפּגערעדט.

און ווייל דאָס יידישע פאָלק בכלל און דער יידישער פראָלעטאַריאַט בפרט, באַלאַנגען צו דעם אַמשווערסטן אונטערגעדריקטן און געליטענעם מין מענטשן, דערפאַר אַפּעלירן תמיד אַמשטאַרקסטן צו זיי — די לירישע דיכטער פון פאָלק.

און צו דעם סאָרט געהערט טאַקע אברהם רייזען.

עס מוז אויך אַן אונטערשיד געמאַכט ווערן צווישן פאָלקדיכטער, און דיכטער פון פאָלק. דער אמתער פאָלקדיכטער איז דער דאָזיקער, וואָס איז ביכולת אין זיך תופס צו זיין און האַרמאָניזירן די אַלע מאָטיוון, געדאַנקען, בילדער און געפילן וואָס קומען אַן סטיכיש פון דער פאָלק־נשמה אין דער זייניקער אַריינצודריגגען... דער דיכטער פון פאָלק אָבער, וועבט אַליין זיינע מאָטיוון, געדאַנקען, בילדער און געפילן, נאָר שוין אַסך קאָמפּליצירטער און ראַפינירטער, הגם אויך נאָך אין גוסט פון פאָלק און אין פאָלקס־אידיאָם.

דער פֿאָלקס־דיכטער געפֿינט זיך תמיד אויף איין מדרגה מיט דער פֿאָלקסמאַסע, אירע געדאַנקען, געפֿילן, בענקשאַפֿטן, חלומות, האָפֿנונגען, אַנטוישונגען און שטרעבונגען, זענען אויך די זייניקע. אָבער דער דיכטער פֿון פֿאָלק, הויבט זיך אויף איבער דעם פֿאָלק, און דערהויבט דאָס פֿאָלק צו זיך. זיינע מאָטיוון נעמט ער אויך פֿון פֿאָלק נאָר ער באַהויכט זיי מיט זיין אינדיווידואַליטעט, און ניט נאָר דער פֿאָלקס־מאָטיוו ווערט תמיד זיין מאָטיוו וואָס איז אויף אים משפּיע צום זינגען, נייערט זיין מאָטיוו ווערט דאָס רוב דער מאָטיוו וועלכן דאָס פֿאָלק זינגט תמיד...

ביז צו רייזען האָט מען געשריבן לידער אין יידיש — ערשט ער האָט אָנגעהויבן צו דיכטן אמתע יידישע לידער און טאַקע דערפֿאַר איז ער אַזוי באַליבט און איינגעפֿלאָכטן געוואָרן אין דער פֿאָלקס־נשמה.

א. רייזין איז ניט נאָר דער דיכטער פֿון פֿאָלק, נאָר זער אָפֿט אויך דער אמתער פֿאָלקס־דיכטער, מחמת ביידע עלעמענטן זענען אין אים פֿאַרייניקט. דערפֿאַר איז זיין ליד געוואָרן אַזאַ פֿיינער געמיש פֿון פֿאָלקסטום און אינדיווידואַליטעט.

אויף אַ גאַנץ זעלטזאַמען אייגנאַרטיקן אַנדערן אופֿן ווי זיינע צייט־גענאָסן: באָוושאָווער, עדעלשטאַט, ווינטשעווסקי, פּרוג, ביאַליק און מ. ראָזענפֿעלד האָט רייזין געפֿאָרעמט און געשטאַלטיקט זיין ליד.

דער ערשטער איז געווען אַ דורכאויס סאָציאַלער דיכטער, דער צווייטער אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער, דער דריטער — אַ געמיש פֿון די ערשטע צוויי, נאָר מיט אַ פֿיל קולטורווירטערער ווערזיפֿיקאַציע און טיפֿערע געדאַנקען; הגם ער האָט צו זייער עקספּרעסיווקייט און שטאַרקער עמאָציע קיינמאָל ניט דערלאַנגט; אַדאַנק זייער דראַסטישן סאָציאַלן פּראָטעסט, קראַסן בילד און אוממיטלבאַרער קלאַסנפֿאַרבונדנקייט...

פּרוג איז געווען אַ מוסטערהאַפֿטער רעטאָריקער, וואָס זיין פֿינאַל איז תמיד געווען אַ טיף נאַציאָנאַלע עמאָציע... ביאַליק ווידער אַ געוואַלטיקער געפֿילסדיכטער, אַ גרויסער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנער, באַפֿליגלט מיט די הויכע געדאַנקען און טיפֿע וויזיעס פֿון די נביאים; אָבער ער האָט ניט באַוויזן זיי איבערצושטייגן, נאָר אין העכסטן און אין בעסטן פֿאַל — זייער ליד ווייטער געזונגען, זיך תמיד באַשטרעבט זיי איבער צוזינגען, אָבער דאָס רוב זיך מיט זיי נאָר צענויפֿגעזונגען. נאָר אין איינצעלנע פֿאָעמעס איז עס אים געלונגען — ווי „אין שחיטה־שטאָט“ און אין „המתמיד“.

דער לעצטער פֿון זיי איז געווען אַ וואונדערבאַרער „שניידער־געזעל“, — וואָס די דיכטקונסט האָט זיך פֿאַרליבט אין אים; און ער האָט זיך צו דער דאָזיקער אָפּגעגעבן מיט דער גרעסטער ליידנשאַפֿט פֿון זיין שווערן

לעבן, וואָס האָט נאָך זיך צוריקגעלאָזן דאָס גרויסע סאָציאַלע ליד וואָס האָט דאַן אָפּגעקלונגען אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט!...

און א. רייזין, דער יינגסטער פון זיינע צייטגענאָסן, האָט זיי אַלע אין זיך אַבסאָרבירט, און אַרויס פון זייער פאַרכשופטן קרייז דער אינדיווי־דועלסטער, מיט די אינטימסטע און פיינסטע קורץ־שורותדיקע לידלעך. און ווען אויך ניט תמיד מיט די טיפסטע געדאַנקען, — דערפאַר אָבער מיט די טיפסטע מענטשלעכע געפילן...

אויב איך האָב ניט קיין טעות, האָט ש. ניגער אַמאָל אָנגערופן רייזענען —„דער זינגער פון גרויען אומעט און נויט". איך האַלט דאָס אָבער פאַר דורכאויס ניט גאַנץ ריכטיק, מחמת א. רייזין האָט דעם אומעט מיט דער גרויער נויט ניט באַזונגען, — נאָר דער אומעט מיט דער נויט האָבן פון אים אַרויסגעזונגען... און דאָס איז אַ גרויסער חלוק, — ווייל ניט דער דיכטער איז געפאַלן אַ באַגייסטערטער צו זיינע לידער, נייערט זיינע לידער האָבן אים אויפגעהויבן און באַגייסטערט...

דערפאַר קען מען ניט זאָגן אַז ער איז „דער זינגער פון אומעט און נויט"; פיל ריכטיקער איז, אַז פון דעם גרויען אומעט און נויט האָט ער געוועבט זיינע געזאַנגען. דאָס מיינט אָבער לחלוטין ניט אַז רייזנס געזאַנג איז גרוי, ווייל ער האָט גרוי געזונגען. דוקא איז דער גרויער מאָנאָטאָנער אומעט און נויט ביי אים אַזוי פאַרבנרייך, קלאַנגפול און פאַרשיידנאַרטיק, אַרויסגעקומען, ווייל די דאָזיקע „מאָנאָטאָנע גרויקייט און נויט" האָבן ניהי־לירט זיין געזאַנג...

דאָס איז אָבער ניט רייזנס אמתע גאַמע, מחמת דער עיקר איז זיין קאָמערטאָן געווען — ליבע, פרייהייט, האָפנונג און גלויבן, יאָ, אומענדלעכן גלויבן אָן דער מענטשלעכער גוטסקייט און אַז די דאָזיקע גוטסקייט וועט אַמאָל מוזן באַפרייט ווערן אין מענטשן און מיטן מענטשן אינאיינעם...

דערפאַר איז ער תמיד מיט דעם באַ'עוולה'טן דערנידריקטן און שוואַכן געגאַנגען, אים געגעבן האָפנונג טרייסט און ליבע.

איז, דערפאַר ווען רייזן זינגט פון ליבע ציטערט דער גאַנצער מענטש־לעכער וועזן אויף, אַדאַנק די וואונדערבאַרע אַקאָרדן וואָס צעוויגן און פאַרשיכורן יעדנס נשמה און ווי אַ פיינער בלומענדופט גיסט זיך די מוזיק פון זיין ליד:

ליבעס קינד, איך האָב דיך ליב,
דאָך איך קען ביי דיר ניט בלייבן;
כ'רו ביי דיר אַ ווײַלע אָפּ,
פרישע קרעפטן אָנצוקלייבן.

ווי דער וואַנדערער אין דעם מדבר
בלייבט אַמאָל ביים וואַסער שטיין,
טרינקט זיך אָן און ווערט דערמונטערט,
און ער לאָזט זיך ווייטער גיין.

יאָ, מיין קינד, איך בין אַ וואַנדערער
אין דעם לעבנס וויסטעניי,
כ'האָב געקושט דיך, בין דערמונטערט,
און איך וואַנדער אויף דאָס ניי!

דער דיכטער וואַנדערט דאָ ניט נאָך ליבע, נאָר ער ליבט כדי צו קענען די וויסטקייט פון לעבן אַדורכוואַנדען... ביז עס וועט קומען די גליקלעכע צייט ווען יעדער וועט אויף אַן אמת זיך קענען ליב האָבן...

אין רייזנס לידער פילט זיך אָפט די האַפּערדיקייט, דאָס ניט צוריק־שרעקן פאַרן גורל, די גליקזעליקייט, די אומענדלעכקייט פון באַגער צו וועלן לעבן, ליבן, קעמפן און וואַנדערן. וויל זיין לעבן און זיין גייסט איז דינאַמיש, — ער האָט פיינט די בירגעלעכע פאַרגליווערטקייט, די אומגעוויסקייט און אומאַנטשלאָסנקייט, דערפאַר זינגט ער אַזוי ערלעך פון האַרצן אַרויס:

עס שאָקלט דאָס בוימעל זיך הין און צוריק —
עס ווערט ניט צעבראָכן... אָך וואָס איז דאָס גליק?
וואָס טויג אַזאַ לעבן — אין אייביקן שרעק?
א איינמאָל אַ בראָך — גענוג, און אַן עק!...

רייזנס נשמה איז אַ בונטע, אַ פלאַטערדיקע און אַן אייביק ליבנדיקע אַזוי ווי דער שמעטערלינג שטעלט זי זיך ניט אָפּ אויף דער רויז, באַרציז, אָדער נעלק אַליין, נייערט אַלע בלומען זענען זיין אַפּרו־אָרט. און ער לאָזט עס אונדז וויסן דורך זיין קלאַסישן אייביק אַלט־און נייעם ליד:

געליבטע — זיי האָב איך אַסך
און אויסער זיי האָב איך אַ כלה,
דאָך קינד מיינס, פאַרלאָז מיך ניט דו,
ווייל דיך האָב איך ליבער פאַר אַלע...

דער הימל האָט שטערן אַסך
און האָט אַ לבנה אין מיטן,
דאָך ווייזט זיך אַמאָל ניט די זון,
ווי טרויריק ס'ווערט — גאָט זאָל באַהיטן...

דאָס איז ניט דער באַהעמיסטישער דעקאַדענטישער ליבעס אַקאָרד, וועלכער קומט פון איבערגעזעטיקטקייט, אָדער פון פערוווערזע גלוסטונגען, נאָר די שפרודעלדיק ריינע סימפּאַניע פון ליבע און גליק, פון ליידנשאַפט און געניוס.

עס פילט זיך ביי אים ניט ווי ביי דעם רוב יידישע דיכטער פון זיין עפּאָכע און שפּעטער, — די זשעדנעקייט און גיריקייט נאָכן פאַרזוימטן ליבעס־גליק; הגם רייזן האָט זיין יוגנט ניט וויניקער נאָר טאַקע אפשר מער ווי אַנדערע יידישע דיכטער אינעם קלויז און אין ישיבה אויף דער האַרטער באַנק און ביי טרוקענעם ברויט אָפּגעפּטרט, איז ער פאָרט פאַר־בליבן דער אייביק ריין ליבנדיקער. עס קלאָגט זיך נאָר זיין האַרץ, הלמאי דעם מענטשנס ליבע איז אַזוי קורץ באַגרעניצט, שוואַך און אומבאַשטענדיק, עס פילט זיך די גאַנצע מענטשלעכע הילפלאָזיקייט אַרויס פון זיין געזאַנג:

דער מענטש — ער האָט הויכע פאַרלאַנגען,
די כחות — ווי שוואַך און ווי קליין,
אים ווילט זיך דעם הימל דערלאַנגען!
און קען אויף דער ערד קוים אומגיין.

אים ווילט זיך די גאַנצע וועלט ליבן
און לינדערן יעדערנס „אוי“ —
און ליבע איז קוים אים געבליבן
פאַר אַן אָרעמער, זינדיקער פרוי...

און פונקט אַזוי ווי רייזן באַציט זיך רחמנותפול צו דער באַגרענעצטער און ניט באַשטענדיקער ליבע, — באַציט ער זיך אויך צו דער זינד. ער פאַראַכט זי נישט, נאָר ער האָט מיטלייד מיט איר — ווי אַ פאָטער מיט זיינס אַן אייגן קינד... און זיין האַרץ איז איר אַלעס מוחל.

כ׳טראָג אַ האַרץ פול ליבע,
כ׳בין מיט ליבע רייך:
גוטע מענטשן, שלעכטע —
אַלע זענען גלייך.

זינג מיר ניט פון יוגנט,
רעד מיר ניט פון זינד;
יעדער מענטש בלויז שפּילט זיך,
שפּילט זיך ווי אַ קינד.

קוק מיט פאָטער אויגן
אויפן קורצן שפּיל,
גיב זיך אָפּט אַ בייזער,
אָבער ניט צופיל!

דען די קינדער שפּילן
ביז ס'פֿאַרגייט די זון,
און זיי גייען שלאָפֿן —
ס'איז קיין בייז דערפֿון . . .

עס איז קלאָר אַז די ריינע דיכטער־נשמה, האָט זיך דאַמאָלט ניט געקענט פֿאָרשטעלן — אפֿילו אין זיין ווייטסטער וויזיע און פֿאַנטאַזיע, צו וואָס אַלץ דער דאָזיקער מענטש איז פֿעאיק, און וואָסאַרע שלעכטס און בייזס פֿאַרבונדן מיט אומפֿאַרגעבלעכע־זינד עס קענען אויף אייביק אים באַפֿלעקן . . .

רייזנס בייזערן זיך איז דערפֿאַר אַזוי מילד, צאַרט און רחמנותפֿול געווען, — ווייל זיין האַרץ איז מיט ליבע איבערגעפֿולט געווען; און דער וואָס ליבט איז תמיד גוט, ריין און פֿאַרגיט אַלעס — מחמת ער זעט אין אַלעם נאָר גוטס, ריינס און פֿאַרגעבנדיקס . . .

אויך רייזנס אומעטיקער טאָן איז ניט מחמת דערשלאָגנקייט, רעזיגנאַציע, עס איז נאָר די פּשוט יידישלעכע נאָטע וועלכע באַגלייט דעם יידן פֿונעם וויגל ביז צום קבר; און פֿאַרהינדערט אים ניט אפֿילו אַמאָל אויך פֿריילעך צו זיין ווי שווער די צרות זאָלן אים ניט דריקן.

מיט דער דאָזיקער נאָטע און טאָן גיסט זיך אַרויס דער גאַנצער יידישער פֿאָלקס־אומעט און פֿרייד, האָפֿנונג גלויבן און יאוש פֿון רייזנס נשמה.

אַזוי ווי די טרעלן פֿון אַ פֿאַרכישופֿטן בונטן פֿויגל באַלד טרויעריק, באַלד פֿריילעך, גיסן זיך אומפּרעטענזיאָנעל די קלאַנגען פֿון רייזנס האַרצן אַרויס:

אויף אַ קליין צעבראָכענעם פֿידל
האָב איך אָפּגעשפּילט מיין וועלט,
אַז כ'דערמאָן זיך יעצט דאָס שפּילן,
נעמט מיין זעלע דורך אַ קעלט.

ס'וויינען ביטערלעך די טענער,
ס'קלינגט אין די אויערן נויט־מוזיק,
און עס הערט זיך אַ באַוויינען
אויפֿן קבר פֿון דעם גליק . . .

ניט ווייניקער פֿאָלקסטימלעך, אינטים און באַהאַרצט קלינגט זיין ליד:

אין קישן באַהאַלט איך מיין פּנים
און נורע זיך טיף איין און וויין,
דער איינציקער טרייסט אין מיין לעבן
איז נאָך דער קישן אַליין.

געפליקט האָט די פעדערן אירע,
מיין שוועסטער ביז שפעט אין דער נאַכט, —
געפליקט מיט אַ האַרץ אַ צעפליקטן
פון הונגער און דחקות פאַרשמאַכט.

וואו איז זי מיין שוועסטער פאַרוואָרפן,
ווער ווייסט אוי, ווער ווייסט, וואָס זי מאַכט ? !
דערפאַר איז מיר טייער דאָס קישן,
פייכט מאַך איך עס תמיד ביי נאַכט.

דאָס פערלדיקע לידל גיט אַן עכט בילד פון יידישער אָרעמקייט, אָפּ־גערונקייט און דאַך, מיט אַזוי פיל פאַרבאַהאַלטענער עקספּרעסיווער פאַר־בונדנקייט און היימלעכקייט.

רייזנס אומעט ווי שוין פריער דערמאָנט איז אויך ניט גרוי, נאָר אין געגנטייל — די גרויקייט רעוואָלטירט אָפּט אַקייגן זיין אומעט, און דער אומעט אַקייגן דער גרויקייט אפילו ווען ער זינגט :

אַלע נאַכט די זעלבע שטערן,
אַלע טאָג די זעלבע זון,
גאָט, ווי אָרעם איז דיין וועלטל,
גאָט, איך ווייס ניט וואָס צו טון !

ס׳איז ניט קיין אָרעמקייט וואָס דערדריקט, ס׳איז אַן אָרעמקייט פון זון און שטערן וואָס טראָגט זייער שימער . . .

עס זענען אָבער אויך פאַראַנען מאָמענטן ביי אים, ווי בײַ יעדער ליידנשאַפטלעכער און קעמפערישער נאַטור, ווען ער פאַרלירט דאָס גלייכ־געוויכט, און איז מער ניט ביכולת זיך אַקייגן צו שטעלן דעם האַרטן קאַמף פון „דאַ־זיין" און דאַמאָלט רופט ער פון טיפקייט אויס באַוועגט :

לעבן ווילט זיך . . . אָ, דאָס לעבן
האָט אין זיך אַזויפיל חן !
נאָר איך קען גאָרניט דערגרייכן
דאָס וואָס ליב איז, דאָס וואָס שיין.

לעבן ווילט זיך . . . נאָר איך קען ניט —
כחות דאַרף מען האָבן מער . . .
שטאַרבן . . . און פאַרלאָזן אַלעס —
אָ, דאָס איז מיר אויך צו שווער !

און מיין לעבן איז געגליכן,
צו אַ לאָמפּ פון ווייניק נאַפט :
ווערן ווערט ער ניט פאַרלאָשן,
ברענען האָט ער ניט קיין קראַפט ! . . .

די מידקייט נעמט זיך אָבער ניט ביי אים פון קאַמף גופא, נייערט מער מחמת ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די קאַמף־אַרענע, וועלכע ער האָט אַזוי געליבט און מיט איר געלעבט האַפנדיק אויף פרייערע גליקלעכע צייטן... (אין צאַרנ־רוסלאַנד).

פון דעם זעלביקן מקור נעמט זיך אויך ביי דעם דיכטער די אַפּאַטיע, — דאָס לעבן אין דער פרעמד, וואו ניט דער קאַמף פאַר פּראָגרעס און פרייקייט; נייערט פאַר פוסטער אייגנליבע, האָט אויסגעפּילט דאָס לעבן, אַט, די דאַזיקע זינלאָזיקייט האָט פון זיך דאָס אַזוי זינרייכע ליד אַרויסגעשלײדערט:

נאָך אַ מאָנטיק, נאָך אַ דינסטיק,
טעג זיי פליען,
פון איין דירה אין דער צווייטער
איבערציען.

טוישן ביכער, טוישן קליידער,
און אידייען, —
מיט די שיינע, צאַרטע ווייבער,
וואָס קען פרייען?

אַך אין אַלעם איז קיין זין דאָ
אויף אַ האָר ניט, —
און עס טרינקט זיך די נשמה
אין אַ גאָרניט...

ווען א. רייזן דער אינדיווידואַליסט און סאָציאַלער ליריקער ווערט פאַרטיפטער אין זיין אייגענעם איך, — ווערט ביי אים געבוירן די הערלעכסטע אויטאָביגראַפיע וואָס איז אַזוי סימבאָליש פאַר דער גאַנצער יידישער דיכטונג.

ש. פרוג׳ס מוזע קענען מיר, — זי איז נאָך געווען באַהאַנגען מיט „זשאַרגאָן־גלעקעלעך״... מ. ראָזענפעלדס מוזע האָט זיך געקלאָגט:

„איך בין אַ טרערן מיליאָנער
און ווייַן אויף די מיליאָנען״...

אָבער א. רייזנס מוזע — קלאָגט זיך ניט און קלינגט אויך ניט, נאָר שטיל באַשיידן און מיט אַ הייליקער נאַאיוויטעט פרעגט זי זיך:

ווי קום איך צו זינגען? פון וואַנען מיין קינד?
ביי אונדז האָט אין קוימען געברומט נאָר דער ווינט;
די קינדער — זיי פלעגן נאָר זינגען: האַם! האַם!
און אָפּטמאָל די מאַמע — אַ קללה צום גראַם.

ווי קום איך צו שיינקייט ? פון וואַנען מיין קינד !
דער וועג צו די פעלדער — דורך גוים און הינט...
די גאַס איז געווען אַזוי אָרים און וויסט,
ביי איטלעכער טיר נאָר — אַ בערגעלע מיסט...

און פּאָרט איז רייזן איינער פון די הערלעכסטע באַזינגער פון די טיפסטע און שענסטע געפילן אין מענטשן; און דאָס ליד זיינס וואָס די פאָרם איז אַזוי יידישלעך און דער אינהאַלט אַזוי אַלמענטשלעך, וועט פאַר־בלייבן אַן אייביקע רעליקוויע פאַר דעם יידישן דיכטער און דער יידישער דיכטונג.

און די זעלביקע האַרציקע ליבע וואָס א. רייזן האָט געפילט צו יעדן באַוווּלעטן, געדריקטן אַרבעטער, ייד און מענטש; האָט ער אויך געפילט צום אָרימען קלויזניק. און טאַקע די צוויי לידער: „מאַי־קא משמע לן“ און דער „גמרא ניגון“ — געהערן בלי שום ספק צו די נאַציאָנאַלסטע פּערלען אין דער גאַנצער יידישער פּאָעזיע. אויף וועמענס ליפּן האָבן זיי דען ניט געציטערט? ווער האָט זיי דען ניט געזונגען! עס האָבן זיי געזונגען — דער פרומער און דער ניט־פרומער, דער בעל־הבית און דער אַרבעטער, עס האָבן זיי געזונגען דאָס גאַנצע פאָלק, מחמת רייזן האָט אין זיי דאָס גאַנצע פאָלק באַזונגען...

און אַזוי אינטים, עכט און פון טיפן האַרצן אַרויסגעשפּרודלט זענען אויך געקומען זיינע בענקשאַפטס־לידער נאָך פריייהייט; אָנגעזאַפּט מיט צער און פאַרדרוס, מיט פּראָטעסט און בטחון אויף דעם גליקלעכן עתיד וואָס דאַרף קומען פאַר אַלע מענטשן און דעם יידן.

ווייל רייזן פילט זיך פאַרבונדן מיט דער גאַנצער וועלט, איז אויך זיין האַרץ געווענדט צו איר און ער קען ניט פריער אויסגעלייזט ווערן ווייל:

ווען די וועלט געווען וואָלט גליקלעך,
איך אַליין בלויז פול מיט לייד,
וואָלט איך דאַן צו איר געקומען
און געפּאָדערט: גיב מיר פרייד!

אָבער אַז מירביידע ליידן,
סיי די וועלט און איך אַליין, —
האָט די וועלט ניט וואו צו קומען
און איך האָב ניט וואו צו גיין...

דערפאַר מוז די גאַנצע וועלט אויסגעלייזט ווערן און מיט איר — ביז צום לעצטן געדריקטן און שוואַכן, אַנדערש קען דער דיכטער ניט גליקלעך זיין. און דאָס פילט זיך אַמבעסטן אַרויס ווען ער זינגט:

און ווען עס זאָל ווערן די מענטשהייט באַפרייט,
פון גאָר אַלדאָס בייז און דעם פּיין,
נאָר איינער וועט זיין ערגיץ וואו וואָס ער ליידט,
ווּעסטו קענען דען גליקלעך דו זיין ?

געוויס וועט עס רייזן ניט קענען, — ווייל ער געהערט צו דער גאַנצער וועלט, און די גאַנצע וועלט געהערט צו אים . . .

ער געהערט צו דער וואונדערבאַרער שיטה פון אונדזערע אומשטערב־לעכע דיכטער וואָס אין זיי האָט געשלאָגן דער סאָציאַלער אָדער פון פּראָ־טעסט און טיפער סימפּאַטיע צו אַלע ליידנדיקע און געדריקטע.

ווי ווינטשעווסקי, באָווּשעווער, עדעלשטאַט און ראָזענפעלד האָט ער געבענקט, באַזונגען און געליבט די פרייהייט און דאָס גליק פאַר דעם מענטש און ייד.

„פונעם ערשטן טאָג זינט דער קאַמף פון די יידישע מאַסן אין אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן מיט איבער 50 יאָר צוריק" — שרייבט ד"ר ה. פראַנק, רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע", אַ קאַמף פאַר קולטורע־לער ווידערגעבורט, איז א. רייזן געווען דער וועג ווייזער און באַגייסטערער פון דעם קעמפּערישן אַוואַנגאַרט און די פאַרקערפּערונג פון דעם סאָציאַל דערוואַכטן פאָלקסגייסט".

אין אַלע זיינע לידער בלייבט רייזן תמיד דער אמתער דיכטער פון פאָלק, ער קען דעם עלענט פון אלף ביז תו מיט די קלענסטע ניואַנסן, נאָר דערפאַר איז ער מסוגל געווען אַזאַ פּערלדיק ליד פון אים אַרויסצוברענגען, פּשוט די אָרעמקייט מיט דעם ליד געהיילקט און דאָס ליד מיט דער אָרעמ־קייט פאַראייביקט . . .

ווי די ווייכסטע צאַרטסטע מוזיק גיסט זיך דאָס ליד פון מענטשלעכער אָרעמקייט עלנט און נויט :

און ווען דער זינגער פילט זיך אַמאָל פאַרשלאָפט פונעם תמידן סבלנות, קאַמף און בענקשאַפט נאָך פרייהייט, — און ער איז ניט ביכולת זיך אַליין און אַלעס צו זיך צו דערהייבן, ווערט זיין באַטע אַן אומעטיקע און ער זינגט :

עס ברעכט דיר דיין האַרץ, דיין געמיט
און אַלע דיר טון אַזוי ווי —
נאָר אויפהייבן קענסטו זיי ניט
דו פאַלסט נאָר צעזאַמען מיט זיי . . .

דאָס מיינט אָבער ניט אַרונטערפאַלן און דעם קאַמף אין גאַנצן אויפ־

געבן, נאָר טיילן דעם פֿאָלקס־גורל, פֿאַר אַ ווייל מיט דער מאַסע זיך צענויפֿגיסן.

דאָס זענען אָבער נאָר מאָמענטן! מחמת באַשטענדיק, איז און בלייבט רייזן דער רעוואָלטירנדיקער רעוואָלוציאָנערער דיכטער וואָס סטימולירט, רופֿט צום קאַמף, טרייסט און גיט האָפֿנונג מיט זיינע דערהויבענע געזאַנגען.

צום ערשט מאָלט ער די נויט און אונטערדריקונג מיט קראַסע פֿאַרבן:

אָרעמעס לעבן נאָר שטענדיק זיך מאַטערן,
שטענדיק צו לעבן אין נויט,
כתות די יינגע, די פֿרישע צו פּטרן,
זוכנדיק — טרוקענעם ברויט.

בוקן זיך בייגן זיך, נידעריק, נידעריק,
ברעכן דעם קערפּער אויף האַלב:
רעדן תחנונים און וויינענדיק, ציטערדיק,
בעטן ביים גאָלדענעם קאַלב!...

נאָר 2 סטראָפֿן זענען ציטירט פֿון דעם פּרעכטיקן ליד. אָבער פֿון דער זעלביקער קלאַסישער אויסגעהאַלטנקייט איז אויך דאָס ליד: „אָ, העמערל העמרל קלאַפּ‟. נאָר רייזן בלייבט ניט תמיד ביים שילדערן און באַמיטליידן, — זיין געדולד, צאָרן און פּיין — ברעכן אָפּט און גיסן זיך ווי אַ פֿייערדיקע לאַווע פֿון זיין האַרצן אַרויס:

ניט וויניקער טיפֿע געדאַנקען און עמאָציעס רופֿן ביי אונדז אַרויס זיין דערהויבן ליד:

אָ, וואָס קלינגט איר קירכנגלאָקן,
הערט שוין אויף געענוג געשראָקן
האָבן איירע ווילדע טענער
אונדזער אָרעמער וועלט.

ווער פֿון אונז האָט דען דאָס ליד ניט אַמאָל געזונגען מיט דער הייליק־סטער באַגייסטערונג? אין וועמענס האַרצן האָט זיך דען דאָס ליד ניט ווי אַ וואונדערבאַרער באַלזאַם צעגאָסן:

כ'האָב אַ נייעם גלאָק באַשאַפֿן,
צו דערוואַכן טויטע שקלאַפֿן —
ניט אין קירכן אין דער לופֿטן
הענג איך אים אַרויף;
קלינגט ער מוטיק, קלינגט ער פֿריילעך,
שטייט צום לעבן אויף!

ס׳איז קלאָר, אַז שטייענדיק אין קאַמף פאַרייניקט מיט די ליידנדיקע מאַסן, מיטלעבנדיק אַלע זייערע האָפנונגען, און פאַרצווייפלונגען, זייערע זיגן און מפּלות, האָבן זיך אויך די טענער פונעם דיכטער געענדערט. דער־פילנדיק דעם פינסטערן דרוק פון דער צאַריסטיש־אַבסאָלוטיסטישער רעאַקציע, נאָך דער בלוטיק אַנידערגעשלאָגענער רעוואָלוציע — האָט זיך זיין טרויריק געמיט צעגאָסן מיט מעלאַנכאָלישע מעלאָדיען:

מיאוס איז די ערט מיין פריינט,
און פאַרדעקט מיט ראסט ;
וואַקסט אַמאָל אַ בלימל אויס —
טויט עס אָפּ דער פראָסט.

טרויריק איז די ערט מיין פריינט,
ווי אין הערבסט דער וואַלד ;
פליט אַמאָל אַ פויגל דורך
שיסט דער יעגער באַלד . . .

מיט דעם זעלביקן אומעט און מעלאַנכאָליע איז אויך אַנגעשטימט דאָס איינציק אָרטיקע ווינטער־ליד „הוליעט הוליעט בייזע ווינטן״.

אויך דאָס זענען נאָך מאָמענטן ביי דעם גרויסן פרייהייטס־זינגער, — מחמת זיין האָפנונג שניידט זיך תמיד פון דער פינסטערקייט אַרויס, ווי אַ בליץ פון אַ טונקלען הימל. און ווי אַ זיך רייסנדיקער קוואַל פון דער טונקעלער ערטנשווים, — שפּרודלט און גיסט זיך זיין ליד מיט העל־בליצנדיקע קאָלירן, אָנפילנדיק אַלע ליידנדיקע הערצער מיט האָפנונג, טרייסט, מוט און גלויבן:

א. רייזן איז ניט נאַציאָנאַליסטיש, — נאָר תמיד נאַציאָנאַל . . . ער האָט ליב ציון און העברעאיש ווי יעדער אַמתער זון פון פאָלק . . .

רייזן׳ס נשמה איז טיף פאַרבונדן מיט זיין פאָלק, — מיט אַלע זיינע ליידן און האָפנונגען, זיין עבר, הוה און עתיד. און הגם דער אינהאַלט פון זיינע נאַציאָנאַלע מאָטיוון איז דאָס רוב אַן אַלגעמיין סאָציאַלער, איז די פאָרעם אָבער כמעט תמיד אַ יידיש־נאַציאָנאַלע.

און ווען דאָס לעבן פון דיכטער ווערט פון צאָרן צעפּרעסן, דאָס האַרץ זיינס איבערגייט אים פון ביטערער הילפלאָזיקייט און שוואַכקייט, — דאַן ברעכט זיין געמיט אויס מיט אַ קורצן לידל, וואָס גיט אָבער ווי אַ קליין קלינגל אַ טיפן שניט.

עס איז ניט קיין השתפכות הנפש, ניט קיין קינה־געזאַנג און אויך ניט קיין שחיטה־שטאָט, נאָר אַ פּשוט איבערגעלעבט און טיף דורכגעליטן לידל

פון אַ דיכטער פון פאָלק — וואָס דער טיפערער אינסטינקט פון פאָלק באַ־פליגלט מיט זיין אינטעלעקטואַליזמוס איז ביי אים אויפן העסכסטן אופן צום אויסדרוק געקומען:

אַ קלאַפּ האָט געגעבן דער ווינט אין מיין שטיבל
און האָט עס אין גאַנצן צעטראָגן,
און באַלד האָט דערהערט זיך אַ קנאַל פון אַ דונער,
וואָס האָט פיל נפשות דערשלאָגן.

צי קען איך דען צערנען אויף ווינטן און דונער,
צי ווייסן זיי דען וואָס זיי טון ?
עס ברענט נאָר מיין צאָרן ווי האָט עס געטראָפן
ווען ליכטיק געשיינט האָט די זון ?

דעם ווינט און דעם דונער — א זיי בין איך מוחל,
זיי זענען ווי קרעפטן דאָך בלינד,
ווי האָט דאָן געלויכטן די זון אָבער פרעג איך,
און רואיק געזען אַזאַ זינד ?...

ניט ווייניקער אימפּרעסיוו און טיף נאַציאָנאַל קלינגט אויך זיין ליד: „מיין פריינט צו דו ווייסט ?" מיר זעען דאָ ווידער די זעלביקע געבונדנקייט פון פאָרעם און סטיל, פון געדאַנק אַן געפיל, פון בילד און קלאַנג. מיט ווייניק שורות איז עס רייזענען דאָ ווידער געלונגען אַזויפיל אַרויסצוברענגען:

ס'איז דאָס אַלטע אייביקע און תמיד נייע ליד, וואָס האָט שוין אַסך יידישע קאַטאַסטראָפעס איבערגעלעבט, — געדיכטעט נאָך פאַר די ערשטע מלחמהדיקע רוסישע פּאָגראָמען, און פאָרט אַזוי טרויעריק אַקטועל געבליבן, אַזוי ביטער וואָר, ווי עס וואָלט יעצט אָנגעשריבן געוואָרן.

עס ליגט אין דעם שמאָל־שורותדיקן לידל פאַרבאַהאַלטן די גאַנצע יידישע הילפלאָזיקייט, די גאַנצע יידישע פאַרצווייפלטע מאַכטלאָזיקייט, צענויפגעמישט מיט דער אייביקער געפאַר און שרעק פאַר דעם אייביק בחנם'דיקן שונא...

צו אַזאַ מדרגה קען נאָר דערלאַנגען אַ קינסטלער פון אמתדיק גרויסן פאָרמאַט.

אָבער ניט נאָר דעם נאַציאָנאַלן אומגליק אַליין איז עס רייזענען גע־לונגען אַזוי דורכדרינגנדיק טיף צו באַזינגען, נייערט אויך די נאַציאָנאַלע שיינקייט און די ליבע צו זיין היים — צום אָרעמען באַזחנטן יידישן שטעטעלע מיט אַלע זיינע מנהגים און לעבנ־אָרטן.

די האַרציקע צוגעבונדנקייט צו דער קלויז און ישיבה, די גאַנצע גייס־

טיקע געהויבנקייט פון קלויזניק, די גאַנצע ווייטיקדיקע בענקשאַפט נאָך דער פאַרגאַנגענער שיינקייט, האָט רייזן אויסגעדריקט אין זיין ליד: „מיין צוריקער אַהיים״ און „מאי־קא משמע לן״ און אינעם ליד „דער קלויזניק״, — אַזעלכע עפּאָכאַלע און טיף רירנדיקע לידער, ווערן ביי יעדן פאָלק ווי רעליקוויעס אָפּגעהיטן און באַלאַנגען צו די שענסטע טיפסטע און ווערט־פולסטע שאַפונגען.

ווייל דער דיכטער וואָס האָט געזונגען:

איך האָב מיר אַ שבועה געגעבן
ניט וועלן קיין גליק און קיין פרייד,
נאָר שענקען און ווידמען מיין לעבן
דעם מענטשלעכן עלענט און לייד.

דער דאַזיקער זינגער אין באַרופן און ווערט מיר זאָלן אים דעם גאַנצן פאָלקס צער אָנפאַרטרויען, ער האָט אים אונז צוריקגעגעבן, — באַפּערלט און צעלויכטן מיט די ריינסטע און הייליקסטע געזאַנגען פון זיין גרויסער קינסטלערישער נשמה.

היינט זיינען צום גרעסטן טייל אויף אייביק אַנטשוויגן געוואָרן, דורך די פאַרשאָלטענע דייטשע מערדער — די יידישע צענטערן ווו רייזענס ליד איז אַממייסטן געזונגען געוואָרן.

עס הערט זיך מער ניט דער געטרייער מאַמעס קול וואָס פלעגט מיט רייזענס לידער איר קינד פאַרוויגן, עס הערן זיך אויך מער ניט די באַהאַרצ־טע קולעכלעך פון די באַחנטע יידישע יינגעלעך און מיידעלעך וואָס פלעגן זינגען רייזענס לידער אין די יידישע פאָלקסשולן.

פאַרשטומט איז אויך געוואָרן דער יידישער פּראָלעטאַריער מיט אַלע זיינע פּאַרטייען און קולטור־צענטערן, וועלכער האָט מיט רייזענס לידער, זינגענדיק ביי דער אַרבעט און אויף קאָנצערטן, זיך געטרייסט מיט אַ נייעם ליכטיקערן מאָרגן . . .

געבליבן זיינען נאָר אברהם רייזענס די פיינגאָלד קלינגענדיקע לידער —אָן די אַמאָליקע באַגייסטערטע זינגער . . .

און דאָס איז ניט קיין פּשוטער צער און טראַגיק פאַר אַזאַ מין פאָלקס־זינגער וואָס האָט זיך פאַרבונדן מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים און שס״ה גידים מיט ליבע צו זיין פאָלק. יאָ, גרויס איז באמת געוועזן די זכיה צו דערלעבן דעם זון־אויפגאַנג פון זיין פאָלק אין ישראל, — אָבער פיל גרעסער

איז געווען דער ווי פון דעם זון־אונטערגאַנג פון די גרעסטע יידישע צענ־טערס אין דער גאַרער וועלט... אַזאַ מין וויטיק קען נאָר אויסהאַלטן אַ מענטש, וואָס זיין ליבע צו מענטשן איז גרעסער ווי אַלע ליידן אין דער וועלט...

און פון וואַנען האָט זיך גענומען רייזענס ליבע־געזאַנג, אָדער דאָס געזאַנג פון ליבע צו זיין פאָלק? דערפון וואָס רייזען איז נישט געווען קיין דאָגמאַטיקער אין זיין דיכטונג. נישט ער האָט אויפגעזוכט די סאָציאַלע טעמע פאַר זיין ליד, נאָר דער סאָציאַלער עפּאָס און פּאַטאָס האָט תמיד פון זיין ליד אַרויסגעזונגען מיט דעם טיפסטן אייגענעם געפיל.

דערפאַר איז זיין ליד אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין דער נשמה פון זיין פאָלק. רייזענס ליד איז נישט „נאָר גרוי און מאָנאָטאָן" ווי די יידישע קריטיק האָט אים פאָרגעוואָרפן — נאָר אויך בונט און קלינגענדיק. ווייל נישט נאָר דער יידישער אומעט און צער האָט אים אינספּירירט צו זינגען (וואָס דאָס וואָלט אויך קיין אומגליק נישט געווען) נאָר אויך די האָפנונג, ליבע און פרייהייט וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין אַלע יידישע הערצער אין דער וועלט, ווו ס'האָבן זיך נאָר געפונען יידן.

לאָמיר רייזענס קלאַסישע ליד פון גלויבן און פרייהייט אַליין לאָזן רעדן:

און זאָל חי חייט נאָך זיין די צייט,
פון ליבע און פון שלום,
דאָך קומען וועט זי פרי, צי שפּעט,
די צייט עס איז קיין חלום.

איך הער דאָס ליד פון ליבע פרייד,
די מעכטיקע געזאַנגען,
און יעדער טאָן פון ליד זאָגט אָן —
די זון איז אויפגעגאַנגען...

עס עקט די נאַכט, די חעלט דערוואַכט
פון האָפנונג, לוסט און שטרעבן,
אין זאַנפטער לופט, אַ שטימע רופט —
צו מוט און קראַפט און לעבן!

מיר דאַרפן נישט קיין שום קאָמענטאַרן צו דעם ליד, ווייל דאָס ליד זאָגט מער ווי יעדער קאָמענטאַר.

דער רוב פון אברהם רייזענס לידער זיינען אַזוי ווי די פיינסטע איידל־שטיינער, וואָס בליצן אַרויס מיט אַן איביק בלויען גלאַנץ פון דער יידישער פּאָעזיע. און צו די דאָזיקע געהערן: „אַ געזונט זאַלבע־אַכט", „הוליעט

הוליעט בייזע ווינטן", "מיין פריינד צי דו ווייסט", "מיר ברעכן די וואַנט", "ליבעס קינד איך האָב דיך ליב", "עס שאָקלט דאָסביימל זיך אַהין און צוריק", "געליבטע זיי האָב איך אַ סך", "דער מענטש ער האָט הויכע פאַרלאַנגען", "אויף אַ קליין צעבראָכן פידל", "אַלע נעכט די זעלבע שטערן". "לעבן ווילט זיך", "נאָך אַ מאָנטיק נאָך אַ דינסטיק", "ווי קום איך צו זינגען ?" "אָרימעס לעבן", "אַ וואָס קלינגט איר קירכנגלאָקן ?" "דער קלויזניק", "מיאוס איז די ערט מיין פריינט", "מיין פריינט", "די צייט", "אַ קלאַפּ האָט געטון דער ווינט אין מיין שטיבל", און דאָס פריער ציטירטע ליד. נאָר ווער קען זיי דען באמת אויסציילן ? אַז זיי זיינען אויף שריט און טריט, לויפן זיי דיר נאָך ווי די בונטע פלאַטערדיקע צעזונטע שמעטערלינגען און פאַרכישופן דיך מיט זייער דינקייט און פיינקייט . . .

און נישט מיט אומרעכט האָט ערגעץ־ווו אַ יידישער שרייבער באַמערקט, אַז "רייזענס גרויקייט קאָסט אויך אַ לאַך, ווייל דער נאַכטיגאַל איז אויך אַ גרויער פויגל. נאָר מבינים זאָגן (פון די אַלטע גריכן און פערסיער ביז דעם קלענסטן דאָרפשייגעצל אין רייסן) אַז איר זינגען איז מלא טעם. אַ כינעזישער קייזער אין אַנדערסענס אַ מעשהלע האָט אפילו געפּרווט צו פאַרבייטן אַ לעבעדיקן גרויען נאַכטיגאַל אויף אַ קינסטלעכן, געפּאָרעמט פון ריינעם גאָלד. ביז דער שוטה אין דער קרוין האָט זיך געכאַפּט אַז ס'איז נישט דאָס, אַז דער קליינער גרויער פויגל איז וואָס שייך זינגען — עפּעס אַזוינס וואָס לאָזט זיך נישט פאַרבייטן מיט טויזנטער קינסטלעכע גאָלדענע און קאָלירטע קאָנסטרוקציעס . . .

"און אויב מיר האַלטן שוין ביים פאַרגלייכן מיט דער נאַכטיגאַל, טאָ וואָס פאַר אַ חילוק איז, צי דער פויגל זינגט אין דעם מלך'ס גאָלדענער שטייג, צי ערגעץ ווו אין אַ קוסט באַהאַלטן ?"

דער עיקר איז נישט דעם פויגלס פאַרב און פון וואָס ער זינגט, נאָר ווי ער זינגט. און זינגען זינגט טאַקע אברהם רייזען ווי אַן אמתדיקער נאַכטיגאַל.

אַזוי האָט די יידישע קריטיק געזינדיקט נישט נאָר לגבי רייזענען אַליין, נאָר אויך קעגן אַ סך אַנדערע באַדייטנדיקע פערזן־ און פּראָזע־שרייבער. און דערפאַר איז די יידישע קריטיק אויך שטיין־געבליבן מיט אַ סך קעפּ נידריקער ווי אונזער פּאָעזיע און פּראָזע, וואָס האָט זיך לעצטנס אַזוי צעוואַקסן, אַז זי קען זיך מיט שטאָלץ פאַרגלייכן אפילו צו די ליטעראַטורן פון אַ סך גרעסערע אייראָפּעאישע פעלקער ווי מיר זיינען. זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פון די יידישע מאַסן, מיט איבער פופציק יאָר צוריק, אַ קאַמף פאַר אַ קולטורעלער ווידערגעבורט, איז אברהם רייזען געווען דער וועגווייזער און באַגייסטערער פון דעם קעמפערישן אַוואַנגאַרד און די פאַר־

קערפּערונג פון דעם סאָציאַלן פאָלקס־גייסט. אין אַלע זיינע לידער איז רייזען געוועזן און געבליבן דער אמתער דיכטער פון פאָלק; ווייל ער קען זיין עלנט און טרויער, פרייד און האָפנונג, שטורעם און רו, ביז צו די קלענסטע ניואַנסן פון אלף ביז תיו. דערפאַר איז ער געוועזן מסוגל אַרויסצוכישופן פון דער אָרעמקייט אַזעלכע פּערלדיקע לידער, געהייליקט די אָרעמקייט מיט זיין ליד, און זיין ליד מיט דער אָרעמקייט פאַראייביקט.

ווי יעדער גרויסער מענטש און דיכטער, זעט אברהם רייזען נאָר און גלויבט אין דער אייביקער גוטסקייט, שיינקייט און ייִנגשאַפט אין מענטשן; ווייל ווער עס פאַרמאָגט אַ האַרץ פון אַ גאָט זעט אַלעס געטלעך, און ווער עס פאַרמאָגט אַ האַרץ פון אַ טייוול זעט אַלעס טייוולאָניש... (עמערסאָן).

און מאָדנע, אברהם רייזען, איינער פון די עלטסטע יידישע דיכטער, האָט זיך נישט געענדערט און אויך נישט געעלטערט אין זיין ליד נאָר פאַרבליבן אַזוי יונג, פריש, גוט און קינדיש כמעט ווי אין די פריסטע יאָרן פון זיין שאַפן...

און די דאָזיקע אייגנשאַפט קען אויך נאָר פאַרשריבן ווערן אויף דעם חשבון פון זיין דערהויבנקייט, מחמת גרויסע מענטשן זיינען תמיד נאַאיוו...

און דערפאַר זינגט אונזער דיכטער ווייטער מיט דעם לויטערן קלינגענדיקן קינדישן קול:

די אַלע דיינע שפּילעכלעך,
זיי זיינען טייער מיר,
די שפּילעכלעך, די מילעכלעך,
די טורעמס אויף פּאַפּיר...

איך בלעטער דיינע ביכעלעך
און יונג ווערט אַלץ און גרינג,
און אַלץ איז שיין און זיכערלעך,
ווען איך דיין ליד נאָר זינג.

און אַלץ איז גוט געוואָרן גאָר
און יעדער מיר געפעלט,
ווען מיט דיין בליק דעם קלאָרן נאָר —
באַטראַכט איך מענטש און וועלט...

אַזוי האָט אויך דער דיכטער זיין בטחון נישט אויפגעגעבן, נאָר ווייטער פעלזן־פעסט פאַרבליבן מיט אים. הגם אונזער יידישקייט איז אַזוי אומ־ברחמנותדיק פון די בלוטיקע דייטשע לאַפּעס צעשטערט און פאַרוויסט געוואָרן, איז רייזענס מוט פאָרט נישט געוואָרן געבראָכן, נאָר פאַרבליבן אויף ווייטער באַפליגלט מיט דער ליכטיקער האָפנונג, זינגענדיק:

עסייען

עס װעלן זיך ציען
אין דורות אַריין,
די אותיות װאָס גליען
מיט פרייד און מיט שיין.

די װערטער װאָס קומען
פון טיפסטן געמיט, —
זיי שאַלן און ברומען,
אין בוך און אין ליד.

די אָרימע שולן
מיט מי אויפגעשטעלט,
זיי װעלן פאַרפולן
די פרייד אין דער װעלט.

זיי װעלן פאַרבינדן
אַ דור מיט אַ דור,
און פּייערלעך צינדן
אין אייגעלעך קלאָר . . .

דער זינגער פון בטחון איז אויך װייטער פאַרבליבן דער זעלביקער דידאַקט מיט דער אונטערלאַגע פון אומענדלעכער גוטסקייט... נישט נאָר פיינע אימפּרעסיעס, סימבאָלישע און סאָציאַלע לידער זינגט דער אַלט־יונגער דיכטער, נאָר אויך דידאַקטישע לידער מיט דעם אייביקן „מוסר־השכל״... אָבער קינסטלעריש.

כ׳בין געװען אַמאָל אַ לערער,
כ׳װאָלט עס איצט אויך זיין געװאָלט,
לערנען היינט איז נויטיק מערער —
און דער עיקר, אָן געצאָלט.

לערנען אָרעמע זין און טעכטער,
װי צוריק מיט יאָרן לאַנג,
װי פון אותיות װערן װערטער,
און פון װערטער — אַ געדאַנק.

אַ געדאַנק — דאָס הייסט באַנעמען —
װאָס איז װעלט, און װאָס איז מענטש,
איינס דעם צװייטן ניט צו קלעמען,
נאָר דיין חבר ליב און בענטש . . .

טראָץ דער מאוימדיקער וואַקכאַנאַליע, וואָס די גערמאַנישע קאַניבאַלן האָבן דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און באַזונדערס אונז יידן צוגעגרייט, האָט דער דיכטער נישט אויפגעהערט גלויבן; ער גלויבט ווייטער אין דעם גוטס אין מענטשן, ווייל ער איז, ווי שוין פריער באַמערקט, אַליין

און דערפאַר בייגן מיר מיט גרויס יראת הכבוד דעם קאָפּ פאַר דעם אומדערשראָקענעם יידישן פרייהייטס־זינגער, דעם פּיאָנער פונם קינסטלע־רישן ליד.

יהואש

יהואש איז געווען אַן אידעען דיכטער, כמעט איינער פון די גרעסטע פון אונזער צייט, ווייל ער האָט פאַרטיפט די יידישע פּאָעזיע אַריינבערענגענ־דיק אין איר נייע מאָטיוון, געדאַנקן, בילדער, עמאָציעס און פאָרמען. ער האָט, ווי מענדעלע מוכר ספרים, געזוכט אַ סינטעז צווישן העברעאיש און יידיש. דערפאַר האָט ער איבערזעצט, אָדער בעסער געזאָגט איבערגעגאָסן די „תורה נביאים וכתובים" פון העברעאיש אין יידיש, מיט גרויס בקיאות, געטרייקייט און ליבע. ווי אַזוי עס איז אים געלונגען, וועלן מיר שפּעטער רעדן.

און טאָקע פונקט אַזוי ווי מענדעלע און אויך טיילווייז ווי ביאַליק, האָבן לעבעדיק געמאַכט העברעאיש — מיט דער ביבעל, תנ"ך, גמרא, מדרש, משניות, פּיוטים א.אַ.וו., האָט אויך יהואש לעבעדיק געמאַכט די יידישע שפּראַך מיט העברעאיש... וואָס ער האָט דערמיט געוואָלט באַווייזן, איז געווען צו שטאַרקן, באַנייען און באַפעסטיקן דעם יידישן גייסט, און דאָס האָט ער טאָקע באַוויזן אין זיינע איבערזעצונגען און אויך אין זיינע טיף־נאַציאָנאַלע מאָטיוון.

איך ווייס אַ בלום וואָס שפּראָצט און בליט
און וואַקסט אַן טוי, אַן רעגן,
זי דאַרף קיין פרישע ווינטן נישט,
קיין זון וואָס שיינט אַנטקעגן...

זי וואַקסט אין שטורעם און אין שניי,
ווען אַלע בלומען שטאַרבן,
דער שטורעם גיט איר זאַפט און קראַפט,
געדוך און זיסע פאַרבן...

און ווען עס האָגלט, דונערט, בליצט,
און שטאַרקע ביימער פאַלן, —
דאַן הויבט די בלום צו לעבן אָן,
דאַן הויבט זי אָן צו שטראַלן...

יוסף הלל לעווי

די בלום הייסט ליבע צו דעם פֿאָלק,
זי שפּראָצט אַרויס אין שטורעם, —
און ציט חיונה פונעם שמערץ,
און נערט זיך פון יסורים...

נאָך אַ סך בולטער ווייזט יהואש אַרויס זיין טיפֿע פֿאַרוואָרצלטקייט אינם יידישן פֿאָלק און מיטן יידישן גייסט, אין זיין קלאַסישן ליד „אָלימפּוס און חורב". אין דעם דאָזיקן סימבאָלישן ליד קומט אַמבעסטן צום אויסדרוק דאָס וועלן אַנטלויפֿן און פֿאַרגעסן פֿונם אייגענעם פֿאָלקס־ווייטיק, זיין צער און פּיין און זיך פֿאַרשפּילן מיט פרעמדע שיינקייטן...

אָבער דער פֿאָלקס־גייסט נעמט נקמה אין זיינע רענעגאַטן און פֿאַררעטער, וועלכע ווילן זיך פֿאַרזיכערן מיט רו, גליק, שיינקייט און באַקוועמע זיכערקייט, אַנטלויפֿנדיק אַזש ביז צום „אָלימפּ"... און דער דיכטער זינגט:

איך בין פון דעם לעבן אַנטרונען,
אַ בלוטיקער מבול די וועלט האָט פֿאַרטרונקען,
און לעבנס מיליאָנענווייז עס זיינען פֿאַרזונקען,
דאָך מיר האָט פון זיסע דמיונות מיין מוח, —
אַ תיבה געבויט וווּ פֿאַרצייטנס האָט נח;
און האָט מיך אַריבערגעטראָגן די וועלן:
צום דופּטיקן באַרג, צום אָלימפּוס דעם העלן,
ווו ס'וערן נאָר פריידן געבוירן...

די לעבנס וואָס גייען דאָרט אונטן פֿאַרלוירן,
דאָס גוסס'ן מיר זיינען אַרויס פון זכרון,
די לאַכנדע געטער אין מענטשן־געשטאַלט
מיר האָבן תענוגים געוווּנקען,
און לוסטיקע נימפֿן מיט זיסער געוואַלט, —
מיך האָבן באַרוישט און באַטרונקען.

אָלימפּוס איז שיין,
די לופֿט איז דאָרט ריין,
עס לעבט זיך גאָר לוסטיק אויף אים,
דאָך פּלוצים מיך וועקט —
אַן מיטלייד און שרעק,
אַן אַלטע פֿאַרגעסענע שטים:

אַ באַרג איז אַ צווייטער פֿאַראַנען,
עס לאַכן קיין נימפֿן דאָרט נישט,
די בלומען וואָס וואַקסן דאָרט וויאַנען,
נאָך איידער זיי האָבן געבליט...

עסייען

דאָרט שמעקן די גראָזן מיט מתים־געררך,
די ווינטן דאָרט בלאָזן אַן אייביקן פלוך,
דעם באַרג רופט מען חורב, און אָפטמאָל זיך הערט —
אַ שטימע אַזוי ווי פון אונטער דער ערד:
„אַזש ווי צו די קינדער וואָס זיינען פאַרטריבן,
אַזש ווי צו די לעבנס וואָס ווערן צעריבן
און ווערן אין וּתהום פונעם שיקזאַל פאַרטראָגן,
און האָבן צומאָל נישט ווער ס׳זאָל זיי באַקלאָגן״...

דער דערשטיקטער פאָלקס־גייסט וואַכט אויף אינם דיכטערס נשמה, און שליידערט אים אַ ביטערן פאַרוואורף מיט אַ פאַרצאָרנטן חוזק אַנטקעגן:

דו האָסט דיינע לאָקן מיט לאָרבער באַקראַנצט,
פאַרגעסן די ליידנדע ברידער,
פאַר דיר האָט די וועלט און דאָס לעבן געגלאַנצט,
געפלאָכטן נאָר האָסטו די לידער —
אַזוי ווי אַ זאָרגלאָזעס קינד
קלייבט בלומען אין פעלד און פאַרבינדט,
און האָט נישט קיין אַנדערן ציל
אין זינגען, ווי לוסטיקן שפּיל...

דאָך האָבן דאָרט דיינע ברידער געשמאַכט,
און טרערן פאַרגאָסן ווען דו האָסט געלאַכט,
און איטליכעס טרייסט וואָרט וואָס דו וואָלסט געזונגען,
זיי וואָלטן מיט דאַנק און מיט לוסט עס פאַרשלונגען.

עס האָבן די טויטע געוואַרט,
דו זאָלסט זיי אַ הספּד כּאָטש זינגען,
עס האָבן די קראַנקע געהאַרט,
דו זאָלסט זיי דערלייכטערונג ברייננגען,
עס האָבן די קעמפער געגאַרט, —
זאָלסט זאָגן דער סטרייק ווען געלונגען,
און אַלעמען האָסטו גענאַרט...

און מיינסטו דיר ווען באַקומען,
די געטער, און נימפען, און בלומען ? —
ס׳וועט לאַנגזאַם אַזוי ווי דער שמערץ פון אַ שלאַנג,
דער שמערץ פון דיין פאָלק זיך פאַרשפּרייטן
דורך איטליכעס ליד דיינס, דיין יעדעס געזאַנג,
אַ טרויער־מוזיק וועט באַגלייטן...
און דער וואָס וועט לעזן וועט זאָגן,
און טייטלען מיט דיר אויף די פינגער :

דער אָרעמער יידישער זינגער ;
עס חילט זיך אים לאַכן, דאָך קלאָגן —
נישט חילנדיק מוז ער, דער צאָרניקער גייסט
פון ליידנדיקן פאָלק האָט נקמה
גענומען אָן דיכטער׳ס נשמה,
און תמיד פאַר אים זיך אין חלום באַחייזט . . .

יהואש האָט נישט באַזונגען די פיזישע ליידן, נאָר די גייסטיקע פיין פונם אָפּטריניקן יידן . . . ווייל דער נביאיש־וויזיאָנערער גייסט האָט געפלאָסן אין זיין בלוט און צעוויגט מיט דער אייביקער אומרו און בענקשאַפט נאָך יושר און פרייהייט, אַלע זיינע לידער.

און ווען דעם דיכטערס געמיט ווערט אויפגעברויזט און ער רופט דאָס פאָלק אומפאַרמיידלעך צו אַ מלחמה, דאַן קאָן ער נאָר דעם ערלעכן און ריינעם ביבלישן : „כי תצא למלחמה״ . . . און זיינע טענער ווערן אָנגעפילט מיט אַ טיפער זענזוכט און הייליקן פאַטאָס און קלינגען מעכטיק און שטאַרק :

און ווען דו גייסט אַרויס אין שלאַכט
און חילסט דיר קריגס־לייט חיילן, —
נישט צייל דעם מספר פון די הענט,
די הערצער זאָלסטו ציילן . . .

רוף אויס אין לאַגער אויפן קול,
די מחנות זאָלן הערן :
חער ס׳האָט אַ פרוי און בענקט נאָך איר,
דער זאָל אַהיים זיך קערן.

חער ס׳האָט געפלאַנצט אַ חיינגאָרטן
און חיל די טרויבן קלייבן,
דער זאָל קיין רגע אין די ריי
פון דיינע קעמפער בלייבן.

חער ס׳האָט פאַר זיך אַ הויז געבויט
און חיל דאָס הויז באַניייען,
חער ס׳טרוימט פון גליק, פון רו און היים —
דעם גיב נישט קיין כלי־זיין.

קיין חייב, קיין קינד, קיין היים פאַר איך,
קיין בענקן און קיין שמאַכטן,
דער קעמפער טאָר פון ליבעס לוסט,
פון היים און רו נישט טראַכטן . . .

פאַרשלינגען זאָל זיין קליינעם איך
די גרויסע פאָלקס נשמה,
באַצווינגען זאָל זיין לייב און זעל
די פלאַמיקע מלחמה.

ווי אַזוי און וואָס יהואש האָט געשאַפן, און געטראַכט וועגן אַלע שאַפונגס־פאָרמען, ווערט אַמקלאָרסטן אויסגעדריקט אין דער פּאָעמע: „ווי ס׳ווערן לידער פאַרפאַסט". און טאַקע אין דעם דאָזיקן ליד אין וועלכן יהואש זינגט וועגן פאַרב, קלאַנג, בילד, וואָרט, זין און דיכטערישע האַרמאָניע פאַראייניקט מיט געטלעכן כוח — וועלכע אייפערן אָן דעם דיכטער צום דיכטן — ווייזט זיך אַמבעסטן אַרויס יהואשס אייגנאַרטיקער טאַלאַנט פון פאַרב, קלאַנג, בילד, וואָרט, זין און האַרמאָניע פאַראייניקט מיטן געטלעכן שאַפונגס כוח, וואָס באַצווינגען יעדעס צעזונגענע דיכטער האַרץ צום זינגען.

און ווען ס׳האָט אַמאָל אַ באַקאַנטער געפרעגט ביים דיכטער ווי אַזוי ס׳ווערן לידער געמאַכט, אַז די ווערטער זאָלן זיך צוזאַמענפאָרן מיט די גראַמען, און יעדער געדאַנק זאָל לייכט געפינען דעם פּאַסיקן קלאַנג, אַז ער זאָל האַרמאָנירן מיטן זין — האָט אים דער דיכטער יהואש געענטפערט:

איך ווייס נישט — האָב איך אים דערקלערט —
פון וואַנען עס נעמט זיך די קראַפט,
וואָס גראַמען און ווערטער באַשאַפט,
נאָר דעם וועמען גאָט האָט באַשערט,
די שיינע געדאַנקען און זינען —
וועט גרינג שוין דעם מלבוש געפינען
מיט וועלכן ער זאָל זיי באַקליידן,
ער ווייס שוין דעם אויסדרוק דעם רעכטן,
אין קלינגענדע גראַמען צו פלעכטן,
און קונציק זיין מעטער צו וועבן,
ביז ס׳הייבט אָן צו אָטמען און לעבן —
אין וואָרט די געדאַנקען זיי פליסן
צענויף אין אַ זיווג אַ זיסן,
ביז יענער וואָס לעזט קאָן נישט וויסן, —
ווער שענער עס איז פון זייביידן...

און דעם אידעען דיכטער געלינגט עס אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן זיך אַרויסצוזאָגן וואָס מיינט פּאָסטקייט, זינלאָזיקייט, אין לידער — וועלכע פאַרפירן נאָר מיט זייערע הוילע קלאַנגען, פאַלטשע פאַרבן און געקינצלטער שיינקייט... מחמת אַ פולן ווערט האָבן נאָר די שאַפונגען וואָס קומען ספּאָנטאַן פון מוח און נשמה...

אָבער וערטער אָן אַ זינען,
וואָס איר קאָנט אין זיי געפינען,
דעם געדאַנקען־פּונק דעם דינעם,
נאָר אים זוכנדיק מיט ליכט, —
רייצן, קיצלען, דעם געשמאַק נאָר,
ס'איז אַ ליידיקער טיק־טאַק נאָר,
פון אַ בר־מינן'ס געזיכט...
בונטע פאַרבן וועלכע בלאַנקען —
קאָנען קיינמאָל שטאָט געדאַנקען,
נישט באַשאַפן אַ געדיכט...

קאָן מען דען נאָך פשוטער און פאַרשטענדלעכער אויסזינגען דאָס וואָס מען האָט באַגערט צו זאָגן? און טאַקע אין דער דאָזיקער פשטות ליגט די גרעסטע קונסט.

אָבער ווי שוין פריער באַמערקט, זיינען אָמטיפסטן און שטאַרקסטן יהואשס נאַציאָנאַלע מאָטיוון, ווייל אין זיי שטראַלט אויף זיין זינען, ווערט טיף זיין געפיל און דערהויבן זיין וואָרט.

גאָר באַזונדערס נאָוואָטאָריש האָבן אין דער יידישער פּאָעזיע אָפּגע־קלונגען יהואשס באַלאַדעס און לעגענדעס, מיט וועלכע ער האָט בלי שום ספק באַרייכערט, פאַרשענערט און באַנייט די יידישע פּאָעזיע. און ווי אַ פאַרשיכורטער פאַרכישופטער הימן קלינגט זיין ליד:

אַ „מזמור שיר ליום השבת״!
ווי עס גיסט זיך דורך די הערצער,
אַזוי יום־טובדיק און פריילעך,
אין אַ כאָר פון זיסע קלאַנגען:
מזמור שיר ליום השבת!

מזמור שיר ליום השבת!
ס'שטאַמט דאָס ליד נישט פון קיין מענטשן,
נאָר מלאכים ווייסע האָבן
דאָס געזונגען אין גן עדן,
אין דעם ערשטן הויכן שבת,
נאָך דער גרויסער וועלט־באַשאַפונג,
און די זונען און די שטערן,
אַלע האָבן מיטגעזונגען:
מזמור שיר ליום השבת!

מ'וואָלט פשוט געדאַרפט ציטירן אַ האַלבן בוך לידער, כדי צו קאָנען אַרויסברענגען די לויטערקייט, שיינקייט און טיפקייט וועלכע ליגן באַהאַלטן

אין יהואשס באַלאַדעס און לעגענדעס. ווי אַ קוואַלענדיקער שטראָם פליסט דאָרטן אין זיי דער נאַטירלעכער פאָלקס טאָן. זיין פשטות איז אָנגעפיקעוועט מיט אַזוי פיל פאָלקלאָריסטיק און אידיאָמאַטיק, אַז מ׳פילט און מ׳זעט ממש ווי יעדעס וואָרט פאַלט דעם מייסטער צו די פיס און קניט פאַר אים אַנידער. פון זיין יעדן וואָרט ווערט אַ בילד, פון אַ בילד אַ באַגריף, פון אַ באַגריף אַ געפיל, און פון געפיל אַ דערהויבענער קלאַנג.

זאָל כאָטש אַלס אַ מוסטער דאָ דינען איין באַלאַדע: „דאָס וווּנדער־קינד״:

אויפן וונדער לויפן אַלע,
ס׳קינד איז קוים אַ רגע אַלט,
און עס קנייטשט שוין איין דעם שטערן,
און זיין אויג מיט חכמה שטראַלט.

אויפן צווייטן טאָג שוין רעדט עס —
ס׳נעמט די הייבאַם אָן אַ גרויל, —
מאַכט שהכל ווען די מוטער
לייגט אים צו די ברוסט צום מויל.

ווען עס קומט דער דריטער מאָרגן,
זאָגט עס עברי מיטן טראָפּ —
און צום פערטן טאָג זיך בעט עס
תפילין אויף זיין קליינעם קאָפּ.

נאָך אַ טאָג און זיינע ליפּן
מורמלען אויסנווייניק תנ״ך,
באַלד שוין קערט עס ש״ס און פּוסקים,
יורה דעה מיטן ש״ך...

און מיט ווייסע בערד רבנים
קומען פון דער ווייט אַהער,
יעדער פרעגט אים שאלות תשובות —
אַלע, אַלע ענטפערט ער...

דאָך דער נגלה איז אים ווייניק,
און ער זאָגט שוין זוהר באַלד,
וואַנדערט ווי אַ שטאָלצער יעגער,
דורך קבלה׳ס טיפן וואַלד...

טיפער, העכער, אַלץ פארנעמט ער,
האַלט שוין ביי משיח׳ס סוד,
און אין הוילע שרעק געקומען
איז דער צדיק פון דער שטאָט.

יוסף הלל לעווי

האָט דאָס חונדער קינד באַשחוירן,
חערן אויפן אָרט פאַרשטומט,
ס'זאָל חלילה נישט אַנטפלעקן
חען און חי משיח קומט...

שטאַרק געחעזן איז די שבועה,
ס'האָט געפועלט דער בעל השם,
שטום געחאָרן איז דאָס קינד גלייך,
און געשטאָרבן באַלד נאָך דעם...

נישט ווייניקער אויסגעהאַלטן, עקספּרעסיוו און שיין זיינען אויך זיינע אַנדערע לעגענדעס: „יפתח'ס טאָכטער", „דוד'ס האַרף", „דער גלגול", „מעשה שטן", און נאָך אַ סך, אַ סך אַנדערע. נישט נאָר צו די גרעסטע נאַציאָנאַלע דיכטער געהערט יהואש, נאָר אויך צו די בעסטע און פיינסטע פּייזאַזשיסטן אין דער יידישער פּאָעזיע. זיינע נאַטור שילדערונגען זיינען אָפט צאַרטע אידיליעס, בונטע עקספּרעסיעס, שימערירנדיקע פון פאַרב, קלאַנג, געפיל און פאַרכישופטער האַרמאָניע. עס קומט אין זיי צום אויסדרוק די אוממיטלבאַרע שיינקייט, ריינקייט און די טיפע זינלעכקייט פון דער נאַטור; איר שטילקייט און שטורעם, מיט אַלע ליכט רעפלעקסן, פאַרבן און קלאַנגען. עס איז אַ מין לירישער פאַנטעזיע וועלכער רייסט אונז מיט און לאָזט אונז אויפגיין אין דער נאַטור ווען ער זינגט:

די לופט איז הייס און חירציג
מיט בוימער, פעך־גערוך,
אין בלאַסן הימל בלאַנזשעט
אַ שטרייף פון חאָלקן־פוך...
אויף הויכע טאָפּאָל־שפּיצן
שלאָפט איין דאָס העכסטע בלאַט,
דער טייך הערט אויף זיך בלעזלען,
און שפּרייט זיך העל און גלאַט.

דער סאָד איז שטיל און זוניק,
נאָר חען־ניט־חען זיך הערט
אַ דומפּער קלאַפּ פון עפּל,
חאָס פאַלן צו דער ערד...
און חען־ניט־חען אַ בינזום,
חי עמיץ זינגט פון שלאָף,
און ערגעץ אינעם שייער
דאָס קחאַטשן פון אַן עוף...

אַזעלכע קלאַסישע נאַטור לידער קאָן מען נאָר ביי געטע׳ן טרעפן. זיי זיינען דורכגעוועבט מיט אַזאַ פיינעם ליריזם, אין וועמענס פאַרבאַהאַלטענער שיינקייט און אומעטיקייט עס גייט אויף דעם דיכטערס נשמה און באַהעפט זיך מיט דער נאַטור ביז זי ווערט אַליין אַ טייל פון איר...

אין די נאַטור שילדערונגען וויברירט אָבער אויך גלייכצייטיק עפּעס אַזאַ מין מעדיטאַטאַרישער אינטעלעקטואַליזם, וועלכער ווערט אָפטמאָל איינגעהילט אין אַ זילבערדיקן נעפּל פון דער אַלעגאָריע און סימבאָל...

בכלל שימערירן יהואשס נאַטור־לידער מיט דעם טיפן שטורמדיקן ווערן פון פרילינג, מיט די צאַרטסטע פאַרבן און קלאַנגען פון די שפּראַצנדיקע בליטן, מיט דער פולער רייפקייט און צייטיקייט פון זומער; מיט דער אייביק אומגעזעטיקטער פאַרבאַרגענער סעקסואַליטעט פונם קאָסמישן ווערן, זיין און פאַרגיין...

די טונקעלע פאַראומערטע פאַרבן פון יהואשס אָסיען־לידער באַשאַפן אַ באַזונדערן רייץ מיט זייער זאַטן גאָלד, האַרבן דופט, און מיט זייער מעלאַנכאָלישער טיפער מעלאָדיק...

אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן קאָלאָריט פאַרמאָגן אויך די ליבע־לידער און ראָמאַנסן, הגם זיי זיינען ערטערווייז הייניש לייכט, און באַזיצן נישט די היינישע טיפקייט, זיינען זיי פאַרט אָריגינעל, אַ דאַנק זייער אומעטיק באַ־חנטן יידישן קלאַנג, וואָס גלעט און פאַרוויגט און לאָזט אָבער גלייכצייטיק נאָך זיך צוריק אַ שטילן, זיסן, נאָגענדיקן צער...

אין דעם הייטן לאַנד מצרים,
זאָגט מען שטייט אַ פּיראַמיד,
הייבט די זון נאָר אָן צו שיינען
הייבט ער זינגען אָן אַ ליד...
אָבער גייט די זון נאָר אונטער,
קערט איר פּנים אָפּ פון אים —
הערט דער טורעם אויף צו זינגען
און פאַרלירט זיין צויבער־שטים...

קוק מיך אָן איך בין דער טורעם,
און דו ביזט מיין גאָלדענע זון,
הייבט דיין פּנים אָן צו לייכטן
הייב איך זינגען אָן דערפון.
אָבער ווען דיין בליק ווערט פינסטער,
און באַקוקט מיך בייז און קרום, —
ווערט מיין האַרץ מיר אויך פאַרפינסטערט
און איך ווער באַטריבט און שטום...

אָדער אַן אַנדער מין לידל, וועלכעס דריקט אויס יהואשס צווייפל אין דער ליבע; עס איז טאַקע אויך לייכט, אָבער ס'איז די לייכטקייט וואָס בעת ווען דו באַזיצסט זי, קאָנסטו זיך העכסטנס מיט איר פאַרשפּילן ביז צו פאַר־געסנקייט; אָבער ווען דו פאַרלירסט זי, דערפילסטו ערשט ווי שווער איר פאַרלוסט דריקט דיך אויפן געמיט...

צו װאָס נאָך רעדן ליבינקע? —
די קושן דיינע רעדן;
צי רעדט מען פון אַ יענער װעלט,
אַז מ'איז שוין אין גן־עדן?...

— — — — — — — — — —

אָ, שענק מיר אַלדינג ליבינקע,
נאָר גיב נישט קיין פאַרשפּרעכן,
װאָס שטאַרקער ס'װעט דיין צוזאָג זיין,
אַלץ גיכער װעסט אים ברעכן...

יהואשס ליבע איז אַ ריינע, נישט קיין ראַפינירטע, אָבער אַן אומזיכערע, ווייל ער צווייפלט אין איר באַשטענדיקייט, דערפאַר דער תמיד רעזיגנירנ־דיקער טאָן...

נאָר נישט געקוקט אויף יהואשס גרויסן דיכטערישן טאַלאַנט און דעם געוואַלטיקן כוח אין זיינע נאַטור שילדערונגען, די נאַוואַטאָרישע מאָטיוון און די אייגנאַרטיקע אידעען, האָט ער די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן כמעט זיך אין גאַנצן צוריקגעצויגן פון אָריגינעלע שאַפונגען, און זיך אָפּגעגעבן זיין גרויסן לעבנס־ווערק, צו שאַפן אַ נייע יידישע איבערזעצונג פון „תורה נביאים וכתובים". אַ שטרענגע טעקסט־געטרייע איבערזעצונג, וועלכע זאָל אָבער צו דער זעלבער צייט רעפּראָדוצירן אין יידיש דעם אָריגינעלן טראָפּ, פאַרב און ריטם פון דער אַלטער, אייביק נייער ביבעל.

אין באַזונדערע אָנמערקונגען גיט יהואש איבער די אָפּווייכונגען פון דער מסורה, די וואַריאַנטן פון דער סעפּטואַגינטאַ, דער וואָלגאַטאַ, דער פּשיטאַ, די תרגומים וכדומה, ווי אויך דערקלערונגען פון ווערטער און זאַצן, וואָס אָן זיי איז דער טעקסט אומפאַרשטענדלעך; בנוגע צו דעם לשון פון דער איבערזעצונג האָט יהואש געשטרעבט צו שאַפן אַ סטיל, וואָס זאָל פון איין זייט פאַרמאָגן די גאַנצע פאָלקסטימלעכקייט און אַרכאַאישקייט פון די אַלע ספרים אין עברי־טייטש און פון דער מלמדישער אויסטייטשונג, און זאָל אויך זיין דערצו געניי, נישט צעגאָסן, קלאָר און פּרעציז, און דערביי אויך פול מיט אַלע אַלטע זאַפטן — זוכנדיק צו פּרעזערווירן אַלע יענע

ווערטער וואָס האַלטן אין פאַרגעסן ווערן, אַזוי אַז דער יידישער תנ״ך פון יהואשן איז געוואָרן אויך אַן אוצר פון דער יידישער שפּראַך, און אַ מוסטער פון יידישן סטיל.

מען קאָן זאָגן מיט אַ גוטן געוויסן: אַזוי ווי לוטערס דייטשע איבערזעצונג האָט רעפאָרמירט די דייטשע שפּראַך און ליטעראַטור, אַזוי האָט אויך יהואשס יידישע איבערזעצונג פון תורה נביאים וכתובים רעפאָרמירט אונזער יידיש.

אוודאי זיינען אין דער איבערזעצונג אויך פאַראַן אַ סך שוואַכערע שטעלן, איבעריקע גערמאַניזמען און אויך נישט תמיד גאַנץ געאייגנעטע פאַריידישונגען פון העברעאישן טעקסט מיט פאַרשידענע פרעמד־ווערטער און טערמינען, אָבער די גאַנצע אויסגאַבע איז אַ מייסטערהאַפטע, אין וועלכער יהואש האָט פּשוט דערגרייכט צו גאונות.

זאָל אונז דאָ אַלס אַ מוסטער דינען די איבערזעצונג פון ישעיהו׳ס וועלט־באַרימטן „חזון״, וועלכער בלייבט נאָך אַלץ די אייביקע בענקשאַפט און דאָס אייביקע שטרעבן פון אַלע מאָראַלישע פעלקער ביז צום היינטיקן טאָג...

דאָס וואָרט וואָס ישעיהו דער זון פון אמוץ האָט געזען,
אויף יהודה און ירושלים.
און עס וועט זיין אין סוף פון די טעג,
וועט שטיין פעסט דער באַרג פון גאָטס הויז
אויבן אָן פון די בערג,
און דערהויבן איבער די הייכן;
און אַלע פעלקער וועלן צו אים שטראָמען,
און פיל אומות וועלן גיין און וועלן זאָגן
קומט, און לאָמיר אַרויפגיין צום באַרג פון יהודה,
צום הויז פון דעם גאָט פון יעקב;
און ער וועט אונז לערנען פון זיינע וועגן,
און מיר וועלן גיין אין זיינע שטעגן;
וואָרום פון ציון וועט אַרויסגיין די תורה,
און גאָטס וואָרט פון ירושלים.
און ער וועט משפטן די פעלקער,
און אַנטשיידן איבער פיל אומות;
און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקער־אייזנס,
און זייערע שפּיזן אויף צווייג־מעסערס;
אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט נישט הויבן אַ שווערד,
און מען וועט נישט לערנען מער מלחמה.

און אין קאַפּיטל י״א פליסט ווייטער יהואשס ווירטואָזע ריינע און געטרייע איבערזעצונג:

און גערעכטיקייט װעט זיין דער אַנגורט פון זיינע לענדן,
און טריישאַפט דער גאַרטל פון זיינע דיכן.
און אַ װאָלף װעט הויזן מיט אַ שעפּס,
און אַ לעמפּערט מיט אַ ציקעלע װעט הויערן
און אַ קאַלב און אַ יונג לייב און אַ פעט רינד ביינאַנד ;
און אַ קליין יינגל װעט זיי פירן...
און אַ קו מיט אַ בער װעלן זיך פיטערן,
ביינאַנד װעלן הויערן זייערע יונגע ;
און אַ לייב װעט װי אַ רינד עסן שטרוי.
און אַ זויגנדיקער װעט זיך שפּילן
אויפן לאָך פון אַ שלאַנג,
און אויף דער נאָרע פון אַ נאָטער
װעט אַן אַנטװוינטער זיין האַנט לייגן.
זיי װעלן נישט בייז טון און נישט פאַרדאַרבן
אויף מיין גאַנצן הייליקן באַרג ;
װאָרום די ערט װעט זיין פול מיט דערקענונג פון גאָט,
װי די װאַסערן באַדעקן דעם ים.

עס איז כמעט נישט מעגלעך איבערצוגעבן די אַלע פיינקייטן, אָנגעהויכט מיט אַזוי פיל צאַרטן חן, און צוגלייך מיט דעם געוואַלטיק עלעמענטאַרן דראַמאַטישן כוח, וואָס יהואש האָט אַזוי וווּנדערבאַר פאַרשטאַנען אַרויסצוברענגען אין זיין ביבלישער איבערזעצונג.

ווען אומקום האָט געליוערט אין געטאָ, און די פינסטערע היטלעריסטישע הידרע האָט פאַרשלונגען דעם בעסטן טייל פון אונזער פאָלק, איז געווען יהואשס יידישע תנ״ך איבערזעצונג אַ גרויסע טרייסט אין די לעצטע טעג פון די בלוטיקע געטאָ־מויערן (אַזוי דערציילן אַ סך צוריקגעבליבענע), און דאָס איז לייכט משיג צו זיין, מחמת דער תנ״ך און די ביבעל זיינען בלי שום ספק דאָס גרעסטע ווערק, און דאָס הייליקסטע בוך וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט פאַר זיך און פאַר דער וועלט. נאָר אין דעם דאָזיקן ווערק האָבן נאָך געקענט מיליאָנען יידן און קריסטן שעפּן האָפנונג, אמונה און טרייסט פאַר דעם עתיד, אין די פאַרצווייפלטסטע מינוטן פון זייער לעבן.

און ווער עס גלויבט נישט אַז נאָר גאָט האָט דעם יידישן פאָלק געגעבן דאָס אומשטערבלעכע ווערק, דער מוז גלויבן אַז דאָס יידישע פאָלק איז געטלעך, ווייל עס האָט געקאָנט אַזאַ ווערק באַשאַפן... נישט בחינם האָבן עס גיגאַנטישע פעלקער און דיכטער אָנערקענט אַלס דאָס געוואַלטיקסטע בוך אין דער וועלט.

דאָסטאָיעווסקי, דער גרעסטער דערציילער פון דער וועלט, זאָגט: „דער פּרימיטיווער עלעמענטאַרער אויסגעשריי פון יוסף׳ן, בעת ער גיט זיך צו

דערקענען צו זיינע ברידער, האָט די גאַנצע וועלט אויפגעטרייסלט. די מעשה פון יוסף׳ן מיט זיינע ברידער איז די רירנדסטע דראַמאַטישסטע דערציילונג פון דער וועלט״.

אָבער אויך נישט ווייניקער אָנערקענונג און התלהבות צו דער ביבעל און תנ״ך האָבן אַרויסגעוויזן די פּראָגרעסיווע גייסטער פון אונזער צייט: זשאָן זשאָרעס, דער סאָציאַליסט, און גוסטאַוו לאַנדאוער, דער אַנאַרכאָ־קאָמוניסט.ביידע באַרימטע גרויסע קענער פון דער וועלט־ליטעראַטור האָבן אָנערקענט, אַז די ביבעל איז דאָס גרעסטע, רעוואָלוציאָנערסטע און אוני־ווערזעלסטע בוך אין דער וועלט־ליטעראַטור...

און טאַקע דערפאַר איז דער דיכטער יהואש אונז טאָפּלט ליב און טייער, ווייל ער האָט באַרייכערט, פאַרשענערט און פאַרטיפערט אונזער יידיש מיט דעם גרויסן געטלעכן ווערק.

מיר זיינען איבערצייגט, און גלויבן אויך באמונה שלימה, אַז עס וועלן נאָך ווידער אויפבליען געזונטע יידישע דורות וועלכע וועלן וויטער ציען אונזער גאָלדענעם פאָדעם, און שעפּן פרייהייט, שיינקייט, באַגייסטערונג און טיפן בטחון פון אַ גליקלעכן, ליכטיקן עתיד, אין דעם דיכטער יהואשס יידישע ביבעל און תנ״ך איבערזעצונג. און דאָס וועט זיין דעם דיכטערס גרעסטער לוין פאַר זיין גרויסער, ריינער און הייליקער אַרבעט, פאַר וועל־כער ער האָט מקריב געווען די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן.

דוד עדעלשטאַט

צו די זעלטנסטע דיכטער און קעמפּער־געשטאַלטן, האָט בלי שום ספק געהערט דער פרי־פאַרשטאָרבענער אַרבעטער־דיכטער דוד עדעלשטאַט.

קעמפנדיקע דיכטער זענען בײַ אונדז געווען אַ סך און כלערליי; אָבער אַזעלכע דיכטער, וואָס זייער דיכטונג איז נאָר געווען אַן אייביקער קאַמף, און אַזעלכע, וואָס זייער קאַמף איז נאָר געווען אַן אייביקע דיכטונג, האָט עס נאָר איינעם געגעבן. און דער דאָזיקער איז געווען דער פיינער אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער גייסט — דוד עדעלשטאַט. אַזוי ווי אין זיין לעבן, דענקען און שאַפן איז ער אויך געבליבן אין זיין קאַמף, קאָמפּראָמיס־לאָז, ריין און דערהויבן. די אידעע, פאַר וועלכער ער האָט געלעבט, האָט אים דערהויבן און געהייליקט; און זיין הייליקייט האָט דערהויבן זיין אידעע...

יש אומרים — אַז דוד עדעלשטאַט איז געווען אַ „פּאָליטישער אַגיטאַטאָר". דאָס איז נישט אומריכטיק, אָבער נישט וויניקער ריכטיק איז אויך (ווי שוין אויבן באַמערקט), אַז זיין גאַנצע אַגיטאַציע איז געווען אַ גליענדיקע פּאָעזיע. און דער עיקר, איז עס אים נישט געגאַנגען אין לעבן (ווי אַ סך פריערדיקע און אויך הײַנטיקע שרײַבער), אַז נאָר זייער שרייבן זאָל באַזיצן אַן אינהאַלט, נאָר אויך גלייכצייטיק דעם געפּרעדיקטן אינהאַלט אינם שרייבן צו רעאַלי־זירן אין לעבן...

און דערפאַר וועט דוד עדעלשטאַט בלייבן פאַררעכנט צו די ליכטיקסטע פונם אמת געציילטע דיכטער־געשטאַלטן, וואָס האָבן געווירקט צווישן יידן.

און אין וואָס איז אייגנטלעך באַשטאַנען עדעלשטאַטס רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם? נישט אין עראָטישער הערצערשער ליבע און אויך נישט אין ברוטאַלן קלאַסנקאַמף, נאָר אין דער אומבאַגרענעצטער, אייביקער, ריינער פרייהייט פון דער נאַטור און מענטש...

ווייל עדעלשטאַט האָט זיין עראָטישע ליבע אַריינגעגאָסן תמיד נאָר אין קאָסמאָס; און דעם קאָסמאָס מיט דער פרייהייט פּערזאָניפיצירט, איז זיין ליבע תמיד געווען אַזוי אומבאַגרענעצט ווי די פרייהייט — און די פרייהייט ווי דער קאָסמאָס... און טאַקע אין דער קאָסמישער שויס האָט ער געזוכט פּאַראַלעלן פאַר אַלע זיינע געדאַנקען, געפילן און בילדער... און געזונגען:

„איך טרוים נישט, ווי גליקלעכע דיכטער,
פון ווײַן און פון ליבע און מײַ ;
ווייל איך — אַן דעם ווײַן בין איך ניכטער,
און בין — אין דער ליבע אויך פריי.
נאַכטיגאַל, זונענשיין, בלומען,
הימלישע, שיינע נאַטור !
ווי זאָל איך באַגריסן דיין קומען —
ווען דו פאַר דעם רייכן ביסט נאָר ?...
איך וואָלט דיינע שטראַלן און פאַרבן,
באַזונגען — מיט ליבע און לוסט ;
און איך וואָלט אַ גליקלעכער שטאַרבן
געקענט אויף דיין גליקזעליקער ברוסט !...“

עדעלשטאַטס געליבטע בלייבט און איז די „פרייהייטס־געטין“. און נאָר צו איר שטורמען און ברויזן אַלע זיינע פאַרלאַנגען און געפילן.

און זיין פרייהייט (ווי שוין פריער געזאָגט) איז נישט קיין באַשרענקטע׳ נאָר אַן אייביק־ווערנדיקע— אַזוי ווי די נאַטור — וואָס האַלט אין איין וועלקן און ווידער אויפבליען צום אייביק נייעם לעבן...

מ׳מוז געדענקען, אַז דוד עדעלשטאַט איז געווען אַ קינד פון דער עפּאָכע, אין וועלכער ס׳האָבן געלעבט און געשאַפן די גרויסע סאָציאַלע און יידיש־נאַציאָנאַלע דיכטער ווי ש. פרוג, מאָריס ווינטשעווסקי, א. לעסין, ר. באָר־שאָווער און מאָריס ראָזענפעלד.

און ווי יעדער איינער פון זיי איז ער אויך זיין אייגענעם וועג געגאַנגען.

עס דאַרף דאָ אויך נישט פאַרשוויגן ווערן, אַז הגם עדעלשטאַט איז געווען אַ קאָסמאָפּאָליט, אַן אינטערנאַציאָנאַליסט, אַן „אַנאַרכיסט־קאָמוניסט“ — האָט ער פאָרט אין אייניקע לידער זיינע זיך נישט געשעמט אויסצודריקן זיינע נאַציאָנאַלע געפילן... ווי אין דעם ליד „יציאת מצרים“, וווּ ער זינגט :

„אין דעם לאַנד פון פיראַמידן,
וואַר אַ קעניג — בייז און שלעכט ;
און עס וואַרן אַלע יידן
זיינע דינער, זיינע קנעכט !...“

הגם זיין פינאַל איז תמיד געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער, בלייבט אָבער זיין פאָרם שטרענג נאַציאָנאַל...

אַזוי ענלעך איז עס אויך אין דעם ליד „צום יידישן פּראָלעטאַריער“ :

„ברידער, מיר טראָגן אַ דרייפאַכע קייט —
אַלס יידן, אַלס שקלאַפן, אַלס דענקער ;
מיר ווערן געיאָגט און געמאַטערט צום טויט —
פון אַנטיסעמיטן און הענקער !“

דער טיפסטער אויסדרוק פון עדעלשטאַטס פּראָלעטאַרישן עמפּינדן, דוכט מיר, איז זיין ליד „מיין לעצטע האָפנונג", ווייל דאָרטן האָט ער אַמ־בעסטן און אַמשטאַרקסטן מגלה געווען אַלע זיינע באַגערן, שלמות, פאַר־לאַנגען און ליידנשאַפט. און מיר ווערן נאָך ביז צום היינטיקן טאָג גערייצט און מיטגעריסן ווען ער זינגט:

„פרי זיינען געשטאָרבן — מיינע האָפנונגען זיסע,
פרי האָב איך דערזען דעם ווילדן קאָנטראַסט:
דאָס אַרבעטער־פאָלק אין אַ פינסטערער תפיסה,
דעם שווינדלער, באַטריגער, אין אַ רייכן פּאַלאַסט"...

„אַ, רויבט נישט ביי מיר מיינע האָפנונגען זיסע,
מיין לעצטע האָפנונג אַ מינוט פאַרן טויט; —
כ'וויל זען ווי דאָס פאָלק וועט צעברעכן זיין תפיסה
און וועט זיך באַפרייען — פון הונגער און נויט!"...

און דערפאַר האָט דוד עדעלשטאַט טאַקע תמיד געזוכט דעם אַרבעטס־מאַן אויפצומונטערן, אויפצוּוועקן און אויפצושטורעמען אַנטקעגן זיין בלו־טיקן שונא „דעם קאַפּיטאַל". זיין נאַטור איז געווען אַ דינאַמישע, אומרואיקע און קיינמאָל נישט צופרידענע, מחמת די שרעקלעכע קאָנטראַסטן און דיסאָ־נאַנסן אינם מענטש און אין דער נאַטור. זיין פּאַראָל איז תמיד געווען — אַרבעט און קאַמף. און ער האָט געזונגען:

„פוילט זיך נישט, אַ שאַנדע כ'לעבן —
שלאָפן אין אַ צייט פון קריג!
ווילט איר וויסן וואָס הייסט לעבן?
קעמפט פאַר אַלגעמיינעם גליק..."

נאָר דער שטרייט און קאַמף איז געווען זיין גאַנץ לעבן און שאַפן. ווייל נאָר אין קאַמף האָט ער זיך געפילט גליקלעך; אין קאַמף איז זיין נשמה אויפ־געגאַנגען און געפונען זיין גרעסטן שכר ווייל:

„וואָס שווערער דער קריג,
דאָס זיסער דער זיג,
דאָס פראַכטפולער זיינען די פירות;
וויל ווער, אַז עס פאַלט
אין אַרבעטער־קריג —
דער לעבט אין די קומענדע דורות!..."

ווייט פון דער אויסגעקלוגלטער דיאַלעקטיק, ווייט פון די הויך־קלינגענ־

דיקע פּאַראַפראַזן און אויך וויַיט פון אַלע ריטמיש־ווערסיפיקאַלישע וואַריאַי־רונגען (פון דער האַמאַלטדיקער און פון דער היינטיקער עפּאָכע) האָט נאָך פאַרט דוד עדעלשטאַט ליד אַרויסגעגאָסן פון זיין ערלעך גרויסן האַרץ אַזוי ווי אַ שטראָם פון אַ קלאָרן טיפן טייך —

אַריין צוריק אין דעם צעוויגטן האַרץ פונם יידישן אַרבעטער, ווייל זיין פערז איז געבויט געוואָרן אָן וועלכע ס'איז פאַרפוצונגען, ראַפינעריע און קונצן; זיינען עס תמיד געווען פשוטע „דברים היוצאים מן הלב — ונכנסים אל הלב"...

און אַזוי ערלעך און ריין ווי זיין שפּראַך, איז אויך געווען זיין כאַראַק־טער, וועלכער האָט זיך קיינמאָל בשום אופן נישט אונטערגעגעבן אונטער קיין שום קאָמפּראָמיסן... ווייל זיין איבערצייגונג איז געווען:

„האַלבע פרייהייט, איז קיין פרייהייט!
נאָר פאַרפוצטע שקלאַפנשאַנד:
חייל זי זעטיקט נאָר דעם מאָגן —
און פאַרשקלאַפט דעם מענטשנס פאַרשטאַנד..."

עס איז קלאָר, ווען מ'איז מעביר עדעלשטאַטס לידער און דערציילונגען׳ שטויסט מען זיך אויך אָן אין אַ סך נאַאיוויטעטן, וועלכע זיינען ליידער אַזוי פאַרקערט מקוים געוואָרן... ווי למשל אין דעם ליד „פינסטערניש", אין וועלכן ער זינגט:

„מיר האָבן אויך נייע פּראָפעטן —
בערנע, לאַסאַל, קאַרל מאַרקס,
זיי זאָלן פון גלות אונדז רעטן
נישט מיט פאַסטן און הייליקן חאָקס...
זיי זאָגן אונדז איזראַעליטן
אייער ליידן חעט נעמען אַן ענד, —
חען טיראַנען און יעזואיטן
חעלן פאַלן פון שקלאַפן־הענט..."

אָבער אַזוי ווי דוד עדעלשטאַט איז געווען נאָר אַ מענטש, האָט ער אויך געמאַכט אַ סך מענטשלעכע טעותים. טיראַנען און יעזואיטן זיינען שוין אַ סך געפאַלן פון מענטשן־הענט — אָבער די איזראַעליטן זיינען נאָך פאַרט פון גלות נישט אַרויסגעגאַנגען... אויך דער אַנאַרכיזם פון דוד עדעלשטאַטן האָט דורכגעמאַכט אַ געוואַלטיקע מעטאַמאָרפאָזע.

ווייל מיר גלויבן היינט אויך נישט מער, אַז מיט קאַמף און באַריקאַדן, קאַנאָנען און וועלכע ס'זאָלן נישט זיין כלי־זיין קען מען ברענגען די מענטש־

לעכע גאולה, די פריהייט, אָדער זי באַצווינגען... און די טיראַנען פאַר־ניכטן. וואָס מיר גלויבן איז: כדי דער מענטש זאָל קענען פריי זיין — מוזן ראשית כל אָפּגעשאַפט און פאַרניכטעט ווערן אַלע כלי־משחית, דאַמאָלט ערשט וועט קענען די „בעסטיע אין מענטש" בטל ווערן... מחמת מיטן פאַרניכטן דעם רשע אינאיינעם מיט זיין רשעות, ווערט נאָך נישט דאָס אַל־געמיינע רשעות אָפּגעשאַפט...

און פאַרגלויבט איז דוד עדעלשטאַט אויך דאַמאָלט געווען אַז:

„נישט נאָר שאַרפע געדאַנקען, אויך שאַרפע שפּיזן
פאָדערט דער קאַמף פון אונדז היינט..."

מיר וויסן היינט אָבער אויך שוין איבערגעענוג, וואָס פאַר אַ גליק די שאַרפע שפּיזן, אפילו אין די הייליקסטע פּראָלעטאַרישע הענט האָבן גע־בראַכט פאַר דער נאָך גאולה־שמאַכטנדיקער מענטשהייט. און ווייטער זינגט דוד עדעלשטאַט: „אַ וועלט, ווו קירכן און סינאַגאָגן וועט מען פאַרוואַנדלען אין פּי"...

מיר האָבן אויך שוין ברוך השם די צייט דערלעבט — ווו די קירכן און סינאַגאָגן זיינען אין פּי־שטאַלן פאַרוואַנדלט געוואָרן, און דער אַזוי אויס־געבלוטיקטער און אויסגעהלומטער האַרמאָנישער אַנאַרכיזם קען פאַרטראָגן סיי שולן סיי קירכן להבדיל און ווערט דערפון אויך נישט אומהייליקער און אומפרייער...

יעדע — אַפילו די גרעסטע בעסטע און הייליקסטע באַוועגונג — וואָס ווילנדיק זיך פאַרווירקלעכן און רעאַליזירן; ווען זי שיינט נישט דעם מענטשן, נאָר נוצט אים בלוטיק אויס צו איר פאַרווירקלעכונג, ווערט מיט בלוט פאַרפלעקט, און ברענגט נישט קיין ברכה נאָר אַ קללה פאַר דעם מענטשן...

געמיינט האָט אויך עדעלשטאַט מיט זיין דאַמאָלסטיקער עפּאָכע — אַז „אַ וועלט נאָר פון וויסן, נישט פון גלייבן" — דאָס וועט ברענגען די אמת־דיקע אַנאַרכיע אויף דער וועלט...

אָבער מיר פאַרשטייען היינט שוין — אַז אָן גלויבן איז אויך קיין שום וויסן נישטאָ... ווייל מען מוז גלויבן אין דעם וואָס מען ווייסט אָדער מען איז געוויר געוואָרן... סיידן מען איז אַ סאָפּיסט...

און ווייל עדעלשטאַט האָט געגלויבט און געהאָפט אַז די אינטערנאַציאָ־נאַלע רעוואָלוציע וועט באַפרייען דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריער און בתוכם — אויך דעם יידישן, דערפאַר האָט ער נישט געהאַלטן פונם ציוניזם, און אים פּשוט באַטראַכט פאַר רעאַקציאָנער.

עדעלשטאַט מיט זיין דאַמאָלסטיקן פעריאָד — האָבן אויך טיף געגלויבט און געווען איבערצייגט: אַזוי ווי עדעלשטאַט האָט געזונגען אין זיין ליד „לואיסלינג" — אַז

„געוואַלט האָט אונדזער וועלט פאַרשקלאַפּט,
און נאָר געוואַלט וועט זי באַפרייען! . . ."

ס'איז אויך קלאָר, אַז דער היינטיקער אַנאַרכיזם איז אויך ווייט, גאַנץ ווייט אַוועק פון דער בלוטיקער דאָגמע . . . און גלויבט להיפוך — אַז דווקא נישט מיט די אַלע געמיינע מיטלען מיט וועלכע מ'האָט די וועלט פאַר־שקלאַפּט, קען מען אַנווענדן אויף זי צו באַפרייען... מחמת—יעדער צוואַנג און געוואַלט איז גורם אַ נייעם צוואַנג, און געוואַלט, און אַזוי — עד סוף כל הדורות . . . גראַד די אַלע מענטשלעכע פעלערן און טעותים, וועלכע עדעלשטאַט האָט געמאַכט, זאָגן עדות אויף זיין מענטשלעכער גרויסקייט און ערלעכקייט. און הגם ער איז אָפּטמאָל אַזוי ענטוישט און דערשיטערט געווען פון דעם מענטש און דער נאַטורס עוולות לגבי דעם מענטש —האָט ער פאָרט געגלויבט אין אים און אין דער נאַטור . . .

דערפון נעמען זיך אַזוי אָפט זיינע תרעומות און שיקאַנען צום מענטש און דער נאַטור, ווייל ווען מען ליבט — דעם זידלט מען און שטראָפט אים כדי אים בעסער צו מאַכן. און ער זינגט:

„איין לייב וועט דעם צווייטן נישט טויטן,
און מענטשן — די קרוין פון נאַטור —
מענטשן פרעסן איינער דעם צווייטן,
ביז ס'בלייבט גאָר פון זיי נישט קיין שפור".

דוד עדעלשטאַט איז געווען — און בלייבט דער רעוואָלוציאָנערער ראָ־מאַנטיקער אין זיינע לידער ווי אויך אין זיינע נאָוועלן. ער איז געווען דער פאַנטאַסט — נישט פאַרויסגעזאָגט אַז: געוואַלט, גוררת געוואַלט! . . .

דערפאַר האָט ער אַזוי פיל געפּריידיקט — „פון קאַמף און באַריקאַדן".

אָבער ווי שוין אויבן באַמערקט, איז ער בדיעבד געווען פון די צאַרט־סטע און הומאַנסטע, איידלסטע, מענטשלעכע כאַראַקטערן . . .

אייביקע פּערל וועלן פאַרבלייבן אין דער יידישער פּאָעזיע די לידער: „אין שטורם פון קאַמף", „ווי לאַנג אַ ווי לאַנג וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפן?", „דער קיילענג, עבער", „דער אָוונט־גלאָק", „מיין צוואה", „די נאַכט איז פינצטער, מען זעט נישט קיין שטערן", „דער פאַל פון דער באַס־טיליע", „סאָפיאַ פעראָווסקאַיאַ", „צו די גענאָסן" און „פאָרווערטס". דער רוב

ווערט כמעט נאָך ביזן היינטיקן טאָג געזונגען פון יידישע אַרבעטער ווו נאָר זיי געפינען זיך.

דוד עדעלשטאַטס נאָוועלן זיינען אידענטיש מיט זיינע לידער. דאָס זעלביקע מיליע, דער זעלביקער פּראָטעסט און פּראָפּאַגאַנדע־טאָן, אויך דער זעלביקער קאָנטראַסט — הערשער און באַהערשן . . .

עדעלשטאַט האָט זיך נישט געשעמט אַרויסצוווייזן פיל ליבע צו זיינע ליידנדיקע אונטערגעדריקטע אַרבעטער־העלדן; און אַ ים פון האַס צו אַלע זייערע קאַפּיטאַליסטישע אונטערדריקער ווי צו די אונמענטשלעכע חיהשע דאַקטוירים, די „קאַפּיטאַליסטישע קאָמפּאַניס", צו די „גרובן באַזיצער", צו די רייכע „ליב־האָבערס", און צו דעם „געריכט מיטן געזעץ" . . .

מיט אַ שטראַלנדיקער אידעאַליזאַציע האָט עדעלשטאַט תמיד געשיל־דערט זיינע העלדן. זיי זיינען איביק געווען — גוט, גערעכט און מוטיק...

זאָל דאָ אַלס משל דינען אַ קליינער ציטאַט פון דער פיינער נאָוועלע: „אַ בריוו צו אַ זעלבסטמערדער". „איר וועט נאָך לאַנג פאַרבלייבן אויף דער וועלט־בינע, די קלעגלעכע ראָלע פון קאַלטע פילאָזאָפן, פון פרידלעכע היפּאָ־קריטן און אַפּגעשוואַכטע ליבעראַלן. אויך איר זייט זעלבסטמערדער! דער אונטערשיד איז נאָר — דאָס איך וועל באַגיין זעלבסטמאָרד אין איין רגע, און אייער זעלבסמאָרד וועט דויערן יאָרן־לאַנג . . ."

אַזוי ווי אין זיינע לידער — איז אויך עדעלשטאַט דאָס רוב געווען ראָ־מאַנטיש — ווייט פון דער ווירקלעכקייט, אין זיינע נאָוועלן. און דאָס דריקט אַמבולטסטן אויס דעם דיכטערס געוואַלטיקע ליבע און איבערגעגעבנקייט צו אַלע ליידנדיקע. ווייל זיי האָבן גאָרנישט געהאַט ביים לעבן, — האָט זיי דער דיכטער פאַרזען אַז זיי זאָלן כאָטש האָבן אַ געהייליקטן, ריינעם און רירנדיקן אָנדענק נאָכן טויט...

די נאָוועלע „ווערא" איז אָן אַ ספק די שטאַרקסטע, מחמת פון איר שפּרודלט אַרויס אַזוי ווי פון אַ פאָנטאַן, דער טיפער, ריינער אַלמענטשלע־כער אמת און די ליבע פון זיין פיינער, אידעאַלער נשמה.

דער עיקר איז תמיד געווען ביי דוד עדעלשטאַטן ווי ביי אַלע זיינע צייטגענאָסן פונם פריערדיקן פעריאָד — דער „רעוואָלוציאָנערער פּרינציפּ". פאַר אים האָט מען געלעבט, געשטריטן, געקעמפט און אים אין אַלע שאַ־פונגען פאַרוועבט . . .

אַלע קאַפּיטאַליסטן זענען ביי אים אויסגעקומען אָן אַ וועלכן ס'איז פונק פון מאָראַל, פאַראַנטוואָרטונג און רחמנות, נישטאָ אַפילו קיין איין שורה וואָס זאָל אָנדייטן, אַז אַ רייכער קען אַמאָל אויך אַ האַרץ פאַרמאָגן . . .

און מכוח עדעלשטאַטס אַרטיקלען און עסייען קען כמעט אויך דאָס

זעלביקע געזאָגט ווערן. מחמת זיי באַהאַנדלען דאָס רוב די זעלביקע פּראָב־לעמען ווי זיינע לידער און נאָוועלן. אָבער עס פעלט זיי (אָפּגעזען פון דעם ערלעכן טאָן און אינהאַלט וואָס זיי פאַרמאָגן) דאָס וויטזיכטיקע, טיפע אָביעקטיוו־פּובליציסטישע אַריינדרינגען אינעם ענין . . .

אָפּגעזען פון דעם אַלעם, בלייבט דוד עדעלשטאַט פאַרט דער ליכטיק־סטער און אויפריכטיקסטער פּיאָנער פונם יידישן רעוואָלוציאָנערן ליד, אַר־טיקל און נאָוועלע . . . און דערפאַר — וועט זיין פרייער, ערלעכער און פאָלקסטימלעכער גייסט קיינמאָל נישט אויפהערן צו לעבן אינם יידישן אַר־בעטער פאָלקס־האַרץ, נאָר אייביק זיין מיט אים און ביי אים — אַזוי ווי ער איז ביי זיין פאָלק געווען.

ווען די ניו־יאָרקער פּיאָנערן פון פרייהייט האָבן אָנגעהויבן אַרויסצו־געבן די ערשטע יידיש־אַנאַרכיסטישע צייטונג „וואָרהייט״, זענען דאָרט דערשינען עדעלשטאַטס ערשטע לידער אין יידיש.

און נאָך דעם ערשטן פאַרזוך צו שרייבן אין יידיש האָט ער דערנאָך שוין אויך אָנגעהויבן אַריינצושיקן זיינע שאַפונגען אינם „לאָנדאָנער אַר־בעטער פריינט״, וועלכער איז אין יענע יאָרן געווען דער איינציקער לערער און וועגווייזער פאַר די יידישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אין אייראָפּע ווי אין אַמעריקע.

און פון דעמאָלט אָן איז דוד עדעלשטאַט געבליבן איינגעגלידערט מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן אין דער יידישער ליטעראַטור און וועלכער ליטער־אַטור־היסטאָריקער ס׳זאָל ווען נישט קומען — וועט ער דוד עדעלשטאַטן מוזן אָפּגעבן זיין גרויס־פאַרדינטן קאַפּיטל אין דער יידישער פּאָעזיע, נאָ־וועליסטיק און אין דער עסייאיסטיק.

א. אלמי

אַ שלאַנקער מיט אַ בלאַסן פּנים, גרויסע רונדע אויגן, שוואַרץ אַזוי ווי זײַנע געלאָקטע האָר פון קאָפּ, מיט אַ שטילן אינטימען קול. אַזוי האָב איך זיך אין קראָקע אינם יאָר 1908 מיט (אליהו חיים שעפּס) א. אלמי דאָס ערשטע מאָל געזען און זיך באַלד מיט אים נענטער באַקענט. זײַן אָריגינעל־קייט האָט מיך שטאַרק צוגעצויגן. אויב איך מאַך נישט קיין טעות איז דער מחבר (שוין דאַמאָלט פון אַ סך פײַנע ראָמאַנטישע און פּרייהייטס לידלעך) בסך הכל ערשט אַלט געווען 15 אָדער 16 יאָר.

אין דער ראָמאַנטיש־פאַנטאַסטישער וויג פון קראָקע, אין וועלכער ס'האָבן זיך אויסגעוויגט און אויסגעוואָרעמט די „מלאָדאַ פּאָלסקאַ", פאַר־כישופט פונם היסטאָרישן „וואַוועל", פון דער פּוילישער ווייסל, „קאַפּיעץ־קאַשציושקאָ" און די „פּאַניענסקע סקאַלי" אונטער די קלאַנגען פון מאָניושקאָ און שאָפּען, און פאַרבן פון שעמיראַנסקי און וויספּיאַנסקי, און צעזונגען מיט די לידער פון אַדאַם מיצקעוויטש און יוליוס סלאָוואַצקי; אין דעם דאָזיקן פּוילישן „עלדאָראַדאָ" ווו ס'האָבן געלעבט און געשאַפן די באַרימטע פּוילישע קלאַסיקער: הענריק שענקיעוויטש, סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי, סטעפאַן זשע־ראָמסקי, אַנדזשעי פּשערוואַ טעטמאַיער, יעזיו זשולאַווסקי, סטאַניסלאַוו פּזשיבישעווסקי, מיט דעם באַרימטען קריטיקער ווילהעלם פעלדמאַן (וואָס איז לסוף פון זײַן פּרוי אַזוי טראַגיש אָפּגעשמדט געוואָרן אויפן טויטנבעט); אין דעם דאָזיקן פּוילישן פאַנטעאָן פון ליטעראַטור און קונסט, איז א. אלמי געווען דער ערשטער וואָס האָט מיר געבראַכט אַ לעבעדיקן גרוס פון וואַרשע, אַ גרוס פון דעם ניי דערוואַכטן יידיש־ליטעראַרישן לעבן אונטער די ריזיקע פֿלדער־פליגלען פון אונזער גרעסטן יידישן קלאַסיקער, י. ל. פּרץ. און דעם דאָזיקן גרוס האָט ער מיר געבראַכט מיט אינערלעכער וואַרעמקייט און טיפקייט פון זײַן יונג־צעפלאַטערטער לירישער נשמה.

קראָקע, דאָס האַרץ פון דער מאָדערנער פּוילישער ליטעראַטור און קונסט, איז אויך געוואָרן פאַר אַ קורצער צייט דער „אַזיל" און די „עליט" פון דער יידישער ליטעראַטור, אַ דאַנק דעם צושטראָם פון די פּאָליטישע עמי־גראַנטן נאָך דער אונטערדריקטער רוסישער רעוואָלוציע אינם יאָר 1905, ווייל ס'האָבן דאַמאָלט דאָרטן געלעבט און געשאַפן — שלום אַש, אברהם

רייזען, א. אלמי, פישל בימקאָ, בן־א. סאָכאַטשעווסקי, זרובבל, משה טייטש, אברהם וועוויאָרקע, מאיר ווינער, הערשעלע, כאַזאַנאָוויטש (כתריאל), נחמן מיפעלעוו, משה ערליך, בער באָראָכאָוו, ד״ר יצחק שיפּער, שמואל יעקב אימבער, ד״ר ברענדער, יעקב קענער, מרדכי געבירטיק, ברוך שאפיר, יואל דעמביצער, משה זילבורג, מאַרק אַרענשטיין, ד״ר פישל וואַשיץ, א. וויטער. די דאָזיקע מיט נאָך אַ ריי פון גאַנץ פּראָמינענטע געסט, וועלכע האָבן אַ לענגערע צייט זיך אויפגעהאַלטן אין קראָקע, האָבן שטאַרק משפיע געווען אויף דעם ייִדיש־קולטורעלן ניוואָ פונם דאַמאָלט אָפּגעשטאַנענעם גאַליציע.

די געסט זיינען געווען: י. ל. פּרץ, שלום עליכם, מאָריס ראָזענפעלד, יונה ראָזענפעלד, ד״ר נתן בירענבוים, פּריץ מרדכי קויפמאַן און אַנדערע. טאַקע די דאָזיקע השפעה פון איין זייט און די השפעה פון גרשון באַדער, דער רעדאַקטאָר פונם דאַמאָלטדיקן „לעמבערגער טאָגבלאַט״ פון דער אַנ־דערער זייט, האָבן אויפגעאַקערט דעם פאַרוואָרלאָזטן קולטורעלן באָדן גאַ־ליציעס, אַזוי אַז ס׳האָבן זיך דאַן גענומען פונאַנדערבליען און רייף ווערן די גאַליציאַנער טאַלאַנטן: מלך ראַוויטש, י. ה. לעווי, מ. י. קליפּער, דוד ליימאַן, מ. ל. האַלפּערן (פרידא האַלפּערן זיין פּסעוודאָנים), א. מ. פוקס, דוד קלינג־האָפער, בער האָראָוויץ, אַדעלשלעגער, מ. ווירט, אימן, אשר באַראַש, אורי צבי גרינבערג און נאָך אַ סך אַנדערע.

מיט א. אלמי׳ס דערשיינען אין קראָקע, האָט אַ נייע ערא אָנגעהויבן אין לעבן פון דער שאַפערישער יוגנט, און באַזונדערס אין מיין אייגענעם לעבן. אלמי האָט די קראָקעווער אַרבעטנדיקע יוגנט באַקאַנט געמאַכט מיט זיינע פיינע לירישע און ראָמאַנטישע לידער פון ליבע און פרייהייט, און מיך פאַר־זענלעך מיט אברהם רייזען, ביי וועלכן מיר פלעגן זיין גאָר אָפטע געסט און זיך ביי אים גאָר היימיש געפילט.

צו דער דאַמאָלטדיקער צייט האָט אלמי זיך גראָד אָנגעהויבן דרוקן אין דעם חודש זשורנאַל „קונסט און לעבן״ וואָס רייזען האָט רעדאַקטירט. און אלמי׳ס פרייהייטס לידער האָבן אויף יעדן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, באַ־זונדערס מיט זייער טיפער זינלעכקייט, דעם רייכן ריטם און ריים. ווען אלמי האָט מיר די דאָזיקע לידער פאָרגעלייענט, בין איך פשוט אַזוי נתפעל און גערירט געוואָרן פון זייער שיינקייט, אַז ווען איך וואָלט זיך דאַמאָלט נישט געווען געשעמט פאַר אים וואָלט איך זיך צעוויינט.

> ווען פאַר ליבע, קאַמף פאַר פרייהייט,
> שמידט איר מיך אין שווערע קייטן,
> מיין נשמה בלייבט אַ פרייע,
> וועבט זיך ווייטער אירע קוויטן.

ווען איר ציט מיך אויף דער תליה,
ס'ווערט מיין לעצטער אָטעם קאַלט,
מיין נשמה בלייבט אַ פרייע,
הויך צום הימל שוועבט זי באַלד.

אין גאַנץ אַנדערע וועלטן פון טרויער, פיין, רעזיגנאַציע האָט אַלעמען אַריינגעבראַכט דאָס ליד „און טרוימסטו אַ ווײַלע". ס'איז געווען אַ טיפער לירישער אויסדרוק פון אַ יוגנטלעך אומבאַוווסטן צער, נאָך דער אין בלוט דערטרונקענער רעוואָלוציע אינעם דאַמאָלטדיקן צאַרישן רוסלאַנד, וואָס האָט די גאַנצע אינטעלעקטועלע און שרייבערישע וועלט אויפגעשוידערט. עס איז באמת וווּנדערלעך, וואָס דער דאַמאָלט 15 אָדער 16־יאָריקער אלמי האָט פון זיך שוין אַרויסגעבראַכט אַזעלכע טיף דורכגעפילטע קלאַנגען אויף אַ פשוט ווירטואָזישן אופן:

און טרוימסטו אַ ווײַלע מיין קינד,
פון ליבע און האָפנונג און גליק,
דאַן זע איך ווי ס'ווערט דיר פאַרלאָשן
דיין פריילעכער, מונטערער בליק.

און טרוימסטו אַ ווײַלע מיין קינד,
פון טיפער פאַרצווייפלונג און טויט,
דאַן זע איך ווי ס'גלאַנצן די אויגן,
די באַקן זיי ווערן דיר רויט...

איך וואָלט דאָ נאָך געקענט פונאַנדערציען אַ סך שנירלעך פון אַזעלכע טייערע פערל, פון וועלכע מיין ווייניקייט מיט פיל אַנדערע גאַליציאַנער דיכטער האָבן זיך פשוט געלערנט פריי, ריטמיש, קלינגענדיק און זינגענדיק צו זינגען און צו זאָגן, גלאַטיק אָן אָנשטרענגונג מיט דער איינפאַכסטער שפּראַך אַרויסצוברענגען די טיפסטע געדאַנקען און געפילן, געדאַנקען קלאָרקייט, עמאָציאָנעלע בילדלעכקייט, פרייער פשוטער סטיל און אויפריכטיק לירישע טיפקייט דאָס איז געווען א. אלמי'ס אָנהויב.

אָבער גאַנץ אומריכטיק, פשוט פאַלש האָט אים די דאַמאָלטדיקע יידישע קריטיק כאַראַקטעריזירט און אָפּגעשאַצט, אַז אלמי איז אַ תלמיד פון אברהם רייזען, זיינס אַ משורר, אַ נאָכזינגער. אויב דאָס זאָל זיין אמת, דאַן זיינען מיר אַלע רייזענס תלמידים, זיינע משוררים (דאָס מיינט אַז יידישער טרויער, אומעט, און לידער פון יאוש, נויט זיינען נאָר פון רייזענען פאַטענטירט). דאָס איז פאַלש. פיל ריכטיקער איז אויב מען וויל שוין מאַכן די אַנאַלאָגיע מיט רייזענען, צו זאָגן, אַז אלמי איז אַמאָל געווען רייזענס נישט דער „נאָכ־

זינגער״. נאָר ווייטער זינגער אינם ערשטן פעריאָד פון זיין אַנטוויקלונג. ס׳איז קלאָר אַז דערנאָך איז אלמי אַוועקגעגאַנגען אויף גאַנץ אַנדערע אייגנ־אַרטיקע דרכים, און האָט זיין ליריש־פילאָזאָפיש ליד וואַריאירט ווי יעדער ראַפינירטער און געניטער מייסטער אין פאַרשידענע פאָרמען פון דער ווערזיפיקאַציע.

דער זעלביקער סטיל, כישוף און ריטם ליגט אויך אין די לידער „יידיש גרינס״ און „על הניסים״. און ווי שוין געזאָגט, איז די גאַנצע פּאָעמע אָנגעזאַפּט מיט דופטיקער אידילישער היימלעכקייט און הייליקייט.

בכלל לאָזט זיך זאָגן, אַז אלמי׳ס געזאַנג איז כמעט תמיד לויטער און דורכזיכטיק ווי אַ טיפער פלוס וואָס שפיגלט אין זיך אָפּ דעם הימל מיט דער ערד. זיין שפּראַך איז איינפאַך, פאַרשטענדלעך. קיינמאָל נישט פאַרקרומט און פאַרדרייט מיט די מכלומרשטיקע צעשפּאָלטענע ווערטער־זשאָנגליזמען, וואָס ווילן נאָר דערוועקן און מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ מין געהיימניספולער טיפקייט און גרויסקייט וואָס דער לייענער קען זי קיינמאָל נישט דערגיין און פאַרשטיין, מחמת דער דיכטער האָט זי אויך נישט באַזעסן, אָדער זי יאָ פאַרמאָגט און נישט געקענט קלאָר אַרויסברענגען. אלמי׳ס גרעסטע קונסט בלייבט טאַקע זיין פשטות. מיט אַ ווירטואָזער געשיקטקייט קען ער דעם איינפאַכסטן וואָרט אויסדריקן דעם טיפסטן געדאַנק און געפיל. ער איז אָפט אַזוי העל ווי די זון, און טונקל ווי די וואָלקן פון הימל וועלכע שוועבן איבער דער ערד.

דיכטונג איז ביי אים אַ צענויפוועבונג פון געפיל און געדאַנק וואָס מוז פון דעם דיכטערס אינטעלעקט קריסטאַליזירט און האַרמאָניזירט ווערן.

אלמי, האָב איך תמיד דעם איינדרוק, פאַרשטייט די דיכטונג ווי קלאַבונד, וועלכער האָט געזאָגט, אַז „זי קומט פון גאָט, און לעבט אין גאָט, זי שאַפט מאַגיש די גרויסע פאַרייניקונג צווישן זאַכן און גייסט, צווישן דענקן און זיין, צווישן וועלט און שעפער. זי דערזעט אין פאַרביקן אָפּגלאַנץ דאָס לעבן, און די נאַטור האָט ביי איר נישט קיין קערן און קיין שאָל״. מען וואָלט געקענט באַנוצן שפינאָזאַ׳ס אַ וואָרט: „די דיכטונג איז נישט קיין פאַרשטופּע צו אַ נשמהדיקער עולם־הבא, נאָר זי איז דער עולם־הבא גופא. אָדער דער עולם־הבא איז גאָר דער אַנדערש דערזעענער עולם־הזה... גאָט איז דער גייסט, און זיינע מלאכים זיינען די דיכטער״. אלמי וויל נישט דערוועקן דעם איינדרוק אַז ער רייסט זיך צו זיין דאָס וואָס ער איז נישט.

ווייל נישט מיט קיין געקינצלטע און פוסטע פאָרמאַליסטיק, סטיליסטיק, ווערזיפיקאַציע און הוילע ווערטער אָפּערירט אלמי, נאָר מיט דער פאַרבונדענקייט פונם אוניווערז; מיט אַלע זיינע ווירקונגען וואָס זיינען גורם די

אַלע צייטלעכסטע אַקטואַליטעטן פון מענטש און וועלט. אלמי האָט פיינט דעם עקסטראַוואַגאַנטיזם, דאָס פּאָזירן, קלעטערן אויף שטאָלצן פון אומ־זיכערן וואָרט; ווייל זיין גערדאַנק איז קיינמאָל נישט באַמיט אַרויסצובאַקומען דאָס אויסטערלישע וואָרט, נאָר מיטן איינפאַכסטן וואָרט ברענגט ער אַרויס דעם טיפסטן געדאַנק און געפיל, די אינערלעכסטע מוזיק פון דער פּאָעזיע. און פונקט אַזוי צעבליט און צעוואַקסן ווי זיין פּאָעזיע, איז אויך זיין עסיי־איסטיק, דיאַלעקטיש לייכט און זינלעך טיף. דעם קוויל פון געפילן און גע־דאַנקען האַלט ער אין איין פאַרוויקלען און אויפוויקלען; פילאָזאָפיש לאָגיש, און ליריש דראַמאַטיש. ווייל ער איז אַ שטענדיקער זוכער און פאָרשער, אַ נאַטוראַליסט און אַ ראַמאַנטיקער, אַ ראַציאָנאַליסט און איראַציאָנאַליסט, אַן אינדיווידואַליסט און קאָלעקטיוויסט, אַן אַטעאיסט און אַ מיסטיקער. אַ גע־בוירענער אַנאַרכיסט וואָס איז אין זיך כולל אַלע געוואַלטן, און איז קעגן יע־דער געוואַלט... אפילו ווען ער איז זיך אַמאָל סותר, געווינט אויך תמיד די פּאָעזיע. א. אלמי איז אויך אַ גרויסער בקי, פאַרשטייט גוט די קונסט פון דער „עסייאיסטישער גראָטעסק״ ווי ג. ק. טשעסטערטאָן האָט זי פאַר אַ לאַנגער צייט צוריק שוין אויסגעאיבט. און ער איבט זי טאַקע אויס אויף זיין אייגע־נעם אופן. אָבער נישט די קונסט צו מאָרדן און צו פאַרטיידיקן די הכנעה, די שונד ליטעראַטור, דעם אומזין, דאָס העסלעכע און די גאַנצע מאָדערנע באַר־ליידנדיקע פּערווערזיטעט, נאָר צו דערהויבן דאָס עטיש ריינע, דאָס מאָראַ־ליש גערעכטע, און דאָס פריהייטלעכע שיינע, וואָס דאַרף ווערן פאַר דעם מענטשן אַ גליק און אַ ברכה, וואָס דאַרף דערהויבן דעם מענטשן דערצו, און דער מענטש דאַרף דערצו זיין דערהויבן.

אינטואיציע און ערודיציע גייען ביי אלמי׳ן פּאַראַלעל. ער איז פילזייטיק, אָבער קיינמאָל נישט אויבנאויפיק. זיינע שאַפּונגען טראָגן אין זיך דעם רייץ פון פריש צעבליטע פּירות; אי זיי זיינען שיין, אי זיי זיינען נוצלעך. ער איז אַ גרויסער בעל מדקדק אויף דער קלאָרקייט פון זין און דער קלאָרקייט פון שפּראַך, וועלכע זיינען תמיד פאַראייניקט ווי קויל און פלאַם. באַזונדערס שאַרף איז זיין עסטעטישער חוש פאַר דער גרויסער מענטשלעכער קונסט; אָבער נישט סתם פאַר דער גוישער „קונסט פאַר קונסט״, נאָר פאַר דער יידישער קונסט לשמה... וועלכע לייכט און איז תמיד באַלויכטן מיט דעם פלאַם פון גערעכטיקייט און גוטסקייט...

אלמי, דער דיכטערישער דענקער, איז אַ כסדרדיקער קעמפער פאַר אידעען אין דעם רוב פון זיינע שריפטן. ער קעמפט פאַר דער יידישער טראַ־דיציאָנעלישקייט און איר פאָלקסטימלעכקייט, פאַר דעם פרייען סאָציאַליס־טיש אַנאַרכיסטישן געדאַנק, און פאַר דער געדאַנקן־פרייהייט פון אַנאַרכיזם.

ער קעמפט פאַר דער טיפערער רעליגיאָזיטעט אין לעבן און פאַר דער לע־בעדיק טיפער רעליגיע. ער קעמפט פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַ־טור, ווייל זי דריקט אויס אַמשטאַרקסטן די לענגסטע צייט פון נאַציאָנאַלן לעבן וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעלעבט אין גלות מיט אַלע זיינע האָפנונגען און אַנטוישונגען, נצחונות און מפּלות, פּחדנות און העראָאיזם.

אין זיין נישט קליינער צאָל פון יידישע און ענגלישע ביכער וואָס אלמי האָט שוין פובליקירט, איז ער שטענדיק אַזוי ווייט פון פאַרפּראָ־זירן אָדער אידעאַליזירן פון אַנשויאונגען און פּראָבלעמען, פּונקט אַזוי ווייט ווי ער איז זיי צו נעגירן אָדער שאַבלאָניזירן. זיין ווילן, זיין מיסיע, שיינט צו זיין תמיד וואַכזאַם איבער צייטלעכע אָנגעווייטיקטע פילאָזאָפיש און פּאָליטיש־קולטורעלע פּראָבלעמען.

זיין פּאַרטייאיש און דיכטעריש קרעדאָ איז זיין איבערפּאַרטייאישקייט און ריינע פּאָעזיע, וועלכע איז און בלייבט דער אייביקער טיפסטער קוואַל פון דער פילאָזאָפיע.

מיר לעבן אין אַ צייט פון אַ מאָראַליש פּאָליטישער ירידה און פּסיכישער דעגענעראַציע, וועלכע האַלט אין איין פונאַנדערוואַקסן זיך און בליען מיט געוואַלט, רויב און מאָרד, וואָס פאַרהילן אָפּט מיט די ביטערסטע אַנטוישונ־גען אפילו דעם האָפּערדיקסטן מענטש, וואָס גלויבט נאָך אין אַ בעסערן ליכטיקערן פרייען מענטשלעכן עתיד...

זיינע ערשטע זאַכן האָט א. אלמי פובליקירט אין „ראָמאַן־צייטונג" (וואַרשע 1907) אָבער פריער נאָך געשריבן לידער זינט דעם עלטער פון 9־10 יאָר וואָס גאַסן־זינגער האָבן ביי אים אָפּגעקויפט (פאַרשטייט זיך פאַר אַ נישט צו הויכן פרייז) און זיי דערנאָך געזונגען אין די הייזער. שפּעטער פאַרעפנטלעכט זיינע לידער אין פּאַרשידענע זשורנאַלן, דערונטער פּרץ'ס זאַמלביכער „יידיש". אין נאָוועמבער 1910 ווען ס'הייבט אָן דערשיינען אין וואַרשע „דער מאָמענט" ווערט אלמי דאָרט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, אַ פעליעטאָניסט און רעדאַקטאָר פון דער היסטאָרישער אָפּטיילונג. ער דרוקט דאָרט אויך פובליציסטישע אַרטיקלען און אַ סעריע מעשיות פון דער פּוילישער פאָוסטאַניע 1863, וועלכע ש. הירשהאָרן האָט איבערזעצט אויף פּויליש און זיי זיינען דערנאָך אַרויס אין בוך־פאָרם. אין 1911 קומט אלמי קיין קראָקע. פאַרעפנטלעכט זיינע לידער אין „סאָציאַל־דעמאָקראַט", „יידישן אַרבעטער", „לעמבערגער טאָגבלאַט" און אין רייזענס „קונסט און לעבן", און איז שטאַרק משפּיע מיט זיין באַשיידענעם ווען, און מיט די גרויסע קינסטלערישע רעגונגען אויף דער קראָקעווער יידישער יוגנט און יונג־גאַליציע.

הגם מיר קענען שוין פון פריער אלמיס אלזייטיקייט — זיינע טיפע עסייען אריגינעלע שטארקע לידער, און וויכטיקע קריטיקן; ווערן מיר תמיד אלץ מער באקאנט מיט די פיינקייטן פון זיין פען.

און אז דו האסט אויפגעבונדן די 36 גאלדענע בינטלעך זכרונות בילדער און עפיזאדן פון א. אלמי (אליהו חיים שעפס) בוך וואס איז ארויס־געגעבן געווארן דורכן: „צענטראלפארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענ־טיניע", בלייבט ביי דיר צוריק א זיסער אומעט נאך די אלע טייערע געשטאלטן, ליבע בילדער, און הארציקע רייד. עס נעמט דיך ארום עפעס אזא מין מאדנע ווארימקייט, פארחלומטע שיכרות און ראמאנטישע סענטי־מענטאלקייט — פון וועלכער דו קאָנסט זיך פשוט אַ לאַנגע צייט נישט באַפרייען.

עס טויכן פאר דיר ווידער אויף קולטור־היסטארישע געשטאלטן, די טייערע, נאנטע יידישע פארגאנגענהייט באקומט ווידער פארב און קלאנג, דופט און זין און רייסן דיך פשוט מיט. עס איז קלאר אז די געשטאלטן, בילדער, עפיזאדן און זכרונות זענען אויף אונדז משפיע, — אבער טאקע נישט ווייניקער ווירקט אויף אונדז א. אלמיס שילדערונגס כח...

מיט פשוטע ווערטער פארשטייט אלמי ארויסצורופן ביי אונדז אסך איידעלע געדאנקן און געפילן.

דאס איז דערפאר ווייל דאס איז אן אויטא ביאגראפיע אין וועלכער דער מחבר איז נישט אויסן געווען צו שילדערן דווקא נאר די אלע סוביעק־טיווע מאמענטן פון זיין אינדיווידועלן קינסטלערישן לעבן אליין; ניי ערט אויך צו שאפן א פארבינדונג מיט דעם אלגעמיין יידיש־קולטורעלן לעבן.

דערפאר ווירקן אפילו אפט אויך זיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען, אזוי אומפערזענלעך און פאראלגעמיינערט. זיי ברענגען אונדז צוריק אריין אין די אמאליקע ליכטיקע יידישע ספערן פון אמת שפרודלדיקן שאפן און זייערע שאפער. פון פארשידענע, קאמפן און קעמפער, פון בונטע אידייען און באגייסטערטע אידעאליסטן.

עס שטייט ווידער אויף צו תחית־המתים פאר אונדז א גאנצע יידישע תקופה מיט איר ווארימען היימישן און שטראלנדיקן יידישן לעבן.

דערפאר דער גרויסער אינטערעס אפילו צו די (ווי שוין פריער באַ־מערקט) פערזענלעכסטע ניואנסן וואס ווערן דארט צומאל געשילדערט.

דערפאר לייענט זיך דאס בוך מיט שפאנונג — אזוי ווי אן אינטערע־סאנטער בונטער, אריגינעלער און אינטימער ראמאן, פון א געניטער קינסטלערישער האנט געשאפן. קינסטלערישע ראפינירטקייט און אינטו־איציע, באגלייטן א. אלמין אויף שריט און טריט. און ווייל ביידע זענען זיך

דער דיכטער יוסף הלל לעווי, רעכטס און זיין נאענטער פריינט, דער דיכטער בן־א. סאכאטשעווסקי, אינעם יאָר 1950.

אַזוי אָפּט מתיחד, — דערפאר דאס אזא האמאנישקייט, בונטקייט און גערדאַנקנרייכקייט.

אלמיס בוך „עפּיזאדן״ — מאכט פאר אונדז קלאר און באווייזן אונדז: אז דאס אמתדיק אדורכגעלעבטע, איבערגעליטענע און א דורכגע־פילטע לעבן, באשטייט טאקע נישט מער נאר פון פארשיידענע עפּיזאדן...

מחמת סתם לעבן — לעבט דאך יעדעס נפש, יעדע בריאה: אָן אַן אנהויב, און אָן אַ סוף. אַמאָל טרויעריק, אַמאָל פריילעך, אַמאָל נידריק און אַמאָל אויך הויך... און אז מען רעזומירט נאך א צייט דאס איבערגע־לעבטע בלייבט נישט פיל צוריק. ווייל אמתדיק צובינדן צום אינטערעסאנטן, ווערטפולן, גייסטיקן און געפילפולן לעבן — קאנען אונז נאר „עפּיזאדן״! מחמת אויך מיר אליין זענען נישט מער ווי א קורצער עפּיזאד אינעם „ספר החיים״...

מיט אַ פארשטענדניספולער איבערגעגעבנקייט, געטרייקייט און ליבע, פירט אונדז א. אלמי דורך דעם אמאליקן יידיש־רוסישן, פוילישן, גאליצישן און ניו־יארקער ליטעראַרישן לאבירינט פון יידישער שאפונג און זיינע שאפער. מיר פילן זיך ווידער אינעם העפטיקן געברויז פונעם פארפלאסענעם נאנטן עבר. מיר ווערן ווידער פאריינט מיט די אונדז אזוי ליבע און טייערע טיפן, געשטאלטן, שרייבער, קינסטלער און מנהגים פון אמאל...

פונעם בלוטיקן כאאס און טריבן נעפּל שווימען שטיל ארויס: ש. י. אימבער, נתן בירענובים, ב. בארא‌כאוו, י. דינעזאן, י. ל. פרץ, א. מ. ווייסענבערג, ה. ד. נאמבערג, ד״ר ח. זשיטלאווסקי, ר. ברייניך, ש. דובנאוו, מ. טייטש, י. טונקלער, שלום עליכם, מ. ל. האלפערן י. פערעלע, ב. יאושזאן, מ. נאדיר, נ. פרולוצקי, ה. צייטלין, — און נאך און נאך א גאנצער שלל, פון לייכטנדיקע און אומפארגעסענע יידישע שטערן... און דאס אלעס קומט אזוי בנעימותדיק שטיל געפלאסן, — פון א פיינעם רייפן, עפּיש־לירישן סטיל.

עס איז קלאר, אז פאר יעדער ליטעראטור און אין יעדן פעריאד, וואָלטן אזעלכע מעמוארן געווען פון גרויסער — גאר גרויסער וויכטיקייט, מכל שכן נאך היינט: בעת עס איז לאיבוד געגאנגען א גאנץ יידיש פאלק, — מיט א דורותדיקער קולטור און אריגינעלן יידישן שטייגער לעבן און שאפן, היינט זענען פאר אונדז באזונדערס ליב און טייער און טאפלט וויכטיק, — אזעלכע ווערטפולע און פון אונדז אלעמען פארערטע טיפן און געשטאלטן. און נאך דערצו — ווען זיי זענען בולט און גייסטיק געטריי פאראייביקט געווארן: אין קערנדיקע ווערטער, שורות און קאפּיטלען, — וואס יעדעס קאפּיטל וואקס אויס צו א לעבעדיקן מאנומענט...

דער פיינער דענקער, דיכטער, און הומאריסט, — לייכט פשוט ארויס פון יעדן זאַך, און מאכט טאפלט אנגענעם דאס וואנדערן מיט אים אויף די וועגן און שטעגן: פון דער אונדז אזוי נאָנטער, ליבער און טרויעריקער פארגאנגענהייט.

עס איז אויך זער כאראקטעריסטיש און פון א גאר באזונדערער וויכטיקייט א. אלמיס לאיאלע און נייטראלע באהאנדלונג — פון אסך ליטערערארישע און פארטייאישע פיגורן, צו וועלכע אלמי איז אידייאיש אין אַן אפסאלוטער אנטקעגנגעזעצטער ריכטונג געשטאנען. להפך צו אַן אויך גאָר פיין געשריבענעם, ענלעכן וויכטיקן בוך „זכרונות" — פון דעם באוווסטן ארגאניזאטער פון דער אמאליקער עסטרייכישער און שפּעטער פויליש־יידישער יוגנד און אויך „טעאטראל" יעקב קענער: וואס האט מיט א כוונה, אדער אפשר אויך אן א כוונה, — זיך געמאכט אדער טאקע אויף אן אמת פארגעסן (נישט קיין חלוק מחמתביידע זענען איין חסרון) בעת ער שילדערט די יידישע ארבעטער יוגנט אין קראקע, און זייער מיליע; אזעלכע טיפן, געשטאלטן און מיטווירקער (אפילו פון די אייגענע רייען) וואס האבן בשעתּם דווקא אויך גאר קיין קליינע ראלע געשפּילט אין דער באוועגונג פון דער יידישער ארבעטער יוגנט, וואָס איז געשטאנען אונטער א גאר שטארקער השפעה: פון דער דאמאלסדיקער „עסטרייכישער פועלי־ציון באוועגונג". ווי למשל דער זער טאלענטירטער ליריקער (וואָס האט דאן ליידער אויפגעהערט לידער צושרייבן) משה יעקב קליפער, — וועלכער איז אויך שוין אין זיין יוגנט געווען א פיינער רעדנער און אן אמתדיק פראכטפולער דעקלאמאטאר, וואס האט אויף אלע אוונטן און פאראנשטאלטונגען דעקלאמירט: ראזענפעלד, רייזן, עדעלשטאדט און פרצן; און נישט נאר אליין דערמיט געהויבן דעם גייסט פון די קראקעווער יוגנט, נייערט אויך דעם פרעסטיזש פון דער גאנצער יוגנט־ארגאניזאציע. אזוי אויך ב. קאהן, י. שטיינבאק, ב. זמולער, ד. ליימאן, און דער שרייבער פון די שורות, וועלכער איז איבער גאנץ גאליציע ארומגעפארן מיט ליטעראַרישע פארטראגן און אפירליינונגן, אינעם נאמען פון דער „יידישער ארבעטער יוגנט אין קראקא". אויך געווען א דעלעגאט צו איר קאנפערענץ. היינט שוין אפגערעדט פון געשטאלטן וועלכע האבן באלאנגט צו אנדערע פארטייען, און האבן פארט געהאט אויך אַ געוויסע השפעה (און דווקא גארנישט צום שלעכטן אויף דער קראקאווער „ארבעטער יוגנט) ווי אַ לאַבין דער זש. פּ. סאוויעץ, און אנדערע . . .

פארוואס דאס איז געשען, איבער דעם וויל איך דא נישט רעדן, נאך אז דאס איז געשען, — איז עס א גרויסע עוולה.

איך האב דאס דא נאר געבראכט אין צוזאמענהאנג מיט אלמיס בוך, ווייל אויך ער האט געשילדערט טיפן און געשטאלטן פון דער יידישיסטי־שער באוועגונג און אויך געגנער, אבער נישט מיט קיין ענגן פארטייאישן קוק, ביירט מיט אן אומפארטייאיש גרויסציגיקן און ווארימען הארץ...

בן־א. סאַכאַטשעווסקי

דער בעסטער אויסדרוק פאַר דער געשענדעטער היינטיקער פרייהייט זיינען סאַכאַטשעווסקיס לידער פון „אונטער דער שווערד". זיין איך איז צעריסן, אַ סך חלקים וואַנדלען אַרום אין באַגינען, בעת די אַנדערע — אין די בין השמשות שעה'ן. זיין שאַפן איז אַ סינטעז פון ליבע און האַס, קאַמף און רעזיגנאַציע, איבערמענטש און אונטערמענטש, אַן אמתדיקע סימפאָניע פון אויפגאַנג און אונטערגאַנג...

באַוויזן צו אונז האָט זיך בן־א. סאַכאַטשעווסקי דעם ערשטן מאָל אין יאָר 1913 מיט זיין יוגנט־בוך „אין שטילע צייטן", וואָס קלינגט ווי אַ פּאָר־בענקטע עלעגיע, מיט זין און לייכטזין, און איז אָנגעזאַפּט מיט דעם חטאות־נעורים אַראָמאַט, וואָס אי ער ווילט, אי ער לאַנגווייליקט. עס איז גראָד זער אינטערעסאַנט, אַז בעת סאַכאַטשעווסקי האָט אָנגעהויבן צו שטעלן זיינע ערשטע טריט אין דער יידישער פּאָעזיע, איז ער שוין געווען דורכגעדרונגען מיט די באַלאַדעס און לעגענדעס פונם שטעטל, וועלכע ער האָט געזוכט צו געשטאַלטן אויף אַן עפּיש־לירישן אופן.

אינטואיטיוו האָט דער דיכטער פאַרשטאַנען איינצוועבן אין דער טעמע אַ פיינעם מוזיקאַלישן מאָטיוו, וועלכער ציט זיך דורך דער גאַנצער פּאָעמע „משהלע" און באַגלייט דעם העלד ביז צום סוף מיט דעם דראַמאַטישן אַקאָרד „אַ, גיי צוריק אין קלויז!"

שוין אָט דאָס יוגנט־בוך איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַלע מעלות און חסרונות וואָס אונזער דיכטער האָט ביז צום היינטיקן טאָג. דאָרט ווייזט זיך אויך סאַכאַטשעווסקי גאַנץ בולט אַלס דער דיכטער פון שטאַרקן געפיל. נישט די פּלאַסטיק דאָמינירט ביי אים, נאָר דאָס געפיל. צו אַלע זיינע טעמעס און פּראָבלעמען גייט ער צו אינטואיטיוו. זיי הויבן זיך ביי אים אָן מיט עמאָציע און פאַרענדיקן זיך מיט עמאָציע.

איבער דעם דאָזיקן ערשטלינג ווערק האָט זיך בעל־מחשבות בשעתו זער וואַרעם אָפּגערופן.

סאַכאַטשעווסקי איז אַ געבוירענער עפּיקער, ער איז אָפט ליריש, אָבער מערסטנס ראָמאַנטיש. דאָס מיינט נישט די שילדערונג זיינע, נאָר די אויפ־

פאַסונג איז אַ ראָמאַנטישע. ס׳איז דאָ ביי אים אַקציע, טראַגיק, הומאָר און סאַטירע.

ס׳איז גוט וואָס זיין גורל האָט אים גראָד פאַרבונדן מיט דער עפּיק. ליריקער פאַרמאָגן מיר שוין איבער־גענוג, און ליריק איז דווקא נישט דער העכסטער צווייג פון ליטעראַטור (הגם מען קען מיט איר צום העכסטן דער־לאַנגען), נאָר אַ פּרימיטיווע פאָרם, מיט וועלכע אַלע פעלקער האָבן זייערע ערשטע שריט אָנגעפאַנגען. אונזער פּאָעזיע פעלט אַ קרעפטיקע און קערנ־דיקע עפּיק.

ביאַליקס „שחיטה־שטאָט" איז מער פּראָטעסט ווי עפּיק; ראָזענפעלדס אַרבעטער לידער, וואָס זיינען אין דעם זין פון עפּיק אָן אַ ספק העכער פאַר ביאַליקס, ליידן אויך פון זייער טענדענציעזקייט. נאָר געציילטע יידישע דיכ־טער זיינען מיר באַקאַנט, וואָס האָבן, אַחוץ זייער לירישן רעפּערטואַר, אויך עפּישע ווערק געשאַפן, ווי לייוויק, לייעלעס, פּרץ מאַרקיש, משה קולבאַק און שמואל יעקב אימבער. דערפאַר איז יעדער עפּיקער פאַר אונז טאָפּלט ווערט־פול. נאָר די עפּישע פּאָעזיע זויגט אין זיך אַמטיפסטן אַריין אַלע פאָלקס־מעשות, פאַבלען, באַלאַדן און לעגענדעס, און דאָס פאָלק פאַרשטייט זי דאָן אַמבעסטן אָפּצוהיטן און הייליק צו האַלטן.

ווי שוין אויבן דערמאָנט, איז סאַכאַטשעווסקיס צוגאַנג צו דער דיכטונג אַ ראָמאַנטישער. ער זעט אַלץ מיט דעם פאַרקלערטן ליכט, ער באַשרייבט די ווירקלעכקייט מיט אַלע אירע גרוילעכסטע פאַרבן און קלאַנגען, און בלייבט פאָרט ווייט פון איר... אין דער זאַמלונג „לידער" (דערשינען אין 1921) זינגט דער דיכטער:

פון אונטן אַ בלוטיקער שליאַך,
און פאָרויס דער וועג אומבאַקאַנט;
פון אונטן ציט עמיץ צוריק,
און פאָרויס גיט נישט קיינער קיין האַנט...

נו שטייט מען פאַרקלערט און מען פרעגט:
צי וועט דען שוין אַנדערש נישט זיין?
און איינער אַ שאָטן אין גרוי
צעלאַכט זיך און ענטפערט, אַז ניין,
ס׳וועט קיינמאָל שוין אַנדערש נישט זיין.

אַזוי האָט סאַכאַטשעווסקי נאָך מיט יאָרן צוריק, אַ רעזיגנירטער פון דער וועלט־מלחמה, שוין געזונגען — איינפאַך, אָן געפליגלטע ווערטער און דווקא נישט געזוכט קיין שום באָמבאַסטישע האַלז־ברעכערישע טערמינאָ־

לאָגיע, טראָץ אַזאַ מאָדע אין יענער צייט. די גרויסע קונסט פון פּאָעזיע באַשטייט דאָך דווקא דעריין, אַז מיט די איינפאַכסטע ווערטער און באַגריפן און פשוטסטע קלאַנגען און פראַזן קען מען אַרויסרופן דאָס דערהויבענע און אמתדיקע.

דער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, וועלכער נאָגט אונז אַלע היינט, ווען מיר זעען וואָס ס'איז געוואָרן פון דעם גאַנצן מענטשלעכן פּראָגרעס, קולטור און אַלע דערגרייכונגען אויפן געביט פון קונסט, ליטעראַטור, מאָלעריי, מוזיק, פילאָזאָפיע, געשיכטע און טעאָלאָגיע; דער דאָזיקער ווייטיקדיקער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס נאָגט שוין לאַנג סאָכאַטשעווסקיס נשמה און האָט אים באַוועגט צו זינגען:

אַליין בין איך אָרים — אַ קינד פון דער נויט,
אַ פרעמדער אָן היים אין מיין לעבן,
דאָך טראָג איך פּאַלאַצן, אין האַרץ מיר געבויט,
פון געטלעכע הימלס־געוועבן.

אַ זון שיינט דאָרט אַ העלע און גלאַנצט דאָרט און לאַכט,
אַ גאָרטן פון רויזן און קווייטן;
דאָרט לעבט זיך אין פרידן דער טאָג מיט דער נאַכט,
און טרוימען פון אייביקע צייטן...

זיין שפלות האָט אים צוריק צו זיך געפירט, פון זיך צו דעם גרויסן חלום פון אייביקן פרידן און האַרמאָניע. דאָס מיינט נישט צום אינדישן „נירוואַנאַ" באַגריף — צו געפינען רו אין דעם לחלוטינדיקן אויפהערן פון ערדישן זיין. דאָס מיינט אויך נישט זיך אויפצולייזן אינם אַלט־יידישן „הבל הבלים", צו געפינען רו און רעזיגנאַציע; אָדער גאָר אין דעם אייביק־אָרישן קריג וואָס האָט אָנגענומען די יאַפּאַנישע אַפּאַטיאַזע פון טויט — אַז נאָר יענער העלד לעבט אייביק, וואָס געפינט זיין טויט אין דער מלחמה...

ניין, סאָכאַטשעווסקיס באַגריף פון אייביקן פרידן און האַרמאָניע איז מער נוטה צום גריכישן פּרינציפּ, צום גליק פון לעבן און געניסן פון גליק, צו ליבע און געניסן פון ליבע, און שאַפן און געניסן פון שאַפן, צו פרייהייט, פרידן און געניסן פון פרידן... גליק — דאָס איז זיין חלום, רעליגיע און פּאָעזיע; ליידן — איז זיין לעבן, און אמונה — זיין שאַפן. אין פאַרשידענע ספערן וואַריאירט זיין מוזע אַרום. די מלחמה איז ער נישט תופס, ווי ס'וואָלט געפּאַסט פאַר אים, מיט רעליגיעזע עפּיטעטן, נאָר דווקא ווי אַ שטרענגער נאַטוראַליסט; האָט ער שוין אין 1921, נאָכן ערשטן קריג, געזונגען, אַן אַנונגספולער, צו זיין זון:

עסייען

איך נעם מיין קליינעם זון צו זיך
און זעץ אים אויף מיין שויס,
און טראַכט וואָס וועט דאַמאָלט זיין,
ווען ער וועט זיין שוין גרויס!

און וועט ער נאָר באַזעצן זיך
אין דעם צי יענעם לאַנד,
צי וועט מען נישט אויפסניי אַ שווערד
דערלאַנגען אים אין האַנט?

מיט 20 יאָר שפּעטער, אין 1941, זינגט סאָבאָטשעווסקי ווידער אַן אַנונגספּולער צו זיין זון, אָבער איצט שוין דורכגענומען פון טיפסטן צער, מחמת ער איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דער בלוטיקער אָרגיע — געמוזט דעם קינסטלער־פּענזל אַוועקלייגן און אויפהויבן דעם פאַרניכטנדיקן שווערד:

מען האָט דיר אַ ביקס אין האַנט דערלאַנגט,
זון, מיין זון,
און דיר געזאָגט:
אַז דו ביסט מער נישט דו,
נאָר בלויז אַ נומער פון אַ קערפּער אָן אַ מוח;
אַז דיסציפּלין איז איבער אַלץ
און דו מוזט בלינד געהאָרכזאַם זיין,
ווייל אין דיר און אויך מיט דיר
איז אויפגעבויט די שוץ פון לאַנד,
און אַז פון פּריסטער, רבי, געבענטשט,
ווערט טאָג און נאַכט,
אין קירכע און אין שול דיין קראַפט און כוח
און איך —
איך הער דעם שבת צו דיר,
דעם צוטרוי און דעם לויב פון פאָלק,
וואָס טוליעט זיך צו זיין אַרמיי
און דו שטייסט אויף דער וואַך
דאָרט ערגעץ אויף אַ באַרג, אַ פעלד,
צי גאָר ביים ברעג פון טיפן ים,
אַליין, אַליין נאָך האַלבער נאַכט
ווען אין דעם עכאָ טראָגט זיך אום
אַ שטיל געריוש, מיט סודות פיל,
וואָס מורמלט און וואָס רעדט צו דיר
אַ פרעמד געהיימע שפּראַך —

אַזוי פליסט דאָס ליד „אויף דער וואַך" ווייטער, אין אַ פרייען פערז, ווי אַן אויפגעברויזטער און צעלאָזענער טייך, וועלכער וואַרפט זיך פון זיינע

ברעגעס אַרויס און פֿאַרגיסט אַלץ, ביז ער פֿאַראייניקט זיך מיטן אומענדלעכן ים...

די פֿאָרם איז אפילו אַ לירישע, אָבער די טעמע איז אַן אַלגעמיינע, ווייל זי איז היינט נוגע כמעט יעדע פֿאַמיליע. עס איז דאָ נישט מעגלעך דאָס גאַנצע פּרעכטיקע ליד צו ציטירן, וואָס איז אָן ספק דאָס שטאַרקסטע קריגס־ליד, וואָס איז ביז איצט אָנגעשריבן געוואָרן אין דער יידישער שפּראַך.

דאָס דאָזיקע ליד וועט נישט טאָרן פֿעלן אין קיין שום יידישער אַנטאָלאָגיע, אין קיין שום לערן־בוך פֿאַר דער יידישער שול. אין דער פּוילישער שפּראַך איז געוואָרן וועלט־באַקאַנט דאָס קלאַסישע קריגס־ליד פֿון דער באַרימטער דיכטערין מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ „אָ, יאַק פֿאָשעד סטאַך דאָ וואָיני" (איבערזעצט פֿון א. רייזען). אין דער דייטשער שפּראַך איז באַקאַנט געוואָרן דאָס וווּנדערבאַרע ליד „קאָרנעט" פֿון גרויסן ליריקער ריינער מאַריאַ רילקע. אין יידיש קען איך נאָר איין קריגס־ליד — פֿון בן־א. סאַכאַטשעווסקי. און דאָס דאָזיקע ליד פֿאַרענדיקט זיך מיט די פּשוט רירנדיקע, טיף־מענטשלעכע שורות:

און דו פֿרעגסט מיך נאָך וואָס ס׳וועט זיין,
וואָס האַלט די צוקונפֿט אָנגעגרייט ?
וועט רוסלאַנד אויך אין קריג אַריין,
אַמעריקע, טערקיי, די שווייץ,
מיט לענדער קליינע פֿרייע נאָך
צו העלפֿן קעמפֿן קעגן פֿיינט, —
איך האָב די שאלות לאַנג באַטראַכט
און דיר געזוכט צו ענטפֿערן,
כדי צו זען דעם סוף פֿון קאַמף,
וואָס שלינגט מיליאָנען מענטשן איין,
און כאָטש דו ווייסט ווי שטאַרק איך בין
האָב איך זיך לאַנג אַרומגעקוקט
צי קיינער איז אין הויז נישטאָ,
און פּלוצים ווי אַ הילפֿלאָז קינד
האָב איך זיך שטיל צעוויינט.

דאָס זיינען באַנג־בליענדיקע אַקאָרדן וואָס דרינגען טיף אַריין אין יעדן מענטשלעכן געמיט, און לאָזן דאָרט איבער נאָך זיך אַ שטומען צער.

אין „אורי׳ס זכרונות" אין דעם זעלביקן בוך וויל דער דיכטער אויפֿוויקלען זיין גאַנצע יוגנט צוזאַמען מיט אַלע קאַמפֿן און נויטן, חלומות, דערוואַרטונגען און אַנטוישונגען. ער זעט די גרויסע שטאָט לאָנדאָן און זיין אַמאָליקע לאָדז, אָבער נישט ווי אַ מאָדערנער אורבאַניסט, אַ גרויס־שטאָט־

מענטש, נאָר אויך מיט אינערלעכע אויגן. די גאַנצע פּאָעמע איז איינגעהילט אין אַ טונקעלן טומאַן; נישטאָ אין איר די שפּילעוודיקייט, פאַרביקייט און דאָס אַראָמאַ, וואָס איז פאַראַן אין זיין לידער־ביכל „אין שאָטן" (דערשינען אין וואַרשע, 1923). הגם די לידער און פּאָעמען זיינען דאָרט אויך אָנגעזאַפּט מיטן טראַגיזם און העראָאיזם פונם אייביקן ייד, איז די ווערסיפיקאַציע פאָרט אַ בונטערע, מיט מער קלאָריט און קלאַנג.

אין דער דאָזיקער פּאָעמע פעלט די טענדענץ און די סענסיביליטעט, וואָס וואָלטן געדאַרפט זיין דער רוקן־ביין פון אָט אַזאַ מין זאַך, וועלכע איז מתחייב צו עפּעס גרעסערן און העכערן. עס ציט זיך די ווערסיפיקאַציע אַ כמורנע מיט אַ געדריקטן טעמפּאָ, ווי אַ שווער־באַלאָדענער קאַראַוואַן אין אַ זאַמדיקן, אָנגעגליטן מדבר. אין דער גאַנצער אורי־פּאָעמע שלענגלט זיך דורך אַ סאָציאַל־פּאָליטיש אָנגעווייטיקטער מאָטיוו מיט אַ דערשטיקטן פּראָ־טעסט, וועלכער וויברירט נאָר מיט ביטערקייט.

יאָ, לאָנדאָן קען דערטראָגן און בויגט נישט ווי פּאַריז זיך,
אַ מויד אַן אַלטע, מידע, אין גרייטקייט צו פאַרראַט —
מיט בוגדים קראַנק פון זעלבסטזוכט ווי לאַחאַל זיין גלייכן,
וואָס רייסן זיך צו גלאָריע נאָך קיינמאָל נישט געהאַט.

און האָבן דען פאַררעטער אויך נישט פאַרשאַכערט פּוילן
דורך ראַסנהאַס און פיינטשאַפט צו בירגער אין זייער לאַנד?
און אַנשטאָט שטאַרק צו מאַכן די יונג־דערגרייכטע פרייהייט,
דערלאַנגט צום רייך דעם דריטן אַן אויסגעשטרעקטע האַנט.

און לענדער נאָך און פעלקער אין שכנהשאַפט מיט נאַציס
האָבן אין הכנעה געבויגן זייערע קעפּ,
נאָר ווי צו יענע לענדער און ווי צו יענע פעלקער,
וויל גייסט דערשטיקט איז ערגער ווי פיזיש שווערע קלעפּ.

די „אורי־פּאָעמע" וויל, ווי שוין אויבן דערמאָנט, אויסדריקן אין עפּישער פאָרם פון זכרונות דאָס גאַנצע לעבן פון דיכטער און זיין סביבה.

בן־א. סאָכאַטשעווסקי איז געבוירן געוואָרן אין מערץ 1889 אין לאָדז, ביי אָרעמע עלטערן. און ווען דער פאָטער איז נפטר געוואָרן איז ער קוים אַלט געווען 12 יאָר. ווען דאָס אָרעמע לעבן אין דער היים איז שווער געוואָרן, איז דער קליינער יחיאל־מאיר (וואָס האָט דערנאָך זיין נאָמען געענדערט אויף בן־א. סאָכאַטשעווסקי) געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן זיין געבוירן־שטאָט לאָדז און אָנגעהויבן אַרומצוגלותן אין דער גרויסער, פרעמדער און ווייטער וועלט. צו 13 יאָר איז דער וואַנדערער שוין אָנגעקומען קיין קראָקע.

דאָרט פאַרבראַכט אַכט יאָר, שפּעטער צוריקגעוואַנדערט קיין רוסיש־פּוילן און דאָרט געוואָגלט איבער פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך. ער איז באַגייסטערט געוואָרן מיט דעם גרויסן פרייהייטס־אידעאַל פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. ער האָט אַנטיילגענומען אין פאַרשידענע קאָנספּיראַטיווע טעטיקייטן לטובת דער גרויסער קומענדיקער רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן און פאַרענדיקן מיט דער גאולה פון דער גאַנצער וועלט. ער איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן אינם יאָר 1914.

סאַכאַטשעווסקי האָט אַרויסגעגעבן פאַרשידענע ביכער, לידער און דערציילונגען און זיך געשאַפן זיין באַשטימטן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור — אַ דאַנק זיין אייגנאַרטיקן סטיל.

ווי יעדער וואַנדערנדער זוכער, וואָס איז פון זיין גורל פאַרמשפט געוואָרן צו זוכן און צו וואַנדערן, איז אויך סאַכאַטשעווסקי אויף זיין איינזאַמען וועג געשטרויכלט געוואָרן... זיין פריער נע־ונד לעבן האָט שטענדיק געבענקט נאָך אַ תיקון און רו, בעת אין זיינע לידער האָט עס אים תמיד געצויגן צו דער איינזאַמער נע־ונדקייט. און ווען ער האָט געהאַט דאָס גליק, אַז זיין נע־ונד לעבן זאָל זיך צונויפטרעפן מיט זיין אומרואיק ליד, האָט ער געפייערט די גרויסע שמחה פון איינזאַמען געזאַנג.

מ׳קען נישט זאָגן, אַז סאַכאַטשעווסקין איז ביז היינט שוין אינגאַנצן געלונגען צו געפינען דעם גרויסן זין, די פולע האַרמאָניע, כדי צו קענען געשטאַלטיקן דאָס ווערק, צו וועלכן ער שטרעבט.

ס׳איז באמת נישט פון די גרינגע זאַכן צו פאַרבלייבן גאַנץ אָביעקטיוו בעת מען שאַצט אָפּ אַ נאָענטן חבר׳ס שאַפונגען. וואָס עס איז יאָ מעגלעך איז שטאַרק זיך צו קאָנטראָלירן און אויסהיטן זיך פון חניפות און גוזמאות, ווייל די וואַרהאַפטיק געלונגענע ווערק דאַרפן דאָס אַלץ נישט; און די נישט געלונגענע ווערק — העלפט דאָס אַלץ נישט. הגם סאַכאַטשעווסקיס נאַטע איז אָפטמאָל אַ גרוילעך־מאַנאַטאָנע, אָבער פאַרט היימיש, נאָנט און פשוט ליב, ווי דאָס יידישע לעבן גופא.

סאַכאַטשעווסקי האָט זיך שוין אויך נישט איינמאָל פאַרלוירן זוכנדיק, אַנשטאָט פונם זוכן עפּעס אַרויסצוגעפינען. זיין לעבנס־קוק איז דורכאויס אַ רעאַליסטישער, הגם זיינע סענטענצן זיינען אָפט געפאַרבט מיט מיסטישע, ראָמאַנטישע עמאָציעס.

אין כמעט אַלע סאַכאַטשעווסקיס לידער און פּאָעמעס פילט זיך דאָס אייביקע וועלן אַנטלויפן פון דער גרויער לעבנס־מאָנאָטאָניע און פסיכישן גליוּוער, וועלכער האָט אים תמיד אַזוי אומרואיק געמאַכט.

ווי יעדער קינסטלער, האָט ער זיך אויך געמוטשט ראַנגלען מיט פאָרם און

אינהאַלט, מיט קלאַנג און פאַרב, מיט ניגון און וואָרט, מיט אימפּרעסיע און עקספּרעסיע און געזוכט פון זיין אייביקן אומרו אַרויסצופּערלען די האַר־מאָנישע רו. דער טיפער דראַנג און די בענקשאַפט, מיט וועלכער עס זיינען באַפליגלט אַ סך לידער זיינע, נאָך דער גרויסער דערגרייכעניש פון דעם אמתן זין פון שיינקייט, ליבע און גערעכטיקייט, מיט דער פרייהייט אינם מענטשלעכן לעבן, איז אַליין אויך שוין נישט קיין קליינע דערגרייכונג אינם לעבן פון אַ קינסטלער.

דער זשורנאַליסטישער באַרוף מיט אַלע זיינע שאָטן־זייטן פאַר אַ פּאָעט, פאַרמאָגט אויך אַ געוויסע מאָס ניכטערע העלקייט אין זיך, און טאַקע די העלע ניכטערקייט האָט אויך געהאַט אַ גוטע פּעולה אויף דער דיכטערישער אַנטוויקלונג, ווייל זי האָט אים תמיד געצוווּנגען צו זיין וואַכזאַם, און מיט דער שטרענגסטער אויפמערקזאַמקייט זיך צוהערן צו אַלע יידישע און וועלטלעכע סאָציאַל־פּאָליטישע און קולטורעלע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען געוואָרן אַקטועל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

און נישט בחינם איז סאָכאַטשעווסקי אין לאָנדאָן געקרוינט געוואָרן מיט דעם טיטול: „מייסטער פונם באַריכט״; אָבער נישט אומזיסט האָט אים אברהם רייזען אָנגערופן „ווירטואָז פון געגראַמטן וואָרט״ (געמיינט דערמיט זיין פּאָעמע „למך״). נאָר דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע אין בן־א. סאָכאַ־טשעווסקיס שאַפן איז דאָס, וואָס ער גייט זיין אייגענעם וועג.

אברהם סוצקעווער

„דאָס איז אונזער אייגן געבויטע מאַלינע,
מיר פרייען זיך דאָ אונטער פליגל פון שכינה".

אַזוי זאָגט דער וויזיאָנערישער משורר אברהם סוצקעווער פון דעם טרויעריקן קאַנאַלן־לאַבירינט — דער שטאָט־קאַנאַל, וואָס איז געוואָרן די „געהיים־שטאָט" פון אַ מנין זיך געראַטעוועטע יידן. אַ ביטערער אַנגעווייטיקטער סימבאָל, אָבער אַ וואָרער. און לייענענדיק די פּאַרטיפטע פּאָעמע געווינען מיר דאָס זעלביקע געפיל, ווי דער דיכטער — ווען ס'וואָלטן, חס־ושלום, טאָקע מער נישט פאַרבליבן ווי די צען יידן, וואָלט עס אויך ווערט געווען מיט געוואָלט זיך אויפצוהאַלטן און ממשיך זיין דעם המשך...

ווער זיינען דאָס אָבער די „מיר", וואָס באַווינען די וואַסער־פּאַלאַצן,— ווילסטו דאָך וויסן?

„כ'וועל מאָלן באַשיידן די אַלע פּאַרשוינען,
דערציילן דעם אמת מיט ריינעם געוויסן".

און ס'נעמט דער דיכטער, און דערציילט טאָקע בהדרגה, געלאָסן, נישט צעפּיבערט, אָדער מטושטש פון די גורלדיקע האַרץ־צאַפּלדיקע איבערלעבונגען. און איבער אַלעם שוועבט נישט קיין פּאַרוויילכלעכטער סענטימענט, נאָר אַן עכטער, ריינער ליריזם, וואָס שפּרודלט אַרויס נאָר פון טיפן דיכטערישן געפיל... די שילדערונג פון די פּאַרשוינען באַזאָרגט אברהם סוצקעווער מיט געוויילטע כאַראַקטער־שטריכן און מיט אַ צמצום פון פאַרב.

און פּאַרט קומט אַלץ אַרויס בולט און פּלאַסטיש, אַז דו פילסט, זעסט און הערסט פּשוט אַלץ. דערפּאַר לעבט זיך אַלץ אין דיר — און דו אין אַלעם אַזוי טיף איין.

דער ערשטער פּאַרשוין איז דער לערער גדליה, וואָס האָט זיך געראַטעוועט, אַראָפּשפּרינגענדיק פון אַ טראַנספּאָרט־וואָגן:

„אַ ווינקל געזוכט זיך אַהערצו געגנידערט,
געגנידערט און מיטן געשטאַנק זיך פאַרברידערט".

אויף מאָרגן, דערציילט דער דיכטער ווייטער, האָט גדליה געפֿונען דאָ איינעם אַ פּאַליע צוזאַמען מיט זיין מאַמען דער פֿאַכטערקע אסתר. און מיט זיי ביידן האָט ער פֿאַרבונדן זיין ראָל. און מחמת זי איז געווען געניט אין די פינסטערע נעסטער, פלעגט זי פֿון דער זומערדיקער נאַכט אַרויסקריכן אויף דער פריי און זאַמלען דאָרט אין די חורבות און ליידיקע שטיבלעך: צעטראָטענע בולבעס, וואָס זיינען געווען הפקר צעשליידערט מיט שמוציקע אַרבעס, וואָס זי פלעגט דערנאָך זיי פֿאַרטיילן אירע מיטמענטשן, די מישטיינס־געזאָגטע „פרייע בירגער" פֿון דער סוווערענער „קאַנאַל־רעפּובליק", ווו ס'האָט געחושכט און געאיפּושט דער פֿאַרפּוילטער שימל אין דעם לאַבירינט פֿון דער „געהיימשטאָט"...

דער פערטער פֿאַרשוין איז אַראַנע, אַ פּליט פֿון האַמבורג, וואָס האָט נישט גערעדט קיין יידיש און דעם לשון נאָר באַטראַכט פֿאַר אַ סכנה...
„און זיין גורל געצערטלט אין וואָטע יחידיש" . . .

פֿון כּחאַליעס דערטראָגט זיך אַ פֿאַרשוין אַנטקעגן.
אַ שפּרונג פֿונם זאָטל, אַ היציקער זאָגט ער:
איר קענט מיך נישט יידן? בין ליפּמאַן דער דאָקטאָר!

דאָס איז דער פינפטער פֿאַרשוין.

דעם זעקסטן האָט מען נעכטן געפֿונען געוויקלט אין תפילין מיט אַן אויסדרוק פֿון אַ מת. די קאַלטענעס פֿאַרזאָטן מיט קאַלך. אַנשטאָט בגדים — אין פֿאַרמעט דאָס לייב. ס'איז געווען דער פּרוש רב נתן.

און אסתר, וואָס איז געגאַנגען אויף געיעג, האָט דערוויל צוגעבראַכט אַ מיידל, וואָס איר נאָמען איז געווען דבורל. דאָס איז דער זיבעטער פֿאַרשוין.

און דבורל ווידער האָט צוגעבראַכט אַ בלינדן. דער אַכטער פֿאַרשוין.

אַ טראַגנדיקע פרוי, וואָס איז פֿון אַ קבר אַנטרונען מיט שניי־ווייסע האָר, די קאַנאַל־רעפּובליקאַנער האָבן זי גערופֿן קריינע, איז דער ניינטער פֿאַרשוין.

און דער צענטער — זיין עקסעלענץ דער דיכטער גופא.

אַרום אָט דעם דאָזיקן מנין וויקלט זיך די גאַנצע טראַגישע האַפֿנונג און פֿאַרצווייפלונג, דער שרעק און דער העראָאיזם, דער אונטערגאַנג און אויפֿגאַנג פֿון אַ גאַנצן פֿאָלק...

אַז דער דיכטער איז אַ וויזיאָנער, ווי ס'איז פֿריער באַמערקט געוואָרן, באַשטעטיקן זיינע געדאַנקען, בילדער און געפֿילן.

נישט ווי ביי אַלע מקוננים, וועלכע האָבן געהאַט די ביטערע זכיה מיט־צודערלעבן די עפּאָכאַלע אומגליקן, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק איז פֿאַרמשפּט

געוואָרן דורכצומאַכן, קלינגט סוקסעסעוועסע עלעגיע, מחמת איר פינאַל איז נישט דער טרויער. אונטער דער פּאַרזונקענער שטאָט און דער „פּאַרקאַ־פּויערטער" וועלט, וווּ עס האָבן ווי על פּי נס געלעבט דער אויסדערוויילטער מנין יידן, אויף וועלכער דער פּאַרשימלטער אשמדאַי האָט אומאויפהערלעך געלויערט, האָט זיך פּאַרט די האָפענונג באַוועגט פאַר די ליפּן, — ווי נישט קיין געזעצטע רויז... און כסדר געמיניעט, געלאָקט מיטן סוד פון קאָלירן, געעפנט אַ מאָרגן, אין מאָרגן...

און אַז די רויז פון האָפענונג איז נעלם געוואָרן, האָט באַלד ערגעץ דער־ווייטערט פון דעם פּאַרגליווערטן אומקום אויפגעפינקלט אַ נייער שטערן פון האָפענונג, ווייל די ליבע צום לעבן איז שטאַרקער ווי דער טויט! דערפאַר די געוואַלטיקע סבלנות, דער באַפליגלטער מוט, די אומבאַגרייפלעכע אומדער־שראָקנקייט און צום סוף — דאָס איבערמענטשלעכע האַרטנעקיקע אויס־האַלטן פון אַלעם בייזן און גלויבן אין דער דערלייזונג...

דער דיכטער־פּאַרטיזאַן איז זיך זעלבסט באַוווסט אין זיין גרויסער, הייליקער מיסיע, וועלכע ער דאַרף און מוז דערפילן...

הגם זיין אַרמיי איז נאָך אַ גאַר ווינציקע, באַשטייענדיק פון קוים אַ מנין יידן, און אויך איר אויסריסטונג אַ גאַר פּרימיטיווע, און דערצו נאָך איז יעדער טיפּ פאַר זיך אַן אינדיווידואַליסטישער עולם קטן — איז זיך דער דיכטער אויך פּאַרט באַוווסט, אַז:

„אַ פאָלק זאָלבעצענט! און עס קענען מיליאָנען
זיין שטויב, און קיין כוח נישט האָבן צו מאָנען..."

און דער מיעוט איז טאַקע זער אַ סך משמע, מחמת ער סימבאָליזירט און ברענגט צום אויסדרוק דאָס לעבן, די תשוקות און חשקות פון אַ גאַנצן רבים, וועלכער ווערט אויך גלייכצייטיק פון דעם מיעוט באַוויגן...

שטאַרק אויסגערעכנט און ביז גאַר פּאַרזיכטיק איז דער פּאַרטיזאַנישער דיכטער, פּשוט ביז אויף דער קלענסטער ניואַנסע. נאָר אַזוי ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ געניטן מיליטאַריסט, אַ סטראַטעג און אַ פּאָליטיקער, וואָס פּאַרשטייט יעדן מיט וויסן און געוויסן זיין פונקציע צו פּאַרטיילן...

גדליה, דער לערער, וועט טאָג־טעגלעך שרייבן כראָניק, לזכר פאַר די קומענדיקע דורות; ליפּמאַן וועט אויף אַלעמען אַכטונג געבן, ווי מעגלעך יעדן פון מחלות פּאַרהיטן, זיין וואַכזאַם, אַז יעדער זאָל זיך באָדן און קעמען, זיין וואַכזאַם, אַז דאָס וואַסער זאָל נישט פּאַרסמען; קריינע זאָל זיך געוווינען צו זיין אַ מאַמע, ווען מ׳וועט איר ברענגען אַ וויגל און מילך אין אַ קריגל, אַ פּרימוס־לעמפּעלע, אייל און אַ ליילעך; דער בלינדער וועט מוזן ערוב זיין,

עס זאלן נישט אנקומען קיין אומגעריכטע שטראמען און שפילן א חתונה. ער וועט מוזן האלטן דעם דופק פון קאנאל; דער פליט אראנע, געשולט אין פינאנצן, האט פאליע דער אנפירער באשטימט, אז ער זאל ווערן דער מייס־טער און אויפקלייבן געלט, און עס באהאלטן ביי זיך אין א גרויסן מוכה־טייסטער. אחוץ דעם האט ער אים אויך געקרוינט פאר א היטער פון שפייז־קאמער. און דאן האט זיך פאליע געווענדעט צו רב נתנען, ער זאל באשטימען וואס ער וויל.

נאר דער גרייזער פרוש, נאך אלץ אינם בלעכענעם פארמעט פאר־שלאסן, האט אומגעזען, שטיל זיך דעררוקט ווי א ווייזער: רבותי, דערלויבט מיר צו זיין אייער שוסטער, איך וויל כאטש מיט עפעס ביי־הילפיק זיין, דינען.

און צו דבורלען האט פאליע ארייגעפלוישט אין אויער: וועסט אונז וואשן די קליידער, די בלוזעס, אויב שווער — וועל איך צוהעלפן גערן, מען מוז עס...

און דו, חבר דיכטער, באזינג אונזער טרויער מיט לידער. א פאלק זאלבעצענט איז מסתמא א פאלק. ס׳וועט מיין מאמע באזארגן מיט עסן, און איך — מיט ווארעמען ברויט פון נקמה.

אזוי האט פאליע, דורך דער נויט און געפאר, מיט זיין אייזן־געשאפענער לאגיק, יעדן פארטיילט זיין פונקציע, כדי דער קרבן זאל קיינמאל נישט פארגעסן די האק... און דערפאר טאקע קלינגען אזוי אמתדיק טיף די האלב־רעאליסטיש, האלב־מיסטישע שורות:

חי צחייגן דורך נאכטיקן רעגן באקארשנט,
מיט היימישקייט האט זיך צעבליט די מאלינע.
דער היינט האט ביים נעכטן דעם חילן געירשנט.
עס איז דא ארייז א תנ״כישע שכינה.
און אפשר געקומען א גאלדענע פאחע,
צעשפרייט אירע חייכע סמאראגדענע פליגל;
און אפשר האט פרצעס קונצנמאכער זשחאחע
פארכישופט דאס הויז, מיט א לאמפ, מיט א חיגל?
נאר חיגל איז חיגל, דאס פלעמעלע ברעניק
און חעלט איז דעם בלאטיקן מענטש אונטערטעניק...

אט אין די פאר שורות, דאכט זיך מיר, ליגט די דיכטערישע אינטואיטיוו דערגאנגענע וויזיע, דער סימבאל פון לעבן און קאמף, דאס אייביקע זוכן — נישט די שיינקייט פון אמת, נאר דעם אמת פון דער שיינקייט...

און אזוי, זינט מיר האבן אנגענומען די מאזאאיסטישע דאגמאטיק — להיפוך פון דעם העלעניזם און היידנטום — האבן מיר ארויסגערוקט אלס

דעם הייליקסטן חוב פונם מענטשלעכן לעבן „דעם אמת פון דער שיינקייט" און איבער יעדער שיינקייט...

און טאַקע פאַר דער דאָזיקער תנ"כישער שכינה האָט מען אונז עד היום נישט אויפגעהערט צו מאַטערן און פייניקן; און וואָס מער מען האָט אונז געפייניקט און געמאַטערט, אַלץ מער זיינען מיר געוואָרן אין אַלע דורות און אין אַלע צייטן די בלוטיקע מיסיאָנערן פון אמת... און מיר וועלן די מיסיע נישט אויפגעבן! ווייל אויפגעבן זי מיינט אויפגעבן זיך און יעדן סימן פון לעבן...

אין היידנטום קען די וועלט פאַרזינקען נאָר פאַר אַ צייט (ווי ס'האָט נישט איין מאָל שוין מיט איר פּאַסירט), אָבער דער אמת וועקט זי תמיד אויף, ווייל זי קען אָן אים פשוט מער נישט לעבן...

ס'איז קלאָר, אַז די אויסטערלישע טעמאַטיק גופא, מיט דער קינסטלע־רישער אויסאַרבעטונג, וועלכע באַזירט אויף אַ גאָר הויכער מדרגה פון דיכט־קונסט, גיט צו דער גאַנצער פּאָעמע אַ באַזונדערן רייץ.

זער עקספּרעסיוו איז די גאַנצע געשטאַלט פון אסתרן, מיט איר סימבאָ־ליש אַנטקעגנברענגען דעם פויער „אַן עפּל". דאָס מיינט, ווי דער דיכטער זאָגט — „ס'האָט דער בוים נאָך פאַרהיט די ירושה"... און אסתר פילט זיך נישט מער שפּלדיק, נאָר כמעט רעהאַביליטירט, פאַרט נאָך אין דעם הייג־טיקן סדום, ווי אַמאָל, אַ מענטש געפונען...

די ווערסיפיקאַציע סוצקעווערס איז אַן אָריגינעלע, נישט ווייניקער אָריגינעל ווי זיין טעמאַטיק. ווייל אמתע דיכטער, אַזוי ווי זיי געפינען זייער אייגענע טעמאַטיק, אַזוי געפינען זיי אויך דעם אייגענעם אויסדרוק פאַר איר, אויסמיידנדיק יעדע וווּלגאַריטעט. מ'קען זאָגן, אַז אין דעם זין איז סוצקעווער געוואָרן ווי מ. בראָדערזאָן בשעתו אַ ווירטואָז פונם ניי־געשאַפענעם יידישן וואָרט.

אויך די ניי־געשאַפענע ווערטער: „פאַרקאַפּוירט", „מערדיירים" וכדומה, זיינען אָריגינעל. ס'איז צו האָפן, אַז סוצקעווער וועט אויף דעם געביט נאָך פיל אויפטון.

אַז דער דיכטער פאַרמאָגט אויך אַ געהעריקע מאָס פון טיפער איראָניע, פאַרמישט מיט אַ בייסנדיקן סאַרקאַזם — זיינען עדות אַ סך שורות פונם ליד „קידוש־לבנה". פשוט, אָבער זער רירנדיק זיינען די מאָמענטן, ווו אסתר גייט צום פויער, דעם אפשר איינציקן איבערגעבליבענעם מענטש, כדי צו ברענגען אַ ציג אין קאַנאַל אַריין, דאָס קראַנקע קינד זאָל האָבן מילך צו טרינקען.

ס'איז אויך גרויס דאָס מתוודה זיין זיך פון פאַליען — בעת ער פרעגט

די פאַרשטײער פונעם י. ל. פרץ פאַריין אין מינכן, אינעם יאָר 1917. עס זיצן פון ל נקס אויף רעכטס, דר. מאַקס מאיר, און אהרן כהן. עס שטייען
אַבאַ מאנהײט, יצחק נויאווירט, יוסף הלל לעווי, שלמה מאנהייט, און יעקב טייטל.

ביי רב נתנען דעם פּרוש, צי ער דאַרף זיך שלאָגן אין ברוסט אויף חרטה, ווייל ער איז אין דער לעצטער מינוט דאָ אַהער אַנטרונען. צי האָט ער דער־מיט נישט פאַרשוועכט די ווערדע פון אַ קעמפער?

און דער איבערמענטשלעכער העראָאיזם לאָזט אים ווייטער נישט רוען, נאָר טרייבט אים אויך צו פאַרלאָזן די אין קאַנאַל נאָענט־געוואָרענע און געטרייע חברים, ווייל אים עקלט יעדער באַוועג פון זיין אָרעם, זינט ער האָט זיך געשיידט מיט די וואָפן... און ער האַלט, אַז אויסקויפן אונזער אומקום קען מען נאָר מיט דעם ענטפער: „עס געהערט צו די טויטע מיין לעבן"...

נישט ווייניקער פאַרטיפט און מיסטעריעז קלינגט אויף דעם פּרוש'ס טענה:

„קומט אויס חעדליק דיר, יונגערמאַן, אַז דאָס הרגען
איז חשובער איידער צו העלפן אַ יידן?
פון דיינעטחעגן קענען מיר אַלע זיך חאַרגן,
אַבי דו אַליין זאָלסט אַחעקגיין צופרידן?"

וואָס הייסט — נעמט אין פּאַליען דאָס איינגעווייד ברומען — אַ זינד איז צו נעמען נקמה? ענטפערט אים רב נתן: דו האָסט מיינע רייד נישט באַנו־מען, „מיר זיינען דעם אשמדאי איבערגעענטפערט". פאַראַן דאָ אַ טראַגנדיקע פרוי, אַ בלינדער, די פרוי דאַרף בקרוב געבוירן, נאָך אָטעמט אַ קינד אין דער בלאָטע אַצינד, נאָך טליעט אַ פאַלק זאַלבעצענט מיט זיין אמת, און דו ווילסט אַנטלויפן, דיין עדה צעשפּאַלטן, צי וועט דיך דיין אייגענער גייסט נישט פאַרהאַלטן?

נאָר אויב, מיין זון, דיין געדאַנק איז אַן אַנדערער — זאָלסטו זיין גע־בענטשט מיט דיין ביקס אין וואַנדער, זי זאָל דיך באַשיצן ווי חוגין זיין עיגול.

הגם די טראַגישע דערהויבנקייט דערמאָנט אין אונזער גרויסן לייוויקס אידעאָלאָגיע, גייט סוצקעווער זיין אייגענעם, פון קיינעם נאָך נישט באַטראָ־טענעם, וועג. און אויך דבורל האָט שווערע טענות צו פּאַליען:

„חי לאָזט מען עס איבער אַ מאַמען?
פאַרשטייסט חאָס הייסט אַ מאַמען!
אַ חאַסער־שטאָט פּאַטשט זיי די פיס,
יאָגט אַריבער, ציט מען זיך נענטער צוזאַמען".

און באַלד קומט טאַקע אָן די מאַמע מיט איר אַנטשייד:

„אַ קריגעניש גאָר? לאָזט געמאַך, אַ געלעכטער,
די צייט חעט שוין פסקענען חער דער גערעכטער".

אינטואיטיוו האָט דער פּיטן סוצקעווער מרגיש געווען, אַז דער שוידער פון אומקום טאָר נישט אינגאַנצן אַרויס מיט זיין נאַקעטער אַרעמקייט, קראַסער העסלעכקייט און כאַאָטישער פאַרדאַרבנקייט, נאָר ער מוז ווערן געדעמפּט און האַרמאָניזירט. און פאַר אים איז אויפגעלויכטן די פיינע צאַרט־מוזיקאַלישע געשטאַלט פון דער ליבטיקער דבורלען.

„פון דער טיפער טיפעניש האָט ער דערפילט — כי עזה כמות אהבה״...

און ער האָט טאַקע געלאָזט קיניגן איבער דעם אומקום דאָס לעבן.

און דערפון אָטעמט זיך דאָס די געוואַלטיקע חשקות ווייטער צו לעבן און אַלע פורעניות איבערצוּווינדן...

די סטרוקטור פון דער פּאָעמע איז פענאָמענאַל.

דבורלס שטילע צאַרטקייט דערמאָנט אין דער דינער פיינקייט פון גריגס מוזיק, און אירע דראַמאַטישע מאָמענטן — אין ווערדיס טונקעלער טיפקייט...

מען זעט, אַז סוצקעווער האָט נישט נאָכגעטון זיינע פאָרגייער ווי פּרץ מאַרקיש, מלך ראַוויטש, מ. בראָדערזאָן און א. צ. גרינבערג האָבן עס געטון נאָכן ערשטן וועלט־קריג, בעת זיי האָבן זיך געלאָזן זוכן נאָך נייע פאָרמען, נייע טערמינען, נייע טעמעס און אויך נייע אינהאַלטן, כדי צו קענען ניהילירן די אַלטע פּאָעטישע אָפּגעשטאַנענקייט, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט פאַר גע־פּענטעט אין ריטמען און גראַמען.

אָבער נישט ווילנדיק האָבן זיי נישט נאָר די אַלטע פאָרמען אַליין, נאָר אויך די פּאָעזיע גופא ניהילירט, אַזוי אַז עס איז אַרויסגעקומען מער ניהיליזם ווי פּאָעזיע...

סוצקעווער האָט נאָר נאָך דעם צווייטן וועלט־קריג און דריטן יידישן חורבן באַזונגען דעם חורבן גופא...

און באַזינגענדיק דעם חורבן, זיינען ביי אים נולד געוואָרן נייע בילדער, נייע טערמינען. און דווקא נישט זוכנדיק קיין נייע פאָרמען אין דער ווערסי־פיקאַציע, האָט ער די אַלטע איבערגעשאַפן און זיי ניי באַלעבט — מיט זיינע אָריגינעלע גראַמען, ווערטער און בילדער. הגם זיי קלינגען אָפּט פראַגמענ־טיש עפּיזאָדיש אָן קאָמענטאַרן, זיינען זיי דאָך באַהויכט מיט דער שאַרפער אינטענסיווקייט.

עס איז דאָ נישט מעגלעך אַריינצודרינגען אין אַלע איינצלהייטן פון דער פּאָעמע „געהיימשטאָט״ און איר ניואַנסן־רייכקייט אויפצודעקן. איך וויל נאָר נאָך איר אינהאַלט־טיפקייט קלאָר מאַכן.

עס טאָר אָבער נישט פאַרשוויגן ווערן די מוזיקאַליטעט, וואָס שפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין סוצקעווערס פּאָעמע. דאָס ליד „פון וואַנען קומט

דבורל ?״ וואָלט איך געזאָגט איז אַ ווייטער־דיכטונג פון דעם באַרימטן פּוי־לישן ליריקער יוליוש סלאָוואַצקי.

אומווילקירלעך שווימט אויפן זינען אַרויף דאָס געוואַלטיקע ליד פון סלאָוואַצקיס פּאָעמע „שווייצאַריאַ״ — פאַראַן אַ מאָמענט, ווען ס׳דאַרף די לבנה זיך באַווייזן. סוצקעווער האָט געירשנט סלאָוואַצקיס הייליקן ציטער: פון דער בלום, פונם בלאַט, פון ווינט, פון דער קאַסקאַדע — און דער גלעזערנער שויב, דורך וועלכער ס׳קוקט יעדע נאַכט אַריין די בלאַסע „דיאַנע״.

סוצקעווער האָט אויך געירשנט די שטילקייט פון דער נאַטור, איידער די זון גייט אויף — און דאָס פייגל־געזאַנג, ווען זי גייט אויף צוזאַמען מיט סלאָוואַצקיס לירישן געפיל און אַדאַם מיצקעוויטשס געדאַנקלעכע לירישקייט.

סוצקעווערס שורות זיינען דאָס רוב קורץ און שלאַנק, אָבער אָנגעלאָדן מיט פיל דראַמאַטיק, אויך די מוזיקאַליטעט, וועלכע איך האָב שוין פריער דערמאָנט אין דעם ליד „די סימפאָניע פון מייז״, דערגרייכט צו דער העכסטער און טיפסטער אָקטאַווע... דאָרט פאַרן זיך צוזאַמען געדאַנק און געפיל, פאַרב און קלאַנג, איינדרוק און אויסדרוק... מען פאַרגעסט פשוט, אַז מען געפינט זיך אין דער „געהיימשטאָט״ (אינם שטאָטס־קאַנאַל), אין וועלכן ס׳קאָנצענטרירן זיך צונויף אַלע עיפּושן און אומריינקייטן, וואָס דאַמפן אַרויס פון זיך פאַרפעסטיקטן טויט. יעדע אומריינקייט, יעדער שמוץ, יעדער אָפּגוס ווערט דאָרט פאַרוואַנדלט אין אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט, וועלכער שפּילט אויס די פיינסטע און דינסטע ניואַנסן, און מען פילט נישט די שטראָמען, פונקט ווי דבורל, וואָס ראַנגלט זיך אַרום מיט זיי פשוט ביז צום דערטרינקען... „די ראַטן און מייז פישטשען דאָרט ווי סאָלאָווייען״...

מען באַקומט דעם איינדרוק ווי אַ טאָן־קינסטלער וואָלט מיט פשוטע ווערטער אַרויסגעכישופט די שענסטע מעלאָדיעס פון דער „קאַנאַל־סקאַלע״.

וווּנדערלעך איז אויך דער שטראָם פון אַ וואַנע מיט זייפן־ריח, וואָס פּלייצט אַריין פון אַ זייטן־רער און דערהויבט דבורלען, אַז זי זאָל שוועבן איבער ברונעמלעך, טרעפּלעך, און האָרכן ווי די שטילקייט נעמט אויסקנייפּן קלאַנגען — ביז פון גאָרנישט ווערט געבוירן אַ טיפע סימפאָניע...

און דאָס גאָר שטאַרקע ליד, „לאָז גריסן מיין שוועסטער אין חיפה״, דאָס איז דער קווינט־עסענץ פון דער פרעכטיקער פּאָעמע און אויך איר פינאַל, ווייל אין אָט דעם דאָזיקן ליד איז סוצקעווער דייטלעך מגלה זיין אידעאָלאָגיע.

עס ווערן דאָ נאָר נאָך צוויי סטראָפן ציטירט כדי אונזער באַהויפּטונג צו דאָקומענטירן:

„און ווי עס האָט פּאליע גערעדט צו די קדושים,
פון קראָפּעוו־גראָבן דערגרייכט אַ געוויש אים :
גיי פּאליע בשלום און זיי דער שליח
פון אַלע געשמידטע אין ערדישע קייטן.
באַגעגענען וועסטו דעם מלך משיח —
אַהער צו דעם אָפּגרונט אים זאָלסטו באַגלייטן.
פיל אָן אַ זעקעלע שטויב, זיי מקיים
די בענקשאַפט פון גאַר דעם פאַרשניטענעם זאָמען,

און טו עס צעשפּרייטן אין ירושלים,
כדי עס זאָל דאָרטן צעבליען זיך אמן״ ...

און דאָס איז אייגענטלעך די סוצקעווערישע סינטעזע — איינצוזייען דעם גלות אין ישראל, ער זאָל דאָרט אויפגיין אַ געלייטערטער ... ווי אונזערע אבות אבותינו האָבן איינגעזייט ישראל אין דעם גלות — דריי מאָל אין טאָג זאָגנדיק: „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים״ ...

מיר קענען פאַרשטיין זיין ראָמאַנטיש־פּאָעטישע אידעאַליזירונג פון זיין — און אונזער — בענקשאַפט.

י. פּאַפּיערניקאָוו

די אמתע פֿאַרערונג פֿאַר אַ דיכטער קומט ערשט צום אויסדרוק אין אָפּהיטן און צונויפֿזאַמלען און מאַכן צוטריטלעך פֿאַרן לייענער זיינע ווערק.

אַ דיכטער לעבט אַזוי לאַנג ווי לאַנג עס לעבן זיינע ווערק. כּדי אָבער זיינע שאַפֿונגען זאָלן לעבן, מוזן זיי קענען אָנקומען צום לייענער אין דער פֿאָרם פֿון אַ בוך־אויסגאַבע. ס׳איז באמת גוט וואָס עס מיען זיך כאָטש איבערגעגעבענע געטרייע הענט אַרויסצוגעבן די שאַפֿונגען פֿון אַ יידישן דיכטער, וואָס האָט עס כשר פֿאַרדינט. מחמת צווישן אַלע ישׂראלדיקע יידיש־יידישע דיכטער, איז יוסף פּאַפּיערניקאָוו דער געטרייסטער און איבערגעגעבנסטער צו זיין יידיש לשון. און נישט איינמאָל האָט ער זיין גרויסע ליבע צו יידיש און דעם האָס פֿון אַרום אין קלאַסיש־לירישע לידער אויסגעזונגען, — אויסגעזונגען זיין גרויסע ליבע צוזאַמען מיט זיין טיפֿער איינזאַמקייט.

י. פּאַפּיערניקאָוו איז אַ שטילער דיכטער, וואָס רעדט צו אונז אַ סך מאָל מיט אַ טיפֿן אומרו, — און דעם דאָזיקן אומרו פֿאַרשטייט ער מיט דער גרעסטער רואיקייט אויסצודריקן...

פּאַפּיערניקאָוו האָט ישׂראל פֿאַריידישט מיט זיינע לידער, — און זיינע לידער פֿאַרישׂראלט מיט דעם דאָרט דערוואַכטן העברעאישן לעבן... זיין שאַפֿונגס אויסדרוק איז אַ בונטער — קאַמף, נויט, פּראָטעסט, פֿרייהייט און גערעכטיקייט באַוועגן אים צום זינגען. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז ביי פּאַפּיערניקאָוון וואָס דעם אַלגעמיינעם צער, פֿרייד, בטחון און יאוש, נצחון און מפּלה דריקט ער אויס אויף אַן אינדיווידואַליסטישן אופֿן. ער ווערט בטל אין אַלעם, און אַלעס ווערט בטל אין אים...

אַסך מאָל דערמאָנט זיין נאָטע אין אברהם רייזענען. אָבער זי קלינגט נישט ווי אַ נאָכמאַכונג, נייערט ווי אַ וויטערע דיכטונג. און ווען פּאַפּיערני־קאָוו זינגט:

> דער טאַטע, די מאַמע, איין שוועסטער, פֿינף ברידער,
> ס׳איז מיטאָג. אַכט טעלער, אַכט לעפֿל, ווי רידער;
> אַכט קעפּ ווי די אַנקערס — ביי יעדן געבוריגן,
> פֿאַרזונקען אין זיך — מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן...

פילט מען ממש אַז דער המשך האָט געמוזט קומען נאָך רייזעגס ליד „אַ געזינט זאָלבע אַכט“. פּאַפּיערניקאָווס מוזע איז אין רייזעגס ליד אויפגעגאַנגען און דעם אויפגאַנג האָט ער אַרויסגעבראַכט אין אַ ניי אייגן ליד...

נישט נאָר דער באַזינגער פון צער און פרייד איז פּאַפּיערניקאָוו, נאָר אויך דער נאַציאָנאַלער דיכטער פון די חלוצים. „זוניק לאַנד“, „אין גאָלדענע שטערן“, האָבן אַמאָל אַפּעלירט צו אומצייליקע מיידלעך און בחורים פון די יידישע שטעט און שטעטלעך אין דער פוילישער מדינה, צו פאַרלאָזן זייערע היימען און גיין צום „זוניקן לאַנד“... און ווען די פוילישע שטעט און שטעטלעך זיינען נאָך געווען פול מיט לייט — און מיט יידישע רייד שרייבט דער דיכטער א. וואָלדמאַן: האָט מען געקענט טרעפן זיצן אין די שבתדיקע פאַרנאַכטן, אין היימישע שטיבער יונגע מענטשן און זינגען:

„אין טרוים איז מיר העלער;
אין טרוים איז מיר שענער“...

האָט מען אויך געקענט גיין איבער וועלדער און פעלדער, ווו יידישע יוגנט־לעכע זיינען געקומען אויף זייערע אויספלוגן און הערן דאָס ליר „איך בין אַ ציגיינער“, און אויך אויף די אָוונטן וואָס די יידישע פאַריינען האָבן איינגע־אָרדנט האָט מען געקענט הערן דאָס ליד „געוויין פון הונגעריקע קינדער“. מען האָט געזונגען מיט באַגייסטערונג און רירונג.

ס׳וועט נישט זיין קיין גוזמא ווען איך וועל מיר דערלויבן צו זאָגן, אַז יוסף פּאַפּיערניקאָוו געהערט כמעט צו די זעלבסטבאַוווסטסטע יידישע דיכ־טער אין ישראל, וואָס טראַכטן, און קענען ביז צום היינטיקן טאָג נישט דאָס געפיל פון זעלבסט־אַפּלייקענונג: זיך, דאָס יידיש־יידישע פאָלק, און דאָס יידישע לשון... און הגם זיין ליד (ווי שוין פריער באַמערקט) קלינגט אָפּט־מאָל פאַרביטערט, פאַראייגזאַמט און באַעוולהט, — איז זיין פאַרביטערטע איינזאַמקייט און באַעוולהטקייט אַ שטאָלצע און גערעכטע ווען ער זינגט:

דאָס ערשטע היים־ליד האָב איך אויפגעזונגען דאָ, אין עמק —
(ווען ס׳לאַנד האָט נאָך קיין יידיש־זינגער נישט געהאַט)
ווען אַלץ איז נאָך געלעגן ווי אין בראשית, רוי און ליימיק,
זאַמדיק ווי דער נגב איצט, און פעלזיק ווי אילת;

ווען סטעפּ אין מדבר האָט מיט טויט געדראָט פון אַלע זייטן,
און נישט געווען איז ווער ס׳זאָל קומען צו דער צייט פאַרבייטן —
געדראָט פון יעדער הייך, פון יעדער טיף און פלאַך,
און אַראָפּנעמען אַ מידן שומר פון דער וואַך.

אין יענער צייט האָט מיך דאָס לאַנד צום צווייטן מאָל געבוירן,
געוואָרן מיר אַ מאַמע — זי, די מאַמע־ערד,
וואָס האָט יאָרטויזנטער געהאַט די פרוכטבאַרקייט פאַרלוירן
און פאַרקאַלכט — געלעגן טרוקן, דאַר און איינגעצערט.

אין יענער צייט איז אויפגעגאַנגען דאָ, ווי ס׳וויץ און קאָרן
פון ערשטן אויסגעבענקטן, אויסגעקוקטן שניט —
אַזאַ געזאַנג מיינס, — וואָס וואָלט קיינמאָל נישט געהערט געוואָרן
דאָרט, וווּ כ׳האָב געשטעלט די ערשטע זינגענדיקע טריט...

דאָס זיינען באמת פרייע און נצחונדיקע אַקאָרדן, וואָס אַ יידישער דיכ־טער קען נאָר זינגען ווען ער האָט דערפילט נאָך צוויי טויזנט יאָר דעם טעם פון „בתוך עמי וארצי אני יושב״...

עס איז ווערט צו באַמערקן, אַז דער ליריקער יוסף פּאַפּיערניקאָוו זינגט מיט דער זעלבער ליבע, צער און בענקשאַפט אין ישראל פון גלות, — ווי דער רוב יידישע דיכטער האָבן במשך פון לאַנגע הונדערטער יאָרן געזונגען אין גלות פון ארץ ישראל.

דערמיט פאַראייביקט דער דיכטער די טויזנט־יאָריקע קולטור וואָס איז מיט דער גרעסטער מסירות באהבה מיט אמונה און בטחון אין גלות געשאַפן געוואָרן.

אינם יאָר 1930 ווען איך האָב געמאַכט אַ טורנײ איבער פּוילן, און איך האָב געוווילט אין וואַרשע, האָבן די לינקע פועלי ציון פאַר מיר אָראַנזשירט אַן אָוונט, און צווישן פיל אַנדערע באַדייטנדיקע שרייבער און דיכטער איז יוסף פּאַפּיערניקאָוו אויך געווען אַ וויכטיקער אַנטיילנעמער, און טאַקע אויף דעם דאָזיקן אָוונט האָבן מיר זיך באַקענט. פאַר מיין אָפּרייזע קיין לאָדז און ווילנע, האָב איך זיך מיט פּאַפּיערניקאָוון ווידער באַגעגנט — אויף איינער פון די באַרויגסטע יידישע גאַסן אין וואַרשע. ס׳איז דעמאָלט געווען אַ קאַל־טער ווינטער־טאָג, אַלעס איז געלעגן אין טיפן שניי און אין יידישער אָרימ־קייט איינגעהילט.

דער קליינוווקסיקער און מאָגערער פּאַפּיערניקאָוו האָט אויף מיר גע־קוקט מיט אַ האַלב־מעלאַנכאָליש און האַלב־פאַרעקשנטן בליק, און גערעדט צו מיר שטיל, קיל און געלאַסן; גערעדט וועגן זיך, דער יידישער ליטעראַ־טור, דער לאַגע אין פּוילן און וועגן ארץ ישראל. און זיינע רייד האָבן זיך בריענדיק אין מיין האַרץ איינגעגעסן, באַזונדערס ווען ער האָט באַמערקט, אַז „ווער ס׳האָט נאָר איין מאָל דערפילט די וואַרעמע העלקייט פון דער ישראלדיקער זון, דער קען שוין מער נישט דערטראָגן די אייראָפּעאישע קאַלטע טונקלקייט״...

משה שולשטיין

פאַראַנען דיכטער, וואָס זייער אינטואיציע איז גרעסער ווי זייער אינ־טעלעקט און פאַרקערט; פאַראַן אָבער אויך דיכטער, ביי וועמען די אינטור־איציע מיטן אינטעלעקט גיסן זיך האַרמאָניש צוזאַמען. און צו דעם מין דיכ־טער געהערט משה שולשטיין. דאָס לאָזט זיך גלייך דערפילן, לייענענדיק זיין מיט אַ צייט צוריק דערשינענעם בוך „אַ בוים צווישן חורבות״, ווו ס׳איז דעם דיכטער געלונגען אַרויסצוברענגען אַ שלל פון איבערגעלעבטע, אויס־געבלוטיקטע געפילן און אידייען.

אַזוי ווי דער אַמאָליקער טראַדיציאָנעלער סופר פלעגט זיך טובל זיין, בכדי צו קענען ריין אָנשרייבן דעם שם המפורש, אַזוי האָבן זיך אויך גע־הייליקט אונדזערע איצטיקע עכטע, יידישע פאָלקס־מקוננים — און צווישן זיי אויך שולשטיין — אין זייער אייגענער פיין און צערפּול בלוטיקן פאָלקס אומגליק.

משה שולשטיינען איז געלונגען מער ווי אַ סך אַנדערע דיכטער, אַרויס־צוברענגען אויף אַ העכערן, קינסטלערישן אופן די מאָרדיקייט פון ערב־אומקום, פונעם אומקום און פון נאָכן אומקום; אין דער צייט, ווען זייערע געזאַנגען זיינען געהייליקט געוואָרן דורך זייערע טעמעס, האָט מ. שולשטיין געהייליקט זיינע טעמעס דורך זיינע טיף־קינסטלערישע, איבערגעלעבטע, וויזיאָנערישע געזאַנגען...

עס איז פאַראַן עפּעס אידענטישעס צווישן מ. שולשטיינען און ח. נ. ביאַליק, מחמת אין ביאַליקס „שחיטה־שטאָט״ און אין שולשטיינס „איך האָב געזען אַ באַרג״, ווערט נישט באַזונגען דער יחיד, נאָר דער רבים. די מאַסע איז געוועזן זייער העלד און דאָס גרויסע פאָלקס־אומגליק — דער מקור פון זייער שאַפן. אָבער בעת ביאַליק איז געווען אַ „מורה ומוכיח״, און באַנוצט די פאַטעטיק פון אַ רעוואָלטירטן קעגן מענטש און גאָט, איז שול־שטיין מער צאַרטער ליריקער און פאַרזונקענער אין זיך, אפילו אין זיינע ביז גאָר סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע געזאַנגען.

די דאָזיקע אידענטישקייט צווישן ביידע דיכטער לאָזט זיך באַמערקן, הגם שולשטיין אָפּערירט נישט מיטן פּסעוודאָ נביאישן נוסח, וואָס ביאַליק באַנוצט אים.

פונקט ווי ביאַליק, באַזיצט אויך שולשטיין אַ סך וויזיע; אָבער בעת ביאַליק האָט כמעט אין אַלע זיינע נאַציאָנאַלע מאָטיוון רעוואָלטירט קעגן גאָט און קעגן דער פּאַסיווקייט פונעם הילפלאָזן קרבן פון די צאַרישע פּאָגראָמען („שחיטה־שטאָט"), איז משה שולשטיין אויסן דאָס רעוואָלטירנדיקע, אַפּעלירן צום מענטשלעכן געוויסן, ווי עס זאָגט עדות זיין קלאַסישע פּאָעמע „קימפּעט" פונעם ציקל „איך וועל זינגען".

מיט אַ פּאַרשטיקטער קעל, מיט אַ צעריסן האַרץ און מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן ציטערן די קלאַנגען פון שולשטיינס וווּנדערפולן ליד וועגן אַ יידישער קימפּעטאָרין און איר ניי־געבוירן עופהלע, וואָס ווערט באַוואַכט פון אַ באַשטיוולטן און באַוואָפנטן נאַצישן שומר, בכדי ער זאָל מאָרגן קענען סיי די קימפּעטאָרין, סיי דאָס עופהלע אַוועקפירן צום גאַז־קאַמער.

און דאָ, פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט פון דער געבורט־קליניק, האָט זיך אויף דער געווינערין און איר קינד פאַרקוקט מיט אומרו דאָס אויג פון דער היילקער מאַרי. און צו איר טאַקע איז געווענדט דעם דיכטערס האַרץ; ער גיסט אויס פאַר איר דעם גאַנצן ביטערן צער און פרעגט ביי איר די האַרבסטע שאלות. דער דיכטער האָט נישט בדעה צו לעסטערן דעם גאָט פון מאַרי, נאָר נעמען זי פאַר אַן עדות פונעם שרעקלעכסטן:

„ווייל מאָרגן וועט עס מיט די הענטעלעך, דאָס קינד,
נישט דראַפּן זיך אַין דעם געפּלעכט פון קינדער־וועגעלע;
ס'וועט פאָרן אין וואַגאָן דעם פינצטערן און דעם פאַרקלאַפּטן.
וווּהין, מאַרי? מען זאָגט, דער וועג איז אומבאַקאַנט,
און דאָך געפינט זיך אויף דער ערט אויף אונדזערער דאָס לאַנד!"

אוודאי זיינען דאָס נישט קיין פאַרוואָרפן און אוודאי און אוודאי נישט קיין לעסטערונגען, נאָר אויסגעבלוטיקטע זעאונגען, וואָס בויערן זיך אַריין מיט אַ פון ווייטיק אַנגעגליטער איראָניע אין האַרץ פון קריסטלעכן סימבאָל פון מוטער־ליבע; דאָס איז גיכער אַ מאַנענדיקע אויפפאָדערונג, וואָס מאַכט אויפשוידערן דאָס גאַנצע מענטשלעכע געוויסן.

נישט ווייניקער ווירקזאַם און שטאַרק איז אויך דאָס טיף־רירנדיקע ליד פונעם זעלבן ציקל „זיינען דאָס מיינע הענט?" אויך דאָס דאָזיקע ליד איז אָנגעגליט מיט אַ טיפער און נאָך דינערער איראָניע ווי דאָס פריערדיקע. אויך דאָ געפינען מיר אַ געוויסע קרובהשאַפט מיט ביאַליקס „על השחיטה", אָבער בעת ביאַליק ברעכט אויס מיט אַ דונערדיקער קללה:

וארור האומר נקום!
נקמה כזאת — נקמות דם ילד קטן
עוד לא ברא השטן!...

זינגט שולשטיין מער אין זיך אַריין מיט אַ געדעמפּטער, מעלאַנכאָלי־שער שטים, וועלכע קלינגט מיט אַ נישט־פאַרענטפערטער פראַגע, וואָס איז אַזוי שווער משיג צו זיין:

קענען דאָס מיינע הענט טאַקע זיין
פון דער זעלביקער הויט און פון ביין,
וואָס זיי שליידערן קינדער צום פלאַם,
צו דער האַק, צו דער שפּיז און צום סם ?
זיינען דאָס, זיינען דאָס מיינע הענט,
אויך ווי יענע — פון אדם הראשון ;
אויך פון זעלביקן ביין און פון הויט ? —
די, וואָס קענען באַרירן קלאַווישן
און שניידן בנעימות דאָס ברויט
און נעמען דעם חתונה־רינג ?

ביאַליק ענטפערט אויפן פאַרגאָסענעם קינדער־בלוט, אויף די רוּיבע־רייען און מערדערייען מיט אַ קללה צו די הימלען, אָבער שולשטיין, הגם ער ענטפערט נישט, נאָר ער פרעגט בלויז, איז זיין שאלה נישט ווייניקער טראַגיש און גרויס ווי ביאַליקס הילפלאָזע קללה, מחמת אין שולשטיינס רירנדיקן און פאַרביטערטן פרעגן זיך ליגט שוין אפשר אויך גלייכצייטיק פאַרבאָרגן יעדע אויפטרייסלענדיקע תשובה.

באַזונדערס שטאַרק איז שולשטיינס ליד „כ׳האָב געזען אַ באַרג״. דאָס איז אַ געוואַלטיק עמאָציאָנאַל ליד און בילד, אָנגעזאַפּט מיט אַלטער טראַדיציע, מיט יידישן זין און וויזיע. און דער דאָזיקער זין שטראָמט אַרויס פון שולשטיינס אַלע זיינע אַלמענטשלעכע און אוניווערסאַלע לידער, פּונקט ווי דאָס אוניווערסאַלע און אַלמענטשלעכע שטראָמט אַרויס פון אַלע זיינע נאַציאָנאַלע מאָטיוון.

אַזוי ווי אין פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ פילט זיך אויך אין שולשטיינס „כ׳האָב געזען אַ באַרג״ אַ טיפע, מיסטעריעזע שטימונג, ווייל ווי ביי פּרצן, ווערן אויך ביי שולשטיינען וואַך און שוועבן אַדורך געשטאַלטן, וואָס וואָלטן געוואָלט ווייטער חלומען דאָס, וואָס זיי האָבן נישט דערחלומט, ווייטער וועבן דאָס, וואָס זיי האָבן נישט דערוועבט און ווייטער לעבן וואָס זיי האָבן נישט דערלעבט . . .

„כ׳האָב געזען אַ באַרג״ איז אַ גרויסע וויזיאָנערישע סימפאָניע פון פּיין, צער, רחמנות און ליבע. דאָס איז אַ הייליקער מאַרש פון אונדזערע פאַר־שניטענע מיליאָנען, וואָס דער דיכטער לאָזט פאַר אונדז מיטצוגיין מיט זיי, און ווי זיי, גיין און גיין און נישט געבן קיין רו דער וועלט פון אכזריות און

רשעות. דאָס איז כמעט דער׳ העכסטער אויסדרוק פון עפּיש־לירישער פּאָעזיע.

ווי אַן אויסדרוק פון טראַגישן אומקום בימי היטלער איז דאָס „וויג־ליד 1943״, ווייל דאָס איז אַ סימפּאַטאָמאַטיש ליד פון אַ דעגענערירטער עפּאָכע, אין וועלכער אַ מענטש־דיכטער ווענדט זיך צו אַ נאָך־נישט־געבוירן מענטשן־קינד, וואָס די מוטער גייט עס פאַרניכטן, בכדי דער אכזר זאָל עס נישט פאַרניכטן און פאַרוויגט עס צום אייביקן שלאָף. דאָס איז אַ וויג־ליד, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט, ווי עס זינגט דער דיכטער, אָפּגעקלונגען זינט אַ וויגעלע שטייט אויף דער ערט.

ביים פאַרוויגן דאָס נישט־געבוירענע קינד טרויסט שולשטיין פון דער צייט:

„חען ליד חעט דיך נישט מער צום טויט פאַרחיגן
און לעבן חעט נישט הייסן מער קיין זינד,
נאָר איצט פאַרנעם פון מיר דעם לעצטן ניגון, —
שלאָף איין אין חייטן טרוימלאַנד, מיין קינד״.

געבן אַזאַ תשובה און אויסחלומען אַזאַ צייט קען נאָר אַ האַרץ, אַן אויפ־געריסענס פון בלוט און טרערן און פון אַלע ערדישע גיהנומס, אַנטקעגן וועלכע דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע״ איז נישט מער ווי בלאַסער אָפּשיין.

אַ באַזונדערן חן האָבן שולשטיינס משלים און קינדער־לידער. זיי זיינען באַזונדערס שטאַרק, ווען זיי שלאָגן אָן טענער, וועלכע זיינען רעמיניס־צענצן פונעם חורבן, ווייל נישט דער מוח האָט זיך אָנגעשטרענגט און אַרויסגערופן די טרויעריקע בילדער דורך משלים, נאָר די טרויעריקע ביל־דער האָבן סטימולירט דעם דיכטערס מוח און נשמה. דערפאַר זיינען זיי עכטער, אמתדיקער און געטרייער. זייער טרעפלעך איז דער משל „די פלי־ענדיקע באָמבע און די פליענדיקע טויב״. דאָס איז אַ פּאָליטישע סאַטירע, באַפליגלט מיט הומאָר און סאַרקאַזם. זייער אינטים און רירנדיק איז אויך דער משל „דאָס שעפּעלע״, מחמת עס איז אַ פיינע פערזאָניפיקאַציע פון דער אַזוי נאָענטער און בלוטיקער פאַרגאַנגענהייט.

שולשטיינס לידער און משלים פאַרמאָגן זייער אייגענע פאַרב און קלאַנג און זיינען אויך אָפּט אַדורכגעוועבט מיט אַ שמערצפולן הומאָר און פאַר־ביטערטער איראָניע.

הגם שולשטיין איז דורכאויס אַ דיכטער פון היינטצייטיקייט, אַ דיכ־טער, וואָס שפּיגלט אָפּ זיין צייט, וועלן אָבער אַ סך פון זיינע לידער לעבן איבער דער צייט און וועלן פאַראייביקן פאַר דורות אונדזער מאָוימדיקע תקופה מיט אירע סתירות און סאָציאַלע געראַנגלענישן.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר שולשטיינס דיכטערישער פערזענלעכקייט איז נישט בלויז דאָס, וואָס ער איז אַ מקונן פון גרויסן חורבן, נאָר דאָס, וואָס אַפילו אין זיינע לידער, וועלכע מען קען אָנרופן קינות, ליגט אויך גלייכצייטיק פאַרבאָרגן דער גאָלדענער זאָמען פאַר אַ גליקלעכן מאָרגן פאַרן ייד און מענטש.

דאָס נאַציאָנאַלע גייט תמיד ביי שולשטיינען צוזאַמען מיטן סאָציאַלן. נישט זיין נאַציאָנאַליסטיש, נאָר זיין פאָלקסטימלעך, ווייל זיין נאַציאָנאַליס־טיש מיינט זיין געפּענטעט, בשעת זיין פאָלקסטימלעך, מיינט זיין פריי און פּראָגרעסיוו.

משה שולשטיין איז דער אמתדיק־יידישער און וועלטלעכער דיכטער פון אונדזער צייט.

שמואל ווהייט

שמואל ווהייט איז אַ שטילער, באַשיידענער ליריקער, וואָס ראַנגלט זיך דאָס רוב מיט זיין אייגענעם איך אין זיינע לידער. זיינע האָריזאָנטן זיינען נישט קיין ווייטע, און אויך נישט קיין העלע, אָבער דאָך שימערט אין זיי פון צייט צו צייט אויף אַ גאָלדן שטערנדל...

שמואל ווהייט׳ס טעמעס זענען: ליבע, בענקשאַפט, טויט און לעבן, שטורעם און רו. גליק נאַציאָנאַלער ווייטיק. זיינע אַקאָרדן זיינען ווי שוין געזאָגט: נישט קיין הויך־קלינגענדיקע, נאָר רואיק שטילע, און אַ דאַנק זייער פשוטער נאַאיוויקייט — אָדער נאַאיווער פשטות — האַרציק ליב.

אמת, זיין וועלטל איז טאַקע נישט קיין גרויס, און אויך נישט קיין פאַרכאַפּנדיק שיינס, אָבער אַן אייגנס, אַן עכטס — אויסגעדעקאָרירט נאָר מיט אייגענע זונען און שטערן. ער זינגט — ווי דער פשוטער פויגל וואָס אים אינספּירירט, ער טרילערט נישט, אָבער דערפאַר קראַקעט ער אויך נישט. נאָר זינגט פשוט ערלעך; ביז ער צעוויינט זיך ווי אַ נאַאיוו קינד אין געזאַנג. און זינגט ווייטער מיט געוויין... זיין טאָן איז אַ יחידישער, און זיינע ליידן און פריידן זענען נאָר פּערזענלעך, סוביעקטיווע, — ער איז זיך באַוווּסט אין זיין אָרימער פאַרגענגלעכקייט, און אים בענקט דער־פאַר זיך נאָך דעם קאָסמישן, אוניווערזעלן און ער זינגט:

> ברייטער ים, צעברויזטע כוואַליעס,
> שליסט מיך אין אייער טיפקייט איין!
> מיט מיין צער און מיט מיין פיין,
> זאָל מיין קול אין אייך זיך הערן —
> טראָגן זיך אין ווייטע ספערן,
> ביז איך וועל מיט אייך צוזאַמען
> אין דער טיף פאַרגעסן ווערן...

דאָס איז טאַקע אַ סוביעקטיוויסטישער טאָן, וואָס רירט אָבער שוין אויך אָן דעם רבים... און פונקט אַזוי פאַרמאָגט אויך ווהייט אַלגעמיינע טענער וואָס רירן יעדן יחיד אָן.

אין דעם זעלביקן ציקל לידער וואָס דער דיכטער רופט אָן: „דער ים און איך" — טאַקע דאָרט זינגט ער:

יוסף הלל לעווי

די זון האָט פארנייגט זיך אין פורפור רויט,
זי וועט ווי היינט — אויך שיינען נאָך מיין טויט,
אַ שפּיל פון זון און ים אין אייביקייט אַריין,
און נישט ווי מענטש־געבורט און מענטש־פאַרגיין ;
אַ פינטל בלויז, אַ שטויבל ביי דעם ברעג,
פון כוואַליעס ווייט פארטראָגן אין זייער וועג.
אָ, ווער און וואָס בין איך און וועל נאָך זיין, —
מער ווי עפּעס וואָס געוועזן — — און ס׳מוז פאַרגיין ? !

ס׳איז אַ שטילע מעדיטאַציע — אָבער אַ טיף לירישע, באַהאַרצט מיט אינטימיטעט. ווהייט פארמאָגט אַ חוש פּאַר מוזיק און פאַרבן אָבער ער קומט נישט תמיד צום אויסדרוק. פאַראַנען אָבער מאָמענטן ווען דער דיכטער רייסט זיך אַרויס פון זיינע דלד אמות און דערהויבט זיך איבער דער אינערלעכער מיזערע, איבער דעם גרויען לעבן און טויט, איבער מענטש און צייט, און זיין ליד קלינגט אויף מיט אַנדערע פארבן און קלאַנגען :

מיין האַרץ איז ווי אַ וואַלקן
וואָס טראָגט זיך איינזאַם ווייט, —
איבער גרויע הימלען —
איבער מענטש און צייט.

אַזוי איז אויך מיין שירה
וואָס קלינגט אָפט פרעמד און ווייט, —
איבער וועלטן־רוימען,
איבער רוים און צייט . . .

וווהייט׳ס ליריק איז ווי שוין דערמאָנט אַ שטילע, — אַזוי שטיל איז אויך זיין בענקשאַפט נאָך ליבע און גליק, נאָך שטורעם און רו, נאָך לעבן און טויט.

אָבער זיין ליבע איז נישט קיין טיף עראָטישע נאָר אַ מילדע פון אומעט, און זיין האַרץ זינגט :

עס שלאָפן די בוימער אין הייליקער רו,
פארוויגט פון דער מילדער ביינאַכט־קער לופט,
דאָס ליכט פון לבנה דערמאָנט מיך ווי דו —
האָסט מיך באַטרונקן מיט רוישיקן דופט.

אָ, ליבסטע איך וואַנדער אַלס שלאָפלאָז נאָך איצט,
איך וואַנדער אָן רו פאַר דיין פענסטער אַרום,
און וואַרט אויף דעם בליק פון דיין שמייכל צעבליצט,
מיין דופטנדיק שיינע פאַרחלומטע בלום.

און טונקל, טיף בלוי, ליגט דער הימל דאָרט ווייט,
די שטערן זיי פינקלען אין זעפירנעם רייך,
נאָר טיף אין דער שטילקייט פאַראיינזאַמטערהייט,
פאַר ליבע און בענקשאַפט מיין פּנים ווערט בלייך.

און ווען ס'באַפליגלט אים דער אייביקער אומרו, אָדער ווען ער דערפילט, אַז די וועלט איז נישט אין אָרדענונג, — געלינגט עס אים נישט פון די ברעגעס זיך אַרויסצורייסן; נאָר זיך צוצעוויגן און צו קושן די ברעגעס מיט זיין געזאַנג:

אַז עס איז די וועלט פאַרדאָרבן,
און נאָר רויב און מאָרד איר צוועק, —
טאָ וואָס זוך איך צו געפינען
אין דער פינסטער נאָך אַ וועג?

אַז עס איז דאָס ליכט פאַרלאָשן,
וואָס דער נביא האָט צעשיינט, —
וואָס שוין קען דער מאָרגן ברענגען
מיר, ווען ס'איז נישטאָ קיין היינט?

אַז דאָס לעבן איז אַ חורבה,
ס'שרייט דערפון דער צער אַרויס, —
טאָ ווי קען איך זיך באַשיצן
מיט מיין שטויב פאַרזונקענעם הויז?!

מען קען נישט זאָגן אַז שמואל וואהייט האָט דעם וועג שוין געפונען, וואָס מען קען אָבער יאָ זאָגן — איז אַז ער איז אַ באַשיידענער און ערלעכער זוכער, וועלכער שיקט אונדז פון מאָל צו מאָל, אַפילו פון זיינע דאַרנדיקסטע וועגן שיינע האַרציקע גרוסן...

שמואל וואהייט איז, אַזוי ווי אין דער דיכטונג, אויך אין זיין לעבן: אַ שטילער, רואיקער, באַשיידענער און האַציקער מענטש. זאָל אים נאָך געלונגען זיינע וויזיעס און חלומות אין די שענסטע לידער און פאָעמעס צו פאַרוואַנדלען.

שמואל איזבאַן

ש. איזבאַן, וועלכער האָט שוין זיינע באַשטימטע פאַרדינסטן אין דער יידישער, ליטעראַטור, האָט זיך קונה שם געווען מיט דעם אקטועלן ווערק: „אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ימים".

מחמת דאָס זענען גאַר רירנדיקע איבערלעבונגען פון אַ יידישן פליט: מיט אַלע זיינע ליידן און פריידן, פאַרביטערונגען און די שבעה מדורי גיהנום וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין אַלס אַ יידיש־זשורנאַליסטישער אָבסערוואַ־טאָר, וואָס האָט אויף זיך פריייוויליק גענומען דעם שווערן עול, די ביטערע פּיין פון אונזערע אויסגעוואָרצעלטע ברידערס טרויריקן גורל, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי האָט נאָך עד היום נישט געפונען קיין מקום מנוחה אין דער גרויסער ברייטער וועלט, אין וועלכער ס׳הערשט שוין מישטיינס געזאָגט אַ יארן לאַנגער פרידן... און מחמת דעם איז ער פּשוט געצוווּנגען געוואָרן מיטצומאַכן — די שוידערדיק דראַמאַטישע אַוואַנטורע, אויף אַ גאַר טראַגי־קאָמישן אופן... און דערפאַר טאַקע דאָס גרויסע פאַרשטענ־דניס, די רחמנות־פולע איבערגעגעבנקייט, און די אומבאַגרעניצטע ליבע... לייענט זיך טאַקע דאָס בוך מיט אַן אויסטערלישן אינטערעס, ווייל עס דערציילט אויף אַן אָריגינעלן אופן: וועגן די אַלע קוריאָזיטעטן און פּשוט פאַנטאַסטישער געטרייקייט פון די חסידי אומות־העולם — די מאַטראָזן און קאַפּיטאַנען וואָס האָבן זיך פּשוט מוסר־נפש געווען פאַר דער יידישער אומה...

און עס קלינגט אָפּטמאָל אויך גאָר ווי — „טויזנט און איין נאַכט" געשיכטן, הגם ס׳איז אַלעס אַזוי אומברחמנותדיק רעאַל און בלוטיק וואָר.. צו דער גאַלעריאַ פון גאַר מאָדנע און עקזאָטישע טיפּן געהערט דער 62 יעריקער נאָרוועגישער קאַפּיטאַן, וואָס האָט געהאַט אַ מערקווירדיקע באַשעפּטיקונג, ווי ש. איזבאַן דערציילט אונז — „האָט ער געפירט נאָך פאַר דער ערשטער מלחמה, דאַמפּערס אויפן איסט־ריווער, און זייער אָפּט געהאָלפן אריבערכאַפּן די מתים פון בעליוויו־האָספּיטל, איבערן טייך צו פּאָגטערספעלד, דאָס איז אַ טשיקאַווע באַשעפּטיגונג פאַר אַ קאַפּיטאַן — צו פירן אַ לאַדונג פון מתים איבערן טייך... און ווער זענען דאָס געווען זיינע מתים? צומייסטן זענען זיי געבראַכט געוואָרן פון אינסטיטוציעס פון

גייסטיק קראַנקע און פון שפּיטאָלן פאַר היימלאָזע, אָדער פון פאַמיליעס, וואָס האָבן נישט געהאַט אויף באַגרעבעניש־הוצאות. אָבער צווישן אַט די אָרעמע, היימלאָזע מתים האָט זיך אָפּט אויך פאַרוואַלגערט אַן אמתער פּרינץ . . . און פאַרוואָס האָט ער איצט געוואָלט אַרבעטן אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג? — פאַרוואָס האָט ער באַשלאָסן אַרויסצופירן אויף שיפן די לעבנגעבליבענע יידן פונעם אייראָפּעאישן טויטנטאַל? ווייל ווען ער פלעגט פירן איבער איסט־ריווער זיינע „מתים שיפן" צו דער באַגרעבעניש, האָט ער געגנוי געוווסט פון וואָס פאַר אַ עלעמענטן די טויטע זענען. ער האָט געוווסט: אַז אַלע זענען אָרעם ווי די „קירכנ־מייז", אָבער זעלטן האָט אויך פּאַסירט אַז מען האָט געזוכט אין די אָרעמע צימערן פון אַזעלכע טויטע — האָט מען געפינען דאָרט אוצרות. עס זענען אויך געווען מתים אין געפּוצטע טרומנעס, אפילו מיט בלומען, אָבער קיין געלט צובאַגראָבן זיי בכבוד איז נישט געווען. איינמאָל ווען זיין מתים־שיף האָט געדאַרפט אָפּשווימען פון איין איסט־ריווער צום צווייטן, איז אָנגעקומען צו לויפן אַ יידישע פרוי אין שמאַטעס און געשריען אַז זי וויל נישט דערלאָזן, אַז איר קרוב — איינער פון די מתים אויף דער שיף זאָל באַגראָבן ווערן אַ נאָמענלאָזער. זי האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ קויט אַ ברייטן טלית, און דערלאַנגט דעם קאַפּיטאַן ער זאָל דאָס אַרויפציען אויפן מת. זי האָט גלייך אויסגעזוכט צווישן די טויטע איר קרוב, וועמען דער קאַפּיטאַן האָט געדאַרפט שענקען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. דער קאַפּיטאַן האָט באַטראַכט דעם טלית, באַוווּנדערט דאָס געוועב פון דעם שטאָף, געוואָרן אַנטציקט פון דער גאָלדענער עטרה און צוגעזאָגט דער אָרעמער פרוי, אַז ער וועט איר בקשה דערפילן. יענער עפּיזאָד האָט אין דעם מאַטראָז אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקע נייגיריקייט צו יענע מענטשן וואָס טראָגן טליתים. ער האָט אויך גענומען אינטערעסירן זיך מיט פרומע יידן, געוואָלט וויסן זייער אַרט לעבן. די אינפאָרמאַציע האָט אים איבערצייגט, אַז טראַדיציע־יידן זענען נישט בלויז עקזאָטיש־אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט — נאָר אַז זייער אַנדערשקייט איז אַ רעזולטאַט פון אַ פיינפולן, יסודיסדיקן לעבנסגאַנג דורך טויזנטער יאָרן. איין אינפאָרמאַציע האָט געפירט צו דער צווייטער, און אונזער מתים קאַפּיטאַן האָט גענומען שטודירן דעם יידישן גלות. זיינע דערוואַרבענע קענטענישן האָבן אים פאַרוואַנדלט, — פון אַ קאַלטן טרוקענעם גוי — איז אַ הייסן יידנ־פריינט. ער איז געוואָרן אַן אָנהענגער פון די יידיש־נאַציאָנאַלע שטרעמונגען. אַלס „צוריקגעצויגענער" זייענדיק אויף דער פּענסיע ביים אָנקל „סעם", האָט ער מיט אייפער גענומען נאָכציילן אַלע עוולות וועלכע מ'איז באַגאַנגען קעגן יידישן פאָלק.

ער האָט רעגיסטרירט ווי אַ פּלייסיקער בוכהאַלטער, אַלע געבראָכענע הבטחות, אַלע צעטראָטענע דעקלעראַציעס, אַלע פאַראָטענע אָפּמאַכן.

דער אומקום פון 6 מיליאָן יידן האָט אויך אַנטשיידנדיק געווירקט אויף זיין סטאַנשן לעבענסקוק. און אונזער רואיקער נאַרוועגער וואָס האָט קינד־ווייז געלעבט אַרום די קאַלטע פיאָרדן אין זיין היימלאַנד, איז איצט געוואָרן אַ היציקער גוי. ער האָט גענומען מאַנען גערעכטיקייט פון די אומגע־רעכטע...

נישט צו דעם מין ווייניקער אינטערעסאַנטע מאַטראַזן געהערט אויך דער פּאָליאַק אויגוסט לאַבאַטשעווסקי, וואָס זיין מוטער איז געווען אַן איטאַליענערין, און ער האָט שוין געוואָגלט אַרום אויף שיפן 1 יאָר צייט, אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ יידישער געגנט און אַלע זיינע חברים זענען געווען יידן. ער האָט זיך אָנגעהערט אין אַלע וועלט טיילן מיט יידישע צרות. און ער זאָגט: איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס מפלאגט די יידן! און זיין פּאַראָל איז — „פאַרייניקט האַלטן מיר זיך, צעטיילט וועלן מיר פאַלן"... איך וויל נישט צוריקגיין קיין אַמעריקע. איך באַטראַכט איצט פונעם מאָמענט ווי איך האָב אויפגעטרעטן אויף דער שיף, — ארץ ישראל פאַר מיין ניי היימלאַנד. איך בין: אַ פאַרמער, אַ סטאָליאַר, אַ שמידט, אַן אייזנ־בויגער, איך וויל אַרבעטן פאַר ארץ. די דאָזיקע ווערטער שרייבט. ש. איזבאַן האָט געזאָגט אויגוסט לאַבאַטשעווסקי אַ שייגעץ אַ פּאָליאַק — וואָס זעט אויס ווי אַ פּיראַט, 29 יאָהר אַלט געבוירן אין דזשוירזי, ער טראָגט אַ געפלאַכטענעם שטריק אַרום די לענדן און אַ מעסער אין גאַרטל. די שניטן אויף זיין רויטלעכן פּנים, די אונטערגעשווירענע האָר ווי ביי אַ רוסישן מוזשיק — גיבן צו זיין אויסזען נאָך מער רויקייט. און ער מאַכט דעם ערשטן איינדרוק אַז ער וואָלט געקאָנט זיין אַן אַנטיסעמיט, אַ ברידער פון די פּאָליאַקן פון פּשיטעק און קיעלץ...

צו די קוריאָזיטעטן געהערט אויך הוגעל מעק — וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין סאַן פראַנציסקאָ מיט 26 יאָר צוריק אַ קאַטאָליק, געענדיקט די הייסקול, געלערנט אין סטענפאָרד־אוניווערזיטעט, אין קאַליפאָרניע, שפּעטער איז ער געגאַנגען אין האַוואַרדער יורידישן פאַקולטעט. געאַרבעט ווי אַ רעפּאָרטער פאַר אַ פּראָווינצ־צייטונג, זיין פאָטער אַן אירלענדער, זיין מוטער פון סקאָטלאַנד, זיין שוועסטער אַ קאַטאָלישע נאָנע. צו 26 יאָר האָט ער זיך ערשט דערוווסט אַז ס'איז פאַראַנען אַ פאָלק וואָס ווערט גערודפט...

דער דאָזיקער מאַטראָז איז אַ הויכער, רויטער 6 פוסיקער יינג. זיין פיגור — אַ בייזע, גרויס. ער איז אָנגעשאָטן מיט שפּרינקלעך פון קאָפּ ביז

פיס. דאָס פנים מיט רויטע פלעקן. די אויגן קליינע ווי ביי אַ קאַלמיק, זיין נאָמען איז הוגעל מעקדאָנאַלד. ער איז אַן אירלענדער ביזן בלוט און ביין.

אויפן ערשטן קוק דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ פאַרשוין פון דער אונטער־וועלט. דאָס האַלב־נאַקעטע רויט־באַוואַקסענע לייב מיט דעם קינזשאל ביי דער זייט — פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם איינדרוק, אַז דער פאַרשוין באַלאַנגט אויף יענער זייט פון דעם אנטשטעגדיקן מענטשלעכן מין...

אָבער דער ברוטאַל־אויסזעענדיקער מעקדאָנאַלד איז אַ סטודענט, אַ האַוואַרד ־קאָלעדזש־באָי, וועלכער האָט פאַרוואָרפן דאָס לערנען צוליב אַ שגעון — ער וויל פירן מעפילים קיין ארץ ישראל.

אין יאָר 1936 האָט מעק זיך ערשט דערוווסט אַז ס׳איז פאַראַנען אַ פאָלק אויף דער וועלט, וואָס ווערט גערודפט און געפייניקט. ביז דאַמאָלט האָט ער פאַקטיש נישט געוווסט, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ באַזונדערע אומה, וואָס הייסט יידן, אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ פראָבלעם, ווי אַ יידן־פראַגע. מעק האָט נישט פאַרפעלט צו דינען דער מוירטשענט־מאַרינע נאָך פאַרן קריג, ווי ער האָט זיך אנגעשטויסן אויף פאַרשיידענע אינצידענטן. נישט זעלטן האָט ער געזען אויף זיינע רייזעס ווי מען דיסקרימינירט יידן. מעק דער צוקינפ־טיקער אַדוואָקאַט, דער גריבלער, אין געזען, האָט דאָס נישט באַנומען. עפּעס האָט אין אים רעוואַלטירט... ווען מעק איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה, איז ער געווען אנטוישט. געמיינט אַז דער בלוטיקער קריג וועט אויך געווינען אַ שלום פאַר דער שארית ישראל. עס איז שוין געווען לאַנג נאָך די „נירנבערגער געזעצן“, און מיטאַמאָל — קאָנצענטראַציע־לאגערן אין ציפערן, יידישע מעפילים־שיפן ווערן צוריקגעשיקט פון די האַפנס. און מעק האָט באַשלאָסן אַריינצוטרעטן און קעמפן אין דעם יידישן פלאָט... ער האָט געזוכט קאָנטאַקט מיט דער יידישער יוגנט־באַוועגונג.

מעק ווייסט אַז זיין מאנשאפט איז די בעסטע. ער פילט נישט, אַז ער איז אַ גוי צווישן יידן. מעק געדענקט אויך, אַז זיין שוועסטער, די קאַטוי־לישע נאָנע, האָט אים געהייסן זיך לאָזן אויף דער וויטער יידישער נסיעה...

צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע געהערט אויך דער גלח פון באָסטאָן וואָס האָט זיך אונטערגענומען פרייוויליק מיטצומאַכן דעם וועג פון די מעפילים ווי אַ קריסטלעכער באַאָבעכטער. דער דאָזיקער גלח איז אַן אויס־טערלישע דערשיינונג אויף דער שיף, ער איז נישט קיין פאסאזשיר, און ער איז נישט פון דער מאנשאפט, ער איז צומאל נישט קיין ציימונגס מענטש, וועמען די אַמביציעס טרייבן דורכצומאַכן אַזאַ אונטערגרונד־עקס־

קורזיע. ער איז געווען אַ גלח, אַן אַקטיווער טוער אין דעם קריסטלעכן
קאָמיטעט פאַר אַ יידישן ארץ ישראל. זיין אויפגאַבע איז מיט די אייגענע
אויגן צו זען — דעם מארש פון די מעפּילים קיין ארץ ישראל, כדי דערנאָך
צו קאָנען דערציילן פאַר דער קריסטלעכער וועלט וועגן דעם וועג פון
פּיין אויף וועלכן עס זענען געגאַנגען די רעשמלעך פון ישראל, וואָס זענען
נישט אויפגעגעסן געוואָרן פון די פייערן פון מיידאַנעק און אושוויץ.

עס מוז דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער ט. טשיקאָ מאָנטער לאַלאָ — אַ
פיליפּינער וואָס האָט באַדינט די מאַנשאַפט פון דער אומלעגאַלער שיף נישט
צוליב שכר — נייערט מחמת טיפע ליבע צום אייביק געמאַרטערטן פאָלק.

עס איז לחלוטין נישט געווען קיין גרויסהאַלטעריי, אָדער וועלכער
ס׳איז מין אפּעריסטיש־קאַריערסטישער חשק פון אוואַנטוריסטן
מיטצוגיין דעם „גאָלגאָטאָוועג" פון די אויסגעוואָרצלטע פּליטים; נייערט
טיפע איבערגעגעבענע מענטשנליבע פון גוטע גויים — וועלכע האָט אויפ־
געפלאַקערט אין זייער האַרצן אַ דאַנק דער אוממענטשלעכקייט פון דער
פאַרדאַרבענער וועלט צום אייביק ליידנדיקן און אומזיסט פאַרפאָלגטן ייד.

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן: אַז איזבאַנס בוך איז אַ הימל־
שרייענדיקער צייט־דאָקומענט פון די אַלע עוולות און געמיינקייטן, וואָס
זענען באַגאַנגען געוואָרן לגבי די יידן נאָך דער גרעסטער געשיכטלעכער
מערדעריי, וואָס ס׳איז די קאַניבאַליסטישע גערמאַנען געלונגען צו
אינסצענירן פאַר דעם אייראָפּעאישן יידנטום.

מיט אַ קינסטלערישער אויסגעהאַלטנקייט פאַרשטייט איזבאַן צו שיל־
דערן די אַלע הכנות וואָס זענען געמאַכט געוואָרן ביז צום אפּגיין פון דער
„אומלעגאַלער" פּליטים־שיף, דערנאָך די געפילן און איבערלעבונגען־פונעם
קאַפּיטאַן, מאַטראָזן און פּאַסאַזשירן. זייער טויט־שרעק און שמחה בעתן
דערשפּירן די נאָענטקייט פון שונא... די פעלזנפעסטע אמונה אַז זיי וועלן
פאַרט זייער צול דערגרייכן; און צום סוף די אנטוישונג מיט דער טרויערי־
קער באַהאַנדלונג פונעם פאַרפאַלגער...

ליידער, — די זעלביקע וואָס האָבן געשאַפן די באַלפור־דעקלעראַציע,
האָבן אויך געשאַפן די סטרומא, פּאַטריא, דאָס ווייס־פּאַפּיר, מיט דער
ציפערס איבהזל און די פעסטונגס־טורמע־עבו...

מען ווערט פּשוט אויפגעשוידערט און גערירט ביז טרערן — ווען ש.
איזבאַן גיט איבער דעם מאָמענט: ווען אַ שיף מיט 2,000 מעפּילים וואָס
וואַגלט און וואַלגערט זיך שוין וואָכנלאַנג אַרום אויפן ים; בעת דער קאַפּיטאַן
די מאַנשאַפטן וואַרטן אויף דעם קאַבעל פונם ראַדיאָ־סיגנאַליסט... און
ענדלעך קומט דער באַפעל פון ערגיץ אין דער וועלט: איילט אייך גלייך

קיין ה׳...

ס׳וואָלט פּשוט צו ווייט פאַרפירט אויף איבערצוגעבן די אַלע גרויסע מאָמענטן, וועלכע ש. איזבאַן האָט אויף אַ גאַנץ איינפאַכן אופן אַזוי דער־הויבן אַרויסגעבראַכט. און דאָס האָט נאָר גורם געווען זיין געטרייע און ערלעכע איבערגעגעבנקייט. קאַלירפול און שטאַרק איז אויך דער מאָמענט — ווי אַלע מעפּילים ווערן אויפן שיף אַרויפגענומען, און דאָס צעגויפּטרעפן זיך פון פאַרשיידענע טיפן און זייערע איבערלעבונגען...

ס׳איז פּשוט אוממעגלעך איבערצוגעבן די אַלע מאָמענטן.

עס טאָר אָבער אויך נישט פאַרשוויגן ווערן דער מיס־אַ־קאָרד וואָס ש. איזבאַן האָט אַריינגעבראַכט אין דעם באמת האַרציק און ערלעכן בוך — ווען ער דערציילט וועגן אַ יינגן פאַסאַזשיר אַ „יליד־הארץ״...

הערט זיך גוט איין — „אין 1925 זענען זיינע עלטערן געקומען פון פּוילן קיין ארץ, אין 1920 איז ער געקומען אויף דער וועלט, אין 1929 איז אין ארץ ישראל געווען אַ קריזע,אָבער יידן וואָס קענען אויסהאַלטן קריזיסן אין פּוילן, רומעניע, אין גלות פראַנקרייך, האָבן נישט קיין געדולד געהאַט צו איבערוואַרטן דעם קריזיס אין ארץ ישראל... און זענען אין איילעניש צוריקגעקומען אין „מדינת־גראַבסקי. אין 1943 זענען די עלטערן געגאַנגען אין טרעבלינקע, אין 1947 איז דער יתום צוריקגעפאָרן, אָן קיינעם אויף דער וועלט, קיין ישראל״...

דאָס מיינט אַז די עלטערן פונם אָרעמען יתום האָבן זיך זער פאַרזינ־דיקט, נישט געטאָרט אַנטלויפן פון דעם ארץ ישראל קריזיס, נאָר געדאַרפן ווייטער צו קוקן, כדי צו קענען וויסן וואָס וועט קומען...

האָבן דען דעם אָרעמען יתומס עלטערן געקאָנט אָנען אָדער וויסן, דאָס וואָס אונזער געשעצטער מחבר האָט נאָך דאַמאָלט אַליין נישט געאַנט און געוווּסט ?...

לכן, האַלט איך — אַז די שטאַרק אַקצענטירטע באַמערקונג וואָס ש. איזבאַן האָט געוואָלט מאַכן מיט דעם צוריקפאָרנדיקן יתום פאַר די דאַמאָל־סטיקע אַראַבישע איבערפאַלן אויף ישראל, פאַר אַ פאַלטש קלינגנדיקן אַקאָרד — אין דעם עכטן יידישן בוך.

איך האָב מיטגעפיבערט מיטן מחבר ווען ער האָט געשילדערט : ווי אונזערע עלנדיקע ברידער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די גאַז־קאַמערן און קאַנצענטראַציע־לאַגערס און זיך געלאָזט אויף אומלעגאַלע שיפן צו שפּאַלטן ימים, אבי נאָר צו דערגרייכן זייער ציל, — צו געפינען אַ מקום מנוחה אין ארץ ישראל.

עס איז אויך זער כאַראַקטעריסטיש ווי איזבאַן האָט אונז געוויזן די

פריערדיקע ענגלישע תפיסות, וואָס די יידישע שמאכטנדיקע אידעאַליסטן האָבן איבערגעפילט, מיט די פריערדיקע שאטראַפן מיט זייער באַציאונג צו די אַרעסטאַנטן, און גלייכצייטיק אויך די דאָזיקע אַרעסטאַנטנס געהויבענע מאָראַל, דער מוט, זייער אויסדויער מיט דעם הומאָר און אָפּטמאַל אויך די איגנאָראַנס צו דער ברוטאַליטעט און קאָרופּציע, וואָס האָט דאָרט געהערשט אין די שענדליכע תפיסות. איזבאַן באַווייזט די טרויעריקע תפיסה־באַהאַנדלונג, — נישט אין אַכטנעמענדיק אייניקע דעטעקטיווס אַנטשולדיקונגען, דערקלערט ער זי פאַרט אַלס אַ נקמה־אַקט: פאַר דעם אויפרייס פון דער „עבו־פעסטטונגסטורמע”, וואָס איז אָבער געווען אַזוי אומבאַרעכטיקט געווען — ווי אומבאַרעכטיקט עס איז געווען צו פאַראורטיילן מענטשן וואָס האָבן עס נישט געטון...

און איזבאַן דערציילט אונז ווייטער אַז די קאַסט, וואָס מען האָט געגעבן צו די אַרעסטאַנטן איז געווען שלעכט, און זייער קוואַטיר אויף אַ האָר נישט בעסער.

עס מוז באַמערקט ווערן, אַז איזבאַן איז נישט סענטימענטאַל, און דאָס איז אַ גאָר גרויסע מעלה פאַר יעדן שרייבער. דאָס בוך איז אַ טרויעריקער צייט־דאָקומענט, וואָס וועט פאַרבלייבן אויף לאַנגע דרות; וויאַזוי אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־רעגירונג האָט אונז באַהאַנדלט...

מרדכי שטריגלער

אין אמתן געזאָגט דערוועקן זיך געמישטע געפילן נאָכן פאַרענדיקן דאָס בוך „אין אַ פרעמדן דור״, לידער און פּאָעמעס פון מ. שטריגלער. פון איין זייט: אַזוי פיל עלנט, נויט, שווידער, אומקום און פּיין — פון דער אַנדערער זייט, דער געוואַלטיקער איבערמענטשלעכער כוח דאָס אַלעס נאָך צו וועלן און קאָנען באַשרייבן.

אָבער אפילוביים גרעסטן רעספּעקט צו די אַלע צוריקגעבליבענע שרייבער־קדושים, וועלכע האָבן געהאַט דאָס גרויסע גליק געראַטעוועט צו ווערן פון דעם מאוימדיקן גיהנום, און דאָס ביטערע אומגליק זיך צוצוקוקן צו אַלע פּייניקער, און הילפלאָז פאַרפּייניקטע — טאָרן מיר דעם אמת נישט פאַרהוילן, נאָר טאָפּלט זיין געדעכט און ערלעך.

ווייל עס איז נישט אַזוי — אַז אפילו די שווידערדיקסטע און בלוטיקסטע איבערלעבונגען זאָלן זיין ביכולת גרויס און הייליק צו מאַכן דאָס געשריבענע וואָרט; נאָר פאַרקערט: דאָס גרויסע דיכטערישע וואָרט מאַכט תמיד הייליק און פאַראייביקט אפילו די קלענסטע איבערלעבונגען...

דאָס שליסט אָבער לחלוטין נישט אויס, אַז גרויסע איבערלעבונגען זאָלן אויך קאָנען משפּיע זיין אויפן וואָרט פונם קינסטלער נאָר פאַרקערט — אויף אַן אמתדיקן קינסטלערס ווערק זיינען משפּיע זיינע איבערלעבונגען, נאָר פאָראויסגעזעצט: מוז עס אַ קינסטלער זיין, דעמאָלט איז עס „הא בהא תליא״.

מרדכי שטריגלער איז אַ דיכטער בלי שום ספק, אָבער ער הויבט אָן זיין לידער־בוך מיט שוואַכע לידער, און פאַרענדיקט מיט שוואַכע לידער.

און ווען ס׳וואָלט זיך דאָרטן נישט געפונען דער ציקל לידער „פון אונ־זערע טעג״ — וואָלט דאָס בוך זיכער נישט געווען פון גרויסן ווערט, נאָר אַזוי זיך סתם מיטלמעסיקע לידער, פון אַ מיטלמעסיקן דיכטער.

עס זיינען לידער וועלכע באַזיצן אַ סך מאָל אפילו יאָ פאַרב, קלאַנג, געפיל און זין, אָבער נאָך ווייט נישט די גרויסע קינסטלערישע אָריגינאַלי־טעט, אַז זיי זאָלן זיין ביכולת אַדורכצוברעכן דעם גדר פון מיטלמעסיקייט.

די פּאָעמע „אַ לעבן אַזוינס״, ציט זיך לאַנגווייליק, דער ריטם הינקט אונטער, דער גראַם איז נישט אָריגינעל, די שפּראַך נישט זאַפטיק גענוג פאַר דער פאָלקסטימלעכער טעמע, דער סטיל אַ פרימיטיווער, כמעט רוי,

דער אינהאַלט נישט אינטערעסאַנט, און בכלל די גאַנצע ווערזיפיקאַציע אַ מאָנאָטאָנע...

דאָס זעלביקע קאָן מען כמעט אויך זאָגן אויף די אַנדערע צוויי פּאָעמעס: „פון מיין שטעטל״ און „ר׳ אפרימקע איז עולה קיין ארץ ישראל״.

ווו נישט ווו געפינען זיך אפילו יאָ אָריגינעלע עכטע שורות, וועלכע טוען אַ בליאַסק אַרויס פון דער מיטלמעסיקייט, אָבער באַלד ווערן זיי ווידער פאַרדעקט מיט וואָלקנס פון גרויען מאָנאָטאָניזם...

נישט פיל אַנדערש, ווי שוין פריער באַמערקט, איז עס אויך מיט דעם ציקל לידער „מיט זיך אַליין״ וואָס דער דיכטער שליסט אָפּ דאָס בוך מיט זיי.

עס איז אַ מין ליריק, אַן אומעטיקע, אַ גרויע, אָן טיפן ליריזם... ס׳זיינען רעמיניסצענצן נאָכוויינען, נאָך אַ גרויסן שטאַרקן און שוידערדיקן ווייטיק, — אָבער נישט דער אוממיטלבאַר דערשיטערנדיקער ווייטיק גופא...

דוכט זיך דער זעלביקער דיכטער, וואָס באַנוצט די זעלביקע שפּראַך־טערמינען, וואָס ער האָט באַנוצט אין די פּאָעמעס „פון אונזערע טעג״, און כמעט אויך די זעלביקע טעמעס; אָבער פאַרט נישט די זעלבע עמאָציעס, בילדער און וויזיעס...

עס פעלט פשוט דער טיפער דיכטערישער שוווּנג, דער גרויסער כוח און דאָס דערהויבענע וואָרט, וואָס זאָל קאָנען אויך די אַנדערע לידער דער־הויבן צו דער געוואַלטיקער איבערלעבונג, וואָס דער דיכטער האָט איבער־געליטן בעת ער האָט זיך געפונען אין דעם טייוולאָנישן גיהנום...

אָבער אין גרויסע מעלה באַזיצן יאָ אפילו די שוואַכע לידער פון שטריגלערן — און דאָס איז זייער עכטקייט.

ווי שטריגלער זאָל נישט זיין, וואָס ער זאָל נישט זינגען און זאָגן איז ער תמיד ערלעך און עכט. ער זשאָנגלירט נישט מיט קיין ווערטער, בילדער, באַגריפן און געפילן, נייערט ער גיט זיך אַזוי ווי ער איז; דאָס מיינט — ער ווייזט אָן וועלכע ס׳איז קונצן, וואָס ער קאָן, און וואָס ער וויל, און דאָס אַליין איז דווקא נישט קיין קליינע קונסט... שטריגלער איז אַן ערלעכער דיכטער. מעגלעך אַז דער גורל זיינער האָט דאָס אים אַזוי אויסגעלערנט צו זיין, נישט קיין נפקא־מינה, אַזוי איז ער...

צו קומען דאָ מיט ציטאַטן איז פשוט נישט מעגלעך, מחמת כמעט אַלע זיינע לידער שפּרודלען מיט דער ספּאָנטאַנער ערלעכקייט און עכטקייט...

אָבער ווי איך האָב עס שוין פריער באַמערקט איז שטריגלער אַ גאַנץ אַנדערער אין זיין ציקל לידער „פון אונזערע טעג״, וועלכער באַשטייט פון 10 פּאָעמעס. אין די לידער גיסן זיך צענויף די דריי עלעמענטן פון עפּיק, ליריק און דראַמאַטיק און בילדן אַ געוויסע האַרמאָניע...

און לייענסטו זיי, פאַרגעסטו אָפּט אַז דאָס זיינען לידער, נאָר עפּעס אַ מין שוידערדיקע רעליקוויע, בייע סליחות, קינות אויסגעמישט מיט פּיוט און תהלים...

זיי געהערן צו אַלע אונזערע הייליקייטן ווי די וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון קאַצענעלסאָן, סוצקעווער, גראַדע, שולמאַן, געבירטיג, מאַרקיש, פּעפּער און נאָך פיל אַנדערע.

ווען מיר רעדן וועגן די דיכטונגען וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן נאָך אונזער גרויסער קאַטאַסטראָפע, מוזן מיר מאַכן אַ שטאַרקן אונטערשיד צווישן דער פּאָעזיע און פּראָזע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין געטאָ גופא, און מחוץ לגעטאָ, דאָס מיינט פון די שרייבער וועלכע האָבן דעם אומקום איבערגעלעבט פיזיש, און די שרייבער וועלכע האָבן דעם אומקום איבער־געלעבט גייסטיק...

עס איז קלאָר אַז פון בײדע מינים שרייבער און דיכטער איז אַ סך גע־שאַפן געוואָרן אויף דעם דאָזיקן געביט.

מעגלעך אַז דאָס איז דערפאַר ווייל מיר לעבן נאָך אין דעם פּעריאָד, אין וועלכן דער אומגליק האָט פּאַסירט, און עס דאַרף נאָך נעמען אַ שטיק צייט, ביז מיר וועלן קאָנען אָפּשאַצן די לידער נישט באַאיינפלוסט פון די מאָרימ־דיקע פּאַסירונגען...

די נישט אין געטאָ געשאַפענע לידער קאָנען זיין געשליפן, געוויגן און געמאָסטן, די אַנדערע זיינען אָבער דאָס רוב נאָך רוי, כאַאָטיש, אָבער דער־פאַר דאָס נאַקעטע לעבן אַליין. אין זייער יעדן אות און וואָרט וויברירט פאַרבאָרגן דער שטומער ציטער פון אומקום, און דער געוואַלטיקער דראַנג צום לעבן... אפשר טאַקע דערפאַר זיינען זיי אונז נאָנטער, הייליקער און טייערער.

דאָס זעלביקע איז אויך מיט מרדכי שטריגלערס לידער און פּאָעמעס. זאָל זיין אַז אַ סך פון זיי זיינען נישט מער ווי נאָר בלוטיקע כראָניק, שוידער־דיקער רעפּאָרטאַזש און נאַקעטע אָבסערוואַציע, אָבער אַזעלכע צאַפּלדיקע שטיקער לעבן קאָנען נאָר דיכטער פאַר אונז מגלה זיין, וועלכע האָבן עס אַליין פיזיש איבערגעלעבט און איבערגעליטן, נישט גייסטיק רעפּראָדוצירט.

און ווען שטריגלער רעדט צו אונז אין זיינע פראַגמענטן: „צו די וואָס זיינען נאָך נישט געבוירן" — פאַלן זיינע ווערטער אויף אונז ווי אָנגעגליטע שטיקער לאַווע און ברענען זיך טיף אין האַרצן אַריין. און מיר נעמען אויף מיט שוידער און קדושה זיינע רייד:

> כ׳פיל אייך נאָך אין זיך, ווי איר ריזלט אין מיינע בלוטן,
> כ׳הער אייך, און כ׳חיל אייך עפּעס שרייבן זאָגן, —

יוסף הלל לעווי

כ׳װיל פאַרענטפערן זיך, פאַרטיידיקן און אָנקלאָגן,
כ׳הייב אָן . . . און פאַרליר זיך אינדערמיטן . . .

קינדער, קינדער ! מקנא בין איך אייך און באַדויער אייך דערביי !
װייל װאָס קאָנט איר דען װיסן ? װאָס קאָנט איר דען זען און הערן
אַז ביי אייך װעט דאָס לעבן זיין אָנגעשטעלט װי אַ רעדל ;
צו דער צייט די פרוי . . . צו דער מינוט די טיי . . .

איר װעט לעבן און ניט װיסן די שטעכיקע אייביקייטן פון אַ מינוט
אַזוי װי מיר . . . אַ לעבן אַדורכצוטראָגן דורך פייער און קויל,
סעקונדן אַזעלכע אין פיבער, אַדורכגעשװידערטע אין גרויל, —
צװישן בליי־בייטשן און דעם נאָנטסטן חברס בלוט . . .

הויכע צייט־גרענעצן שטייען און פאַרשטעלן אַלץ פאַר אייך,
און נישט איר קאָנט עס װיסן, און נישט איר קאָנט עס פאַרשטיין ;
ביי אייך איז נאָרמאַל ס׳עסן, און ביי אייך איז גלאַט ס׳געװיין,
און דאָס לעבן פליסט זיך רואיק — װי אַ שטילער טייך . . .

און מיר, הינט זענען מיר געװען ! מיט אויסגעשטרעקטע צונגען,
און ברויט־ביסנס האָבן מיר אַדורכגעפירט דורך טעג פול שגעון . . .
און רעדן ? — אַלץ מיט געשריי ! מיט געבריל אין טאָן,
אויפגערודערטע פון קלעפ, פון װייטיק, פון הונגער . . .

שװער איך אייך קינדער אַז כ׳װעל אייך דערציילן, אַז כ׳װעל אייך לערנען,
נעמען װעל איך מיין לעבן — פאַפירן דערפון מאַכן און אייך עס אַריבערװאַרפן,
װייל אַמאָל װעט קומען אַ צייט װען איר װעט װיסן באַדאַרפן :
פון לאַגערן, און פון טייװלאָנים אַזעלכע אין זעלנערשע קאַזאַרמען . . .

נישט ווייניקער עקספּרעסיוו און עמאָציאָנעל איז אויך די פּאָעמע „אַ וועלט גייט אונטער“. דאָרטן נעמען אָן לשון אַלע חפצים פון חדר, — און זיי רעדן מיט אַ מיסטעריעזער שפּראַך . . .

עס רעדט : דער טיש, דאָס בענקל, דער שראַנק מיטן בעט, די סאָפע מיט די קליידער, דער אויוון מיט די טעפּ, גאָפּל מעסער מיט די טעלער ; אַלעס, אַלעס רעדט, אפילו די שאָטנס פון די ווענט רעדן, מיט דער פּוסטער שטילקייט פון די ליידיקע חדרים . . . יאָ, אַלעס רעדט — מיט עפּעס אַזאַ מין שווידערדיקער שפּראַך, וואָס פאַרפאָלגט דיך פּשוט ביז צום וואַנזין . . .

ס׳האָבן איצט מאָטלען אַלע אין שטוב דערקענט, —
די בעטן און די סאָפע, די אויסגעקאַלעכטע װענט . . .
אַלע האָבן באַקומען איצט לשון און געהער,
אַלע רייסן זיך צום װאָרט צו דערציילן װאָס מער — — —

פאַר דעם איינציקן װאָס איז נישט געװען דאָ און צוריקגעקומען...
פון װאַנען האָבן טעפּ און קליידער אַזוי פיל לשון גענומען?!
אַזוי װי זיי — די װאָס מ׳האָט געשלעפּט אין שרעק,
װאַלטן זייער שפּראַך דאָ געלאָזט אין פאַרשטעק...

און אַליין אַװעק מיט דער שטומקייט אויף די ליפּן — — —
אויף די טעלער איז געבליבן אַ רעשטל פון מיידליש כליפּן...
אויף דער קאָמאָד ליגט אַ היימישער ניט דערשריבענער סוד,
בלויז דער אָפענער סידור טענהט זיך אויס מיט גאָט...

די זעלביקע דיכטערישע װאָרקייט ציטערט כמעט אין אַלע פּאָעמעס, אָנגעהויבן פון די שורות: „צו די װאָס זיינען נאָך נישט געבוירן", „אַזוי איז עס צוגעגאַנגען", „און אַזוי האָט אַ שבתדיקע עדה אַװעקגעשפּרייזט צו גאָט", „אין טאָג פון אומגערעכטן משפּט", „דער לעצטער ייד אין געטאָ", „שלמה דער סטאָליער דערציילט", „צו אייך הונגעריקע און שקלאַפן מידע", ביז צו דער פּאָעמע „אַ מענטש איז זיך מתודה".

עס זיינען פאַרשידענע בילדער, מיט פאַרשידענע אינהאַלטן, און איבער־לעבונגען, — נאָר אין די אַלע לידער שטראָמט דאָס זעלביקע בלוט, דאָס הייליקע בלוט, פון הילפלאָזיקייט און מאַרטירערשאַפט, פון רעװאָלט און פּראָטעסט, פון צער און צאָרן, פון חוזק און אמונה, פון פאַרצװייפלונג און לעסטערונג...

אָבער יעדער זילב, יעדעס װאָרט און שורה קלינגט װי אַ װידוי־תּפילה, אָדער אַ קדיש פון אַ גרויסן ריינעם צוריקגעבליבענעם מאַרטירער, פאַר נאָך אַ גרעסערן און ריינערן, מאַרטירטן...

געװיס דערמאָנען אייניקע פּסוקים, בילדער און עפּיטעטן אָן ביאַליקס „שחיטה־שטאָט", אָבער דאָס נעמט נישט אַװעק זייער שטאַרקייט און שטריג־לערס אייגנאַרטיקן נוסח... הגם דער אינהאַלט פונם דאָזיקן פּאָגראָם־ליד איז אַלט װי דאָס יידישע גלות — איז דער קלאָג לײדער תּמיד ניי...

און דו לייענסט דאָס װוּנדיקע בוך, כאָטש דו האָסט עס מורא צו לייענען... דו װאָלסט געװאָלט אַנטלויפן דערפון, אָבער עס יאָגט דיך נאָך, און שמידט דיך אין זיינע גיהנומדיק ביטערע פּיינען...

שטריגלערס פּאָעמעס װעלן פאַרבלייבן נישט נאָר װי מצבות נאָך אַ גרויסן אומגעקומענעם דור — נייערט װי אַן אייביק לעבעדיקע מאַנונג און דראָאונג: נאָך פאַרגעלטונג, אַ רוף נאָך יושר און אפשיי צו שנאה, אַ פּראָ־טעסט קייגן מאָרד און שדימדיקער װאַקכאַנאַליע... װאָס עס איז געװען פּעאיק צו באַגיין, — דער אונמענטש אין מענטשן אַקייגן אַ שװאַכערן מענטש פון אים...

אין דעם בוך שפיגלט זיך אָפּ נישט נאָר בלויז אונזער בלוטיקע הילפּ־לאָזיקייט אַליין, נייערט אויך דער וואַנזיניקער באַגער נאָך גנבה, גזלה, רציחה פון דייטשן איבערפאַלער, מיט דער מישטיינסגעזאָגטער הילפס־באַרייטקייט פון אונזערע גויאישע שכנים — מיט וועלכע מיר האָבן הונדער־טער יאָרן צוזאַמען געלעבט און געליטן...

איך גלויב אַז שטריגלער האָט געהאַט דעם כוח אויסצוזינגען דאָס מאוימדיקע אומקום־ליד פון זיין פאָלק, — וועט ער אויך זיין בכוח אויסצו־זינגען דאָס ליכטיק־גרויסע ליד פון זיין אויפקום?...

וואַרשע

דער סימבאָל פֿונם יידיש־שעפֿערישן לעבן אין פּוילן איז געווען דער „פֿאַראיין פֿון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן" אין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע 13. דאָרטן פֿלעגט פּולסירן מיט פֿולער קראַפֿט דאָס גייסטיקע לעבן פֿונם יידישן קינסטלער. שיינע, זויבערע, ליכטיקע צימערן (אַפֿילו אין אַ גאַנץ באַוועגטן קוואַרטאַל). אָבער ווען דו האָסט נאָר דאָרט די שוועל איבערגעטרעטן, האָט דיך באַלד עפּעס אַ מאָדנע וואַרימקייט אַרומגענומען. די ווענט זיינען געווען דעקאָרירט מיט סקיצן, בילדער, שטיל־לעבנס און פּייזאַזשען פֿון פֿאַרשידענע קינסטלער. אין אַ חדר מיוחד איז געזעסן דער סעקרעטאַר פֿונם פֿאַראיין, מלך ראַוויטש, וועלכער האָט פֿאַרלאָזן אַ גוטן פּאָסטן אין דער ווינער אוניאָן באַנק אַלס סעקרעטאַר, און געקומען קיין וואַרשע זיך צעגויפֿלעבן מיט דעם עלעמענט פֿאַר וועלכן ער האָט געשאַפֿן. און אָט טאַקע מיט דער פּרעציזקייט, דיסציפּלינירטקייט און קאָרעקטקייט, וועלכע ער האָט אין אַ גרויסער מאָס באַזעסן, האָט ער אויך באַלעבט דעם וואַרשעווער פֿאַראיין פֿון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אויף טלאָמאַצקע 13. היימיש און אַנגענעם איז געווען זיך צו פֿילן אין די חברים־קינסטלערישע ספֿערן. אַרום אַ גרויסן טיש זיינען געזעסן די באַרימטע סקיצן־שרייבער און נאָוועליסטן: קאַגאַנאָווסקי, אַלטער קאַציזנע, אהרן צייטלין, י. י. טרונק, קאַדיע מאַלאַדאָווסקאַ, יוסף קירמאַן, י. רובינשטיין, פּאַפּיערניקאָוו, פּערלע, און בתוכם דער דאַמאָלטיקער פֿאָרזיצער פֿונם פֿאַראיין ז. סעגאַלאָוויטש. נעבן אַן אַנדערן טיש האָסטו ווידער געקענט זען זיצן די חברים: י. י. זינגער, באַשעוויס, זאַק, הערשעלע, ב. מייזעל, און דעם פֿיינעם טעאָרעטיקער, באַרימטן רעדנער און גלענצענדן פּובליציסט זרובבל מיט די חשובֿע געסט: דר. זשיטלאָווסקי, דר. י. שטיינבערג. אַרום ספּעציעלע טישלעך ווידער גרופּירט פֿאַרשידענע קינסטלער, מאַלער, מוזיקער, סקולפּטאָרן און שוישפּילער. איינער האָט דעם אַנדערן געוויזן זיינע אַרבייטן, מען האָט דיסקוטירט, געחקרנט, געאַמפּערט זיך, געלויבט, נתפּעל געוואָרן, און געשטריטן. אַז דו ביזט געווען צווישן דער כאַלאַסטרע, האָסטו דערפֿילט אַז דו ביזט ניט אַליין, עס זיינען דאָ נאָך חברה וועלכע דו פֿאַראינטערעסירסט, פּונקט אַזוי ווי זיי דיך. עס האָט זיך דאָרט אויך געפֿונען אַ זער גוטער און ביליקער בו־

פעט, ווו אַ שרייבער האָט געקענט מאַכן אַ גוטע כוסה און אָפּעסן אַ פיינעם מיטאָג. עס האָט דאָרטן אויך ניט געפעלט אַ שיינער פאָרטראַג־זאַל, אין וועלכן אַ שרייבער האָט געקענט פון צייט צו צייט אָפּהאַלטן אַ פאָרטראַג, אָדער פאָרלייענען זיינע זאַכן.

דאָרטן האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע יידישע אינטעלעקטואַלען, און עס זיינען געבוירן געוואָרן די שענסטע פּלענער אַרויסצוגעבן זשורנאַלן, צייטונגען, וואָכנבלעטער און זאַמל־ביכער, כדי צו פּלעגן, פאַרגרעסערן און אָפּצוהיטן דאָס שיינע, לעבעדיקע, יידישע וואָרט. מ׳קען ניט אָפּלייקענען אַז צווישן אַ סך חברים האָט אויך געהערשט קנאה, שנאה, אַ ביטול באַציאונג און אַנטאַגאַניזם. דאָס אָבער איז געווען נאָר אין פּריוואַטן לעבן, ניט אין פאַראיין . . . מחמת דער פּערזענלעכער אינטימער קאָנטאַקט פון די חברים האָט בטל געמאַכט אַלע ניט ריכטיקע אורטיילן און פאָראורטיילן . . . דאָרטן האָט מען זיך געפילט פאַרברידערט, אַלע פאַרפלאָנטערטע געפילן האָבן זיך אויפגעלייזט, ווייל יעדער איינער איז זיך באַוווסט געווען מיט זיין מיסיע, האָט געהאַט פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיך און פאַר זיין חבר. פאַרשטייט זיך אַז יעדער כלל האָט זיין יוצא מן הכלל. דאָס זיינען אָבער נאָר געווען געציילטע „אינדיווידיומס״ . . . דאָס האָט יעדער אויסלענדישער גאַסט געקענט תיכף ומיד אָבסערווירן, ווען ער האָט נאָר געהאַט דעם שאַרפן חוש און דאָס געניטע אויג דערפאַר. אָבער דאָס האָט אים ניט אָפּגעשטויסן, נאָר נאָך מער צוגעצויגן, מחמת ער האָט דערפילט די פאַרביקייט פונם דאָרטיקן שפּרודלדיקן לעבן . . . ווייל ווו עס איז דאָ לעבן מוז אויך זיין מחלוקת, קנאה, שנאה, די לעבנס דערשיינונגען זיינען כמעט ווי אונמעגלעך אויסגעמיטן צו ווערן, זיי עקזיסטירן ביי יעדן יחיד, אין יעדער פאַמיליע, און אין דער געזעלשאַפט . . . געוויס מוזן זיי געהאַלטן ווערן אונטער דער שטרענגסטער מענטשלעכער שול, קענען זיי ניט נאָר פירן צו דעסטרוקטיווקייט, נאָר צו קאָנסטרוקטיווקייט און פּראָגרעס.

און דער פאַראיין פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע 13 האָט געהאַט זיינע שטרענגע עטישע און מאָראַלישע גרעניצן צווישן חבר און חבר, און צווישן די חברים און דער געזעלשאַפט. מען קען ניט געבנוג מאָטיווירן די קוואַליקע שפּרודלדיקייט וואָס דאָרט האָט געהערשט, זי האָט זיך צעאָדערט און פאַרפלאָכטן אינם גאַנצן יידישן לעבן, סיי פּאָליטיש, סיי געזעלשאַפטלעך סאָציאַל, סיי ליטעראַריש־קינסטלעריש.

דאָרטן האָבן זיך אויך געפונען אַלע צייטונגען, זשורנאַלן, וואָכן־בלעטער, פּעריאָדישע שריפטן און זאַמל־ביכער. דו האָסט זיך דאָרט אויך געקענט צענויפטרעפן אַפילו מיט אַלע פּאָליטיש־פירנדע פּערזענלעכקייטן. פון

דאָרטן ביזטו תמיד אַרויסגעגאַנגען אַ דערפרישטער מיט נייע אַספּיראַציעס, מחמת דו האָסט דאָרט אַלעמאָל געפונען אָן אויער פאַר דיין ניי אָנגעשריבן ליד, סקיצע, דערציילונג, דראַמע אָדער עסיי. און ניט נאָר אַן אויער; ווען דיין נשמה איז הונגעריק געווען האָסטו דאָרטן געפונען אויך אַ פּאַנד וואָס האָט דיר פון נויטן אַרויסגעהאָלפן און דיך באַשיצט פון פאַרשידענע מכשולים און אָפּגעהיטן דיין כבוד. אָבער ניט נאָר דיין כבוד אַליין האָט טלאָמאַצקע 13 אָפּגעהיטן, נאָר אויך דיר כבוד פאַרשאַפט, מחמת דיין גרעס־טער כבוד איז געווען טלאָמאַצקע 13.

דאָרטן האָסטו באַגעגנט און זיך פאַרברידערט מיט אַלע גרעסטע יידי־שע פען־חברים פון דער וועלט. פון דאָרטן האָסטו געשעפּט חשק און ענערגיע צו דיין ווייטערדיקער אַרבייט. פון דאָרטן ביזטו אָנגאַזשירט גע־וואָרן אויף פאַרטראָגן און פאַרלעזונגען פאַר דער פּראָווינץ איבער גאַנץ פּוילן. מיט איין וואָרט: דאָרט אויף טלאָמאַצקע 13 איז געווען די שדרה פונם יידיש־קינסטלערישן לעבן, מחמת אַלע גייסטיקע שטראָמען האָבן זיך דאָרטן אַריינגעגאָסן, און גלייכצייטיק זיך ווידער פון דאָרטן צוריקגעגאָסן באַפרוכפּערנדיק דאָס גאַנצע יידיש־ליטעראַרישע לעבן.

עס לאָזט זיך שווער גלויבן אַז דער וווּנדערלעכער בנין עקזיסטירט ניט מער, און זיינע בויער זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן אָדער וואַנדערן אַרום ערגעץ נע ונד אין דער טרייסטלאָזער און ביטערער פרעמד, דערוויטערט און אָפּגעריסן פון זייער עלעמענט: דאָס הערלעכסטע בעסטע יידישע מיליע, וואָס איז געווען דער קוואַל, די שדרה פונם פּוילישן יידנטום. טלאָמאַצקע, גענשע, נאַוואָליפּיע, קאַרמעליצקא, מוראַנאָוו — אַזעלכע טייערע, קאָמ־פּאַקט באַפעלקערטע יידישע קוואַרטאַלן זיינען אויסגעשאָכטן און אָפּגעמעקט געוואָרן, עקזיסטירן ניט מער. עס זיינען געוואָרן פאַרניכטעט און צושטערט מיט אַזוי פיל נויט און מי במשך פון לאַנגע יאָרן אויפגעבויטע: שולן, בתי מדרשים, קלייזלעך, געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, יידיש־וועלטלעכע שולן פון די פּועלי ציון און פון בונד, דער יידישער טעאַטער מיט אַלע אַרבעטער פאַראיינען און היימען — און היינט ערשט די געוואַלטיק פאַרשפּרייטע און מעכטיקע יידישע פּרעסע: זשורנאַלן, צייטשריפטן, זאַמל־ביכער, קינדער־וואָכנבלעטער וכדומה. דאָס אַלעס איז פאַרשוווּנדן. עס איז אויך מער ניטאָ דער פאַקלטרעגער פונם נייעם פרייעם יידיש־מאָדערנעם וואָרט, דער יידי־שער פּראָלעטאַריאַט, דער בעסטער עלעמענט פונם פּוילישן יידנטום, דער אַוואַנגאַרד פון פּראָגרעס, סאָציאַליזם און הומאַניזם, דער אָרעמסטער און ערלעכסטער עלעמענט, וואָס איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו טראָגן אויף זיינע פּלייצעס דעם גאַנצן באַלאַסט פון דער אַרבעט איינגעבויגן געוואָרענע

יוסף הלל לעווי

פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, און אַרויסגעגעבן פון זיך די קרעפּטיקסטע און בעסטע טאַלאַנטן, זיי אויפגעצויגן אַזוי זיטלעך, ערלעך, און ריין ווי ער אַליין איז געווען.

יידיש

עס איז נישט קיין גוזמא צו באַהויפּטן, אַז יידיש־לשון מיינט נישט אַליין די צונג, עס פאַרקערפּערט מיט זיך כמעט אַ גאַנצע אידעאָלאָגיע, איז אין זיך כולל אַלע איזמען פון יידישן קאָנסערוואַטיוון און נייעם לעבן פון אַמאָל און היינט. עס וואָלט צו וויט פאַרפירט גרינטלעך אָפּצושאַצן דעם קול־טורעלן באַטייט פון דער יידישער שפּראַך. דערפאַר זאָלן דאָ נאָר סקיצירט ווערן אייניקע דאָמינירנדיקע מאָמענטן, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּראָבלעמאַטישער טעמע. מיט דער שאַפונג און געשטאַלטונג פון דער יידישער שפּראַך איז אויך נײַ איבערגעשאַפן און איבערגעשטאַלטיקט גע־וואָרן דאָס גאַנצע יידישע לעבן . . . עס האָט באַקומען זיין אייגנאַרטיקן זין און כאַראַקטער, פאַרב און קלאַנג, אין סאָציאַלן זין פון וואָרט. יידיש איז געוואָרן דער גאָלדענער שליסל, וואָס האָט אויפגעמאַכט פאַר די יידישע מאַסן דאָס פאַרכשופטע טויער פונעם עבר און הוה, זיי געגעבן בטחון, אמונה און כוח פאַרן עתיד.

אַ נייע תקופה האָט זיך אָנגעהויבן אינעם יידישן לעבן מיטן דערקענען און באַקענען זיך צום יידישן לשון און ליטעראַטור.

די יידישע פרוי, וואָס איז מער נישט געווען ווי נאָר אַ בלינדער משרת פונם מאַן (וואָס איר איינציקע אויפגאַבע אין לעבן איז נאָר געווען: צו האָבן קינדער און צו באַדינען זיי און דעם מאַן), מחמת לערנען תורה, טון מצוות, דאָס איז שוין געווען כמעט אויסשליסלעך דעם מאַנס עסק. דער דאָזיקער פרוי זענען געעפנט געוואָרן די אויגן צו ערשט דורך פאַרשיידענע תחינות, מוסר־ספרים, צאינה וראינה און דערנאָך דורך מאָדערנע בראָשורן, צייַ־טונגען, זשורנאַלן און ביכער. יידיש האָט געעפנט די אויגן דער אָרעמער יידישער „זאַבאַבאָנער" פרוי, זי עמאַנציפירט, איר געגעבן די גלייכע רעכ־טן ווי דעם מאַן, מיט דעם וואָס זי האָט באַקומען די מעגלעכקייט צו דער־גיין אַלע סודות, וואָס פריער זיינען זיי געווען אָנפאַרטרויט פאַרן מאַן.

עס איז פאַר איר אויפגעעפנט געוואָרן דער תנ"ך, צום טייל דער תלמוד, באַנאַנד מיט דער ברייטער וועלט־ליטעראַטור און וויסנשאַפט.

יידיש לשון האָט גלייכגעשטעלט די פרוי מיט דעם מאַן, און דעם פשוטן ייד, דעם עם הארץ, מיטן למדן, משכיל, מתנגד און חסיד. דורך דעם

גאָלדענעם שליסל פון יידיש זענען פאַר זיי געעפנט געוואָרן אַלע סתרי־תורה . . .

און פון די אָרעמסטע, פּשוטסטע הייזער, זיינען דאַן אויפגעוואַקסן די גרעסטע תלמידי חכמים, גאונים, רבנים און רביים.

יידיש לשון האָט דעם תלמוד, תנ״ך, און צום טייל אויך דעם זוהר און קבלה, פאָפּולאַריזירט און זיי פאַרשפּרייט צווישן די יידישע מאַסן.

דעם יידישן גייסט, וואָס איז געווען קאָנסערווירט און צום טייל פאַר־שלאָסן פאַר די ברייטע יידישע מאַסן, האָט יידיש ווידער אויפגעלעבט און געמאַכט צוטריטלעך פאַר אַלעמען.

דער עם הספר האָט זיך ווידער אומגעקערט צום ספר און דאָס ספר איז געוואָרן די תורה פון זיין לעבן . . .

און דאָס איז דער גרעסטער קולטורעלער באַטייט פון יידיש, ווייל מיט יידיש האָט זיך צוריק אָנגעהויבן אַ ניי יידיש לעבן.

געטראָגן אויף די פליגלען פון יידיש האָט צו אונדז אַראָפּגענידערט די ליכטיקע חסידיסטישע באַוועגונג, מיט איר אומענדלעכן הומאַניזם, וואָס לייכט איבער אַלע צייטן און איז געוואָרן דער הימל־לייטער צו אַלע סאָ־ציאַלע באַוועגונגען ביי יידן . . . די יידישע שפּראַך האָט אין זיך כולל גע־ווען די יידישע רעליגיעזקייט און געוואָרן דערפאַר די גרעסטע פאַרשפּריי־טערין פון דער יידישער אמונה. די יידישע שפּראַך איז אויך געווען דער פאַקעל פון דער פאַר־מלחמהדיקער בונדיסטישער גרעסטער פאַרטיי ביי יידן. יידיש איז אויך געווען (און איז ביז היינט נאָך פאַרבליבן) דער מעכ־טיקסטער אינסטרומענט פון דער אַמאָל גרויסער טעריטאָריאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער באַוועגונג ביי יידן.

און נישט קיין קלענערן באַטייט האָט אויך יידיש געהאַט פאַרן ציוניזם גופא, וואָס האָט צוגעשטעלט הונדערטער טויזנטער עולים פאַר ישראל, ווי אויך פאַר דעם קאָמוניזם און פועלי־ציוניזם, וואָס איז היינט די מעכטיק־סטע רעגירנדיקע פאַרטיי אין ישראל.

אין יידיש איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַרצווייגטע נעץ פון יידישע שולן, לערער־סעמינאַרן, גימנאַזיעס, דראַמאַטישע אַקאַדעמיעס און אַ גיגאַנטישע פּרעסע מיט פאַרלאַגן.

דאָס לעבן פון פּוילישן, ליטווישן, רוסישן, רומענישן און גאַליצישן ייד, האָט זיך במשך פון די לעצטע הונדערטער יאָרן געפורעמט און גע־שטאַלטיקט אויסשליסלעך אין יידיש און באַגלייט, דאָס פאָלק ווי דעם יחיד, אויף אַלע זיינע וועגן און שייד־וועגן, זיגן און מפּלות, רעוואָלוציעס און קאַטאַסטראָפעס. ווייל אין יידיש איז איינגעקאָרבט געוואָרן די גאַנצע יידי־

שע האַרטנעקיקייט, דאָס סבלנות, די אמונה און דער בטחון פון אנדזער פאָלק.

די עמאַציאַנעלע מזרח־יידן האָבן עס בעסער פאַרשטאַנען ווי די ראַ־ציאַנאַליסטישע מערב־יידן, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן גאונים־יידן, ווי: היינע, בערנע, מענדלזאָן, מאַרקס, לאַסאַל, וואַסערמאַן, ווערפעל, צווייג, מ. בראָד ג. לאַנדאוער, עריך מיהזאַם, אַלפרעד קער און הונדערטער אַנדערע מאָלער, מוזיקער, סקולפּטאָרן און וואָרט־קינסטלער; נאָר נישט קיין יידישע גאונים, ווי: מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם, ביאַליק, ראָזענפעלד, אַש, זשיט־לאָווסקי, לייוויק, מ. ל. האַלפּערין און הונדערטער אַנדערע, ווייל זיי האָבן להיפּוך פון די דייטשע יידן, געגלויבט נישט נאָר אין יידישן גייסט, וואָס זיי די דייטשע יידן, האָבן אַריינגעגאָסן אין דער פרעמדער דייטשער שפּראַך, נאָר טאַקע אין דער יידישקייט גופא, — אין דער יידישער נשמה, וואָס איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אין דער יידישער שפּראַך. ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען און דערפילט, אַז מען קען נישט זיין און פאַרבלייבן אַ ייד מיט אַ יידישן גייסט און יידישן אינהאַלט אין אַ פרעמדן, גערמאַנישן לשון; מחמת דער אינהאַלט און גייסט ווערט סוף כל סוף בטל אין פרעמדן לשון און עס בלייבט נאָר דאָס גרויסע ווערק פון יידן, געשאַפן אין דער פרעמדער שפּראַך און נישט דאָס יידישע ווערק און דער אייגענער יידישער אינהאַלט און גייסט.

און אויך דער „ייד" מוז מיט דער צייט בטל ווערן, ווי דאָס זיינען גע־וואָרן די דייטשע, פראַנצויזישע און אַנדערע יידן מיט זייערע איבערגע־זעצטע סידורים, ביבל און תלמוד, וועלכע האָבן דערנאָך אינגאַנצן אויפגע־הערט צו דאַוונען און זיך אַסימילירט. יאָ, דאָס ברענגט מיט זיך, סוף־כל־סוף, די אַסימילאַציע. זי איז נישט בכוח דעם ייד צו פאַרבינדן אין גאַנצן מיט דעם אַנדערן פאָלק נאָר אים צו דערווייטערן און אָפּפרעמדן פון זיין איגע־נעם פאָלק . . .

יידיש איז איינע פון די פרייסטע, לייכסטע און מאָדערנסטע אייראָפּע־אישע שפּראַכן, דערפאַר איז יידיש געווען מסוגל, און בלייבט עד היום הזה דער ברייטער און אָפענער וועג צו פירן די ברייטע מאַסן צו דער אַלמענטש־לעכער קולטור.

אין דער יידישער שפּראַך איז אויך נישטאָ קיין ניצוץ פון מיליטאַריזם, פון קיין באַהערשן און פאַרגוואַלטיקן דעם אַנדערן. יידיש איז היינט גע־וואָרן אונדזער לשון קודש! און מען קען אויך נישט זאָגן, אַז אַראַמעאיש, שפּאַניאָליש, פראַנצויזיש, דייטש, אָדער אַ וועלכע עס זאָל נישט זיין אַנ־דערע שפּראַך מיט וועלכע יידן זיך האָבן אַמאָל באַנוצט, זאָל האָבן געשפּילט די ראָל וואָס יידיש. ווייל, ראשית כל איז יידיש באַנוצט געוואָרן און ווערט

נאָך ביז היינט באַנוצט, פון רוב יידן כמעט אין אַלע וועלט־טיילן. אין נישט קיין שום אויבן דערמאָנטער שפּראַך האָבן יידן נאָך אַזאַ באַדייטנדיקע גרויסע פאָלקס־ליטעראַטור אויפצווייזן ווי דווקא אין יידיש.

יידיש האָט רייך געמאַכט, מאָדערניזירט און עמאַנציפּירט דעם ייִדישן מענטש, אים געפירט אין דער ברייטער וועלט אַריין, געעפנט פאַר אים אַלע טירן און טויערן פון בילדונג און וויסן, שיינקייט און קונסט, פאַרבונדן דעם דערנידריקטן פשוטן ייד מיט אַ דערהויבענער, בעסערער און שענערער וועלט. און ווער עס מיינט, אַז יידיש האָט זיין ראָלע שוין אָפּגעשפּילט, דער מאַכט אַ גוואַלטיקן טעות.

זינט עזרא הסופר האָבן זיך יידן באַדינט מיט צוויי שפּראַכן און עס האָט זיי מיט דעם קיינמאָל נישט פאַרשאַדט צו בלייבן יידן. וועט זיי היינט אוודאי און אוודאי נישט שאַטן!

ווער עס קוקט אויף יידיש ווי אויף אַ קאָנקורענט פון העברעאיש — דער איז, אומוויסנדיק, אָדער אַ שונא דעם פאָלק און דער ליטעראַטור, וואָס די שפּראַך האָט באַשאַפן. העברעאיש, וואָס האָט געלעבט ביי יידן טויזנטער יאָרן אין אַלע פרעמדע לענדער און צווישן אַלע מעכטיקע קולטור שפּראַכן, נאָך איידער ציוניזם האָט זי ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך ביי יידן פּראָקלאַמירט, וועט היינט אין אייגענעם לאַנד שוין זיכער נישט אונטערגיין.

און אין אַלע אַנדערע לענדער, מחוץ ישראל, וווּ יידן וווינען, מוזן מיר וויסן: אַז אָן יידיש הערט בכלל אויף יעדע יידישקייט. עס לערנט זיך נישט קיין גמרא אויף ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש אָדער אַנדערע שפּראַכן אַזוי ווי אין יידיש. און קיין אַנדערע שפּראַך האָט נאָך אַזוי פיל לומדים נישט אַרויסגעגעבן ווי דאָס פשוטע אָרעמע מאַמע־לשון . . . יידן האָבן אין פרעמדע לשונות אויך נאָך נישט געפּראָוועט אַזאַ ציוניזם, סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, קאָמוניזם און פּועלי ציוניזם ווי אין יידיש . . .

ווייל אומעטום וואָלט איך געזאָגט — פעלט כמעט אויס דער חסידישער, כמעט פאַנאַטישער התלהבות. יידיש איז געוואָרן ווי אַ כשוף־שטעקל, וואָס באַצויבערט און נעמט געפאַנגען יעדער יידיש האַרץ, עפנט עס אויף, מאַכט עס ווייך, פילט עס אָן מיט טרייסט און מאַכט עס שטאַרק צו טראָגן די גרעסטע עינויים קשים — מיט האָפנונג אויף בעסערע צייטן . . .

די ענגלישע און אַמעריקאַנישע יידן האָבן אַ סך געזינדיקט לגבי דער שפּראַך, וואָס האָט זיי געלערנט טראַכטן, פילן, באַגרייפן און פאַרשטיין. אָבער עס קען נאָך אַ סך פאַרבעסערט ווערן. בעסער שפּעטער ווי קיין מאָל נישט.

דאָס טויזנטיאָריקע יידישע לעבן מיט זיין קולטור, וואָס אונדזערע

פאַרגאַנגענע דורות האָבן אַזוי הייליק, ריין און עקשנותדיק געוועבט, טאָר נישט איבערגעריסן ווערן. מיר מוזן ווייטער ממשיך זיין דעם המשך מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען אויב מיר ווילן, אַז אונדזער „איך" זאָל נישט אונ־טערגיין.

עס איז לחלוטין פאַלש די מיינונג, אַז ישראל קען און וועט שוין מגין זיין אויף אַלע חטאים ופשעים פונם גלות און דערפאַר מעגן מיר זיך אין אַלע אַנדערע לענדער אַסימילירן . . . (ווייל סיי ווי, זאָגן די פאַלשע נביאים, וועלן אונז די גרעסערע קולטורן אויפעסן) איז דערפאַר דער חוץ לארץ נישט וויכטיק, דער עיקר איז נאָר ישראל . . . די דאָזיקע באַהויפּ־טונג איז אַ פאַלשע און אויך אַ שעדלעכע און מוז דערפאַר מיט דער גרע־סטער האַרבקייט צוריקגעוויזן ווערן!

די גרויסע בענקשאַפט נאָך ירושלים, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט הונדערטער יאָרן, דריימאָל אין טאָג, אויסגעדריקט אין דער שמונה עשרה, מיטן „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" . . . האָט נישט הערצל, אויך נישט דער ציוניזם, באַשאַפן, נאָר דער איבער אַלע צייטן דערהויבענער גייסט פון אונדזערע אומשטערבלעכע נביאים און וואָס אונדזערע אבות האָבן הייליק אָפּגעהיטן עד היום הזה. און טאַקע נאָר די דאָזיקע בענקשאַפט האָט דעם ציוניזם באַשאַפן.

איצט, ווען דער חלום איז רעאַליזירט געוואָרן, מוז עס פאַר יעדן ייד קלאָר ווערן, אַז דער חוץ לארץ מוז פירן זיין אייגן לעבן און זיך, פון זיך אַליין, אויפהאַלטן, פונקט אַזוי ווי ישראל. און ישראל אַליין איז נישט ביכולת אויפצונעמען אַלע יידן.

און דערפאַר מוזן מיר יידיש, דאָס האַרץ פון אַ טויזנטיאָריקער קולטור, ווייטער פלעגן און מיט אַלע כוחות אויפהאַלטן, אַזוי ווי עס האָט אונדז ביז היינט אויפגעהאַלטן . . . יידיש אין קולטורעלן באַטייט בלייבט אונדזער יידישער קיום מחוץ לאַרץ אַ פאַרבינדונג מיטן גאַנצן יידישן פאָלק און מיט מדינת ישראל.

מאַנשעסטער

מאַנשעסטער פאַרמאָגט אַן עין הרע אַ זער פולסירנדיק יידיש לעבן — מיט סינאַגאָגן, גוטע חזנים, בתי מדרשים, קלייזלעך און אָרגאַניזאַציעס; נאָר אַמליבסטן זענען מיר געווען די כאַליאַסטרע פון „יידישן לשון“. זייער נאָענטקייט האָט מיך דערמאָנט אין די אַלטע, גוטע, היימישע צייטן — בעת מען פלעגט זיך יעדן אָוונט ביי אַן אַנדערן חבר צונויפקומען, ליידנשאַפט־לעך צו דיסקוטירן איבער פאַרשידענע פּראָבלעמען, אָרגאַניזירן טעאַטער אונטערנעמונגען און פּיעסן איינצוּרעפּיטירן.

דער גוטער, געטרייער טאַטע פון זיי אַלע איז דער „באַרבער“ לייזער אלמאַן. ביי אים קומט מען זיך תמיד צענויף. ביי אים שטייט די טיר שטענדיק אָפן פאַר יעדן. מעג ער ווי פאַרנומען זיין אין זיין געשעפט, לאָזט ער אַלעס שטייען און גייט, גיט אָוועק וואָס ער קען נאָר פאַר וועלכן עס זאָל ניט זיין קולטורעלן צוועק. בכלל באַלאַנגט ער צו די מערקווירדיקסטע טיפּן פון אַרבעטער אינטעליגענץ. ער באַזיצט אַ רייכע יידישע גוטע ביבליאָטעק. ניט פאַראַן קיין שום יידיש מאָדערן בוך וואָס זאָל זיך ביי אים ניט געפינען; און עס געפינט זיך אויך ביי אים ניט קיין שום בוך וואָס ער זאָל ניט האָבן אַדורכגעלייענט. אָנגעהויבן פון די יידישע קלאַסיקער ביז צו די יונגסטע שרייבער, אַריינגערעכנט בראַשורן און זשורנאַלן. אַ גאַנצן טאָג אַרבעט דער „באַרבער“ עבודת־הפרך, ביינאַכט — אָדער עס קומען צו אים חברים און מ'האַלט אַף זיצונגען, אָדער ער פאַרמאַכט זיך אין זיין מקום קדוש — אינם ביבליאָטעק־צימערל און לייענט דאָרט מיט אַ מתמידישער פאַרטיפטקייט. אַ ליבע צום יידישן לשון פאַרמאָגט אָט דער ייד, וואָס איז פשוט ניט צו באַשרייבן. רעדנדיק מיט אים, האָב איך ערשט געקענט פעסטשטעלן ווי טיף די יידישע שפּראַך איז איינגעבאַקן אינם האַרץ פון די פאַלקסמאַסן. און עס איז מיר קלאָר געוואָרן די נאָענטקייט און פאַרבונדנקייט, וואָס די פון גורל געמאַטערטע שפּראַך איז גורם. מיר פילן זיך גאָר נאָענט מיט די יידיש רעדנדיקע קרייזן, אָט דאָס זענען אונ־זערע נאָענטסטע און ליבסטע. דערמיט איז לחלוטין ניט געמיינט דעם ווערט פון העברעאיש אַרונטערצוזעצן, נאָר די ליבע צו יידיש מטע'ם צו זיין. ווי פריינט אַלמאַן האָט מיר אין אַ פּריוואַט געשפּרעך געזאָגט: „עס

איז ניטאָ קיין העברעאיש, ווו עס איז נישטאָ קיין יידיש״. מען וואָלט גע־דאַרפט — האָט ער ווייטער זיך געאויסערט — איבעראַל, ערשטנס שולן פאַר קינדער צו גרינדן, און „פרייזן״ צו פאַרטיילן פאַר די קינדער, וואָס וועלן זיך אויסצייכענען אין יידיש שרייבן און לייענען. יאָ, מען דאַרף די יידישע עלטערן צו פאַראינטערעסירן אין דער יידישער שפּראַך און לי־טעראַטור, און פשוט זייערע קינדער צוצואָלן אַז זיי זאָלן זיך יידיש לער־נען. נאָר בזה האופן וועט מען די עלטערן מיט די קינדער חשק מאַכן צום לערנען, און זיי וועלן פאַר אונז ניט פאַרלוירן גייען. געלדער — זאָגט דער באַגייסטערטער אידעאַליסט — וועלן שוין זיין געגוג הערצו. עס געפינען זיך אַ סך יידן וואָס וועלן גערן אַזאַ צוועק אונטערשטיצן, איך אַליין וואָלט געגעבן וואָס איך קען נאָר, און טאַקע לויט זיך באַאורטיילט ער אַלע . . .

מאַנשעסטער האָט אויף מיר געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק, איך בין פשוט באַגייסטערט און נשתומם געוואָרן פון די חברימס התלהבותדיקער ליבע צו יידיש און דער יידישער ליטעראַטור, דער עיקר צו די יידיש־רעדנדיקע מאַסן.

ש. טענענבוים

פאראן נאוועליסטן וואס זייערע נאוועלן זיינען פארזען מיט פרינציפן, טענדענצן און אידעען; די קינסטלערישע קאנסטרוקציע, ווי סטיל, פארב, אקציע און קאמפליקאציע, זיינען נאר משמש דעם גייסט וואס דער קינסט־לער הויכט אריין אין דעם לעבן פון זיינע העלדן. און אומגעקערט, פארהאן אויך עסייאיסטן וואס זייערע פרינציפן, טענדענצן און אידעען זיינען נאר באשאפן בולטער צו מאכן זייערע וויזיעס, עמאציעס, די בילדער און בכלל די מוזיקאליטעט פון זייער סטיל, דעם קינסטלערישן דערציילן, וואס איז שוין אליין אן ענטדעקונג און א צוועק פאר זיך.

דער גרויסער איינאפעער איז פשוט ווי באזעסן געווען פון דעם דראנג דעם אימפרעסיאניזם און עקספרעסיאניזם אזוי צו געשטאלטיקן דורך א מין מוזיקאלישער הארמאניע וואס זאל זיין ביכולת אויפצוויקלען די פאר־וויקלטסטע מענטשלעכע געפילן און גייסטיקע סתירות. דאס פארבארגנסטע אונטערן זונענליכט.

ליטעראטור, זאגט ש. טענענבוים אין זיין עסיי „דאס ווארט־אטאם פון וועלט־באשאף", איז נישט פארווילונג, נאר קאסמישע טאט...

און טענענבוים פארלאנגט טאקע פון דעם עם הספר נישט נאר צו לייענען דאס ספר, מחמת לייענען, זאגט ער, איז א פארראט צו טויזנטער ביכער. ספרים זיינען נישט צו אמוזירן זיך, צו פארראטן, צו לערנען שלעכטס, זיך אפצולערנען פאלשקייט, חניפה, שווינדל און געפערלעכע חכמה...

אין דעם ים פון ביכער האט דער מענטש זיך אויסגעלערנט אויבער־פלעכלעך צו לייענען, אבער לייענען איז פארראט, לייכטזיניקייט, אלץ — אפילו ליבע, געשלעכט, איז געווארן פארראט, לייכטזין און געגנוס...

אבער אין יענע בראשיתדיקע טעג איז ליבע געווען די באשאפונג פון דורות... אדם האט באשאפן די גאנצע מענטשהייט ביים באשלאפן חוהן אונטער טויזנטער הימלישע שטערן. דערפאר זאגט טענענבוים: „נעם דאס ספר אריין אין דיר, וויג עס מיט דיין בלוט און פייער, צינד עס אן אין דיר ווי א פלאם. גיי און רייד, גיי און מאך געשיכטע! ווייל ליטעראטור איז נישט פאנווילונג, נאר קאסמישע טאט"...

דאָס זיינען טיף ערלעך אָדורכגעוויייטיקטע דערקענטעניש ן פון אַן איינזאַמען זון פון אַן אויסגעהרגעט פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט דאָס הייליקסטע בוך פון אַלע ביכער, די תורה, וועלכע די אומות העולם האָבן נישט געוואָלט אָננעמען און די וועלכע האָבן זי שפּעטער שוין יאָ אָנ־גענומען האָבן זיי זי נאָר פאַרדרייט, און אָנגענומען אויסצולערנען זיך דאָס נאָכמאַכן פון ביכער צום געניס, פאַרווילן, צום לייכטזין און פאַרראַט. דערפאַר איז געוואָרן אַנטווירדיקט דאָס בוך, און דער מענטש וואָס האָט דאָס בוך באַשאַפן. און פון די אַלע פּסולע ספרים האָט דער פרא־אדם זיך נאָר אויסגעלערנט, אין נאָמען פון גאָט און כלומרשט הייליקע אידעאַלן, צו הרגענען דעם מענטשן און צו באַשמוצן דעם העכסטן אידעאַל — דאָס מענטשלעכע לעבן!...

ווי שוין פריער באַמערקט, געניסן מיר אין ש. טענענבוימס עסייען נישט נאָר אַליין פון זיין „זאָגן", נאָר מינדעסטנס אויך אַזוי פיל פון דעם אופן ווי אַזוי ער זאָגט עס... און דער זעלביקער פּראָצעס איז אויך פאַר־קערט ביי זיינע נאָוועלן...

עס איז דאָ נישט מעגלעך צו געבן אַן אויספירלעכע אָפּשאַצונג איבער זיי, נאָר איניקעס מוז יאָ באַמערקט ווערן: די דערציילונגען „יהודה דער זון פון יעקב", „שאול המלך און די כישוף־מאַכערין", „דאָס שטאַרבן פון אַ קיסר", זיינען באמת קלאַסיש, און מען ווערט פּשוט פאַרוווּנדערט פון זייער פאַרבנרייכקייט, און דער טיפער עמאָציאָנעלישקייט, וואָס גיסט זיך מוזיקאַליש צענויף מיט דער רייכער געדאַנקלעכקייט...

אין ש. טענענבוימס דערציילונגען הערן דאָס רוב אויף צו עקזיסטירן פאַר דיר דער עבר, הווה און עתיד. אָדער דו ווערסט איין שטיק פאַרגאַנ־גענהייט, אָדער די פאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפט ווערן איין שטיק געגנוואַרט פון דיר... און פון די דריי אומפאַרגענגלעכע גיגאַנטן — ווערסטו פאַרגענגלעכער בן אדם אַרומגערינגלט, און נישטאָ קיין אַנטרונען פון דיר, ביז דו ווערסט ווי דער מעכטיקסטער פעלזן מיט די קלענסטע רעגנטראָפּנס פון דער צייט, אַזוי אויסגעהוילט אַז דו ווערסט צעשפּאָלטן און צעשיטסט זיך... איז, אָדער דו גייסט אויף אין דער שרעק פון טויט, אָדער אין דער האַרמאָניע פון אייביקייט...

אין טענענבוימס שאַפן איז פאַראַן אויסדרוק פונם יחיד, כלל און דעם אַרום... ער האָט ליב צו פילאָזאָפירן און מעדיטירן, אָבער זיין פילאָזאָפיע איז נישט קיין עקסטרעמע, וואָס זאָל אויסן זיין צו זשאָנגלירן מיט נייע אַנטדעקונגען פון פאַרשידענע ריכטונגען, ליניעס אָדער אַנשוויאונגען נאָר אַ האַרץ־פילאָזאָפיע. האַרץ און גייסט גייען אין פאַראַלעל...

דאָמינירנדיק אין זיין שאַפן איז נישט דער שרעק פאַרן אונטערגאַנג. הגם ער איז אַן איינזאַמער זון פון אַ געשלאָגענעם פאָלק, וואָס האָט דעם גאַנצן שוידער, שמערץ און דעם שרעק פון אונטערגאַנג ווי די אַלע פאַר־משפטע מאַרטירער פון אונז, האָט ער זיך פאָרט נישט געלאָזן פאַנגען פון דעם טויט־אַנגסט נאָר געקוקט אויף דער טראַגישער אומפאַרמיידלעכקייט, ווי אויף אַ זון — אויף־ און אונטערגאַנג...

און נאָך דער גאַנצער שפּלותדיקער מיזערע איז אים פאַרבליבן, ווי נאָך אַ פאַלנדיקן מעטעאָר אַ זילבערשטרייף פון ליכט...

און עס איז געוואָרן זיין לעבנס־קאַמפּאַס נישט דער טויט־שרעק נאָר די שמערצלעכע רירונג פון אונטערגאַנג...

באַזונדערס געריירט ווערט ער אָבער בעת די נאַטור נעמט בייטן די דעקאָראַציעס: פון פרילינג, זומער, הערבסט און ווינטער; און ווי אַ בלעטל פונם לעבנס־בוים וואָס דער שטורעמווינט טרייסלט אויף, פילט ער צער ווען ער זעט ווי אַלע בלעטער וועלקן און פאַלן אָפּ, און אויף זייערע רואינען ווערן געבוירן נייע פרישע בליטן, וואָס וועלן מוזן ווידער בליען און פאַר־וועלקן... דאָס איז דער אייביק ביאָלאָגישער רעטזל — דאָס כישוף־ראָד פון לעבן אין וועלכן יעדער וויל זיך געפינען, און ווען ער קומט דערין אַריין זעט ער ערשט ווי נישטיק דאָס איז, און קען אָבער שוין קיינמאָל מער דער־פון נישט אַרויס אַזוי ווי ער איז אַריין...

כאַראַקטעריסטיש איז אויך וואָס דער דאָזיקער צער איז ביי אים גורם די גרויסע בענקשאַפט נאָך איינזאַמקייט, וואָס ברענגט גלייכצייטיק מיט זיך די לירישע פאַרזונקענקייט, וועלכע וועבט זיך צענויף מיט דער שטילער אייביקייט — וואָס לאָקערט אַלעס צו פאַרשלינגען און צוצודעקן מיט דער קאָסמיש־גרויער דעק פון פאַרגעסנקייט.

אין דער פיינער נאָוועלע „מאָוריצי גאָטליב ביים טיבער” שרייבט טענענבוים: „עס איז בלויז דער מענטש, וואָס טראָגט אַריין זיין טויט־טרויער, זיין שאַפּעניש אונטערגאַנגסליד אין דער נאַטור. עס איז דער טויט וואָס מאַכט דעם מענטש טרויעריק, דער מענטש האָט ענטוויקלט אַן עגאָ, וואָס עסט אים אויף. דער דאָזיקער עגאָ איז די שולד פון גאָר די ליידן פון קנאה פון די מענטשן פון זייער שרעק און פערוועריזיטעט. דער מענטש האָט אַריינגעטראָגן אינעם אוניווערז זיין מעכטיקן אינדיווידואַליזם.

„אָבער די נאַטור פאַרטראָגט נישט קיין אינדיווידואַליזם. דער טויט אין דער נאַטור איז נאַטירלעך, איז אַ פריי ווערן פון די טרויערן פון לעבן. דער בוים וויל שטאַרבן, כדי זיין לעבן איבערצוגעבן אין די בלוט־אַרטעריעס, אין די צווייגנהענט פון טויזנטער בוימער־לעבנס.

„זיי נישט עגאָאיסטיש! שענק דיין לעבן צו אַנדערע — ווען דו אַליין ביזט אַלט גענוג קיין שום נוצן מער דערפון נישט צו האָבן. ווער דיין לעבן נישט גיין פאַרלוירן ווי אַ קוואַל, וואָס שטראָמט מיט זיינע וואַסערן אויף פעלזיקע בערג... דיין לעבן וועט זיין ווי אַ טייך וואָס שטראָמט אין גרויסן ים אַריין, אין ים פון לעבן, פון אוניווערז...“

דאָס איז דער מהות פון ש. טענענבוים דער מענטש, דער ייד און דער קינסטלער וואָס רייסט זיך כסדר און אומאויפהערלעך צו דער אייביקייט, אַזוי ווי דער נאַכטפאַלק צום ליכט, אין וועלכן ס׳ליגט פאַרבאָרגן דער איי־ביקער רייץ צו שיינקייט, לעבן, העלקייט און טויט... און הגם דאָס דאָזיקע ליכט שלאָגט אָפּ כסדר זיינע פליגלען — וואָס מער ער גלוסט דערנאָך און פלאַטערט דערצו, ווערט ער אָבער פאָרט נישט מיד און דערשראָקן זיך כסדר ווידער דערצו אויפצוהויבן. דאָס איז דער אייביקער קרייז אַרום זיך, אַרום דעם לעבן, גאָט און דעם טויט...

אַז ליידן זיינען דער שכר פון וויסן — דאָס איז אין טענענבוימס נשמה טיף אַריינגעדרונגען. דערפאַר איז זיין וועג: דורך ליידן צום וויסן, דורך וויסן צום ליכט, דורך די שוואַרצע וואָלקן פון טויט צום אייביקן לעבן און שאַפן...

אסתר קרייטמאַן

„בריליאַנטן" איז דער צווייטער ראָמאַן פון אסתר קרייטמאַן. אינם ערשטן, „דער שדים-טאַנץ", האָט זי שוין באַוויזן, אַז זי קען אויפוויקלען מיט אַ געניטער קינסטלערישער האַנט ברייטע בילדער פונם יידישן לעבן מיט אַ סך קאָלאָריט און מעלאָדיק. מיר ווערן אָפט דערשטוינט פאַר איר אייגנאַרטיקער קונסט-גאַלעריע פון די סובטיל-געשילדערטע טיפּן.

דער ראָמאַן לאָזט זיך אויס מיט אַזאַ עפּיזאָד: ביי גדליה בערמאַן, דער בריליאַנטן-העלד, שטאַרבט זיין פרוי רחל, און ער וויל זיך שדכנען צו זיין דוד'ס, דעם האַלב-לייכטזיניקן פראַנטס און ליידיקגייערס געליבטע, גיטעלע. זי האָט פון דעם דאָזיקן בחור, אגב, אַ קינד געהאַט אונטערן רוקן פון איר שלימזלדיקן לייבוש, וועלכן זי האָט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען מיט זיין מאַרקסיזם. איר האָט זיך בלויז אויסגעדאַכט, אַז זי האָט אים ליב און איז פון פוילן געפאָרן צו אים קיין אַנטווערפּן צו וווינען מיט אים.

גיטל, וועלכע האָט צוליב לייבושן איר היים פאַרלאָזן, האָט אין אַנט־ווערפּן באַמערקט, אַז זי ליבט דעם האַלב-לייכטזיניקן פראַנט דוד, דעם רייכן בריליאַנטן-סוחרס זון. ער גייט פיין געקליידעט, איז תמיד פריש ראַזירט און די נעגל מאַניקירט, נישט אַזוי ווי דער פאַרדלותטער מאַרקסיסטישער שלימ־מזל, וועלכער מוז דורכמאַכן אַלע שבעה מדורי גיהנום, צו קענען פאַרדינען אַ גראָשן. אָבער אַז זיין מאַרקסיזם מיט דער פּראָפּאַגאַנדע העלפן אים נישט, בלייבט ער כאָטש ביים פאַרדינען; און דוד וואָלט עס געוואָלט, נאָר ער קען עס נישט.

אפילו דוד'ס וועלן איז שוין פאַר זיין פאָטער און מוטער אַ שטיק טראַ־געדיע. אַ קלייניקייט! מ'קען נאָך מיינען, חלילה, אַז ער, גדליה בערמאַן, שטייט פאַר אַ באַנקראָט, אויב זיין זון וויל אַרבעטן. דוד ליידט פון זיין פויל־קייט און איז מקנא לייבושן, וועמענס פרוי ער האָט פאַרפירט. ער דערפילט אַן עקל צו זיך, צו גיטלען, צום פאָטער, און צו אַלץ, ביז ער מעלדעט זיך פרייוויליק אין דער בעלגישער אַרמיי (ס'איז געווען ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה). זיין מאַמע ליידט שווער דערפון און באַצאָלט דער־פאַר מיט איר לעבן...

גדליה בערמאַן, דאָס אָרימע פשוטע פוילישע יינגל, וואָס האָט זיך מיט

זיינע אייגענע צען פינגער אַזוי הויך אַרויפגעאַרבעט, האָט כמעט נאָך אַלס קינד פאַרלאָזן וואַרשע, געפאָרן קיין אַנטווערפּן, געווען אַ מעקלער אויף דער בריליאַנטן־בערזע און זיך דערשלאָגן צום ראַנג פון גרעסטן בריליאַנטן־הענדלער.

ער היט אָפּ זיין יידישקייט מיט אַלע פּיטשעווקעס, אָבער זיין אומבאַ־גרענעצטע געלט־גיריקייט איז גורם אַן איבערטריבענעם דראַנג נאָך כבוד און רום. דאָס ווערט זיין מלאך־המות. ער האָט ליב פרוי און קינדער, אָבער ער פאַרשטייט נישט אַזוי צו לעבן, אַז די פרוי און קינדער זאָלן אים אויך ליב האָבן... דער סוחר אין אים וואַקסט אַריבער אים און זיין פאַמיליע און דעקט אַלץ צו. צוערשט פאַרלירט ער דוד'ן, דערנאָך די פרוי, דאַן אויך זיין יינגסטן זון, דזשעק.

זיין טאָכטער זשעני האָט אויף גיך חתונה מיט אַן אַלטן רייכן בחור, אָבער פירט ליבעס הינטער איר מאַנ'ס רוקן, און טרייבט אָפּ דאָס גויאישע קינד, כדי איר חרפּה צו פאַרדעקן. אויך זי פילט זיך פרעמד צו איר פאָטער.

אפילו גדליה'ס אַלטער, געליימטער פאָטער גופא, וואָס איז צו אים גע־קומען פון פוילן, און וואָס דער זון האָט אין אים, מיט רירנדיקער איבער־געבנקייט נוהג כבוד געווען — אויך ער לאָזט איבער אַ צעטל נאָך זיין טויט, אַ צוואה, אַז גדליה זאָל אים פאַר אַזאַ געלט קיין מצבה נישט שטעלן, באשר ער באַווייַנט דעם טאָג, וואָס ער איז צו אים אַהערגעקומען. דאָס איז דעם אַלטן טאַטנס איינציקע בקשה...

גדליה האָט שוין געהאַט איבערוווּנדן זיין פרויס טויט, לאָזנדיק שיקן נאָכן שדכן, אַז יענער זאָל אים אַ שידוך רעדן מיט גיטעלען, וועלכע קען זיך לייכט אָפּגעטן מיט איר שלימזל. נאָר אַ קליינער קאַפּיטאַל — און זי איז פּטור פון אים מיט די קינדער און געענדיקט אַן עסק!

אָבער דער צעטל פון פאָטער פאַרפאַלגט גדליה'ן, און צעברעכט זיין גאַנצן פּלאַן. אַזוי ענדיקט זיך אסתר קרייטמאַנס פיינער ראָמאַן. אין אים איז די פאַרפאַסערין רייפער און טיפער געוואָרן, געזוכט צו זיין פּראָבלעמאַטיש; אָבער גראָד ווען דאָס קאָמפּליצירטע פּראָבלעם פאַנגט זיך אָן, גראָד דעמאָלט ווען גדליה בערמאַן און גיטל בלייבן איינזאַם, הערט אויף ביי אסתר קרייט־מאַן דאָס פּראָבלעם. דאָס, שיינט מיר, איז אַ גרויסער שאָד. דאָ ערשט האָט אָבער דער ראָמאַן געקענט פּראָבלעמאַטיש פאַרטיפט ווערן, און אַריבער־וואַקסן זיין ברייטקייט, דערפאַר באַלאַנסירנדיק צווישן מיליע (סביבה) און כאַראַקטער־שילדערונג.

וויכטיק איז אָבער, אַז דער ראָמאַן, ווי ער איז, שפּיגלט ער דאָך גוט אָפּ אַ שטיק אינטערעסאַנט יידיש לעבן, מיט זיינע אַלע בולטסטע פאַרבן און

קלאַנגען. פון אסתר קרייטמאַנס פילזייטיקער טיפּן־גאַלעריע זעט איר, אַז זי איז מסוגל צו שילדערן דעם מענטש מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות ביז צו די קלענסטע ניואַנסן.

און הגם ס׳קומען אין אירע פּערסאָנאַזשן נישט פאַר קיין גרויסע פּסי־כאָלאָגישע קאָמפּליקאַציעס, מחמת די מענטשן אַליין שטייען נישט אויף אַ זער הויכן ניוואָ, איז אָבער דאָך אַ סך בעסער אַ קליינעם גרויס צו שילדערן, איידער אַ גרויסן קליין צו מאַכן... אסתר קרייטמאַן פאַרמאָגט די עלעמענטן פון בקיאות, קינסטלערישן חוש, פּסיכאָלאָגישע פּאַרטיפּטקייט און העלן סטיל, אַזוי ווי אירע ברידער, די באַוווסטע דערציילער, י. י. זינגער און י. באַשעוויס.

„בריליאַנטן" איז, ווי שוין אויבן דערמאָנט, נישט קיין ראָמאַן וואָס שילדערט פאַרפּלאָנטערטע אַוואַנטורעס, אָדער גאָר שווערע סעקסועל־פּסי־כישע קאָנפליקטן און קאָמפּליקאַציעס. ניין, ער איז איינהייטלעך געלייטערט און ווייט פון יעדער היפּערמאָדערניסטישער פּערווערזיטעט.

דאָס איז אַ ראָמאַן, וואָס פאַרפיקסירט דאָס יידישע לעבן פון די אַנט־ווערפּענער „ברעזיאַנער־הענדלער", זייערע פוסטע קעפּ, נישטיקע געפילן, מיט הערצער שטיינערנע, וואָס בלישטשן און בליאַסקען, ווי די בריליאַנטן. אָבער דאָס איז נאָר אַן אויסערלעכער גלאַנץ, ווייל אין דער אמתן זיינען זיי האַרט, קאַלט, לוקסוריעז און נוצלאָז און אינעווייניק אָנגעפילט מיט שוואַרצע קוילן־פלעקן, וואָס דאָס אויג דערזעט נישט באַלד, אויפן ערשטן בליק.

דער ראָמאַן וואָס לייענט זיך פליסיק, מיט שפּאַנונג און גרויסן אינ־טערעס, ווייל אַן אמתע קינסטלערין האָט אים געשאַפן, וועט פאַרבלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַ שטיק אַנטיקוואַריום פון יידישן לעבן, מחמת אין אים ווערט פּלאַסטיש געשילדערט דער גאַנצער זינלאָזער געיעג נאָך „מערווערט און קאַפּיטאַל". איר זעט דעם גאַנצן האַרמידער, תוהו ובוהו, קנאה און שנאה, פּחד, חשד און אַלץ צו וואָס אַ מענטש קען אַראָפּ־זינקען, יאָגנדיק זיך נאָך „מערווערט און קאַפּיטאַל". מיט איין וואָרט, אסתר קרייטמאַן האָט מחיה מתים געווען די בערזע און אירע לייט.

משה עובד

נאָך אין יאָר 1917 האָט משה עבד זיך באַוויזן שוין מיט אַ היפּש ביכל פון נישט געגראַמטע תּפילות, שירים און זמירות — „אַרויס פונם כאָאָס״...

ווייל שוין דעמאָלט האָט עס אין דעם אייביק האַלב פאַרלוירענעם, זיך קיינמאָל נישט געפינענדיקן, און תמיד זיך זוכנדיקן, געגנאָגט דאָס געפיל פון וועלן זיין אַן אמתדיק געטרייער „שליח־ציבור״.

און ער איז אַריין אין דעם פאַרכישופטן ראָד און זיך אָנגעהויבן צו ראַנגלען מיט ליכט און פינסטערניש, מיט גוף און נשמה, מיט מאַן און ווייב, מיט יחיד און כלל, מיט ליבע צום מענטש און ליבע צו גאָט.

און הגם ער האָט דאָס אַלעס נאָך דעמאָלט נישט באַוויזן אויף קלאָר אויסצודריקן, האָט אָבער פאַרט שוין אַרויסגעציטערט דער „נרעש ונפחד מפּחד יושב תהילות ישראל״ פון זיין יעדן אות, וואָרט, שורה און פּסוק.

ווייל שוין אויך דעמאָלט איז ער געוואָרן אויפגעשווידערט און פּשוט ווי באַנומען פאַר דער אומבאַגרייפלעכער טיפקייט פון דעם „אלהי אברהם, אלהי יצחק ואלהי יעקב!״

און עס האָט אים געטריבן זיך צו בעטן אויך זיין געלעגער, ווי אַמאָל יעקבן, מיט שטיינער אונטערן קאָפּ, זיך צו בויען אַ הימל־לייטער, און מיט מלאכים זיך צו ראַנגלען...

און פון זיין יעדן טריט און שריט, מחשבה און מעשה האָט אַרויסגעאַנגסטיקט דער „רחום וחנון אלהי ישראל״, מיט דעם געוואַלטיקן שדי איום ונורא!

הגם זיינע דיכטערישע כוחות זיינען נאָך דעמאָלט געווען זער באַשיידן, זיינע שפּראַך־מעגלעכקייטן באַגרענעצט, און אויך דער סטיל נישט איבריק קלאָר, האָט עס אים אַלץ נישט אויפגעהערט צו ציען צו דעם „אהיה אשר אהיה״.

ווייל אַן גאָט האָט ער זיך קיינמאָל דעם ייד נישט געקענט פאָרשטעלן, און אָן דער שכינה דאָס יידישע פאָלק.

האָט טאַקע כסדר זיך געלאָזט פּילן, פון זיין אַנטלויפן, צוריקקומען און ראַנגלען, דאָס מתפּלל זיין בלחש צום בורא „ותגער בשטן לבל ישטינני״.

דערפאַר איז טאַקע זיין ערשטע תפילה אויך געריכטעט צו גאָט, און זי

הויבט זיך אָן מיט גאָט: „גרויסער אַלמעכטיקער גאָט פון מיינע אבות, שטאַרק מיך און דערהויב מיך, גיב מיר כוח און מוט צו זאָגן דעם אמת, און צו ווייזן דעם ריכטיקן וועג פון לעבן".

אוודאי זיינען די ערשטע ווערטער... עמאָציעס און געזאַנגען נאָך געווען פרימיטיוו, צומאָל אויך מאָנאָטאָן און נישט גענוג דייטלעך.

און אַ מורה ומוכיח מוז האָבן אַ לויטערע פעסטע שטים, און נישט נאָר אַליין וויסן וואָס ער זאָגט, נאָר אויך דעם אַנדערן מוז זיין פאַרשטענדלעך דאָס געזאָגטע, ווייל די מיסיע פון אַ יידישן דיכטער איז טאַקע צו זינגען און צו זאָגן, ווי אונזערע אַלטע שליחי־ציבור האָבן עס געטון.

און אַז משה עובד פילט זיך באמת פאַר אַזעלכן — דערויף זאָגט טאַקע עדות דאָס קאַפּיטל 40 נאָך פון זיין ערשטן ביכל „אַרויס פון כאַאָס", ווו ער שרייבט: ווער בין איך, און וואָס בין איך, צו ריידן צו די מענטשן אין דיין נאָמען?

האָט גאָט אַזוי מיר געענטפערט: יאָ, טאַקע דעריבער, טאַקע דעריבער האָב איך דיך אויסדערוויילט פאַר מיין שליחות; דו ביזט דער מענטש אויף וועלכן דו האָסט געוואַרט און געהאָפט צו באַפרייען... דו ביזט דיין אייגע־נער שטערן. איך באַשאַף דיך פאַר אַ האַרצן־היילער און נשמה־פאַסער פאַר אַלע מענטשן. יאָ, דו ביזט דער מענטש און הייליק איז דיין פייער! דו ביזט דער מענטש און דיין פייער — איז גאָט!

און ערלעך געזאָגט, איז מיר פערזענלעך דער גאַנצער ענין פון פסעוודאָ־נביאות נישט איבעריק סימפּאַטיש, מחמת ווי גוט און ווויל אונזער איינער זאָל עס נישט נאָכמאַכן, האָבן עס די נביאים שוין זיכער עכטער און בעסער געמאַכט.

דאָס זעלביקע געפיל, מוז איך מודה על האמת זיין, האָב איך אויך צום „אויסלייזונג פּראָבלעם". הגם עס איז מיט אונז היסטאָריש אַזוי ווייטיקדיק פאַרקניפּט און פאַרבונדן.

איך האָב פאַרלוירן יעדע אמונה פון יעדן מין „אויסלייזעניש".

יאָ, פון אַ תפיסה מוז מען, קען מען איינעם אויסלייזן ווייל „אין חובש מתיר עצמו מבית האסורים".

אָבער פסיכיש, גייסטיק און סאָציאַל קען נישט איינער אַלע אויסלייזן נאָר אַלע איינעם.

וואָס דער יחיד קען אָבער יאָ — דאָס איז דאָס פונאַנדערציבנדן און אויפוועקן דעם באַגער נאָך פרייהייט; אָבער באַפרייען מוזן זיך אַלע אַליין, ווייל נאָר די מאַסע קען דעם יחיד באַפרייען.

די הילף וואָס, מישטיינס געזאָגט, דער בעסטער יחיד קען שוין ברענ־

גען צו דער מאָסע האָט אפילו נישט דעם ווערט ווי די ברייזעלעך וואָס מען וואַרפט יעדן טאָג מיטן טישטוך אַרויס נאָכן עסן. טאָ ווי זאָל איינער קענען גוט מאַכן דאָס, וואָס אַלע האָבן במשך פון דורות שלעכט געמאַכט?!

אין משה עובדס צווייטן ביכל „לעבנס לידער" זיינען די טעמעס און די פּראָבלעמען, וועלכע ער באַהאַנדלט דאָרט, כמעט אויך די זעלביקע, ווייל פאָלקס־אומגליק, גלות־השכינה און ליבע צום פאָלק אויפן שיר־השירים־דיקן שטייגער בלשון סימבאָל — דאָס דרינגט פון אומעטום אַרויס.

אַזוי אַז מען געווינט דעם איינדרוק — סימבאָליק, אַלעגאָריע, פּער־זאָניפיקאַציע; דאָס זיינען אייגנטלעך די עלעמענטן פון משה עובדס שאַפן.

הגם אין די לעבנס לידער איז משה עובדס שפּראַך שוין אַ ביסל אַ רייפערע, איז זי אָבער פאָרט נאָך נישט גענוגנדיק פּאַרטיפט אויף צו קענען אַלעס אַזוי קינסטלעריש קלאָר אַרויסברענגען, ווי דער דיכטער האָט עס אייגנטלעך געהאָט בדעה. ווייל דער מיסטיציזם וואָס משה עובד האָט זיך צום געביט געמאַכט, פאַרלאַנגט דווקא אַ טאָפּלטע שילדערונג־קלאָרקייט, מחמת אומקלאָר איז ער שוין פון זיך אַליין...

און ווען דער דיכטער קומט נאָך און באַשווערט אים מיט נישט גענוגנ־דיק קלאָרע מעטאַפאָרן, משלים, עמאָציעס און מחשבות — קענען אפילו די בעסטע לידער פסול ווערן.

און אַז משה עובד קען און האָט דעם כוח צו זינגען שיינע, קלאָרע און גוטע לידער — באַוויזן אַ סך לידער זיינע, אויך פונם פריערדיקן פּעריאָד, ווי דאָס ליד „יידיש", וואָס איז אידעאיש, געפּילפּול און שפּראַכלעך, כמעט קלאַסיש. דאָס ליד לייענט זיך פשוט, דערפאַר אַזוי באַהאַרצט און אינטים, אַז עס באַוועגט און אינספּירירט כמעט יעדן איינעם טיף אַפּעלירנדיק צו זיין יידישן געמיט, און ווער עס קען אַזעלכע לידער אַזוי פשוט אָנשרייבן, איז דאָס שוין דווקא גאָרנישט אַזאַ פשוטע זאַך, מחמת דאָס באַווייזט נישט יעדער הדיוט.

אָבער ליידער האָבן זיך אין דעם פיינעם ליד אַריינגעכאַפּט צוויי נישט פּאַסיקע שורות מיט וועלכע דאָס ליד פאַרענדיקט זיך, און די דאָזיקע זיינען:

„פאַרגעס נישט פאַר ווייטיק און פרייד אַפּצושניידן צוויי ערלעכע, שיינע גאָלדענע לאָקן, און טראָג זיי אייביק נאָנט צו דיין האַרץ".

די צוויי שורות, ווי געזאָגט, קלינגען ווי אַ שטיקל דיסאָנאַנס אין דער פיינער האַרמאָניע מיט וועלכער דאָס גאַנצע ליד איז אַדורכגעוועבט.

מחמת פון אַ שפּראַך לאָזט זיך נישט שניידן קיין גאָלדענע לאָקן צום אָנדענק, און ווען יאָ, דאַן מוז דאָס געהעריק און קלאָר פריער פּערזאָניפי־צירט ווערן. אָבער דאָס קען משה עובד לייכט פאַרבעסערן, און דאָס ליד

בלייבט פשוט ווי אַ פּערל אין דער יידישער פּאָעזיע.

זער כאַראַקטעריסטיש און סימפּטאָמאַטיש בלייבן אויך פיר סטראָפן אין דער גרעסערער פּאָעמע „די שכינה און דאָס מענטשנקינד" פון דעם זעלביקן בוך „לעבנס לידער", ווייל די פיר סטראָפן זיינען מרמז אויפן עתיד און טראָגן אויך אין זיך פונקן פון נביאישע חזיונות.

אינם יאָר 1924, ווען די וועלט האָט אפילו נאָך נישט געקענט חלומען פון אַזאַ עקזאַמינירטן, קוואַליפיצירטן משוגענעם רויבער און פאַרברעכער, ווי היטלער מיט זיינע משרתים און יוצר משרתים, בתוכם אויך אַריינגערעכנט די נעבעכדיק פּאַסיווע און נאַאיווע דייטשע מאַסע — האָט שוין דעמאָלט משה עובד אינטואיטיוו געזונגען:

„זעסטו דאָרט — פינסטערע קרום־געשלענגלטע היילן ?
דאָס איז דער וועג — וואָס דו מוזט דיר אויסהיילן,
דאָס זיינען די היילן פון די קומענדיקע דורות ;
זיי וועלן אויף דיר וואַרפן טויזנטער מורא'ס.

וועסט דאָרט דינען מיליאָנען געצן,
פּאַלגן — נאָכאַמאָל אַזוי פיל געזעצן ;
צען מאָל אַזוי פיל וועסטו שטאַרן,
און ביטערע וויטיקן אַרבן !...

וועסט נישט פאַרשטיין דיינע אייגענע ווערטער,
פוילן אין טויזנטער ערטער,
דיין אייגן פלייש וועסטו עסן —
אָן אַלעם פאַרגעסן, פאַרגעסן...

אַרומוואַלגערן וועסטו פאַרפּלאָנטערט, פאַרקניפּט און פאַרקנוילט,
זיך אויפצוקניפּן וועסטו נישט וויסן ווי אַזוי, און זיין צופוילט,
וועסט צאָלן אַ לעבנס־שטייער :
זיך צו באַפרייען מיט אַ גיהנום־פייער".

לידער האָבן מיר טאָקע באַצאָלט „מיט אַ גיהנום־פייער" פון זעקס מיליאָן יידן פאַר דער נעבעכדיקער באַפרייאונג.

מיר האָבן אויך געפוילט אין טויזנטער ערטער, דאָס אייגענע פלייש געגעסן, און אין אַלעם פאַרגעסן, פאַרגעסן...

מיר האָבן אפילו פאַרגעסן אַז מיר, מיט די פייניקער און די וואָס האָבן צוגעקוקט ווי מען האָט אונז געפייניקט, זיינען אויך אַמאָל מענטשן געווען.

אַזוי איז כמעט דאָס גאַנצע ליד אָנגעזאָפּט מיט די טרויעריק־פאַרצווייפלטע זעאונגען און ביטערע פאַרגעפילן פון אַ שוידערדיקן סוף.

אַמאָל האָבן חסידישע מקובלים על פי גמטריה געזוכט מגלה הקץ צו זיין, מצרף געווען פאַרשידענע אותיות, און מיט זיי אָנגעזאָגט משיחס קומען.

משה עובד, דאַקעגן, זוכט נאָר מבאר צו זיין דעם „אלף־בית״ דערמיט וואָס ער באַצירט אים מיט זיינע געפיל און געדאַנקען־תגין... לייגט אין אים אַריין זיין פאַרבענקטע נשמה, און נעמט צוריק אַרויס די נשמה פונם פאַלק. עדות דערויף זאָגט אַמבעסטן זיין לידער־בוך „אין חדר אַריין״, ווייל אין דעם דאָזיקן בוך איז משה עובדן געלונגען שוין אויף אַ מער קינסטלע־רישן אופן מיט אַן אַנטוויקלטערער געריפטער שפּראַך אַרויסצוברענגען זיינע מיסטישע וויזיעס, געדאַנקען און געפילן, דורך סימבאָלישע און אַלע־גאָרישע משלים, ביז זיי האָבן באַקומען פלייש און בלוט און געוואָרן כמעט ווי רעאַליסטישע קרעאַציעס.

דאָס בוך „אין חדר אַריין״ פאַרמאָגט אויך אַ סך קולטיווירטע לידער וועלכע אָטעמען מיט פאָלקסטימלעכן אינדיווידואַליזם, אָדער אינדיווידואַ־ליסטישע פאָלקסטימלעכקייט. און בכלל פילט זיך דאָרט אויך אַ גרויסער פּראָגרעס אין דער ווערזיפיקאַציע.

באַזונדערס געלונגען זיינען דאָס ערשטע ליד „די יידעלעך פון אלף־בית״ און דאָס לעצטע ליד „חכמת־החשבון״ (ביידע פונם ציקל־לימודים פונם ערשטן זמן). די צוויי לידער זיינען בלי שום ספק ראוי צו פאַרנעמען אַ בכבודן אָרט אין אַנטאָלאָגיעס און אין קינדער־כרעסטאָמאַטיעס, ווייל הגם זיי לייענען זיך שפּילעוודיק און לייכט, קומט פון אונטער דער שפּי־לעוודיקער לייכטקייט צום אויסדרוק דאָס שווער אָנגעווייטיקטע יידישע לעבן, דער יידישער מהות, מיט דער יידישער טראַגיק.

נאָר אַ שאָד, וואָס משה עובד האָט אויסגעלאָזן אינם ליד „חכמת החשבון״ דאָס מבאר זיין פון דער „ט״ מיט דער „י״. ווען משה עובד וואָלט די צוויי אותיות אויך נאָך געווען אויף זיין עובדישן אופן אויסגעטייטשט, וואָלט דאָס ליד אַ סך מער געוווּנען.

אַז משה עובד פאַרמאָגט אַ פּאָעטישן גייסט איז קלאָר, אָבער עס קעמפן אין אים מאָנכעס מאָל נאָך עלעמענטן פון דעם אַמאָליקן חזן, בדחן און מגיד; און טאָקע דער לעצטער וויל איבעראָל דעם אויבן־אָן, דעמאָלט ווערט אויך זיין סימבאָליק פאַרשוווּמען און ס׳הינקט אונטער דער פערז.

עס זיינען אָבער ביי אים אויך דאָ אַ סך פון אַזעלכע פערזן וועלכע רייסן זיך ווי די בליצן אַדורך דעם תהום פון זיין אָפטמאָל פאַרנעפּלטן וועזן, און העלן אויף מיט זייער ווייטן שימער זיינע געדאַנקען און געפילן...

זער אימפּרעסיוו ווירקט אויך דאָס ליד „גדליה״ (פון בוך „אין חדר אַריין״). דאָס איז אַ ליד וואָס קלינגט פשוט אויטאָביאָגראַפיש. עס פאַרמאָגט

אַ גוטן הומאָר, אויסגעמישט מיט איראָניע און סאַרקאַזם, און דערפאַר הערט עס זיך אַנגענעם און מיט אינטערעס ווען משה עובד זינגט:

נאַריש קינד, נאַריש קינד,
דיין ניצוץ גדליה איז דאָך פאַר גאָלד, —
פאַר גאָלד, נישט פאַר טינט!
ער איז אָבער פאַרליבט אין דעם כבוד פון שרייבעריי
און האָרכט מיך ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי.
איך אַליין האַנדל און האַנדל,
פאַר אַ ברעקעלע אמת גיב איך ליכטיקע נשמה;
פאַר אַ ראָזשינקע — אַ מאַנדל,
פאַר חרוסת — גיב איך כוסות,
פאַר אַ ביסעלע זוימען, —
גיב איך אַ גאַנצן סאָד מיט פלוימען.

און יברך שמי,
מ׳לייגט חלילה נישט צו.
אָבער גדליהן פאַסט נישט צו זיין אַ סוחר, —
אומשטערבלעכקייט, ווי כביכול ברויך ער!...

נישט ווייניקער געלונגען און איינדרוקספול זיינען אויך די שורות פונם ליד „בנילי דער באַנקער", אין וועלכן עס רעדט אַרויס פונם דיכטערס האַרצן דער קאָנטראַסט פון פאַנטאַזיע אוןווירקלעכקייט, פון פילאַנטראָפּיע און אַלטרואיזם, פון סאָציאַליזם און עגאָאיזם, ווען דער דיכטער זינגט:

קיינער ווייסט דאָך נישט אַזוי גוט ווי דו,
ווי איך ליב פון זילבער די רו,
און ווי איך האָב סכנותדיק האָלד —
די ליידנשאַפט פון גאָלד.
דו מיין שכינהניו, דו ווייסט דאָך,
וויפיל אין זילבער איך האָב אַריינגעגאָסן טרערן,
וויפיל פיוטים און געבעטן
איך האָב אין זיי אַריינגעקנעטן.

משה עובד איז טיף פאַרבונדן מיט דער מאַמען — מיט דער שכינתא בגלותא; און ער האָט נישט אויפגעהערט נאָך עד היום הזה זיך אַרומצוטראָגן און צו דאַוונען פון דעם קרבן מנחה סידור אין יידיש־טייטש פון זיין מוטער ע״ה. ווייל עס איז אים דאָרט גוט באַקאַנט יעדער קנייטש פון די טייערע מאַמישע פינגער, יעדער געלער פלעק פון די הייליקע מאַמישע טרערן, און די אַלע פאַרבלייכטע בלעטער מיט די אָפּגעריבענע אותיות פון

דעם גאַנצן שווערן און ביטערן געמיט מיט דעם גרויסן בטחון, און נאָך גרעסערער ליבע פון זיין, אונזער אַלעמענס אָרעמער יידישער מאַמען...

און ווען דער דיכטער בלעטערט אין די הייליקע געלע בלעטער פון זיין געטרייער מאַמעס קרבן מנחה סידור, ווערט זיין גייסט באַפליגלט און ער זינגט:

אַ מעשהלע דערצייל איך
פון אַ פּרינץ אַ בן מלך,
פון מלך מלכי מלכים —
פון מלכים אלפי אלפים.

דער פּאַלאַץ פון דעם פּרינץ
איז נישט אַ שטיקעלע פּראָוינץ,
נאָר די גאַנצע גרויסע וועלט,
ווו אַלעס אַרום נאָר קוועלט.

— — — — — — — — —

אַ קינד מיינס זיי געטרייסט, —
נישט טרויער מיין לעבן, מיין גייסט,
דיין פּאַלאַץ איז דאָך דער שענסטער,
די שטערן דיינע פענסטער...

מען קען מיט אַ גוטן געוויסן זאָגן, אַז עס איז משה עובדן אין אַ סך פאַלן געלונגען זיינע מיסטישע געפילן און געדאַנקען צו געשטאַלטיקן אין פיינע אַלעגאָריעס און סימבאָלן.

אָבער זיין גרויסן דיכטערישן חוב, וועלכן ער איז שולדיק זיין מאַמע־לשון, וואָס ער ליבט איבער אַלעם אין דער וועלט, זוכט ער צו באַצאָלן נישט נאָר אַליין מיט זיינע לידער, נאָר אויך מיט זיינע אָריגינעלע דערציי־לונגען וועלכע פאַרמאָגן אַן אייגנאַרטיקן ריטם און סטיל (און לייענען זיך פשוט אויך אַזוי ווי לידער), און נישט ווייניקער אויך מיט זיין געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט, אין וועלכער ס׳קומט אַמבעסטן צום אויסדרוק דער ליבער, פשוטער און באַהאַרצטער פאָלקסטימלעכער מענטש, משה עובד.

מאָרריס מייער

דורך דער לויפֿ פֿון לעבן ווערן געוויינלעך פֿאַרגרעסערט דעם עקזיס־טירענדן מענטשנס חסרונות ביז צו די קלענסטע ניואַנסן; דורך דער לויפֿ פֿון טויט ווערן ווידער פֿאַרגרעסערט זיינע מעלות.

דאָס לעבן מאַכט דעם מענטשן ס'רוב זינדיק און טמא, דער טויט ריי־ניקט און הייליקט אים, איז אויף אַלעם מכפּר.

פֿאַראַן אָבער אַ מין סאָרט מענטשן, וואָס ניט דער טויט און ניט דאָס לעבן זיינען בכּח זיי וועזנטלעך צו ענדערן; צו דעם מין געהערן על פּי רוב ניט קיין דענקענדיקע מענטשן, נאָר מענטשלעכע דענקער, וואָס זייער ראַציאָנאַליזם איז דורכגעוועבט מיט מעטאַפֿיזיק, און זייער מאַטעריאַליזם מיט מיסטיק.

דער טיפֿ מענטש לאָזט פֿון לעבן זיך ניט נעמען, נאָר ער נעמט דאָס לעבן, פֿאַרעמט עס, געשטאַלטיקט עס און באַלעבט עס מיט זיין אייגענעם איך . . .

צו דעם דאָזיקן סאָרט האָט געהערט מאָרריס מייער.

געווען איז ער אייגנטלעך אַ גרויסער אינדיווידואַליסט אין דענקען. אין לעבן אָבער, מענטשלעך סאָציאַל, כ'וואָלט געזאָגט אַ גייסטיקער קאָ־לעקטיוויסט, וואָס האָט רעאַגירט אויף יעדער פּסיכיש און פֿיזישער עוולה, און אייביק געזוכט צו פֿאַראייניקן: עטיק מיט עסטעטיק, סאָציאַליזם מיט רעליגיע, מחמת ער איז פּשוט געווען פֿאַרליבט אין דער סינטעזע . . .

אַלע לעבנס דערשיינונגען, סיי פּאָליטיש־סאָציאַלע, סיי עקאָנאָמיש־קאַפּיטאַלע, האָט ער גענומען אונטער זיין פּריזמע, און געלערנט אַן אייגע־נעם פּשט. עס איז דאָ ניט וויכטיק צי דער פּשט איז תּמיד אַ ריכטיקער געווען, אָבער פֿון גרויסער וויכטיקייט איז דאָ יאָ, אַז ער — איז תּמיד אַ ריכטיקער געווען . . .

ער האָט באַלאַנגט צו די אַלזייטיקע אינטעלעקטואַלן, וואָס זייער ערו־דיציע באַגלייט זיי אויף שריט און טריט. פֿאַרמאָגט אַ מתנגדישן קאָפּ און אַ חסידיש האַרץ, וואָס איז געווען איבערגעפֿילט מיט פּאַטאָס פֿאַר ליידנדע און באַוואוּלהטע. אַן עוואָלוציאָניסט, וואָס האָט ניט פֿיינט געהאַט די רעוואָ־לוציע. אַ מענטש מיט אַ טיפֿ באַצוועקטן גייסט, וואָס האָט דורכגעמאַכט

פאַרשיידענע מעטאמאַרפאָזן אין לעבן און אין דענקען. אַן אַנאַרכיסט וואָס איז געוואָרן אַ ציוניסט — וואָס האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פון מאַרקס׳ן. אַ מאַרקסיסט, וואָס האָט זיך געחברט מיט שפינאָזאַ׳ס פאַנטעאיזם. משה, דאַרווין, מאַרקס, שטירנער און קראָפּאָטקין מיט די פריערדיקע סאָציאַלע הומאַניסטן: סען סימאַי, פּיריע און ר. אוען האָבן אויסגעריפט זיין פּאָליטיש עקאָנאָמישע וועלט אַנשויאונג, דער חסידיזם מיט דער קבלה האָבן פאַרטיפט זיין רעליגיעזן געפיל. ער האָט באַלאַנגט צו די סאָציאַל־טעאָרעטיקער וואָס דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם האָט איבערגעלאָזן אַ טיפע השפעה אויף זיין וועזן, הגם ער האָט שטענדיק אין זיך געקעמפט מיטן דאָגמאַטיזם.

זיין גאַנצער לעבן איז געווען אַ בונטאַרישער (פאַרשטייט זיך אין גייס־טיקן זין). ער האָט געהאַלטן אין איין ראַנגלען זיך — מיט זיך, אין איין וואַנדלען און פאַרוואַנדלען. ער האָט באַזעסן די גרויסע ליידנשאַפט אייביק זיך צו וועלן גובר זיין, באַהערשן, זיין תשוקה איז געווען דאָס דענקען, און זיין דענקען איז געוואָרן די ליבע צום מענטשן. מענטש און דענקער זיינען געווען פאַראייניקט אין אים, ווי קויל און פלאַם. זיי זיינען געגאַנגען אין איין פאַראַלעל, איינער האָט דעם אַנדערן ממלא געווען.

מיט ליטעראַטור און קונסט, ליטעראַטן און קינסטלער, האָט ער זיך תמיד היימיש געפילט; זיי זיינען ניט נאָר געווען זיינע קאָלעגן און קאַמע־ראַדן, זיין אַזיל אָדער אָפּרו אָרט, נאָר זיין העכסטער און שענסטער גייסטי־קער פאַנטעאָן.

דאָס נאַפּאָלעאָנישע ליכט האָט תמיד פון אים אַרויסגעשימערט — דער שטרעבענדיקער טריב נאָך מאָס און אָרדנונג; אין קעגנזאַץ צום דיאָ־ביזישן — וואָס מיינט שיכרות אין אויסגעלאַסנקייט (על פי ניטשע). אָבער דאָס נאַפּאָלעאָנישע ליכט איז אויפגעגאַנגען אין דעם ברענענדיקן יידישן דאָרן און אַריינגעפלאַקערט אינם אייביקן „יהי אור״, ווייל ער האָט שטענ־דיק געשטרעבט צו ליכט, געליבט דאָס ליכט, געזוכט דאָס ליכט און גע־קעמפט פאַר דעם ליכט. ער האָט באַלאַנגט צו די פּראָמעטעאיסטן וואָס האָבן תמיד נאָר געזוכט דעם מענטשן ליכט צו ברענגען, און געליטן דורכן ליכט, פאַרלאַנגענדיק עס מער און מער, קיינמאָל זיך ניט געקענט זעטיקן דערמיט.

ווער עס האָט אים געזען אינם דעמערשיין פון עגאָצענטריזם — איך האָב אים תמיד נאָר געזען אין באַגינען אָפּגלאַנץ פון אַ גייסטיקער מיסיע. דערפאַר זיין אונערמידלעכער שטרעבן נאָך סאָציאַלע רעפאָרמען, דערפאַר זיין שטענדיקער קאַמף מיטן יאוש און אונבאַגרעניצטער בטחון אויף דעם ווערנדיקן און קומענדיקן . . . דערפאַר זיין אונאויפהערלעך שרייבן און רעדעס האַלטן. אָבער ער האָט ניט באַלאַנגט צו די יעניקע וואָס קענען נאָר

האַלטן בלויז רעדעס, נאָר די טאַט האָט אים אויך געלערנט האַלטן אַ וואָרט. זיין צייט האָט ער ניט נאָר מיט זיין לעבן אויסגעפילט, נאָר פּשוט איבער־געפילט. די צייט איז פאַר זיין אַרבעט שטענדיק צו קורץ געווען — און דאָך האָט ער תמיד פאַר אַלעם צייט געהאַט . . .

ווען איך האָב אים געזען, איז ער תמיד געווען אַ פאַרנומענער מיטן יחיד און מיטן כלל, אָבער קיינמאָל ניט גרינגגעשעצט צוליב דעם כלל דעם יחיד, מחמת אַלס דענקער האָט ער געוווּסט אַז אָן יחיד איז ניטאָ קיין כלל.

ענטוישונגען האָבן אים תמיד צו נייער אַרבעט אָנגערעגט. ער איז גע־ווען אַ דענקער וואָס זיינע געדאַנקען האָבן זיך תמיד נאָר געהאַפטן און גע־שפּינען פון און אַרום דעם מענטשן, מחמת ער האָט דעם מענטש געליבט בלב ונפש, און מקבל באהבה געווען יעדעס ליידן פאַר אים. הײַנט מכל שכן נאָך זיין פאָלק — דערמיט האָט ער געלעבט, דערפאַר האָט ער געקעמפט, און דורך אים איז ער געוואָרן דער גרויסער אוטאָפּיסט און בעל חלומות פון אייביקן גוטן, שיינעם און גערעכטן.

ליב האָב איך אים תמיד געהאַט צו זען אַ פאַרנומענעם, דעמאָלט האָט זיין וועזן געשטראַלט מיט יוגנטלעכער ענערגיע, און זיין גייסט האָט גע־שפּרודלט מיט אַן אייביקער חשקות נאָך אַרבייטן, שאַפן, בויען און גע־שטאַלטן.

דאָס איז געווען מאָרריס מייער דער דענקער און ווי אַזוי איז געווען מאָרריס מייער דער מענטש?

דער מענטש מאָרריס מייער איז נאָר געווען אַ דינער פון דענקער מאָרריס מייער. אָבער ניט נאָר זיין אייגענער דינער איז ער געווען, נאָר אויך אַ דינער פון יעדן אַנדערן דענקער האָט ער געקענט זיין, און איז עס טאַקע אויך געווען. דערפאַר האָט ער זיך געקענט אָוועקגעבן מיט אויפאָפּ־פערנדיקע התפעלות צו אַזוי פיל אידעען, אידעאַלן און צילן, אָבער דאָס האָט אים ניט צעשפּליטערט, נאָר געמאַכט נאָך בונטער און קאָנצענטריר־טער זיין האַנדלען. שיין זיינען געווען זיינע מעשים, באַלויכטן מיט דעם שיין פון זיינע אידעען. אַ צופרידענער האָט ער געלעבט פון זיין אַרבעט און געאַרבעט גלייכצייטיק פאַרן לעבן. און לעבן איז געווען אַן אָנזאָג, אַז אפילו דער קלענסטער מענטש מוז דורכגיין דעם גרויסן טונעל פון דענקען, ביז ער קומט אַרויס פון זיין פאַרנעפּעלטן איך אין צעהעלטן קאָסמאָס אַריין. זיין אוניווערסאַליזם איז געווען: „קאָגיטאָ ערגאָ סום" — איך דענק ווייל איך בין . . . און ווער אָבער עס דענקט, און איז ניט פעהיק זיינע געדאַנקען און טאַטן צו פאַרוואַנדלען, איז געגליכן צו אַ פּרוכט־בוים וואָס ברענגט ניט קיין פּירות . . .

זער אָפט האָב איך ליב געהאַט צו כאַפּן אַ שמועס מיט מאָרריס מײַערן ווען די פּען־חברים זײַנען נאָך ניט דאָ געווען, אָדער שוין געהאַט אַוועקגע־גאַנגען. און איך האָב באַמערקט, אַז דאָס וואָס איך האָב גערן געהאַט, האָט אויך באַרוט אויף קעגנזײַטיקייט. ס׳איז באמת געווען פּאַטעטיש און וואונדער־באַר צו זיצן מיט דעם אײביק יוגנטלעכן פּראָזאַאיקער, פּובליציסט און גע־זעלשאַפטלעכן טוער מאָרריס מײַער אינם גרעסטן מיטאָג גערויש פון „קאַ־פע לייאָנס״, און זיך מיט אים צו אונטערהאַלטן וועגן די שטילסטע, טיפ־סטע און ערנסט־אַנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען פון דער צײַט — בעת דער קלאַנג פון טעפּלעך, גלעזער און טעלער, מיט גאָפּל־מעסער און לעפל האָבן זיך אויסגעמישט מיטן שפּרודלדיקן מײַדעלשן געלעכטער און טעמים פון פאַרשיידענע מאכלים.

פאַרענדיקט דאָס עסן, האָט ער מיט די פינגער גלײַך געמאַכט זײַן שיינעם קאָפּ מיט ווײַסע האָר, דורכגעקוקט זײַנע תמיד פול באַלאָדענע טאַשן מיט בראָשורן, בריוו און מאַנוסקריפּטן. דאָס נויטיקע אָפּגעשיקט אין רע־דאַקציע אַרײַן, פאַררויכערט זיך אַ ציגאַרעטל און מכבד געווען ווער ס׳איז מיט אים געזעסן.

לײַדנשאַפטלעך אָן אָן איבעררײַס אָנגעהויבן צו רעדן און שמועסן, פּשוט אויפגעגאַנגען אין זײַנע געשפּרעכן; געשאַפן בעת ער האָט גערעדט, און גערעדט בעת ער האָט געשאַפן. ווער ס׳איז מיט אים געזעסן האָט זיך פּשוט געפילט יונג, מחמת זײַן פּאָזיטיוויסטישן קוק אויף געזעלשאַפט, פּאָליטיק, קונסט און לעבן.

אַמאָל אין אַ נאָכמיטאָג האָט ער מיך בײַ לייאָנס׳ן אָנגעטראָפן פאַרטיפט איבער אַ קליין ביכל פון שאָפּענהאַוער׳ן. איך האָב געלייענט זײַן באַרימטן עסיי: „דער טויט״.

— וואָס מאַכט איר עפּעס גוטס, מײַן טײַערער? — האָט זײַן ליבער קול פאָטערליך און צאַרט אָפּגעקלונגען.

— איר זעט דאָך, פרײַנט מײַער, איך לייען שאָפּענהאַוער׳ן, דעם אײי־ביקן פּעסימיסט און טרויעריקן פאַרנײַנער, וואָס מאַכט מיך קיינמאָל ניט טרויעריק, נאָר טיף ערנסט.

— וואָס עפּעס אין מיטן דרינען „תשעה באב״? נו, זאָל אײַך וויל באַקומען . . .

— וואָס מיינט דאָס, פרײַנט מײַער?

— גאַנץ פּשוט, איר זאָלט אים גוט פאַרדײַען; פּונקט אַזוי ווי ער האָט פאַרדײַעט דאָס פרײדיקע, שיינע לעבן און אָנגעשריבן טרויעריקע פּעסימיס־טישע טראַקטאַטן, זאָלט איר פאַרדײַען זײַנע פּעסימיסטישע טראַקטאַטן, און

אונגעשטערט זען ווייטער פריידיק און שיין צו לעבן.

— איך דאַנק אייך, פריינט מייער, זער פיין, אייערע פשוטע ווערטער אַפּעלירן צו מיר ניט ווייניקער ווי ווען ס'איז געפליגעלטע שפּראַך; מחמת איר זענט איינפאַך צעלויכטן פון פּאָזיטיוויזם, און דאָס איז דאָס פּאַס־צינירענדיקסטע ביי אייך . . .

ער האָט געשמייכלט צופרידן און קלוג, און פּאַרט אַזוי נאַאיוו ריין, ווי אַ קינד.

— איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, מאָרריס מייער, אָבער לאַכט פון מיר ניט: איך בין נאָך היינט פּאַרליבט אין פינף דייטשן, וועלכע זיינען: שאָ־פּענהאוער, קאַנט, ניטשע, וואַגנער און מייסטער דירער. ווייל עס איז זיי געלונגען מיט ווערטער, פאַרבן און קלאַנגען אויף דעם פּשוטסטן אופן אויסצודריקן די טיפסטע מענטשלעכע געדאַנקען, געפילן, פאַרלאַנגען און שוואַכקייטן. איר וועט פאַרשטיין אַז די דאָזיקע דאַמאָלטדיקע דייטשן האָבן פונקט אַזאַ שייכות מיט דעם היינטיקן היטלעריזם, ווי מיר היינטיקע יידן מיט דער אַמאָליקער קרייציקונג פון קריסטוס'ן.

— מיין טייערער, גייט ניט אַוועק פון דער טעמע. הגם איך האַלט אַז אייערע דאַמאָלטיקע ליבע דייטשן האָבן יאָ אַ שטיקל שייכות מיטן היינטיקן היטלעריזם, וועלן מיר איצט דעריבער ניט רעדן. איך וויל אייך נאָר באַ־מערקן, אַז פאַרליבט בין איך (ווי איר דריקט זיך אויס) אין די דאָזיקע דייטשן ניט, נאָר מער ניט, איך האָב דרך ארץ פאַר זיי. צו זיין פאַרליבט זיינען פאַראַן סימפּאַטישערע, הומאַנערע, און מינדעסטנס אַזעלכע גרויסע פיגורן אויף יעדן געביט פון פילאָזאָפיע, מאַלעריי און מוזיק ביי די אַנדערע אומות. זייט מיר מוחל, איך האָב מער פאַרטרויען צו זיי . . .

— איר, פריינט מייער, רופט עס דרך ארץ — דאָס איז זיכער טרעפ־לעכער, פּאַסנדיקער. נאָר ווי עס זאָל ניט זיין, איז עס דאָך גרויס ווען שאָ־פּענהאוער זאָגט: „דער טויט איז אייגנטלעך גאָרניט אַזוי שרעקלעך ווי מיר מענטשן שטעלן זיך אים פאָר, מחמת מ'קען זיך ביים לעבן דעם טויט גאָר־ניט פאַרשטעלן. דער טויט טוט קיינעם ניט וויי, ער קומט צו דעם מידן מענטשן ווי אַ נאַטירלעכער שלאָף, און מיר שלאָפן איין שפּירנדיק אין שלאָף קיין שום ווייטיק ניט. מיר זיינען אויך אַמאָל שוין טויט געווען נאָך איידער מיר זיינען געבוירן געוואָרן, נו, האָט אונז ווי געטאָן? ווייסן מיר עפּעס דערפון? פונקט אַזוי וועלן מיר ניט פילן קיין שום ווייטיק און וועלן אויך פון גאָרניט ווייסן נאָכן טויט. ווייל מען קען דעם טויט ביים לעבן זיך אַב־סאָלוט ניט פאַרשטעלן, דערפאַר איז ראַציאָנאַליסטישער און פיל בעסער פאַר דעם מענטשן בכלל ניט צו טראַכטן פון טויט, אים אָננעמען ווי ער

קומט, און ווען ער קומט״.

— אָבער פאַרגעסט ניט, מיין טייערער — האָט מאָרריס מייער זיך ווידער צו מיר אַ צעשמייכלטער געווענדעט — אַז מען הערט אויף צו טראַכטן איז מען שוין טויט ביים לעבן. שאָפּענהאוער גופא האָט אויך געטראַכט און אָפטמאָל זאָגאַר צופיל געטראַכט, און פאַרגעסן אַז ניט אַלעס וואָס מען טראַכט מוז מען אַרויסזאָגן. דערפאַר זיינען זיינע באַטראַכטונגען אַ סך מאָל אַרויסגעקומען אַזוי באַפאַנגען און טונקעל . . . איר פאַרשטייט ? אַז מען גיט אַ געשריי ווערט פאַרקלונגען דאָס קול, און ס׳הילכט אָפּ אַ בת־קול, און דער דאָזיקער בת-קול הערט ניט אויף צו וויברירן ווייטער אין העכערע ספערן, הגם אונזערע אויערן פאַרנעמען עס ניט און קענען עס מער ניט פאַרנעמען. אַזוי איז עס אויך מיט דעם מענטשנס לעבן, זיין גוף בלייבט ליגן ווי אַ צובראָכענער פידל, אָבער דער קלאַנג וואָס ער האָט פון זיך אַרויסגעגעבן, וויגט זיך ווייטער אין חלל, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַנדערע עטער־וועלען, וואָס מאַכן פון דאָס ניי איבער פאַרשיידענע גלגולים, און אַזוי עד אין סוף . . .

— גלויבט מיר, לעווי, איך בין איבערצייגט אַז דער גלויביקער האָט אַ סך מער מעגלעכקייטן גוט צו זיין ווי דער אומגלויביקער, מחמת יעדער גלויבן באַזירט מער אָדער ווייניקער אויף דער ליבע צום מיטמענטשן און איז אים צו דעם מתחייב . . . דאָס טרויעריקע איז נאָר וואָס די מיינסטע מענטשן זיינען ניט גלויביק, נאָר אַבערגלויביק. דערפאַר די פינסטערניש, דער האַס, די קנאה־שנאה, און דאָס אייביקע בלוט־פאַרגיסן. יאָ, אַז דער מענטש וועט ניט זען וואָס גיכער אַ סוף צו מאַכן צו אַלע זיינע ווילדע אינסטינקטן און מלחמות, וועלן די ווילדע אינסטינקטן און מלחמות אַ סוף מאַכן פון מענטשן ! . . .

— גלויבן מוז סוף כל סוף יעדער מענטש, דער גרעסטער אַטעאיסט גלויבט אויך : אין גאָרניט. טאָ ווען שוין יאָ גלויבן, איז פאָרט בעסער אין עפּעס, איידער אין גאָרניט צו גלויבן . . . איר פאַרשטייט ? איך בין ניט קיין רעליגיאָנס פילאָזאָף, און אויך ניט קיין פילאָזאָפישער קריטיקער, נאָר אַ פשוטער יידישער פובליציסט.

ווען מאָרריס מייער האָט גערעדט איבער טעמען וועלכע ער האָט ליב געהאַט, פלעגט ער אויך ליב האָבן די מענטשן וואָס האָבן אים אויסגעהערט.

אויף אַ באמת האַרציק רירנדן אופן פלעגט ער צו דעם אָדער צו יענעם זיין ליבשאַפט אַרויסווייזן, צאַרט אָננעמענדיק אים מיט צוויי פינגער אונטער דער גאָמבע, און מיט אַ צעשטראַלטן שמייכל און לויטערער שטים זיך ווענדן צו אים : „ניט אמת, מיין טייערער, וואָס מיינט איר?״ און אַזוי

פלעגט ער זיך נוהג זיין ניט נאָר מיט די יעניקע וואָס האָבן מיט אים מסכים געווען, נאָר אויך מיט זיינע געגנער. אין דעם איז געלעגן אַזוי פיל פּאַטער־לעכקייט און מענטשלעכע איבערווינדונג, פון אַ באמת גייסטיקן גבור. אַזוי טאָלעראַנט צו זיינע פיינט האָט נאָר געקענט זיין דער יעניקער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ מוסטערהאַפטן רעספּעקט צו יענעם, און צו זיך . . .

גערעדט האָט ער טאַקע אַלגעמיין, קלאָר און דייטליך, ווי אַ פּשוטער פּובליציסט, אָבער זיין — איז ער ניט געווען אַזוי פּשוט און אַלגעמיין פאַר־שטענדלעך ווי ער רעדט. ווייל אַ דענקער וואָס קען אַזוי איינפאַך רעדן אי־בער די העכסטע פּראָבלעמען פון מענטשלעכן לעבן, און אַ מענטש וואָס קען איבער אַלעם אַזוי דערהויבן און טיף דענקען, איז שוין גאָרניט קיין פּשוטער פּובליציסט ווי מאָרריס מייער האָט זיך אָנגערופן, נאָר אַ באמת גרויסער מענטש און טיפער דענקער.

40 יאָר איז דער וועטעראַן מאָרריס מייער געשטאַנען אויף דער יידיש־זשורנאַליסטישער אַרענע אַן איבערגעגעבענער בלב ונפש, און אָנגעפירט אַן אונערמידלעכן קאַמף פאַר דער יידישער קולטור — אין וואָרט, שריפט, און אין דער טאַט, און אויך אַרויסגעלאָזן דריי זער אינטערעסאַנטע ווערק, וועלכע באַרייכערן און פאַרשענערן די יידישע ליטעראַטור.

דאָס ערשטע ווערק איז געווידמעט „משה רבינו אַלס באַפרייער, פירער, געזעצגעבער, און זיין קאַמף פאַרן לעבן". דאָס צווייטע ווערק איז געווידמעט „ר' ישראל בעל שם טוב" און דאָס דריטע — דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן, 1902—1942. אַלע דריי ווערק זיינען געשריבן פון אַטיפן באַאָבאַכ־טער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע ערודיציע, און אַ פיינעם אַנאַליטישן גייסט.

מאָרריס מייער'ס שטודיע איבער דער געשיכטלעכער געשטאַלט משה'ס איז באַזונדערס אינטערעסאַנט, ווייל זי פירט צו צו דעם אור־מקור פון יידישער עטיק, מאָראַל און סאָציאַלן האַנדלען . . .

דאָס איז אַ שטודיע וועלכע באַזירט אויף תלמודישע לעגענדעס, מדרשים, און איז באַלויכטן מיט דעם שיין פון מאָדערנע אַנאַליטישע מע־טאָדן וועלכע שטיצן זיך אויף פּסיכאָלאָגישע לימודים.

מאָרריס מייער ברענגט אַ ציטאַט פון סעדיה גאון וועלכער זאָגט:
„אונזער פאָלק איז אַן אויסדערווײלט פאָלק דורך זיין לערע, און עס איז אונענדליך צוליב זיין אייגענאַרטיקייט, דערפון איז געדרונגען, אַז אויך די תורה מוז בלייבן אייביק ניט געענדערט, ווייל ווען ניט וועט דאָך איר כאַ־ראַקטער, דאָס הייסט איר אייגנאַרט, געענדערט ווערן."

מאָרריס מייער איז דערצו מוסיף, אַז אידעען קענען נאָר אויפהאַלטן

די עקזיסטענץ פון פאָלק דורך אויפהאַלטן זייער אייגנאַרטיקייט. מאָררים מייער באַמערקט טאַקע אגב אויך, אַז דאָס מיינט ניט עס קענען ניט זיין חלוקי דעות מכח דער פראַגע; אָבער דאָס איז שטעלענווייז אַ ביסל צו ווייניק פאַר אַ טראַקטאַט וואָס איז באַלויכטן מיט מאָדערנע אַנאַליטישע מעטאָדן, וועלכע שטיצן זיך אויף פּסיכאָלאָגישע לימודים, מחמת זיי בילדן אַן אָרטאָדאָקסישן קאָדעקס, וואָס מוז שטרענג אָפּגעהיט און אַנגעווענדעט ווערן אין לעבן מיט אַלע זיינע קלענסטע פּרטים עד סוף כל הדורות . . . און עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז אַ סך חוקים, דינים און משפּטים, ווי אויך עטיש־מאָראַלישע און סאָציאַלע פּאַראַגראַפן וואָלטן געדאַרפט רעווידירט און קאָרעגירט ווערן פּונקט אַזוי ווי עס זיינען קאָרעגירט געוואָרן פאַרשידענע וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישע באַגרינדונגען, ווייל זיי זיינען געבליבן צו פאַרעלטערט און פּאַסן ניט מער אַריין אין די ראַמען פונם היינטיקן לעבן. דאָס איז אונבאַדינגט נויטיק אַז די תורה זאָל אויף וויטער קענען פאַרבלייבן מיטן פאָלק, ווי דאָס פאָלק איז כמעט ביז היינט פאַרבליבן מיט דער תורה. דער ענין ווערט נאָך קאָמפּליצירטער (ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען) מיט מ. מייער׳ס ערקלערונג, אַז משה האָט געשאַפן זיינע געזעצן ניט אַלס אַ פּראָדוקט פון די עקזיסטירנדיקע פאַרהעלטניסן נאָר פון פאַרגעזענע, אונאָפּהענגיק פון אָרט צי צייט... וואָלטן מיר די ביבל נאָר אַלס אַ געניאַל געשיכטלעך ווערק באַטראַכט, ניט אַלס אַ רעכטלעך סאָציאַל רעליגיעזן קאָדעקס וואָס פּרעטענדירט אַנגעווענדעט צו ווערן אין לעבן, וואָלטן מיר אויף אַ סך מוחל געווען, אָבער אין אַזאַ פאַל איז אונמעגלעך אַריינצוקוועטשן אַפילו דעמאָלטיקע באַגריפן אינם היינטיקן לעבן, ווי שוין פריער באַמערקט.

מ׳קען מיט דער גרעסטער פּיעטעט און רעליגיעזיטעט זיך באַציען צו דעם געניאַלסטן פאָלקס פירער, געזעצגעבער און באַגרינדער פון דער וועלט־מאָראַל און סאָציאַליזם; דאָס שליסט אָבער ניט אויס מודה צו זיין אויף די אַנגעוויזענע פאַקטן. דאָס וועט אויך ניט משפּיע זיין אויף דער אייגנאַרט פונם פאָלק, ווייל ווי דאָס פאָלק פון דער ביבל זאָל ניט פאַרענדערן זיין ביבל, וועט עס תמיד נאָך ביבליש פאַרבלייבן.

געוויס האָט מאָריס מייער אויך רעכט ווען ער זאָגט: אַ סך עטישע באַגריפן זיינען נאָך ביז היינט ניט רעאַליזירט געוואָרן, דאָס שליסט אויך ווייטער ניט אויס אַז פילע זיינען שוין אָפּגעלעבט. בכלל איז דער טראַקטאַט וויסנשאַפטלעך אויסגעהאַלטן, און געשריבן אין אַ לייכטן פּאָפּולערן סטיל. דאָס מיינט ניט נאָר אַז מאָריס מייער איז געווען אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר, נאָר אַליין אויך אַן אָריגינעלער דענקער וועלכער האָט באַזעסן די מעלה קלאָר, פאַרשטענדלעך אויף אַ לייכטן אופן זיך אויסצודריקן.

אינם ערשטן טייל האָט מאָרריס מייער געשילדערט די פּאָליטיש סאָציאַלע אומשטענדן אין עגיפּטן אונטער וועלכע די יידן האָבן געלעבט בעת משה איז געבוירן געוואָרן. ער ברענגט פאַרשידענע ציטאַטן פון מדרש און תלמוד כדי וואָס בולט׳ער אַרויסצוברענגען די געשטאַלט פון משה׳ן. אין צווייטן טייל שילדערט ער משה׳ן אַלס באַפרייער, די אייגענשאַפטן זיינע, פּרעה׳ס און דעם פאָלק ישראלס, זיין באַציאונג צו גאָט און פאָלק, און די באַציאונג פון גאָט און פאָלק צו אים. דאָס התגלות השם, און די יידנס אַרויסגאַנג פון מצרים. אין דריטן טייל ווערט געשילדערט משה אַלס פירער און געזעצגעבער. משהס געזעצן — שרייבט מ. מייער—זיינען געבויט אויף פאָלגענדע יסודות: גאָטס דערקענטעניש וואָס איז אויך דער טיפער זין פון דער נאַטור. ערלעכקייט און אמת, ווירדע און גלייכהייט, רו נאָך אַרבייט, האַרמאָניע און גאַנצקייט פון פאַמיליע. אָרענטלעכקייט און אַנטשטענדיקייט, הייליקייט און אונבאַרירלעכקייט פון מענטשלעכען לעבן, זעלבסט־קאָנטראָל אין אַלע געביטן, געזעלשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, קאָרעקטע און ערנהאַפטע באַציאונג צו מענטשן, די באַלאַנסירונג פון דער געזעלשאַפט.

משה רבינו איז אַזוי הויך געשטיגן אַלס פירער און געזעצגעבער, צו באַגרייפן די טיפסטע יסודות פון לעבן, און פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, ווייל ער איז קודם כל געוועזן אַ באַפרייער. אין דער וועלט געשיכטע פון אַלטערטום זיינען דאָ צוויי געשטאַלטן וועלכע האָבן געזוכט צו באַפרייען שקלאַפן: משה וועלכער האָט באַפרייט די יידן פון מצרים, און ספּאַרטאַקוס וועלכער האָט געזוכט צו באַפרייען די שקלאַפן פון די רוימער. ספּאַרטאַקוס וועלכער האָט זיך געשטעלט אויפן יסוד פון כח איז דורכגעפאַלן; משה האָט זיך געשטעלט אויף אמונה און חכמה און ס׳איז אים געלונגען.

ער ברענגט אויך וואונדערבאַרע לעגענדעס וועגן משהן און די תורה, וועלכע געבן דעם ווערק אַ באַזונדערן גלאַנץ.

דער פירטער טייל שילדערט משהן אַלס געזעצגעבער. עס איז מערקווירדיק — שרייבט מ. מייער ווייטער — און אַ זער כאַראַקטעריסטישע זאַך, וואָס משה האָט ניט געוואַרט ביז די יידן וועלן זיין אין ארץ ישראל זיי צו געבן די געזעצן. ער האָט זיי געגעבן ווען די יידן זיינען נאָך געווען אין דער מדבר און אויפן וועג. משהס געזעצן זיינען דערפאַר ניט געווען דער פּראָדוקט פון עקזיסטירנדע פאַרהעלטניסן, נאָר פון פאָרגעזעענע. זיי זיינען ניט אַרויסגערופן געוואָרן פון דער נויטווענדיקייט פון דעם אָרט און צייט, ווו און ווען זיי זיינען געשאַפן געוואָרן, נאָר אויך פון די נויטווענדיקייטן פון אַן אָרט, וואָס איז נאָך געווען ווייט, און פון אַ צייט, וואָס האָט ערשט באַדאַרפט קומען. משה — פירט מאָריס מייער אויס — האָט פאָרגעזען די באַדינגונגען

און פאַרהעלטניסע וואָס וועלן ענטשטיין אין דעם לאַנד צו וועלכן ער האָט געפירט די יידן — זיינע געזעצן זיינען געווען דורכאויס אידעאַלע.

דאָס איז אייגנטלעך אַן אָרטאָדאָקסיש פילאָזאָפישע ערקלערונג פון דעם ענין, וועלכע מיר קענען גאַנץ גוט פאַרשטיין; אָבער ווי שוין דערמאָנט געזען אונטער דער לופע פון מאָדערנער קריטיק קען מען אויך קומען צו אַנדערע אויספירונגען.

דער 5־טער טייל שילדערט משהס קאַמף פאַרן לעבן. ווי ס׳איז צו זען פון די הויפּט לעגענדעס זאָגט מאָריס מייער: האָט משה ניט געוואָלט שטאַרבן. גראַד ער, וועלכער האָט גענומען גאָטס וואָרט פאַרן געזעץ און עס געלערענט די יידן, און זיי געהייסן דאָס אָפּהיטן, האָט זיך געשטעלט אויס־טענהן מיטן רבונו של עולם ווען ער האָט אים געהייסן שטאַרבן. ער האָט באַנוצט יעדן אַרגומענט וואָס ער האָט נאָר געקענט, ניט צו דערפילן וואָס מען האָט אים געהייסן... און מאָריס מייער ענטפערט אויף דעם חידוש מיט אַן אייגענעם פירוש וועלכער קלינגט דורכאויס ראַציאָנאַליסטיש: „משה האָט געהייסן דעם מענטשן ניט צו זיין קיין פאַטאַליסט, און ווען עס דאַכט זיך אים, אַז ס׳איז שוין געקומען זיין שעה אָדער אונטערגאַנג זאָל ער זיך צו גלאַט אַנידערלייגן און שטאַרבן. משה האָט געקעמפט פאַר זיין לעבן ביז צו דער סאַמע לעצטער מינוט. ער האָט געקעמפט פאַר זיין לעבן אַפילו מיט דעם סאַמע העכסטן, וואָס האָט אים דאָס לעבן געגעבן און אים אַזוי גרויס געמאַכט. עס קען טאַקע זיין, דערפאַר וואָס משה האָט געהאַט אַזאַ לעבנס קראַפט אין זיך און אַזאַ ווילן צום לעבן, האָט גאָט אים אויסגעקליבן אַז ער זאָל זיין דער שליח פון גאָט. און ס׳איז פאַראַן נאָך אַ זאַך: דאָס וואָס עס ווערט געזאָגט וועגן משהן אַלס יחיד, קען אויך געזאָגט ווערן וועגן יידן אַלס אַ כלל — פונקט ווי משה האָט ניט געוואָלט שטאַרבן, אַזוי וויל דאָס יידישע פאָלק ניט אונטערגיין״. דערמיט מאַכט מאָריס מייער פאַלקאָם צונישט די באַהויפּטונגען פון דער „דזשוּאיש ענציקלאָפּעדיא״ און אַלע אַנדערע וועלכע האָבן דערקלערט, אַז משה האָט זיך דערנידריקט מיט די דאָזיקע טענות צו גאָט, אָדער אַז די וועלכע שרייבן אים צו די דאָזיקע טענות האָבן אים דער־נידריקט.

ווען מען פאַרמאַכט דאָס בוך באַקומט זיך דער איינדרוק — ווי דער־הויבן, גרויס און געדעכט איז דער יידישער גאָט לגבי דעם קריסטלעכן, וועלכער איז מער ניט ווי פרידריך ניטשע האָט זיך אַמאָל טרעפלעך אויס־געדריקט: „אַ רעליגיע פון שוואַכע״. יאָ, עס ווערן אויך בטל אַלע קריטיקן קעגן די אייביקע גרונד געזעצן פון עטיק און מאָראַל, וועלכע זיינען דע־מאָלט אַזוי הייליק געווען ווי היינט, און וועלן זיכער מאָרגן אַזוי הייליק פאַר־

בלייבן פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט, ווי זיי זענען עס געווען נעכטן. ווייל זיי לייכטן אַריבער אַלע דורות און צייטן, און בילדן דעם פּסיכיש גייסטיקן פונדאַמענט פון גאַנצן מענטשלעכן לעבן. ווער עס גלויבט ניט אין גאָט, מוז גלויבן אין דער געניאַליטעט פון משה׳ן און פון דער ביבל.

דער אינדאָ־גערמאַנישער גאָט, האָט מען באַהויפּטעט, איז דער גאָט פון אומשולד, פון ריינעם שמערץ און פון דער ריינער פרייד. אָבער דער יידי־שער גאָט איז דער גאָט פון די פּראָפעטן פונעם אַלטן טעסטאַמענט און זיינע היינטיקע יורשים. דער גאָט פון שטראָף, באַלוינונג און נקמה.

די יידישע דיכטער ווילן דערפֿאַר דעם מענטשן ענדערן, די גרויסע אינדאָ־גערמאַנישע דיכטער ווי שעקספּיר און געטהע נעמען דעם מענטשן ווי ער איז. ער וואַקסט אויס ווי אַ בלום, ווי אַ שטיק נאַטור אונטער זייערע הענד, שפּראָצט אַרויס פון דעם זאָמען פון דער ערט, וואַקסט, בליט, וועלקט און שטאַרבט אָפּ, כדי דאָס שפּיל פון די צייטן און יאָרצייטן, גאָט׳ס אייביקע שפּיל, תמיד צו קענען אָנהייבן פון דאָס ניי.

דער גערמאַנישער גאָט איז זעלבסטלאָז, דער יידיש מאָראַלישער „איכ־איסטיש״, ער ווערבט „פּראָזעליטן״, ער וויל ניט נאָר זיך, ער וויל קודם כל אויך די אַנדערע, ער איז הערשזיכטיק, דער נאַטירלעכער גאָט וויל נאָר זיך אַליין, ער שפּילט נאָר איין ביישפּיל, ער איבערצייגט, דער אַנדערער רעדט. אידעע און האַנדלונג קענען ביים מאָראַלישן גאָט דערפֿאַר קיינמאָל ניט איינס ווערן. ער טרעט צו מיט פֿאָדערונגען צו דער מאָראַלישער וועלט, וועלכע זי קען זיי קיינמאָל ניט ממלא זיין. ער שטייט דערהויבן איבער אַלעם, — דער אַנדערער שטייט אין מיטן. ער וויל איבערצייגן און איבערקערן — דער אַנדערער איז מיט יעדן, פֿאַרלאַנגט קיין תשובה ניט. „דער טויט איז שוין די גרעסטע תשובה און כפרת עון״.

אָבער ווער וועמען ס׳האָט באמת געוואָלט איבערצייגן, און ווער ביי וועמען ס׳האָט געוואָרבן „פּראָזעליטן״, האָבן אַלע גערמאַנען און אָנהענגער פון קריסטנטום דייטלעך באַוויזן מיט די „קרייצצוגען״, „אויטאָ־דע־פע׳ס״ און מיט אַלע מלחמות ביזן היינטיקן טאָג. גראַד דער איכאיסטישער גאָט האָט עס געפֿאָדערט יובל און שמיטה, און געהייסן יענעם דאָס אויער בויערן ווער עס האָט ניט געוואָלט פֿאַרלאָזן זיין האַר, נאָר בלייבן אַ קנעכט און צו־ריקקערן יעדן זיין נחלה אין יובל. דערמיט האָט דער יידיש זעלבסטזיכטי־קער גאָט פֿאַרלייגט די יסודות צום וועלט־סאָציאַליזם. ווייל דער יידישער גאָט ברויך ניט קיין „פּראָזעליטן״ (אָנהענגער), ער לעבט אויך ניט אַליין דערהויבן איבער אַלעמען, נאָר מיט און אין אַלעמען. ער איז ניט נאָר מלא דין און נקמה, נאָר אויך מיט רחמים און אהבה, אָבער גערעכט איז זיין ליבע.

ער וויל ניט סדום איבערקערן ווען עס וועלן זיך דאָרטן נאָר צען צדיקים געפינען. ער פאַרגיט אויך יעדעס מאָל די יידן ווען משה בעט פאַר זיי מחילה. להיפוך ווי דער פון געמאַכטן סענטימענטאַליזם וואָס הייסט אויפהאַלטן די אַנדערע באַק פאַרן שונא ווען די ערשטע איז שוין אויסגע־פּאַטשט.

געוויס פאַרלאַנגט דער יידישער גאָט מיט אַלע זיינע נביאים דעם מענטשן ניט אַזוי ווי ער איז, נאָר ווי זיי ווילן אים האָבן — דאָס מיינט געענדערט ווייל „כי יצר לב האדם רע מנעריו״. אַז דער מענטש האָט זיך נאָך ליידער ניט פאַרענדערט, נאָר פאַרבליבן דאָס וואָס ער איז געווען, זען מיר, דערפאַר האָט ניט דער יידיש מאָראַלישער גאָט פון משפט און דין קאַפּיטו־לירט, נאָר דער קריסטלעך גערמאַנישער פון רחמים און ליבע. ווייל דער מענטש טאָר ניט פאַרבלייבן דאָס וואָס ער איז געווען און וואָס ער איז נאָך ביז היינט פאַרבליבן, נאָר געענדערט מוז ווערן דער מענטש און מיט אים די גאַנצע וועלט.

די פיר אַפּאָקאַליפּטישע רייטער, ווי קריג, הונגער, פּעסט און טויט יאָגן זיך נאָך זינט די קרייצצוגען און אינקוויזיציעס נאָך אונז און פאַרשאָ־טענען די לערע פון יעזוסן און זיינע אַפּאָסטאָלען לוקאָס, מאַרקוס, יאָהאַנעס, פּאַולוס און פּעטרוס, און עס האָט נאָך ניט אויפגעהערט שרייען קעגן דעם הימל דאָס אומשולדיקע בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אין נאָמען פון ליבע, רחמנות און „ואהבת לרעך כמוך״.

עס איז דערפאַר געווען פון דאָפּלטער באַדייטונג אין דער איצטיקער צייט דאָס דערשיינען פון מאָריס מייערס בוך איבער משהן און זיינע לערן, ווייל עס העלט אויף, גיט טרייסט און ווייזט די יידישע אונפאַרגענגלעכקייט.

פּונקט אַזוי ווי דאָס בוך משה איז געווען אַ דערהויבענער אויסדרוק פון מאָריס מייערס גייסטיקן מצב, און גלייכצייטיק אויך אַ רעהאַביליטאַציע פאַר דעם דיסקרימינירטן יידישן גאָט, אַזוי איז אויך מאָרריס מייערס בוך „ר׳ ישראל בעל שם טוב״ דער סטיכישער אויסדרוק פון מ. מייערס נשמה־דיקן צושטאַנד. מחמת די טאָג־טעגלעכע בשורות רעות, מיט די גירושים, נגישות, עינויים, שחיטות און מערדערייען אין די פאַרכאַפּטע לענדער פון היטלערן האָבן געפּאַדערט און געטריבן נאָך טרייסט און ליכטיקערע אָנ־זאָגן. און לייענענדיק „ר׳ ישראל בעל שם טוב״ געפינט מען זיי. עס ווערט עפּעס פרייער, העלער און האָפערדיקער דער גייסט מיט דער נשמה.

אינם פאָרוואָרט פון דאָזיקן בוך זאָגט מאָריס מייער: דער צוועק פון מיין ווערק איבער ר׳ ישראל בעל שם טוב, דער באַגרינדער פון חסידיזם, איז אויפס־ניי צו באַקענען דעם יידישן דור, און אפשר אויך דורות וואָס

וועלן קומען, מיט דער גרויסער פיגור פון הייליקן מענטשן, וועלכער האָט אין אַ צייט פון קריזיס געראַטעוועט דאָס יידנטום, און אויפס־ניי געגעבן צו פאַרשטיין די יידישע פאָלקס־מאַסן די טיפע באַגריפן, גלויבן, לעבן און עטיק, וועלכע זיינען פאַרקערפּערט אין די יידישע לערן.

די לעגענדעס, מעשיות, געדאַנקען און משלים זיינען אַלע מיט בקיאות אויסגעוויילט, מיט גרויס פאַרשטענדניס צוזאַמענגעשטעלט, און מיט אַ קלאָרן פיינעם סטיל איבערגעגעבן. זיי לייענען זיך פליסיק, מיט גרויס אינ־טערעס און שפּאַנונג.

פון די לעגענדעס און דערציילונגען טויכט ווידער אויף די מיסטישע וונדער־וועלט, מיט פאַרכשופטע פאַרבן, קלאַנגען און טיפן זין פון חסידיזם. די דאָזיקע מזרח־יידישע מיסטישע שטרעמונג האָט זיך אָנגעהויבן אַלס אַ רעאַקציע לגבי דער ניכטערער האַרטקייט פון תלמוד, כמעט אין דער זעלבער צייט ווי דער „פּיעטיזמוס" ביי די פּראָטעסטאַנטן. פון חסידיזם האָט די יידי־שע פּאָעזיע און פּראָזע, די הערלעכסטע און שענסטע קוואַלן געפּליקט. זיין עטאָס, ליבע צו יושר און אמת, און דער עיקר דאָס התקרבות צום פּראָס־טאַק, זיינען געווען די פאַרשטופּן פון יידישן סאָציאַליזם. אַרום זיינע פּראָ־פּעטן: ר' יעקב יצחק פון לובלין, לוי יצחק מ'בערדיטשעוו, און ר' ישראל בעל שם טוב, דער מתבודד פון די קאַרפּאַטן — האָבן זיך געוועבט און גע־שפּונען די רייכסטע לעגענדעס, וועלכע געהערן צו די טיפסטע און שענסטע פון אַלע צייטן. ביי די דאָזיקע רביים איז דאָס לײדענדע, פאַרבענקטע מזרח־יידנטום געוואָרן באַשיידענער, זאַנפטער און דעמיטיקער. די תורה און מאָ־ראַל וואָס די מעשהלעך פּרעדיקן איבערטרעפן אַ סך מאָל לאַאָטסע'ן... עס איז דערפאַר געוועזן אַ גליקליכער איינפאַל די דאָזיקע שיינקייט פונם באַ־גרינדער פון חסידיזם ווידער מחדש צו זיין און זיי פּסיכאָלאָגיש עטיש צו באַלייכטן.

אַ שפע פונם פיינסטן מאַטעריאַל האָט מאָריס מייער באַאַרבייט ניט נאָר מיט בלויז התמדה אַליין, נאָר אויך מיט גרויס חריפות און בקיאות, מחמת ער האָט די פּראָבלעמען ניט באַנומען מיט אַ ספּעקולאַטיווער חקירה, נאָר מיט אַ צעפּיבערט, צאַפּלדיק האַרץ און נשמה, וואָס ער האָט געירשנט פון בעל שם טוב גופא.

דאָס דריטע בוך פון מאָריס מייער איז געווידמעט דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן 1902—1942. צוליב דער 40־יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט מייערס איז געשאַפן געוואָרן אַ יובליי קאָמיטעט „פריינד פון יידישן טעאַטער" וועלכע האָבן דאָס אַרויסגעגעבן. מיט פיל אָבסערוואַטאָרישער פלינקייט און קריטישער אָביעקטיוויטעט פירט אונז מאָריס מייער דורך

דעם לאָנדאָנער יידישן טעאַטער לאַבירינט, ווייזט אונז זיין ענטוויקלונג ביז צום היינטיקן טאָג. דאָס בוך איז אַ גלענצענדער צושטייער פאַר דער יידי־שער טעאַטער געשיכטע און אירע פאָרשער. אין דעם ווערק קומען צום אויס־דרוק דער דראַמאַטורג און די דראַמע, דער שוישפּילער און דאָס פּובליקום מיט זייער קעגנזייטיקער השפעה. מיט קורצע ביאָגראַפישע שטריכן ווערט צוערשט יעדן דיכטערס לעבן סקיצירט, נאָכהער זיינע דראַמען קריטיש אַנאַליזירט און דער עיקר אַלע פּראָבלעמען, מאָטיוון, עסטעטיש־קינסטלערישע פונאַנדערגעוויקלט און אָפּגעשאַצט. לייענענדיק דאָס בוך באַקומט מען אַ געטריי גייסטיק בילד פון לאָנדאָנס קולטורעלן ניווא במשך די 40 יאָר, און גלייכצייטיק אויך איבער די אַלע שרייבער און שפּילער וואָס האָבן פיגורירט אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאָנדאָן. און דאָס איז ניט על פּי צופאַל געשען, נאָר דורך מאָרריס מייערס פאַראַנטוואָרטלעכער גרינדלעכער שטו־דיע, דורך זיין אונערמידלעכן פלייס, ערודיציע, קלאָרן סטיל, און אַנאַלי־טישן גייסט.

מ׳קען אַ סך מאָל יאָ אָדער ניט מסכים זיין מיט מאָריס מייערס וועלט־פּאָליטישע, רעליגיעזע, אָדער קונסט־עסטעטישע אַנזיכטן, וועלכע שיילן זיך זער אָפט אַרויס פון זיינע טראַקטאַטן, עסייען — מען מוז אָבער תמיד באַ־וווּנדערן זיין פיינעם פּאָפּולערן אופן פון שילדערן די טיפסטע פילאָזאָפיש־פּסיכאָלאָגישע קאָנפליקטן און קאָמפּליקאַציעס פון אידעען און געפילן. ווייל מאָרריס מייער איז געווען ניט נאָר אַ געניטער פּובליציסט, נאָר אויך אַ גע־ניטער דענקער, פּאָליטיקער און געזעלשאַפטלעכער טוער.

וואָס נענטער מען באַקענט זיך מיט זיינע שאַפונגען אַלץ גרעסער ווערט דער שאַפער, און וואָס נענטער מ׳איז באַקאַנט געוואָרן מיטן שאַפער אַלץ פאַרשטענדלעכער זיינען געוואָרן זיינע שאַפונגען. מאָרריס מייער געהערט צו די יידישע פּערזענלעכקייטן וועלכע האָבן שוין טיפע גייסטיקע וואַנדלונגען דורכגעמאַכט, מחמת זיין לעבן איז תמיד געווען אַ באַוועגטער, ליידנשאַפט־לעכער, אייביקער קאַמף אין וואָרט, שריפט און טאַט פאַרן יידישן פּראָגרעס. זיין לעבן האָט געקרעפטיקט זיינע ווערק, און זיינע ווערק האָבן אים געגעבן שטאַרקייט אין לעבן.

מאָרריס מייער פאַרמאָגט אויך זער געלונגענע יוגנט ווערק, ווי „די יידישע אוטאָפּיע״, „דזשאָרדזש עליאָט״ (די ענגלישע נביאה פונם רענע־סאַנס פון יידן), און אייניקע דראַמאַטישע איבערזעצונגען פון דער וועלט ליטעראַטור, צווישן זיי דאָס באַרימטע ווערק פון מאָריס מעטערלינק „דער בלויער פויגל״. אָבער דער עיקר בלייבן זיינע לעצטע דריי דערשיינענע ווערק, ווייל מיט די דאָזיקע האָט ער באַרייכערט זיך, און די יידישע ליטע־

ראַטור. זאָל זיין שעפערישער כח און קאַמפּס־לוסט קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן, ווייל מיט זיי האָט ער געדינט זיין פאָלק פאַר וועלכן ער האָט זיין גאַנצן לעבן ביז צו זיין לעצטן לעבנס־טאָג אָפּגעגעבן. ער האָט תמיד גע־ליבט און געשעצט דאָס יידישע פאָלק, דערפאַר מוז אויך דאָס יידישע פאָלק אים ליבן און שעצן.

הערש סמאָליאַר

„יידן אין געלע לאטעס". דאס זענען סקיצן, אָנגעזאָפּטע מיט אַ טיפן גליענדיק מענטשלעכן אינהאלט. און א סך פון זיי קלינגען טאקע ווי ימים נוראימדיקע שטיקער פיוט. פארפולט מיט נשמה ציטער, התלהבותדיקע קדושה זיי זענען נישט נאר עלעגיעס פונעם פארצווייפלטן אונטערגאנג, נייערט אויך פייערדיקע דאקומענטן פון א רעוואלוציאנערן פאטאס, איבער־מענטשלעכן הערואיזם פון א אומצעבראכענעם אייזערנעם ווילן. דאקומענטן — פון גרעסטן און העכסטן מענטשלעכן שטאלץ, העראאישקייט געטריי־קייט און אמונה אין דעם ליכטיקן לעבנס־מארגן אפילו אויף די טונקלסטע טרעפּן פון פארניכטונג און טויט . . .

הערש סמאליאר האט אין זיינע סקיצן נישט נאר געזוכט צובאפרידיקן דעם טיף אויפגעשוידערטן און שווער פארוונדיקטן קינסטלער, נייערט אויך דעם אויפגעשוידערטן מענטש און ייד מיט דעם גאנצן קאשמארדיקן און פארסמטן מיליע ארום זיך. די אנגעזאפּטע ספערע מיט בלוט, פייער, רויך, יללות און לעצטע אטעמס פון די אומגעקומענע העלדנמעראטירער, — דורך די פארווילדעטע, סאדיסטישע און בעסטיאלישע פייניקער זייערע.

דאָס קליינע סקיצן ביכל איז א וויכטיקער צושטייער צו די אלע עינויים קשים וואָס אונדזערע ברידער האבן געהאט אויסצושטיין בימי היטלער — פון זיינע משרתים און יוצר משרתים ימח שמם, וזכרם!

אין דעם סקיצנביכל ראנגלט זיך הערש סמאליאר מיט רעפּארטאזש און קונסט. נאר ווי קאן עס דען אַנדערש זיין ווען די וואונד איז נאך אזוי בלוט־טריפנדיק און נישט פארהיילט?

אבער ס׳פילט זיך פון זיינע שילדערונגען ארויס די אומיטלבארע אויפפאהערונג, דער מוט און שרעק, די טיפע דערוואַרטונג פאַר דער גרוי־סער אקציע, וואָס קאן נאר דורך אמתער קינסטלערישער אינטואיציע אנטפלעקט ווערן . . .

און דאס נאר דערפאר, ווייל סמאליאר זוכט נישט די שפּאַנונג אין זיין שילדערונג, נייערט די טיפע איבערלעבונג, וואָס איז נאר אויסן די דער־הויבנקייט פון אמת . . .

טילמאל ווירקן זיינע שלדערונגען אויך אזוי אויף אונדז ווי רויע

אַפּגעריסענע שטיקער לעבנס פונעם אוראַלטן עץ החיים, וואָס דער פינ־סטערער שטורעם האָלט פון תּמיד אָן אין איין פּליקן זיינע בלעטער און ברעכן זיינע צווייגן, איז אָבער קיינמאָל נישט אַזוי שטאַרק אויף צו קאָנען אויסוואָרצלען זיין אייביקן שטאַם...

ווייל נישט דער איינצעלנער פּאַרטיזאַן איז סמאַליאַרס העלד, נאָר אַלע פּאַרטיזאַנען. דערפאַר דאָס אַזוי אַקייגנשטעלן זיך מיט אַלע זיינע פאַרצווייפלטסטע מיטלען אַקייגן דער פינצטערניש, גליוועך און דעם אומקום אין אַלע בונקערס און מלינעס. הערש סמאַליאַר זוכט אויך דעם גליענדיקן ניצוץ פון האָפענונג, איינצוהויכן אין יעדן זיך נאָך רורנדיקן נערוו, וועלכער איז דער וויכטיקסטער לעבנסוויטאַמין פאַר יעדן גוף און נשמה, פון יעדן מער־טירער און העלד...

און אַט פון דעם דאָזיקן קינסטלערישן רעפּאַרטאַזש, ווייעט אַרויס אַזויפיל באַגער צום לעבן, אַזויפיל איבערמענטשלעכע איבערווינדונג; און אַלעס נאָר צוליב דער גרויסער דערוואַרטונג, פון יענעם ליכטיקן געוואַל־טיקן מאָמענט נאָך דער געגאַרטער און אויסגעבענקטער באַפרייאונג...

דער רעוואָלוציאָנערער אימפּעט פון הערש סמאַליאַרס סטיל, זיין שילדערונגס־כּח, און דאָס תּמיד וועלן פּסיכאָלאָגיש אַריינדרינגען אין זיינע העלדנס ליבע, סכּנה, אויפּאָפּפערונג, מוט און דערשלאָגנקייט, וועלכע פּאַכעט כּסדר איבער יעדן ריר און באַוועג פון זייער לעבן, מאַכט דאָס אַזוי קערנדיק און רייף זיינע סקיצן.

און דערפאַר ווערן מיר טאַקע געוווירער פון דעם בוך: „יידן אָן געלע לאַטעס" — פון דעם גאַנצן רעוואָלוציאָנערן אומדערשראָקענעם קעמפע־רישן געראַנגל, פון די אין געטאָ געשליידערטע פרייע העלדן און פּאַרטי־זאַנער, וואָס נישט דער גרעסטער שרעק, די טיפסטע דערנידריקונג און די שווידערדיקסטע פּיינונגען, זענען געווען בּיכולת צוצעברעכן זייער גרויסע מאָראַל און זייער דערהויבענעם פרייען גייסט...

סמאַליאַרס שפּראַך איז שאַרף, דאָס בילד איינדרוקספול מחמת סאיז געמאָלן מיט אויסטערלישע פאַרבן וואָס דאָס שוידערלעכע לעבן האָט אַזוי גרויזאַם באַשאַפן. עס איז דאָ נישט מעגלעך איינגאַנצן איבערצוגעבן הערש סמאַליאַרס רייפן סטיל, פון זיינע אַדורכגעשוידערטע און טיף איבערגע־לעבטע סקיצן.

זאָלן דאָ נאָר ציטירט ווערן אייניקע פּסוקים פון דער סקיצע „אַ נאַכט אין וואַלד", כּדי צוזען ווי אַזוי דער דיכטער שילדערט די געמיטשטימונג פון זיינע העלדן: „די געטאָ־יידן".

„במשך פון די אַלע מעת־לעתן פון שלייכן און גנבענען זיך פאַרביי

פעלדער און דערפֿאַר, פֿאַרביי פֿאַרלאָזענע כוטאָרן און קוים מערקבאַרע פֿוס־טריט אויף זייטיקע שטעגלעך, האָט דאָס הייפֿל ייִדן, וואָס האָט איצט, אין דער חושכדיקער האַרבסטנאַכט געבלאָנקעט איבערן וואַלד, פֿון קיין שרעק נישט געוווּסט. ס'איז געווען אימפּעט בעתן „ציען" פֿון אַ געדאַכטער געפֿאַר, ס'איז געווען מידער יאוש, ווען מיטן ביסל סם אין האַנט האָט זיך געדוכט, אַז שוין, אַן עק — דער שונא איז לעבן דיר און כאַפּט דיך אַן גלייך ביים האַלדז. קיין שרעק איז אָבער דאָס נישט געווען".

און צום סוף נאָך אַ פּאָר ציטאַטן פֿון דער סקיצע; דער קאָנצערט" אין וועלכער הערש סמאַליאַר שילדערט אַ מוזיקער־פּאַרטיזאַן נאָכן אַפּרוימען אַ „פּאָליציי־פּאָסט", וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ דאָרפֿישער כאַטע — אויסזעענדיק ווי אַ פּאַלאַץ צו זוכן באַהעלטעניש דערבליקט אין אַ ווינקל אַ קלאַוויר און מיטן אויסגעשטרעקטן פּיסטאַלעט אין האַנט וואַרפֿט ער זיך דערויף. דערזעט אויך אַ ייִנג מיידל און טוט אַ שטילן פֿרעג ביי איר: „איר וועט דערלויבן"? און ווי נאָר ער האָט אַ ריר געטאָן מיט די הענט איבער די קלאַווישן, — איז דאָס צימער באַלד פֿול געוואָרן מיט קלאַנגען, פֿון וועלכע ס'האָט געגנומען אויסוואַקסן אַ ליד, וואָס אָט טראָגט עס ברויזנדיקן כּעס, אָט ווערט עס מילד, גלעטנדיק, כּדי באַלד אויפֿצוגיין אין אַ וויי־געשריי, אין אַ דראַענדיקן רוף...

און בעת ביל דערפֿילט דאָס ווייכע מוסרן פֿון זיינס אַ חבֿר, אַז ס'איז נישט די צייט צו קאָנצערטעווען ווען פּאָליציי זענען נאָך דאָ פֿאַרשטעקט, — ווערט דער פֿאַרשוויגענער מוזיקער ביל רעדעוודיק פֿאַר אַלע יאָרן...

„אָ, מען דאַרף האָבן אַן אויער און אויפֿכאַפּן און דערהערן דעם אמת אין קלאַנג! צי איז דען נישט דער זין אַפֿילו אין אונדזער היינטיקער „אָפּעראַציע" די שטרעבונג צו האַרמאָניע, עס זאָלן אין אונדזער לעבן קיין פֿרעמדע קלאַנגען זיך נישט אַריינכאַפּן?"...

אַזוי דערפֿילט הערש סמאַליאַר די מוזיקאַליטעט פֿון אַלע לעבנס און קאָמפּאָזיציעס אַרויס, און זוכט איבעראַל האַרמאָניע. ער מוז אָבער אויך פֿאַרשטיין אַז ווילנדיק שפּילן אַ גרויסע סימפֿאָניע, — מוז אַפֿילו דער גרעסטער מוזיקער נאָך מאָמענטן אין אַכט נעמען דעם דיריגענט... מחמת נאָר אין אַ צוזאַנגלאַזער דיסציפּלין, קאָן די געוואַלטיקע מענטש־באַפֿרייענדיקע און אויסלייזנדיקע סימפֿאָניע אויסגעשפּילט ווערן"...

אַזוי ווייעט אויף אונדז מיט לעבעדיקייט, וואַרימקייט און מיט טיפֿער אומרואיקער אינטימיטעט פֿון דעם רובֿ סקיצן.

ס. פּאַלמע

אין דעם לידער־בוך „רינגען און קייטן" האָט דער דיכטער ס. פּאַלמע געפּרווט אַ שטאָפּל ווייטער צו קלעטערן אויף דער שווינדלדיקער דיכטונגס לייטער, וואָס הערט נישט אויף אַריינצוזעגבערן זיך אין דעם אייביק אומ־דערגרייכבאַרן הימל פון מענטשלעכער פּאָעזיע...

די סטיכיע וואָס שטויסט דעם דיכטער אויף ווייטער צו גיין, איז אָפט אַ גאַנץ פאַרשידענע: אַמאָל הייסט זי זעלבסטפאַרטיפונג, אַמאָל אַנערקענונג און אַמאָל גאָר רום אָדער ליבע...

אַז פּאַלמע איז אַ געפּילפּולער דיכטער, האָבן שוין באַוויזן זיינע דער־שינענע לידער־ביכער. אָבער דאָס ליד „מיין פאָלק — מיין פּאַרטיי" איז אַ סימבאָל פון פּאַלמעס צוגעבונדעקייט צו זיין שטאָם. אין דעם ליד ווייזט ער אַרויס די אמתע פאַרקניפּטקייט צו אַלע זיינע שאַפנדיקע ברידער, ווייל דער דיכטער איז אַ וואַרהאַפטיקער טריבון. וואָס מיט זיין פאָלק — דאָס מיט אים. דערפאַר זינגט ער:

„גייט מיין פאָלק גוט, איז מיין הימל חיים און בלוי,
גייט מיין פאָלק שלעכט, איז מיין הימל שוואַרץ און גרוי.
גייט עס חלילה ערגער, ווערט מיין הימל רויטער נאָך ווי רויט:
טויט קריגט דאַמאָלט שליטה
ז'מעג עס זיין דאָס יאָר פון שמיטה,
נעמט ער מעשר דאָך
נאָך און נאָך
ווי פיל אים גליסט, —
ער באַשטימט די צאָל,
ער באַשליסט.

אין דעם דאָזיקן סטיל פאַלט און עס הויבט זיך ווידער אויף דאָס ליד.

אַז פּאַלמע איז אַ פּאָליטיש־סאָציאַלער דיכטער, איז דער בעסטער עדות די פּאָעמע „רינגען און קייטן". דאָרטן קומט צום אויסדרוק דעם דיכטערס שווערער אומעט און טיפער פחד אַז דער אומקום זאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

ווי דער רוב קינדער פון האַרעפּאַשנע עלטערן, האָט אויך פּאַלמע איבערגענומען די גרויסע ליבע פאַר גערעכטיקייט צום באַוואולהטן מענטשן,

און זי געטריי אָפּגעהיטן אין זיין האַרצן אַזוי לאַנג, ביז זי האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן גוואַלטיקן רחמנות, פּראָטעסט און קאַמף פאַר יושר.

פּאַלמעס עפּיטעטן, דראַאונגען און פּראָטעסטן אַקעגן כביכול — זיינען געלינדערט און געצוימט, הגם נישט תמיד פריי פון אַ בייסענדן סאַרקאַזם. דאָס ווייזט זיך בולט ווען ער זינגט:

כאָטש גיי, נעם און שריי —
אַז די גאַנצע וועלט זאָל הערן:
אַ ליגן! מיר זיינען נישט ווי זאַמד און שטערן!...
דאָך געבליבן „אויסדערוויילטע"
פאַר די גאַז־אויוונס אויסגעטיילטע!

אין דעם דאָזיקן ליד זינגט אויך פּאַלמע אויס דעם פחד מיט וויי:

און אַלץ וועט פאַרגעסן ווערן
ווי די שטערן
פון נעכטן,
ווי ווונדן וואָס קיינער שאַפן ביים פאַרקנעכטן,
ווען ער ווערט פּלוצים פריי.

דערפאַר וויל ער זיך און די קדושים באַוואָרענען, און בויט אויס אַ מאָנומענט פון צער און צאָרן, חוזק און פּראָטעסט אַקעגן וועלט, מענטש און גאָט... און דעם דאָזיקן מאָנומענט רופט ער „יזכור". אָבער זיין פּראָטעסט, ווי שוין פריער דערמאָנט, איז נישט קיין אויסגעלאָסן ווולגאַרער, נאָר אַ מער פאַרטיפטער און ראַציאָנעלער, דערפאַר ווירקט עס אויך שטאַרקער ווען פּאַלמע רופט אויס:

וואַ־זשע שווייגסטו דאָרט מיין גאָט?
ווי זאָל איך איצט אויסטייטשן
לא תרצח דיין געבאָט?!...

נאָר ליידער ווידערהאָלט זיך צו אָפט אין דעם ליד יזכור, טאַקע דאָס וואָרט יזכור גופא...

עס איז שוין אַזאַ מין שוואַכקייט ביי פּאָעטן זיך אָנצוכאַפּן אין אַן אַקאָרד, ווי אַ טרונקענער אין אַ שטרוי, כדי אַזוי אַרום זיך צו וועלן אַרויסראַטעווען פון אַלע אָפּגרונטן, — ווען עס פון צער, צאָרן האַס, און אפילו פון צו שטאַרקער פרייד... ס'איז עפּעס אַזאַ מין פאַרליבטקייט, פּשוט אין אַן אייגענעם שאָטן פון אַ וואָרט. דער ווייטיקדיקער סאַרקאַזם, אָדער דער סאַרקאַסטישער ווייטיק, לויפט פּאַלמען נאָך אין אַלע זיינע לידער...

ער מעג אפילו זיין פאַרזונקן אין טיפסטן פראָטעסט און מאָנען מיטן גרעסטן פאַטאָס גערעכטיקייט, פאַר זיינע ברידערס בחינם פאַרגאָסענעם בלוט, פאַרגעסט ער אויך נישט:

אויף וועלכע באַצירטע וועגן
און שטעגן,
וועלן מיינע ברידער נאָכן זיג מיט טרומפייטן גיין?
וועט שטיין אויף שטיין,
אונז נישט דערקענען מיטן זידל־וואָרט:
— ייד, דיין פּאַספּאָרט?!

אַזוי זינגט פּאַלמע אינם ליד: „כ'בין אַ זון פון מיין פאָלק". און אין דער פּאָעמע „ר' סענדער" ווערט ערשט קלאָר פּאַלמע'ס פאַרבונדנקייט מיט דער מאָומדיקער צייט; זיין ראַדיקאַל סאָציאַלער זין און די פּאָליטיש־מאָראַלישע שטעלונג צו דער וועלט, רופנדיק זי צום יום־הדין... און צו אַ משפּט פאַר די אַלע באַוולהטע, געדריקטע און הילפלאָזע, דערמאָרדעטע און שוואַכע...

אין דער פּאָעמע „ר' סענדער" האָט פּאַלמע געפּרווט צו פּערזאָניפי־צירן דעם גאַנצן אומקום־גרויל, די צעשטערונג און די אויסזיכטלאָזיקייט, — אינם אויפגעטויכטן גייסט פונם אָפּגעמעקטן ר' סענדער: דער סימבאָל פון יידישן פּאַרוויסטן פוילן... און ווען חרוב איז געוואָרן — די יאָרן לאַנגע טרויעריק אָפּגעהאַרעוועטע מי און האָב; און ווען געשפּרונגען איז אין פייער דער רינג פון דער אומצוברעכלעכער יידישער קייט — זינגט פּאַלמע פון פייער אַרויס:

וועל איך, ר' סענדער, שלמה יענקעלעס פון פוילן,
פונעם אָפּגעמעקטן ישוב דעם הוילן,
מיט אויגן אויסגעברענטע מיט אַ גליענדיקן דראָט,
מיט אַ לייב! צעריסענס פון קנוט
און רוט,
מאָנען איצט פאַר די לעבעדיקע רעכט:
ניט קיין קנעכט זענען זיי, ניט קיין קנעכט!
ניט צושטערט זיי, די אוצרות פאַרבליבענע
ניט צושטערט זייערע וואָרטן, די פּערל אויסגעקליבענע!
דרך ארץ מאָנט זייער וואָרט!
האַלט איין, האַלט איין די שווערט!
האַלט איין ס'זאָל ניט איבערגיסן פון בלוט דער ים!
פרייהייט! — קיין וועגט'! קייטן און צאַם!
אַנדערש זאָל הימל מיט ערט זיך באַהעפטן!

זאָל מענטשלעכע חיה אין אַ לעצטן שלאַכט זיך אויסשעכטן
און צום לעצט פון בראשית, זאָל די וועלט זיך אָנהויבן —
וואָס איז לעבן, ווען פאַרלוירן גייט דער גלויבן ?

די זעלביקע תענות און תרעומות גיין אַדורך אין אַלע לידער פונם ביכל און באַגלייטן פּאַלמע׳ן אויף שריט און טריט, אין וואָך און אין טרוים, און לאָזן אים אויך ניט אָפּ אַפילו אין דער וויזיע וואָס רופט זיך: „כ׳בין דאָרטן ניט געווען״ . . . ווייל דער דיכטער האָט איבערגעלעבט אַלע שבעה מדורי גיהנום, מיטגעווייטיקט און מיטגעליטן און געפּייניקט געוואָרן אין גייסט גלייך ווי זיינע ברידער, הגם פיזיש איז אים אַפילו ניט קיין האָר געקרומט געוואָרן . . . און ער לאָכט אַליין אָפּ פון זיך מיט צער, — בעת זיין נשמה ברעכט אויס אין אַ מין קינה, וואָס איז מער פּראָטעסט ווי קינה: אָבער נאָך מער פאַר ביידן איז דאָס אַ גערעכטיקייט אויפברויז:

ניין, —
כ׳בין דאָרטן ניט געווען,
דאָך געזען:
וואָלקנדיקן קרעמעטאָריום רויך
צו הימלען הויך
זיך ציען
און מיען
און ניט ווערן ווי קיינמאָל ניט געווען, —
כ׳האָב אַלץ געזען.
אַלץ געזען . . .

דער ביטערער גורל פון זיינע ברידער האָט אַזוי לאַנג געפּייניקט זיין געוויסן ביז ער האָט זיך געשטעלט אין זייער רייע, און דורכגעמאַכט אַלע מיתות מיט זיי . . . הגם עס איז אים ניט קיין האָר געקרומט געוואָרן צום טרויעריקן חוזק פון דער גאַנצער שווידערדיקער אָרגיע.

כ׳האָב גאָרניט געזען אויפ׳ן וואָר,
אַפילו ניט אַ האָר
פון מיין קאָפּ פאַרלוירן;
וואָלט איך דאָך געשווירן
אַז קאָשמאַרן האָבן נאַכט נאָך נאַכט
יענע גרויל בילדער לעבעדיק געמאַכט:
כ׳האָב געהערט דעם טייוולס קייכיקן געלעכטער,
ער האָט אַלס וועכטער
אין ווינקעלעך געוואַרט,
געשמייכלט סאַרדאָניש און פאַרנאַרט . . .

כ׳האָב אין געשטאַלטונג געזען מיינע ברידער׳ס נויט,
געזען דעם לויערנדיקן טויט
זיך שלייכנדיק אַרום זיי און מיר,
ביי זייערע גראָטן, ביי מיין טיר,
מיין אָפּגעשלאָסענע פאַרריגלטע טיר . . .

זייענדיק אַזוי אַדורכגענומען און געפּאַנגען פון זיינע ברידער׳ס מאוים־דיקן גורל, און זינגענדיק מיט אַזוי פיל צער די דורכגעלעבטע שוידער־בילדער, בלייבט פּאַלמע פאָרט ניט פאַרזונקען אין עצבות און יאוש, וואָס וואָלט אפשר געווען אַ מער פּאַטעטיש־האַרמאָנישער אָפּשלוס פאַר דעם גאַנצן שדים שפּיל . . .

איז דאָך פּאַלמע אָבער דער מאָנער און האַרטער סאָציאַלער שטראָפער, — דערפאַר פאַרענדיקט ער בעסער זיין וויזיע מיט אַ פּראָזאַאישן גערעכטי־קייטס אויסגעשריי, ווי מיט אַ לירישער פאַרצערטלטער רעזיגנאַציע . . .

ניין, —
ס׳איז ניט מיין גורל צו שטאַרבן ווי אַ שקלאַף!
ס׳איז אויך מיין — פון גאָט און מענטש דער באַשאַף!
ס׳איז אויך מיין — די מאַמע ערט!
ס׳איז אויך מיין די גערעכטיקייטס שווערד.

אין דעם זין האָט פּאַלמע אָפּגעהיטן די הייליקע טראַדיציע פון זיינע גרויסע פאָרגייער — לעסין, עדעלשטאַט, באָווטשאָווער און ראָזענפעלד. אַזוי ווי ביי זיי, איז אויך ביי פּאַלמע׳ן דער יושר און אמת וואָס מאָנען גערעכטי־קייט — שקול כנגד כולם. דער זעלביקער פּאַטאָס, דאָס זעלביקע אויפ־צאַרנען און דער זעלביקער פאַרביסענער ווייטיק, גליט אויך אין די לידער „דער קיום פון מיין פאָלק", „דער מאַרש פון די קדושים", „דער יידישער פּאַרטיזאַן", „די שעה פון נצחון", און אין „תחית המתים". אין דעם ליד „דער מענטש און דער ייד" שטעלט פּאַלמע בולט אַרויס זיינע פּאַ ־יוגען צו דער וועלט זינגענדיק:

מיר דערקלערן:
פאַר דער גאַנצער וועלט צו הערן,
אַז ס׳האָט אונזער בלוט און טרערן
פאַר גלייכע שותפים אונז געמאַכט!
אַז שותפותדיק האָבן מיר געוויינט און געלאַכט!
אויך געהייליקט האָט דער ציל די זעלבע שווערד!
אַז געטרונקען אונזער בלוט האָט די זעלבע ערט!
זאָל די שעה פון נצחון אונז פאַרשעמטע ניט געפינען!

אונזערע פויקן און פאָנען,
זאָלן אויך פירן
ביים מאַרשירן !
— — — — — — — — — — —
שרייט ער איצט דער מענטש, דער ייד, — גענוג !
זאָל גערעכטיקייטס־טאָג
כאַטש איינמאָל מיט געטיסן אָפּטעגן :
דעם פאַרמעגן,
וואָס געוואַלט האָט צעשטערט.
איר הערט ?
ס רונען אויך אונזערע בלוטן און ווונדן
וואָס האָבן דעם חושך געצונדן !
— גענוג, מיר גיבן מער ניט קיין קרעדיט !
דאָס שרייט אַצינד דער מענטש, דער ייד !

אָבער אין גאַנץ אַנדערע וועלטן פירט אונז פּאַלמע אַריין מיט דער אַלעגאָריע : „קינדער פון אוראַנוס‟. דאָס איז אַ ליד פון לוסט און זינלעכ־קייט, געזאַנג און טאַנץ פון אַ ליידנדיק פאַרליבטן, וואָס האָט זיין יוגנט אין חלום פאַרזוימט, און דאָפּלט געניסן — וואָס ער האָט ניט גענאָסן . . . ניט לאָזן אָפּשרעקן זיך מיט וועלכע ניט איז כלומרשטע זינד ווייל :

ניט קיין זינד איז צו טאַנצן אויף אַ הייסער ליליע,
ווען זי רייצט דיך ווי אַ זינדיקע מאַדאָנע !
ס׳איז ניט קיין זינד צו טרינקען פרעמדן וויין,
קרעפטיק רויטן וויין —
ווען דער ווילן איז פאַראַן ;
און מענטשלעכע עמאָציעס מאָנען,
און די מוסקלען זענען ווי סטרונעס געצויגן,
און די נאַכט איז יונג און רייצט דיך מיט אירע לאָקן
און בראַנז רייפע מילגרוימען, רונדיקע און שיינע,
ווארטן מען זאָל זיי עפענען און נאַשן און געניסן,
זינגענדיק דערביי ס׳געזאַנג פון לייב —
לאָמיר זינגען ברידער,
לאָמיר זינגען !

הגם דאָ און דאָרט גנבענען זיך נאָך אַריין די טרויעריקע רעמיניס־צענצן און פאַרביטערטע אַקאָרדן פון דער אומקום־סימפאָניע — פילט זיך אין די איבעריקע לידער שוין אַ גאַנץ אַנדערער ריטם און טאַקט, עס פליסט אין זיי אַ גאַנץ אַנדער בלוט. ווייל זיי זיינען אָנגעהויכט מיט עפּעס אַ ראָמאַנטיש־לירישן דופט, וואָס איז לאַנג שוין צערונען און אויסגעוועבט ;

און דער דיכטער וויל אים ווידער לאָזן אויפדופטן אין פּאַטעטיש, עמאָציאָ־נעלע פאַרלאַנגען און באַגערן . . .

אָבער פּאַלמע איז און בלייבט אַ פּאָליטיש־סאָציאַלער דיכטער. זיין ליד און דער ריטם איז צייטלעך, נאָר זער אָפט ברעכט עס אויך אַדורך די צייט אַ דאַנק זיין שניידנדיקן קלאַנג און סאָציאַל־מאָראַלישן פּראָטעסט . . .

איינס מוז אויך באַמערקט ווערן — פּאַלמע לאָזט זיך צו אָפט אַפּנאַרן און פאַרכישופן פון זיינע קלאַנגען, אַנשטאָט צו שאַפן קלאַנגען פאַרכישופ־טע . . . דאָ און דאָרט זיינען פאַראַן לייכטזינס ווערטער, פאַרלעגנהייטס גראַמען און איבערגעחזרטע שורות, וועלכע שוואַכן אָפּ זיינע שטאַרקע עמאָציעס, בילדער און געדאַנקען . . . ווייל פּאַלמע קוקט צו אָפט אויפן גראַם, דערפאַר קוקט דער גראַם אַ סך מאָל פון אים אַוועק.

נאָר זיין ליד האָט תמיד אַ זין, עס איז אָנגעפּילט מיט סאָציאַלער דינאַ־מיק, און עקספּלאָזיוון פּראָטעסט־שטאָף. עס אַפּעלירט צו אייך, באַוועגט אייך, און הגם ניט תמיד דערהויבט עס אייך; דערפאַר לאָזט עס אייך אָבער קיינמאָל ניט צוריק אונבאַרירט. די אַלע דיכטערישע שוואַכקייטן און שטאַר־קייטן סטעמפּלען אים מיט דעם ספּעציפיש פּאַלמישן כאַראַקטער . . . זיין אויפריכטיקייט ציט אייך צו, די נאַקעטע שוידערלעכקייט דערוויטערט אייך, דער צער רירט אייך, און דער פּראָטעסט, קאַמף און בטחון וועקט אייך אויף . . .

לאָנדאָן

איך וויל אָפּשאַצן די יידיש־קולטורעלע דערגרייכונגען אין דער מע־טראָפּאָליע לאָנדאָן, וואָס האָט געשפּילט און שפּילט נאָך עד היום איינע פון די וויכטיקסטע ראָלן אין דער וועלט־פּאָליטיק און ניט קיין קלענערע ראָלע אין דער וועלט־ליטעראַטור.

לאָנדאָן איז געווען די וויג פונם יידיש־סאָציאַלן און ראַדיקאַלן געדאַנק. דאָ זיינען געלייגט געוואָרן די זוימען פאַר אַלע נייע און פרייע יידישע שטרעמונגען און ריכטונגען, מחמת דאָ האָבן געלעבט די גרעסטע יידישע פּאָליטיקער, געזעלשאַפטלער, וויסנשאַפטלער און קינסטלער, איידער זיי האָבן זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע.

איז דערפאַר דאָך טאָפּלט האַרב די שאלה, וואָס האָבן לאָנדאָנער יידישע קולטור־טוער דאָ אויפגעטון אויפן יידישן געביט?

מוז זיין די תשובה אַ זער אומעטיקע — זיי האָבן אַפילו ניט באַוויזן, ווי דאָס אַמאָליקע קליינע שטעטל אין פּוילן, צו שאַפן אַ יידישע שול, אַ יידישע ביבליאָטעק, אַ ליטעראַרישע וואָכנשריפט, פון אַ פאַרלאַג און אַ מאָדערנעם קינסטלערישן טעאַטער שוין אָפּגערעדט . . .

און שולדיק אין דעם איז ראשית כל געווען דער יידישער אינ־טעלעקט און דער יידישער אַרבעטער אַליין מיט אַלע זיינע מנהיגים, פּאָליטיקער, פּראָפּאַגאַנדיסטן און זיין פּרעסע . . .

ווייל ער האָט געדאַרפט וויסן (פונקט אַזוי ווי די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין רוסלאַנד, ליטע, פּוילן און גאַליציע), אַז נאָר אויף זיינע פּלייצעס ליגט דער גאַנצער עול פון דער מאָדערנער יידישער קולטור און קול־טורעלע אינסטיטוציעס. און דער עיקר האָט ער געדאַרפט וויסן, אַז ניט נאָר וואָס דער התחייבותפולער פּראָבלעם קאָן ניט קיין אַנדערן ווי נאָר אים אַליין אָנפאַרטרויט ווערן, נייערט מיט פּראָפּאַגאַנדע אַליין קאָן זיין אידעאַל ניט רעאַליזירט ווערן . . .

יידישע קולטור און דערציאונג מוזן ווערן די „מצוות מעשיות״, ווייל עס איז ניט גענוג זיי צו פּרעדיקן, נאָר מען מוז זיי אַליין אין לעבן מקיים זיין ווי יעדער פרומער ייד איז מקיים זיינע מצוות, דאָס איז ניט קיין פּראָב־לעם ערשט אויף לעתיד לבא, ווי אַ סך מיינען, נאָר טאַקע שוין ביי זיך אַליין

אין אייגענעם הויז און צווישן דער אייגענער סביבה מוז מען אָנהייבן צו פּראָוון יידיש־סאָציאַלע קולטור . . .

איז מען אָבער אַנטלאָפן פון יידישקייט און פון יידיש סאָציאַלער קול־טור, אָדער פאַרפאַלן געוואָרן אין אַפּאַטיע — טאָ וואָס־זשע האָט שוין גע־קאָנט ווערן פון די קינדער און אייניקלעך?

איז דערפאַר ניט שווער משיג צו זיין די אָפּגעפרעמדקייט פון דער היינטיקער יוגנט, פאַר אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ שייכות צום יידישן לעבן און דער יידישער קולטור . . .

בלייבט נאָר די איינציקע פראַגע, וואָס האָבן אויפגעטון די לאָנדאָנער יידישע שרייבער אויפן געביט פון יידישער קולטור אין יידישן לעבן? — מחמת אַזעלכע פעלן אָן עין הרע דאָ אויך ניט אויס, גלייך ווי אין אַלע אַנ־דערע גרויסע יידישע צענטערן.

עס איז דערפאַר טאָפּלט וויכטיק איבער דעם ערנסטן ענין עפּעס צו זאָגן, ווייל לאָנדאָן איז ביז היינט לחלוטין פאַרשוויגן געוואָרן, ניט קיין חילוק, בשוגג צי במזיד.

און איז אַמאָל אַ יידישער שרייבער דורך לאָנדאָן פאַרבייגעפאָרן האָט ער עס אויך נאָר געזען על רגל אחת . . . און דער עיקר — אַזוי ווי זיינע מאָראַלישע און פינאַנציעלע דערפאָלגן האָבן אויסגעזען, אַזוי האָט דאָס רוב דערנאָך לאָנדאָן ביי אים אויסגעזען . . .

אָבער דאָס טרויעריקסטע איז, וואָס אַפילו אייגענע האָבן דאָס רוב אויך געאורטיילט איבער לאָנדאָנער יידישע שרייבער און זייערע ווערק, ניט לויט דעם אמתדיקן ווערט פון זיי, נאָר לויט זייערע פּערזענלעכע סימפּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס צו די שרייבער.

איך וויל דאָ קיינעם ניט באַשולדיקן און אויך ניט פאַרטיידיקן, — וואָס איך וויל איז נאָר פעסטשטעלן, לויט ווי מיר ווייזט אויס, די מאָטיוון פון דעם לאָנדאָנער יידישן שרייבערס הילפלאָזיקייט, צעריסנקייט און זיין איינזאַמקייט . . .

דער יידישער שרייבער דאָ איז דער רוב אָן מיטלען, אָן אַ פּראָפעסיע, אויף צו קאָנען זיך מפרנס זיין, אַפילו ניט מיט גענוגנדיקע פיזישע כוחות, אויף צו קאָנען אויספירן אַ פּראָפעסיע, ווען ער באַזיצט שוין יאָ אַזעלכע,— אַ חוץ די איינציקע פּראָפעסיע זיינע וואָס איז — „שרייבן“ . . . און דאָס מיינט אויף פשוט יידיש גערעדט — אונטערהונגערן . . . יאָ, אַרומגיין קרוע־בלוע, זיך פילן שפלדיק אין יעדנס אויגן, אָן אַנערקענונג, אָן אַן אוידי־טאָריע און אַפילו אָן אַן אייגענעם קרייז . . .

דער לאָנדאָנער יידישער זשורנאַליסטן און ליטעראַטן־פאַריין, וואָס

וואָלט יאָ געקאָנט זיין די היים פאַר אַלע יידישע שרייבער, איז עס ליידער אויך ניט . . . אָבער נאָר אַ דאַנק פאַרשיידענע פערזענלעכע אַמביציעס און אויך צוליב אַ געוויסער גרינגשעצונג מצד אַ סך חברים צום פאַריין, — און דער עיקר, פשוט נאָר מחמת זיין אַפּאַטיע און דער אָרגאַניזאַטאָרישער אומ־פעאיקייט . . . אָבער קיינמאָל ניט צוליב וועלכער ס'איז בייזוויליקייט, ווי אַ סך קאָלעגן מיינען אפשר . . .

דערפאַר די צעריסנקייט און איינזאַמקייט, וואָס עסט יעדן באַזונדער אויף און דערפאַר אויך די כסדרדיקע אַפּהענטיקייט און פינאַנציעלע מאַכט־לאָזיקייט . . .

היינט ווי אַזוי האָבן דעם יידישן שרייבערס אידעען און געדאַנקן גע־זאָלט קאָנען דערגרייכן די ווייטע פאָלקסמאַסן, אַז קיין מאָדערנע שול, פאַרלאַג און טעאַטער־וועזן האָבן זיי ניט געהאַט?

אָבער פאָרט האָט דער יידישער שרייבער אין לאָנדאָן עפּעס אויפגעטון, — ער האָט אונטער די מיזעראַבעלסטע באַדינגונגען געשריבן, און געשאַפן גאַנץ ווערטפולע ווערק, וועלכע פאַרנעמען אָן אַ ספק אַ ניט ווייניקער בכבודיקן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַנדערע יידישע צענטערן, הגם דאָס איז פון דער יידישער קריטיק נאָך ביז איצט ניט אַקצעפּטירט געוואָרן.

עס מוזן דאָ באַזונדערס ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט ווערן די „פריינט פונם יידישן לשון" (אַנגעפירט פון א. נ. שטענצל, מ. עובד, י. ביטש און נ. רובין), וועלכע האָבן זיך געשטעלט די גאָר ניט לייכטע אויפגאַבע דאָ אין דעם יידישן קולטורעל אָפּגעשטאַנענעם לאָנדאָן אונטער אַלע באַדינ־גונגען צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט און אַרויסצוגעבן פאַרעקשנט מיט מסירת נפש זייט אַ סך יאָרן שוין דעם חודש־זשורנאַל „לשון און לעבן" וואָס איז באמת גאַרניט אַזאַ איינפאַכע זאַך . . .

מ'קאָן צו דעם זשורנאַל אפשר האָבן ליטעראַריש־קינסטלערישע און פּאָליטיש־סאָציאַלע תביעות, — אָבער מ'טאָר בשום אופן ניט פאַרגעסן, אַז שטענצל איז דאָ אויף דעם געביט כמעט געוועזן אַ פּיאָנער. ווייל עס איז מיר ניט באַקאַנט אַז עס זאָל דאָ אין לאָנדאָן נאָך אַ ליטעראַרישער זשורנאַל האָבן אַזוי לאַנג מאריך ימים ושנים געוועזן און פאַרביסן געקעמפט פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור ווי דער שטענצלישער . . .

מ'מוז אויך מודה זיין, אַז דער דאָזיקער זשורנאַל איז דאָ פאַר אַ סך יידישע שרייבער און אינטעלעקטואַלן, ווי אַ דאָרן אין אויג, (הגם מ'נעמט אויך בעל־כרחו אנטייל אין אים), אָבער בשום אופן ניט צוליב זיין קינסט־לעריש הויכן, אָדער ניט הויכן ניוואָ, נייערט אַליין צוליב זיין פאַרעקשנ־

טער יידישיסטישער ליניע, וועלכע איז באַזירט אויף אַלוועלטלעכער יידיש־קייט אַ דאַנק וועלכער מ׳זוכט אים כסדר נאָר צו באַגראָבן ניט אויפצוהויבן. מ׳נעמט אין דעם זשורנאַל אנטייל, נאָר כדי ניט פאַרגעסן צו ווערן און שוין אַליין דערפאַר האָט שטענצל מיט זיין גרופע אַ גרויסן פאַרדינסט.

אין לאָנדאָן איז אויך דערשינען אַן אומפּאַרטייאיש־ליטעראַרישער זשורנאַל „די יידישע טריבונע״ פון י. ח. קלינגער. דער דאָזיקער איז גע־שמאַקפול אַרויסגעגעבן, געווען אַ סך מאָל מיט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן לייען־מאַטעריאַל וועלכער האָט געזוכט צו פאַרפיינערן דעם עסטעטישן גע־שמאַק פון לאָנדאָנער יידישן לייענער און צו דערהויבן זיין קולטורעלן ניוואָ.

לאָנדאָן, ווי יעדער גרעסערער יידישער קולטור־צענטער, פאַרמאָגט אויך אַ גאַנצע ריי פון יידישע פּובליציסטן, בעלעטריסטן, וויסנשאַפטלער, סאָציאָלאָגן, דראַמאַטורגן, פּאָעטן און קריטיקער.

פון די פּובליציסטן איז לויט מיין מיינונג מאָריס מייער, ע״ה, געווען איינער פון די באַדייטנדיקסטע. ער איז אויך געווען אַ גרויסער געזעלשאַפט־לעכער טוער, דורכגעמאַכט פאַרשיידענע פּסיכאָלאָגישע און גייסטיקע וואַנד־לונגען . . . פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן מיט זיין אידעאָלאָגיע ניט תמיד געקאָנט מסכים זיין, אָבער געבליבן איז ער אויף שטענדיק געטריי דעם יידישן פאָלק און יידישן וואָרט . . .

דאָס מאָנומענטאַלע פון זיינע ווערק איז „די צייט״, אַ טאָג־צייטונג, וואָס איז דערשינען 37 יאָר אין לאָנדאָן. היינט ליידער שוין אונטערגע־גאַנגען.

צו די העברעאיש־יידישע פּובליציסטן געהערט פּראָפעסאָר ראַווידאָ־וויטש, געוועזענער רעדאַקטאָר פון דער „מצודה״, שלמה אויערבאַך, וועל־כער פאַרמאָגט אַ טיף אַנאַליטישן בליק און אַן אוניוועסאַלע ליטעראַרישע געניטשאַפט, האָט זיך געמאַכט זער פאַרדינסטפול שרייבנדיק זייער געלונ־גענע העברעאישע עסייען איבער יידישע שרייבער און אויך זער פיינע עסייען איבער העבראישע שרייבער אין יידיש... י. האָדעס, פּראָפעסאָר י. ד. מאַרקאָן און שלמה גאָלדענבערג ע״ה.

דער לעצטער האָט אַחוץ זיין זאַמלבוך „איים״ אויך אַרויסגעגעבן דריי נומערן „אונדזער וואָרט״ און אַ גרעסערן עסיי איבער דאָס לעבן און שאַפן פון בער באָראָכאָוו. דאָרט ברענגט ער מיט קלאָרע ווערטער אויף אַ פיין סטיליזירטן אויפן צום אויסדרוק בער באָראָכאָווס געדאַנקן און אידעאַלן, אַזוי, אַז עס באַקומט זיך מיט די קורצע שטריכן אַרויס אַ שיין געטריי כאַ־ראַקטער־בילד איבער דעם לעבן און שאַפן פונעם פרי פאַרשטאָרבענעם גאונישן בער באָראָכאָוו.

ש. גאָלדענבערג איז געשטאָרבן אין גרויסער אָרעמקייט. עס וואָלט געוועזן אַ גרויסער וויכטיקער אויפטו און פאַרדינסט פון אַלע זיינע חברים און דער עיקר פונעם לאָנדאָנער יידישן שרייבער־פאַריין, ווען זיי וואָלטן צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן אַלע זיינע יידישע און העברעאישע כתבים.

צו די בעסטע יידישע עסייאיסטן אין לאָנדאָן מוזן בלי שום ספק פאַררעכנט ווערן לעאָ קעניג (זיך באזעצט אין ישראל), יוסף לעפטוויטש און יעקב שמואל טוביש (היינט אין אַמעריקע). לעאָ קעניג האָט זיך קונה שם געווען מיט זער פיינע עסטעטישע אָפּהאַנדלונגען איבער „יידישע און וועלטלעכע מאלער און קלאַסיקער".

זיינע עסייען האָבן וויט אַריבערגעקלונגען, איבער דעם ענגליש־יידישן גבול, אַ דאַנק זיין אָריגינעלישקייט און עסטעטיש פיינעם סטיל. קעניגס וואָרט איז תמיד פריש און סטימולירנדיק, דיאַלעקטיש צוגעשפּיצט און פסיכאָ־פילאָזאָפיש פאַרטיפט.

דער יידישער „אַרבעטער רינג" אין לאָנדאָן האָט אַוודאי אָפּגעטון אַ זער וויכטיקע און נוצלעכע אַרבעט מיטן אַרויסגעבן לעאָ קעניגס אַ בוך געזאַמלטע עסייען „פאָלק און ליטעראַטור", וועלכעס וועט בלי שום ספק פאַרבלייבן אַ פיינער צושטייער צו דער יידישער עסייאיסטיק.

ל. קעניג האָט דאָ געלעבט זער איינזאַם, איזאָלירט פון דער גאַנצער שרייבער משפחה. צי איז עס געווען צוליב גרינגשעצונג, צי מחמת פאַרביטערונג, צי גאָר סתם פאַר ניט גלויבן מער אינם יידישן וואָרט? — עס לאָזט זיך שווער זאָגן... וואָס איך קאָן אָבער יאָ זאָגן מיט געוויסקייט איז, אַז זיין דערווייטערן זיך פון דער יידיש־ליטעראַרישער משפחה, האָט אים געבראַכט און טאַקע אויך דער לאָנדאָנער יידישער שרייבער משפחה מער שאָדן ווי נוצן...

י. לעפטוויטש — אַ גלענצנדיקער איבערזעצער פון יידיש אויף ענגליש. אַרויסגעגעבן אויך אַן „אַנטאָלאָגיע" פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג אין דער ענגלישער שפּראַך, מיט פיל געשמאַק און פּאָעטיש־קינסטלערישער בקיאות. געשריבן אויך וואָגיקע, טיף דורכגעטראַכטע, עסייען מיט אַ וויטזיכטיקן בליק איבער יידישע דיכטער אין ענגליש און אויף אַ גאָר פיינעם אופן זיי איבערגעדיכטעט. נאָר ווידער די זעלביקע צרה — וואָס י. לעפטוויטש לעבט אויך צוריקגעצויגן פון דער גאַנצער לאָנדאָנער שרייבער־כאַליאַסטרע..

י. טיגער — אַ העברעאיש־יידישער פובליציסט. שרייבט אויך רעצענזיעס און קריטיק איבער אַקטועלע פּאָליטישע און ליטעראַרישע דערשיינונגען. י. טיגער קאָן זען קלאָר און אַנאַליטיש באַנעמען אַן ענין.

מען מוז אָבער אויך צוגעבן — אַז הגם טיגערס האַריזאָנט איז אַפּט גאַר ניט קיין שמאָלער, בלייבט זיין קוק אַ סך מאָל אַ ריגאַרעז באַגרענעצ־טער. און ער שיינט צו געפינען זיין באַפרידיקונג ווען ער קאָן באַווייזן די אומפערפעקטע און דעפעקטיווע עלעמענטן ביים שרייבער . . . מחמת עס פעלט אים אָפט אויס די גערייפטע אָביעקטיווקייט, וועלכע זאָל זיין קריטישן קוק דערהייבן איבער זיינע צו סוביעקטיוויסטישע נייגונגען און געפילן, וואָס פאַרשאָטענען ניט נאָר זעלטן די ווערק איבער וועלכע ער שרייבט, נייערט אויך זיין אייגן געשריבענעם וואָרט . . .

ביי אַ גענוגנדיקער איבערווינדונג פון זיין היפּער־עמאָציאָנעלער סוביעקטיוויטעט, זשורנאַליסטישער ראַפּינירטקייט וואָלטן טיגערס עסייען אַרויס־געקומען אַ סך הומאַנער און סאָציאַלער . . . ווייל טיגער באַזיצט אַלע נייטיקע עלעמענטן וואָס אַ פאַראַנטוואָרטלעכער קריטיקער באַדאַרף.

א. מ. קייזער איז אַ זער טאַלאַנטירטער הומאָריסט. הגם דאָ און דאָרט ווייזט זיך נאָך אַרויס די השפּעה פון שלום עליכם און טונקעלער, זוכט זיך זיין טאַלאַנט תמיד צו געפינען זיין אייגענעם וועג. אין זייך בוך: „ביי אונדז אין וויטשעפּל" האָט קייזער אויף אַ גאַנץ רירעוודיקן אופן געפּרוווט שיל־דערן דאָס לאָנדאָנער יידישע לעבן. ער האָט זיך באַמיט אַרויסצודיפערענ־צירן פאַרשיידענע אידיאָמען, לויט זייערע דיאַלעקטן, כדי צו מאַכן זיינע העלדן לעבעדיקער, הומאָרפולער און אינטערעסאַנטער.

מיליע און ספערע איז ביי קייזערן דאָ גענוג, ער פאַרשטייט מיט אַ קינסטלערישער ראַפינירטקייט אויפצוויקלען די אייגנאַרטיקייט פון ענג־ליש־יידישן לעבן מיט אַ שפּילעוודיקער איראָניע . . . עס פעלט אָבער נאָך אויס די גרויסע טראַגי־קאָמישע אַקציע און דער פאַראַדיש־סאַרקאַסטישער פינאַל, וואָס זאָל זיינע פאַרשוינען מאַכן פאַרטיפטער, אינהאַלטסרייכער און טיפישער . . .

אסתר קרייטמאַן באַזיצט די גרויסע מעלה צו שילדערן אויף אַ ברייי־טער קאַנווע. און איר שילדערונג איז ס׳רוב אַ בולטע, בונטע און דופטיקע. איר טיפקייט ווערט אָבער אַ סך מאָל פאַרלאָרן, אין דער ברייטקייט, און דאָס איז גורם, וואָס אירע העלדן לידן אַמאָל פון אנעמיע . . . באַזונדערס באַמערקבאַר מאַכט זיך דאָס אין אירע קלענערע דערציילונגען, מחמת עס פעלט אָפט אויס אירע העלדן קלאָרקייט פון זייער האַנדלונג. און דאָס איז אַ גרויסער מינוס פון דעם קלימאַקס און דער קינסטלערישער פולקומקייט פון אירס א דערציילונג. ווייל אירע ראָמאַנען זיינען באַדייטנדיקע דערגריי־כונגען — ניט נאָר אַליין אויפן געביט פון שילדערן דאָס מיליע, די קאָנ־פליקטן און דעם פסיכאָ־מאָראַלישן צושטאַנד פון אירע העלדן — נייערט

אויך אין סאָציאַל־עטישן זין . . . און טאַקע דערפֿאַר מוז מען פֿון איר פֿאַרלאַנגען מער קלאָרקייט.

קיטי בראון ע״ה, געהערט צו די לאָנדאָנער הומאָריסטן־פֿעליעטאָניסטן. איר סטיל איז אַ סימפּאַטיש לייכטער, אירע פֿעליעטאָנען, סקיצן און בילדער לייענען זיך פֿליסיק, גרינג, — און דאָס איז דוקא גאָרניט קיין חסרון ווי אַ סך מיינען . . . מען האָט דאָס רוב הנאה לייענענדיק אירע אַמוזירנדיקע פֿעליעטאָנען.

איר לעצט דערשינען בוך הומאָרעסקן: „לאַכט אויב איר ווילט״ — זער געשמאַקפֿול אַרויסגעגעבן אויף אַ גוטן פּאַפּיר, מאַכט אין אַלגעמיין אַ גאַנץ גוטן איינדרוק. אָבער זי האָט נאָר ליב צו שילדערן די אויבנאויפֿיקייט פֿון פֿאַרשיידענע סיטואַציעס אינם לאָנדאָנער יידישן לעבן, — אָדער זאָל דאָס זיין אַזוי, אַז די אויבנאויפֿיקייט איז אָרגאַניש צענויפֿגעוואַקסן מיט איר שילדערונג? — ווי דאָס זאָל ניט זיין, פֿאַרמאָגט קיטי בראון אַ סובטעלן הומאָר באַהויכט מיט אַ לייכטער פּרויען־סענטימענטאַליטעט.

ב. מ. סידאָ איז אַ וויסנשאַפֿטלערין. אָנגעשריבן אַחוץ פֿאַרשיידענע עסייען אויך אַ גרעסערע אַרבעט: „די דיאַלעקטיק פֿון געפֿיל און געדאַנק״.

אין דעם דאָזיקן בוך טרעפֿן זיך צענויף: פּאָפּולאַריזאַציע און אייגנאַרטיקער באַנעם פֿון פֿילאָזאָפֿיש־פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען. דאָס ווערק, וואָס איז מיט פֿיל מי און התחייבות אָנגעשריבן געוואָרן, פֿאַרדינט אַ גרינטלעך זאַכלעכע אָפּהאַנדלונג.

י. א. ליסקי איז אַ קרעפֿטיקער טאַלאַנט. זיינע רעאַליסטישע סקיצן און דערציילונגען האָבן אים געשענקט אַ בכבודן אָרט צווישן די יונג־יידישע באַגאַבטע שרייבער.

אַרויסגעגעבן אַ בוך נאָוועלן: „פּראָדוקטיוויזאַציע״, אַ דערציילונג: „פּאָר דו קליינער קאָזאַק״. מיט פֿיל פֿאַרשטענדניש און קינסטלערישער געניטקייט איז ער מסוגל אַריינצודרינגען טיף אין דער נשמה פֿון זיינע העלדן, און אַרויסצוברענגען זייערע נייגונגען, באַגערן און שוואַכקייטן . . . זיין מוזיקאַליש ריינער טאָן מאַכט אנגענעם און העל אַפֿילו דאָס טרויעריקסטע טונקעלסטע מיליע פֿון זיינע געשילדערטע טיפּן . . .

לעצטנס האָט ער אויך אַרויסגעלאָזן אַ גרעסערע דערציילונג: „מלאכה בזויה״, וועלכע האָט אַביסל אויפֿגערודערט די לאָנדאָנער יידיש־ליטעראַרישע און געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן, ווייל זיי האָבן זיך דערפֿילט אָנגעגריפֿן אַ דאַנק די אָפּטמאָל צו האַרבע אומעסטעטישע אויסדרוקן, וועלכע האָבן בלי ספק געקאָנט פֿאַרמיטן ווערן, ניט צונעמענדיק אַפֿילו קיין לויט פֿון זיין רעאַליסטישן שילדערונגס־אופֿן . . . און דאָס פֿאַרשטייט זיך שוואַכט טאַקע

אַפּ די דערציילונג, וועלכע וואָלט זיכער געקאָנט דערגרייכן מער דערפאָלג, און אויך ניט געהאַט קיין קלענערן ליטעראַרישן ווערט אָן דער אָפּט ניט געוווּנטשענער דראַסטישקייט . . .

א. מ. ארזשיצער (היינט אין קאַנאַדע) איז אַ יונגער דערציילער. אַרויס־געגעבן אַ בוך: „רייזע רעפּאָרטאַזשן" און אַ בוך דערציילונגען, אונטער וועלכע עס געפינען זיך זער געלונגענע, — הגם זיי זיינען ערטערווייז ניט אינגאַנצן פריי פון אַ מין געצוווּנגענער טענדענציעזקייט . . .

מיט פיל ליבע און רחמנות זוכט אַרזשיצער צו שילדערן זיינע העלדן. ער האָט זיך תמיד באַמיט דאָס נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע פון זייערע האַנד־לונגען אַרויסצוברענגען מיט אַ פּאַטאָס פון אמת . . . אָבער ארזשיצער מוז זיך נאָך שטאַרק אויסהיטן ניט צו פאַרבייטן דעם „קרייצוועג", וואָס פירט פון רעפּאָרטאַזש, ביז צו דער אמתדיק ריין קינסטלערישער דערציילונג . . .

פעיקייטן באַזיצט א. מ. ארזשיצער באַשטימט אין אַ גענוגענדער מאָס, — וועלכע זיינען ווערט צו ווערן מער אויסגעאַרבעט און געפלעגט, ווי עס איז געוועזן דער פאַל ביז איצט . . .

י. ח. קלינגער, אַ יונגער אינטערעסאַנטער דערציילער. שוועבט צווישן רעאַליזם און נאַטוראַליזם, הגם זיין טעמאַטיק איז אָפט ראָמאַנטיש באַהויכט.

זיין סטיל, וועלכער איז ערטערווייז נאָך אַביסל געפּילט מיט אַ משכילישן אונטערשלאַג, ווירקט פאַרט פריש און צוזאַגנדיק . . .

עס איז קענטיק אַז ער שטייט אונטער פרעמדע איינפלוסן, — פון וועל־כע ער מוז זיך אַבסאָלוט באַפרייען ווייל ער פאַרמאָגט גענוג כוח צו געפינען זיין אייגענעם וועג משפיע צו זיין אויף אַנדערע.

א. מ. פוקס (היינט אין ארץ ישראל), אַ באַוווּסטער גאַליציאַנער נאָוועַ־ליסט. זיין בוך נאָוועלן: „אונטערן בריק" האָבן אים באַרימט געמאַכט אין דער יידישער ליטעראַטור.

זיין אָריגינעלער רעאַליסטישער טאָן לאָזט נאָך זיך תמיד צוריק אַ שוידערדיקן עכאָ פונעם טונקעלן לעבנס־לאַבירינט...

זיין מיליע איז שווער, זיין ספּערע אָנגעפילט מיט דערוואָרגנדיקן גורל־סם. זיינע העלדן בייז, זייער לעבן אָן עלנדיקס, זייער האַנדלונג — צעפּי־בערט און פינסטער ווי זייער לעבן . . . אָבער פוקס' שילדערונג איז אַ העלע, פּשוט פענאָמענאַל.

איציק מאַנגער, (היינט אין אַמעריקע), באַוווּסטער באַלאַדן־דיכטער. שוין אַרויסגעגעבן פאַרשיידענע לידער־ביכער און עסייען, וועלכע זיינען פון דער יידישער קריטיק מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן. ער האָט

אויך איבערגעדיכטעט א. גאָלדפאַדנס אַ פּיעסע: „האַצמאַך" מיט גרויס דערפאָלג.

מאַנגערס פאָלקסטימלעכער און ווירטואָזער פערז, מאַכט אָריגינעל זיין ליד. עס פילט זיך אָבער אין זיין פּאָעזיע אַ שטאַרקע השפעה פון דער גער־מאַניש־סלאַווישער דיכטונג. יעסענין, היינע, און: „דעס קנאַבן וווּנדער האָרען" לעבן אויף אין אַ סך מאַנגערישע לידער . . .

מאַנגערס פּאָעזיע איז אַ סך מאָל מער גורם צום נאָכפּילן ווי צום נאָכ־דענקן . . . ער שוועבט ניט זעלטן צווישן ריינער פּאָעזיע — און מייסטער־האַפטער פּראָזע . . . מאַנגער איז אָבער אין ביידע פאַלן אויסערגעוויינלעך געניט.

נאָר אַ סך מאָל טרעפט וואָס זיינע פערזן זיינען ניט צום נאָכדענקן און אויך ניט צום נאָכפּילן — נאָר פּשוט צום פאַרשפּילן; יאָ, צום פאַרשפּילן זיך און דעם אַנדערן: מיט בונטע — האַלב יאָ, און האַלב ניט זאָגנדיקע קלאַנגען און פאַנאַרן . . . ווייל קלאַנג, געפּיל און בילד באַזיצט ער דאָס רוב אין אַ גרויסער שפע . . . ס'פעלט אים נאָר דערוויַיל נאָך די גרויסע אידעע, וואָס זאָל אים טאַקע אַזוי גרויס מאַכן ווי זיין קראַנקהאַפטע איינ־בילדונג גלויבט עס צו זיין . . .

א. מאַנגער באַזיצט אויך אַ ראַפינירטן סוביעקטיוויזם, וועלכער זוכט תמיד זיך צו צירן אין אַ מין אינדיווידואַליסטישן אוניווערסאַליזם — אָבער בלייבט דאָס רוב נאָר סוביעקטיוו־ליריש . . . להיפוך צו לייוויקן, א. צייט־לינען און יעקב גלאַטשטיינען, וועמענס אינדיווידואַליזם ס'פאַרוואַנדלט זיך כמעט תמיד אין אַ טיפערן אוניווערסאַליזם.

מאַנגערס לידער־זאַמלונג: „וואָלקנס איבערן דאַך", מוז מען זאָגן איז באמת אַ קוריאָז פון אַ פאַנטאַסטיש שיינער דיכטונג און פאַר דעם יעצטיקן מאָמענט אַפּעלירן זיי צו אונדז עפּעס ווי עקזאָטישע עמאַציעס. מחמת אַ דיכטער וואָס האָט דעם כח אין די לידער צו לעבן הינטער דער צייט און פּשוט איגנאָרירן די צייט אין וועלכער ער לעבט — איז טאַקע נאָך אַ גרוי־סער ספינקס.

בן־א. סאָכאַטשעווסקי — ווי דער רוב יידישע דיכטער איז ער אויך אַ תלמיד פון אברהם רייזנס שולע. אומעט, טרויער, ליבע, האָפנונג און פריי־הייט איז די גאַמע פון זיינע מאָטיוון. פאַרשטייט זיך, אַז זיי נעמען ביי אים אַן אַן אַנדערע געשטאַלטונג, און דערפאַר שטערן זיי אים אויך ניט צו שעפּן פון אייגענעם ברונעם . . . דער בעסטער באַוויַיז זיינען זיינע נאַציאָנאַלע און וועלטלעכע מאָטיוון.

פון סאָכאַטשעווסקין זיינען שוין דערשינען פאַרשיידענע לידער־ביכער

און אויך אַ באַנד פּראָזע, אין וועלכן עס געפינען זיך געלונגענע דערציילונגען.

זיין ווערק „למד״ האָט אין זיך זער כאַראַקטעריסטישע שטעלן, וועלכע שפּיגלען אָפּ דאָס לאַנדאַנער יידישע לעבן מיט אַלע שאַטירונגען, בילדער, קלאַנגען און פאַרבן. „די פּשוטע ווערסיפיקאַציע פון למד — איז אָפּטמאָל אַ ווירטואָזע״ — האָט זיך א. רייזען אַמאָל איבער למד אויסגעדריקט. „ס׳איז אַדורכגעדרונגען מיט טיפע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, געדאַנקען און געפילן״.

און סאַכאַטשעווסקיס פאַרביק עפּישער סטיל, לירישער חן און פליסיקער פּערז ציען צו דעם לייענער און מאַכן דאָס בוך אַנגענעם צו לייענען.

משה עובד איז אַ מיסטיקער. אַ דיכטער מיט וויזיע. עס קעמפן אָבער אין אים נאָך עלעמענטן: פון חזן, בדחן און מגיד — און טאַקע דער לעצטער וויל אומעטום האָבן דעם אויבנאָן... זיין סימבאָליק און אַלעגאָריע איז אָפט פאַרשוומען און ליידט אויך צומאָל פונם ניט גענוגנדיק קולטיווירטן פּערז...

עס זיינען אָבער אויך פאַראַנען אין זיין נייעם לידער־בוך: „אין חדר אריין״, אַזעלכע פּערזן, וועלכע רייסן זיך ווי בליצן דורך דעם טיפן תהום פון זיין פאַרנעפּלטן קאָמפּליצירטן אינדיווידיאום, און העלן אויף מיט זייער ווייטן און דורכדרינגנדיקן שימער זיינע אידעען און געפילן.

אין קורצן געזאָגט: איז משה עובדן געלונגען אין אַ סך פאַלן צו רעאַליזירן זיינע מיסטיש־טיפע געדאַנקען און געפילן אין פיינע סימבאָלן און אַלעגאָריעס. אָבער זיין דיכטערישן חוב, וועלכן ער איז שולדיק זיין מאַמע־לשון, וועלכעס ער ליבט איבער אַלעם אין דער וועלט, זוכט ער אָפּצוצאָלן ניט נאָר אַליין מיט זיינע סובסטעלע לידער, נייערט אויך מיט זיינע קליינע אָריגינעלע פּראָזאַאישע דערציילונגען, וועלכע באַזיצן אַ אינערלעך צוציענדיקן ריטמישן סטיל און לייענען זיך פּשוט אויך ווי לידער...

משה עובד איז ניט נאָר אַ נאָבעלער דיכטער, וועלכער באַזיצט אַ גרויס קאַפּיטאַל פון פיינע לידער, נייערט אויך אַ נאָבעלער מענטש, וועלכער באַווייזט זיין איידלקייט צו זיינע חברים׳ס ווערק, וועלכע ער גיט אין גאַנצן אַרויס אָדער העלפט זיי אַרויסצוגעבן.

ס. פּאַלמע ע״ה, איז אַ פּאָליטיש־סאָציאַלער דיכטער. אַרויסגעגעבן פאַרשיידענע לידער־ביכער און אייגנאַרטיקע דערציילונגען.

זיין ליד און ריטם איז ציטלעך, אָבער אָפט ברעכט עס אויך דורך די ציים אַ דאַנק זיין שניידנדיקן קלאַנג און סאָציאַלן פּראָטעסט...

פּאַלמע איז אויך אַ מאָלער, קאָמפּאָניסט און אַ דראַמאַטורג. נאָר זיינע פּראָזאַאישע ווערק פאַרמאָגן ניט דעם כח פון זיין פּאָעזיע.

איינס מוז אָבער באַמערקט ווערן: אַז פּאַלמע האָט זיך אָפּט אַליין פאַר־שפּילט און פאַרכשופט מיט זיינע בונטע קלאַנגען, אַנשטאָט דעם אַנדערן צו פאַרשפּילן און פאַרכשופן. זיין ליד פאַרמאָגט כמעט תמיד אַ טענדענץ, הגם ניט קיין נייע, אָבער אַנגעזאָפּט מיט סאָציאַלער דינאַמיק און עקספּלאָ־זיוון פּראָטעסט־שטאָף, וואָס קאָן אָפּעלירן צו אייך.

פּאַלמע האָט אויך געשריבן קינדער־לידער. אייניקע פון זיי זיינען זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן. מען האָט צו זיי געשריבן מוזיק און געזונגען אין אַ סך יידישע שולן. זיין נאָמען וועט אין דער יידישער פּאָעזיע קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן.

מאַקס הערשמאַן איז אַ שטילער דיכטער מיט גרויסע פעאיקייטן, וועלכע ווערן ניט גענוגנדיק אויסגענוצט... אַרויסגעגעבן אַן איבערזעצונג פון לערמאָנטאָווס „דעמאָן" און אַ לידער־בוך „ערד־וויי".

הערשמאַנס פערז איז אַ ליידנשאַפטלעכער, אָנגעפּילט מיט ניט אַרויס־געזאָגטע געדאַנקען און געפילן. ער זוכט תמיד נאָך אַ שטאַרק וואָרט פאַר זיין אים נאָגנדיקן געפיל, אָבער זיין געפיל בלייבט דערווייל נאָך פאַרנעפּלט דורך דעם ניט געפונענעם וואָרט . . .

הערשמאַנס אייניקע לידער זיינען באַהויכט מיט אַן אמתדיק טיפן ליי־ריזם. ער פאַרמאָגט דעם נאָך ניט צום וואָרט געקומענעם קינסטלערישן אומרו, וועלכער בויערט און רייסט זיך אייביק נאָך געשטאַלטונג . . . אין אים קעמפן: געפיל און געדאַנק, בילד און קלאַנג, דאָס זוכן נאָך קינסטלע־רישע פאַרמען און האַרמאָניע . . .

מאַקס הערשמאַן שרייבט ווייניק, אָבער פילט און לעבט אַ סך איבער — דערפאַר רעדט אָפּט זיין טיף דורכגעלעבט געפיל מער ווי זיין גע־שריבן וואָרט.

א. נ. שטענצל — אַ באַוווסטער יידישער דיכטער. אַרויסגעגעבן שוין פאַרשיידענע גרעסערע און קלענערע לידער־זאַמלונגען און אויך צוויי בענד עסייען וועגן יידישע שרייבער. זיין בוך: „דאָס פישער־דאָרף" מיט דער לידער־זאַמלונג „און דו ביסט גאָט" האָבן אים באַרימט געמאַכט, און גע־שטעלט אַן אייביקן מאָנומענט אין דער יידישער פּאָעזיע . . .

וואָס שטענצל באַזיצט בשפעדיק — איז מאָלערישע אָריגינעלישקייט און פּלאַסטישע שילדערונגס־קראַפט, טיפקייט פון געדאַנק און געפיל, האַר־מאָניע פון וואָרט און בילד. דאָס איז פאַראַן אומעטום ביי א. נ. שטענצל, ווי שוין פריער דערמאָנט. אַ סך קלאַסישע לידער זיינען פון גרויסן דיכטערישן ווערט . . . איבער א. נ. שטענצל איז דאָ זער אַ סך צו זאָגן.

דוד זיידנפעלד — אַ דיכטער מיט אַ געוויסער אורבאַניסטישער אָריגי־

נאַליטעט. זיינע אימפּרעזיעס זיינען דורכגעוועבט מיט אַ פיינעם ליריזם און לייענען זיך ליבלעך און אינטים. זיינע בילדער זיינען זער פּלאַסטיש — נאָך די עקספּרעסיאָניסטישע טענער, וואָס באַגלייטן פאַרבאָרגן זיינע אימ־פּרעסיעס, סוף כל סוף, זיינען דאָך ניט וויכטיק די אַלע אויסגעקליגלטע „איזמען" ווי — אימפּרעסיאָניזם, עקספּרעסיאָניזם, פוטוריזם, דאַדאַיזם, קוביזם וכדומה, נייערט די אמתדיקע ריין קינסטלערישע שאַפונג.

ש. זאַלקין — אַ דיכטער, ביי וועלכן ס'קלינגט נאָך די ראָמאַנטיש־סאָציאַלע נאָטע פון רייזען, ראָזנפעלד, באָווּשאָווער און עדלשטאַט — איז אַדורכגעדרונגען מיט דעם אַנטוישטן נביאישן חלום פון: „והיה באחרית הימים".

זיינע פּראָלעטאַרישע לידלעך לייענען זיך לייכט, און האַרמאָנירן מיט זיין לייכט־קלינגענדיקן ריטם און פערז.

שמואל ווהייט — אַ באַשיידענער פיינפילנדיקער ליריקער. אַרויסגעגעבן אַ לידער־בוך: „נשמה קלאַנגען".

זיין ליריק שטורעמט ניט אויף אָבער לייענט זיך אַנגענעם און סימפּאַ־טיש. ווהייטס האָריזאָנטן זיינען אָפט ניט קיין ווייטע און אויך ניט קיין קלאָ־רע, אָבער עס בליצט פון זיי אויף פון צייט צו צייט אַ גאָלדן שטערנדל... ווהייטס טאָן איז אויך ניט קיין הויכקלינגענדיקער, אָבער אַ סך לידער זיינע זיינען זער אימפּרעסיוו, אַ דאַנק זייער פשוטער נאַאיווקייט, אָדער נאַאיווער פשטות . . . זיי רעפלעקטירן ניט אויף צו זיין קיין מאָדערנע העכערע פּאָעזיע, זיינען אָבער תמיד עכט איבערגעלעבט.

דר. לייב קורלאַנד (היינט אין פּאַריז), אַרויסגעגעבן אַ פּאָעמע און אַ ביכל דערציילונגען: „עס האָט זיך שוין אָנגעהייבן".

אין די דאָזיקע דערציילונגען פּרווט לייב קורלאַנד אויף אַ רעאַליסטישן און שטאַרק דראַמאַטישן אופן צו שילדערן עפּיזאָדן פון דער לעצטער קאַ־טאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן דאָס פּוילישע יידנטום. קורלאַנדס שיל־דערונג איז דאָס רוב זער בולט און קרעפטיק און איז אַ סך מאָל אויסן ניט נאָר וויסנשאַפטלעך צו פאַראַפראַזירן די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיש־פּרווידיאַני־שע וועלט־אַנשויאונג, נייערט זי אויך קינסטלעריש קלאָר צו מאַכן.

יעקב שמואל טויביש (היינט אין ניו־יאָרק) — דיכטער און עסייאיסט. אַרויסגעגעבן צוויי ביכלעך עסייען: „דער חיוב פון אבלות", „אויף יידישע יסודות", אַ באַנד געזאַמלטע לידער און אַנדערע עסייען.

זיין לידער־בוך באַשטייט פון פיר חלקים: „לירישע בילדער", „לידער און ראָמאַנסן", „סאַטירישע פערזן" און „גלייביקע סאָנעטן".

די לירישע בילדער לייענען זיך גלאַטיק, פליסיק, פאַרכאַפּנדיק, מחמת

די שפּראַך איז אַ פּשוטע און די איבערלעבונגען עכטע — וואָס דאָס איז די ערשטע און גרעסטע מעלה ביי יעדן דיכטער.

דער ריטם איז ביי טויבישן תמיד אַן אויסגעהאַלטענער, דער גראַם אויך אָריגינעל. אָבער אַ ביסל אַנדערש איז עס מיט זיינע גלייביקע סאָנעטן — דאָרטן איז טויביש מער טראַגיש־דראַמאַטישער.

מען מעג אַפילו ניט מסכים זיין מיט זיין אידעאָלאָגיע, וועלכע קלינגט פאַר אַ סך פון אונז כמעט פרעמדלעך און אַ ביסל פאַרקריסטלט. ניט זער סימפּאַטיש איז, וואָס עס גייט אַרויס פון זיינע רייד ווען ער פּריידיקט: נאָך דעם ווי די השגחה העליונה האָט געלאָזט אויסמאָרדן אין די געטאָס 6 מיליאָן יידן פון דעם פאַרשאָלטענעם דייטש, זאָלן מיר די שארית הפליטה — נאָך די זיך קיינמאָל ניט מער פאַרהיילנדיקע בלוטיקע מכות — נאָך מיט אַ גרעסערער הכנעה און מער עניוות זיך אונטערוואַרפן דעם אויבערשטנס גערעכטיקייט און באַרעכטיקן אונזער לעבן דערמיט, „וואָס מיר זיינען אַפילו אַזאַ גרויליקע מיתה אויך ניט ווערט געווען" . : .

און אַז די השגחה העליונה האָט שוין יאָ באַוויליקט מיר זאָלן לעבן בלייבן, איז עס אויך ניט אין אונזער זכות געשען, ניייערט ווי דער דיכטער זינגט:

„ניין! גיכער, ווייל מיר זיינען עס ניט ווערט,
אַפילו נאָך ניט זוכה צו זיין שווערט,
אפילו ניט ראוי צו זיין קרבן".

איך האָב מורא, אַז דאָס איז אַ רעליגיע פון „קראַנקע און שוואַכע", און לסוף אויך גאָר ניט יידיש, מחמת דער תהלים־דיכטער האָט געפּריידיקט: „לא אמות כי אחיה", „בשאול מי יודה לך?"...

און צי האָבן דען טאַקע ניט אויך אונזערע אבות תמיד זיך אַקעגן גע־שטעלט דער געטלעכקייט, ווען עס איז זיי פאַרגעקומען אַז זי איז מענטש־לעך ניט גערעכט? אַזוי האָט למשל אברהם זיך געדונגען מיט גאָט און זיך געבעטן ביי אים, ניט צו פאַרדאַרבן סדום — ווען עס וועלן זיך אַפילו דאָרטן געפינען ניט מער ווי 10 צדיקים.

און צי האָט ניט אויך משה געזוכט די יידן שטענדיק ביי גאָט צו פאַר־טיידיקן? איוב האָט פון זיין פאַרצווייפלונג אויסגעשריען: „ארור יום ילדתי"! . . .

מיט דער זעלביקער אידעאָלאָגיע איז אויך דער חסידיזם דורכגעדרונ־גען געווען, מיט דעם זעלביקן צער און געבעט האָט אויך לוי יצחק מבער־דיטשעוו פאַרטיידיקט די יידן לגבי גאָט — נאָר דער דיכטער טויביש פאַר־טיידיקט גאָט און קלאָגט אָן די יידן! . . .

איז פאַרשטייט זיך, אַזאַ מין אידעאָלאָגיע אַפילו פאַר אַ רעליגיעזן יידן דווקא אויך גאָר ניט קיין געהויבענע. אָבער, אָפּגעזען פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע, מוז מען צוגעבן, אַז די לידער שפּרודלען פונעם דיכטערס אוממיטלבאַרע איבערלעבונגען און קומען אַרויס „מן המצר" און „ממעמ־קים" פון זיין נשמה...

די שפּראַך איז רייך, דאָס בילד בונט, דער געדאַנק קלאָר און דאָס געפיל אַ סך מאָל דערהויבן.

וועגן די לאַנדאַנער יידישע פּיעסנשרייבער, זייערע ווערק און איבערן טעאַטער איז דאָ אַ סך צו זאָגן. איך וויל נאָר דערוויל באַמערקן, אַז לאָנ־דאָן שטייט אַבסאָלוט ניט צוריק מיט זיינע שרייבער און אַקטיאָרן פון אַנדערע גרעסערע יידישע ישובים. געוויס איז דערמיט ניט געמיינט, אַז די פּיעסן־שרייבער און אַ טייל שוישפּילער שטייען שוין אויף דער געווינטש־טער ליטעראַריש־קינסטלערישער הויך.

ליידער לעבן היינט דאָס רוב טעאַטער־באַזיצער, שרייבער און שוי־שפּילער אין דער איבערצייגונג, אַז דערפאָלג איז דער העכסטער און בעס־טער פּרייז פאַר אנערקענונג און אַז די מאַסן־אַנערקענונג איז דער בעסטער באַווייז פאַר דער גוטסקייט פון דער זאַך. אין דער אמתן איז דאָס אַנדערש: עס זיינען פאַראַן אַ סך פּיעסעס, וואָס שטייען ליטעראַריש־קינסטלעריש אויף אַ גאָר גרויסער הויך און פאַר דער בינע טויגן זיי אַבסאָלוט ניט. און אומגעקערט: אַ סך פּיעסעס, וואָס גייען מיטן גרעסטן „סוקסעס" אויף דער בינע (פילן אָן יעדע נאַכט דעם טעאַטער מיט מענטשן און די קאַסע מיט געלט), און האָבן פאַרט קיין שום ליטעראַרישן ווערט ניט.

דערפאָלג אָדער מיסדערפאָלג האָבן דערפאַר ביי אַ שרייבער אין דעם פּרט ניט פיל צו זאָגן, ווייל עס קאָן אַמאָל אַ זער באַרופענעם שרייבער גע־לינגען אָנצושרייבן אַן אומאויפפירבאַרע פּיעסע פּונקט אַזוי, ווי אַ צופעליקן שרייבער אַ דערפאָנגרייך שפּילבאַרע פּיעסע. דערפאַר איז דאָס אַלץ ניט אַנטשיידניק. אַפילו דאָס פּובליקום און די פּרעסע זיינען ניט אַלע מאָל קאָמפּעטענט אין דעם פאַל.

דער אמתער שופט פון ווערט און אומווערט איז די ניט שטיינבלייבנ־דיקע צייט און דער באַרופענער אומאָפּהענגיקער קונסט־קריטיקער, וועל־כער שטייט איבער דער צייט.

צו די לאַנדאַנער דראַמאַטורגן געהערן: א. מייזעלס, אַן אַלטער טעאַ־טראַל, וועלכער פאַרמאָגט פיל רוטין, בינע־טעכניק און סצענישע געשיקט־קייט. זיינע פּיעסעס זיינען אָבער דאָס רוב צוגעפּאַסט צו די פאַרלאַנגען, צו

די צייטלעכע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע עמאָציעס פונעם טעאַטער באַזוכער, וועלכער שיינט דווקא ניט צו שטיין אויפן העכסטן קולטורעלן ניוואָ.

ביי אַ גרעסערער אומאָפּהענגיקייט וואָלט י. מייזעלס זיכער מסוגל גע־ווען צו שאַפן אַ סך בעסערע זאַכן. אויף דעם זאָגן עדות אַ גאַנצע ריי גע־לונגענע סצענעס, בילדער און דיאַלאָגן פון זיינע פּיעסעס און די אָפט זער געלונגענע אינסצענירונגען פון פאַרשיידענע ווערק.

א. מייזעלס איז בלי שום ספק איינער פון די איבערגעגעבנסטע לאָנדאָ־נער יידישע טעאַטראַלן, וועלכער אַרבעט אויף דעם געביט שוין זייט צענד־ליקער יאָרן מיט פיל ליבע און גרויס געטריישאַפט.ליידער איז ער היינט פון טעאַטער דערווייטערט.

ש. י. דאַרפזאָן, — אַ באַקאַנטער יידישער זשורנאַליסט. האָט זיך גע־מאָכט באַוווסט מיט זיין קאָמעדיע „דער קעניג פון לאַמפּעדוסע", וואָס איז במשך פון לאַנגע חדשים געשפּילט געוואָרן אין לאָנדאָן, מדינת ישראל (איי־ניקע עפּיזאָדן אויך איבערגעגעבן געוואָרן דורכן לאָנדאָנער ראַדיאָ).

ש. י. דאַרפזאָן באַזיצט בלתי שום ספק ניט נאָר אַ טעאַטראַלישע גע־שיקטקייט, נייערט אויך אין אַ געוויסער מאָס אַ קינסטלערישע אינטואיציע. זיין שילדערונג איז אַ לעבעדיקע, זיין דיאַלאָג — הומאָרפול, אָפטמאָל אַפילו אויך סאַרקאַסטיש. דאַרפזאָן איז אָפט אויך מסוגל צו ווייזן אַ סך אומבאַהאָלפן־קאָמישע סיטואַציעס ביי זיינע העלדן, אַקציע, הומאָר, קאָנ־פליקט און מיליע פאַרמאָגט דאַרפזאָן גענוג. ער געהערט צו די צוזאָגנ־דיקסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע בינען־טאַלאַנטן.

רחל דן יחיא, — אַ העברעאיש־יידישע שרייבערין. פאַרמאָגט ניט די סצענישע רוטינע, ווי די אויבנדערמאָנטע, באַזיצט זי אָבער דערפאַר אַ וואַרעם פולסירנדיקע וואַכזאַמקייט, אויסגעמישט מיט רחמנות און ליבע, וואָס זי לאָזט קומען צום אויסדרוק דורך אירע העלדן.

וואָס דן יחיא פאַרמאָגט יאָ און אין אַ גרויסער מאָס, דאָס איז — מוטיקע געוואַגטקייט, אויסגעמישט מיט גוטן ווילן: זי האָט ליבער אויף זיך צו נעמען דעם עול פון אומדאַנקבאַרקייט פאַר שווערע פּראָבלעמען, איידער די דאַנק־באַרע לייכטיקייט פון ביליקע טעאַטער שטיק.

י. מאַרקאָוויטש איז אַ פיינער כאַראַקטער־שוישפּילער און ראַפינירטער דראַמאַטורג. שרייבט אויך עלעגישע באַלאַדעס, וועלכע דער עולם נעמט אויף מיט גרויס באַגייסטערונג. אַ סך פון זיינע פּיעסן זיינען אויך זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן. י. מאַרקאָוויטש פאַרשטייט און קען זער גוט די בינע־טעכניק, כדי צו קאָנען דורך איר דערצילן דעם געווינטשטן דער־פאָלג.

מאַרקאָוויטשעס דראַמעס זיינען לייכט, אַמוזירנדיק, פאַרפומירט מיט טראַגי־קאָמישער האַנדלונג, וועלכע געפינט דאָס רוב אַ תיקון אין מעלאָ־דראַמאַטישן. עס איז אָבער דעם גוטן שוישפּילער און פּיעסן־שרייבער ביז איצט נאָך אויך ניט גאַנץ געלונגען אַרויסצוקומען פון זיין ענגען לאָקאַלן קרייז, הגם זיינע פּיעסן זיינען שוין אויך מיט דערפאָלג געשפּילט געוואָרן אין אויסלאַנד.

מ. קאַץ. — אָנגעשריבן איניקע דראַמעס און איינאַקטערס. דער עיקר זיך באַקאַנט געמאַכט מיט זיין פּיעסע: „דעם נאַציס יידישע טאַכטער”, וועל־כע איז אַ לאַנגע צייט געגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג אין „מעטראָ־טעאַטער” אין אַרגענטינע און איז איצט אַרויס אין אַ בוך־פאָרם.

מ. קאַץ איז אַ דראַמאַטורג, ביי וועלכן ס׳איז פאַראַן גענוג שפּאַנענדיקע אַקציע, וואָס איז זיכער אַ מעלה פאַר יעדן דראַמאַטורג. ער האָט אָבער נאָך ניט באַוויזן זיינע טיפן פּסיכאָלאָגיש אויך צו פאַרטיפן און צו באַרעכטיקן, כדי מיר זאָלן אויף אַן אמת גערירט ווערן און גלייבן אין זייער ספּאָנטאַנער האַנדלונג.

יוסף פרענקעל, — אַ באַוווסטער און באַדייטנדיקער יידיש־דייטשער זשורנאַליסט, אַ געשולטער הערצל־פאָרשער, האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע אָריגינעלע אַרבעטן און פאָרשונגען איבער דר. טעאָדאָר הערצל. אַרויסגעגעבן פאַרשיידענע ביכער אין דייטשער און ענגלישער שפּראַך. גע־שריבן אַ סך זער ווערטפולע יידישע און דייטשע אַרטיקלען וועגן יידישע קולטור־ענינים. פון זיין פריסטער יוגנט אָן געקעמפט מיט וואָרט, שריפט און טאָט פאַרן יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק. זיין ערודיציע, אינטעלעקטואַליזם און באַגייסטערטע ליבע צום יידישן פאָלק, צו דער יידיש־העברעאישער ליטעראַטור און שפּראַך, שטראַלט אַרויס פון יעדער שורה זיינער.

דר. אהרן שטיינבערג, — אַ טיפער יידיש־רעליגיעזער דענקער און עסייאיסט. האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט דער איבערזעצונג פון ש. דובנאָווס יידישע געשיכטע פון רוסיש אויף דייטש. זיינע געדאַנקען און עסייען ווערן אַרויסגעבראַכט מיט אַ זעלטענער קלאָרקייט. זיין יידיש־פילאָזאָפישער באַ־נעם און דיאַלעקטישער סטיל פאַרטיפט און דערהייבט תמיד זיין אידע־אָלאָגיע.

זיין יידישע קולטור־טעטיקייט איז אַ גרויסער געווינס פאַר דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר וועלכער ער איז אַן איידעלער קעמפער.

דר. י. נ. שטיינבערג, ע״ה, אַ דענקער און אַ גרויסע ליכטיקע יידי־שע פערזענלעכקייט און קולטור־טוער, אַ באַגייסטערטער פירער און איבער־

געגעבענער ערלעכער קעמפער פאַר דער „פרייל‎אַנד־אידעע". זיין טיף רע־ליגיעזער עטיש־יידישער געדאַנקענגאַנג ציט זיך פון עבר דורך דעם הווה פאַר אַ גליקלעכן המשכדיקן עתיד. זיין יידיש־יידישער פילאָזאָפישער באַ־נעם פונעם גאַנצן אַנגעוויי‎טיקטן גלות־ און ארץ ישראל פּראָבלעם ברענגט טרייסט, בטחון און אמונה פאַר אַ גליקלעכן, פרייען און גערעכטן מענטש־לעך־יידישן לעבן . . .

דר. שטיינבערג האָט אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי פון זער אינטערע־סאַנטע, וויכטיקע און וואָגיקע ביכער, אין וועלכע עס ווערט באַלויכטן דאָס סאָציאַל־פּאָליטישע וועלט־פּראָבלעם מיט אַ טיפער יידישער מאָראַל, פּאַטאָס און הייליקן אָטעם.

זיין גרויסער געדאַנק איז אַרויסצורייסן פונעם מענטשן די פינצטערע בעסטיע און לאָזן דעם מענטשן לעבן פריי און גליקלעך אָן דער בעסטיע... צו שאַפן ווייט פון אַלע פּאָליטיש־ליידנשאַפטלעכע און באַגרענעצטע מענטשלעכע עגאָאיסטישע שטרייטיקייטן אַ יידישן ישוב, וווּ אַלע יידן פון אַלע לענדער און אַלע פּאַרטייען זאָלן קאָנען פירן אַ פריי, גליקלעך, יידיש־לעך און אומגעשטערט לעבן. די פּערזענלעכקייט זאָל ניט מוזן בטל און פאַרשלונגען ווערן פון דעם כלל, נייערט דער כלל זאָל העלפן דערהייבן און אַנטוויקלען די פּערזענלעכקייט.

דר. יעקב מייטליס. — אַ פיינער יידישער פּובליציסט און גרויסער ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך. זיינע גלענצנדיקע עסייען איבער קולטור־פּראָבלעמען, שרייבער, און צייכענען זיך אויס מיט פיל בקיאות, וויסן און געוויסן. זיין טיפע אהבה צו דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און, דער עיקר, צום יידישן פאָלק איז שקול כנגד כולם. פון אַלע זיינע אַרטיקלען, עסייען און טראַקטאַטן לייכט אַרויס אַ טיפע בענקשאַפט און זאָרג פאַרן יידישן המשך . . .

דר. מ. זילבערבערג. — נאָך דער מלחמה זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, איז אַן איבערגעגעבענער קולטור־טוער. אָנגעשריבן אַ סך באַדיי־טנדיקע אַרטיקלען אין יידיש, פּויליש און ענגליש. מיט אַ גרויסער באַ־האָוונטקייט און טיפער עמאָציאָנעלישקייט האָט ער געשילדערט זיינע שווע־רע איבערלעבונגען אינעם וואַרשעווער געטאָ.

ש. ל. קרעדיטאָר. — איינער פון די עלטסטע יידישע זשורנאַליסטן און בעלעטריסטן. אָנגעשריבן מיט גרויס בקיאות אַ סך אַרטיקלען איבער פאַר־שיידענע צייטפראַגן און וויכטיקע עסייען איבער יידישע קולטור־ענינים, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זיין גרויסן יידישן וויסן און טיפן אָבסער־

וואָטאָרישן בליק. באַזונדערס אינטערעסאַנט און פיין דורכגעטראַכט זיינען זיינע סיפּורים ווי אויך זיין דראַמע „בראשית״.

מ. זוסקינד, ע״ה. — אָנגעשריבן פיל באַדייטנדיקע קריטישע אָפּהאַנדלונגען איבער לאַנדאַנער יידישע שרייבער און אַ סך אַרטיקלען איבער אַלגעמיינע יידישע ענינים. פון אַלע זיינע אַרטיקלען לייכט אַרויס דער גרויסער חכם וחקרן און באַזונדערס דער גרויסער אוהב ישראל.

י. פאָדרוזשניק. — אַ באַוווּסטער פיינער זשורנאַליסט, וועלכער האָט זיך מיט איניקע, גוט דורכגעטראַכטע אַרבעטן איבער אַקטועלע צייטפראַגן און קריטיקן איבער יידישע שרייבער שטאַרק קונה שם געווען.

ש. גאָלדשמידט. — אַ באַקאַנטער יידיש־העברעאישער זשורנאַליסט. געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער לאָנדאָנער „צייט״ און אַרבעט היינט אין פאַרשיידענע באַדייטנדיקע העברעאישע צייטונגען און זשורנאַלן. ער צייכנט זיך אויס מיט זיין טיף אַנאַליטישן באַנעם פון יעדן פּראָבלעם, וואָס ער באַלייכט. זיין שפּראַך איז תמיד אַן ערלעכע דינערין פון זיין נאַציאָנאַל־יידישער אידעאָלאָגיע, וועלכער ער איז איבערגעגעבן בלב ונפש.

י. ביעטש. —אַ יידישער בעלעטריסט און עסעיאיסט. אַרויסגעגעבן אַ בענדל מיט איניקע גאָר געלונגענע דערציילונגען, אין וועלכע ער שילדערט די אַלטע יידישע היים מיט אירע אַמאָליקע, שוין איצט פאַרשוונדענע טיפּן.

עס זיינען נאָך פאַראַן אַ ריי שרייבער און זשורנאַליסטן, איבער וועלכע עס איז מיר אין דער ארבעט ניט מעגלעך צו שרייבן, ווי י. האָניק, י. ריכטיגער, צבי אָרענשטיין ע״ה, דר. ב. באַרו, י. פּאָדאָלסקי, ע. סאָסנאָוויטש, ל. בליט, א. ראָלין, י. ל. פיין, אליהו פּאלושאַק, הרב דוב וואַרשאַווסקי, ס. דרין, רחל מירסקי, י. פּאָמעראַנץ ע״ה, מ. מינדל, ב. מרגליות און נאָך אַנדערע.

עס מוז צום סוף אויך באַמערקט ווערן, אַז דאָס רוב ווערק פון די לאָנדאָנער יידישע שרייבער זיינען געשאַפן געוואָרן אונטער דעם שווערסטן בליץ פון די נאַציישע באָמבערס. און דאָס איז ניט געשען, ווי דער באַוווּסטער עסעיאיסט לעאָ קעניג האָט געשריבן אין זיינס אַן עסיי, אַז „די שרייבער האָבן נאָך געוואָלט פאַרן אונטערגאַנג פאַראייביקן זייערע ווערק, כדי אַזוי אַרום זיך צו באַשיצן פון פאַרגעסנקייט״, נייערט אויך דעם אונטערגאַנג צו פאַראייביקן... יידיש געלעבט לעבן זאָל אין דער ליטעראַטור קאָנען קאָנסערווירט און באַשיצט בלייבן. אויף וויפיל דאָס איז געלונגען, וועט דער באַרופענער ליטעראַטור־קריטיקער אורטיילן. אָבער איינס שטייט פעסט, אַז די שאַפערישע ליבע צום לעבעדיקן יידישן וואָרט און יידישן פאָלק איז ביי זיי געווען אַ סך גרעסער און שטאַרקער, ווי די מורא

פאַרן אונטערגאַנג...

דערפון איז געדרונגען, אַז ווער עס וויל אורטיילן איבערן לאַנדאַנער יידישן שאַפן, מוז ראשית כל זיך אין די לאָנדאָנער יידישע שאַפונגען פאַרטיפן — ניט אַזוי, ווי עס איז ביז איצט געשען פון די צופעליק דורכרייזנדיקע שרייבער, וועמענס אַרויסגעזאָגטער אורטייל איז אויך געווען ניט מער ווי אַ צופעליקער, ווי שוין פריער באַמערקט... און דאָס רוב לײדער נאָר באַזירט אויף דער צופעליקער סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע, וואָס דער דאָזיקער שרייבער האָט געהאַט צו דעם, איבער וועלכן ער האָט געשריבן...

מעג דער מצב פון דער יידישער ליטעראַטור, שרייבער און שפּראַך איצט זיין אַ קריטישער, איז ער אָבער לחלוטין נאָך ניט אַזוי געפערלעך, אַז עס זאָל שוין זיין צו שפּעט אַ סך מתקן צו זיין, וואָס די שרייבער, אינטערלעקטואַלן און פאַרטיי־פירער האָבן פאַרנאַכלעסיקט... און דערצו דאַרף מען נאָר האָבן איינקייט, גוטן ווילן און די געהעריקע איבערצייגונג...

ווייל דער זין פון גאַנצן יידישן שאַפן און פון אַלע זיינע שאַפער איז פון אָנהייב אָן און תמיד געווען אַן עטיש־מאָראַלישער.

מעג דער מצב פון דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און שרייבער זיין ווי טרויעריק און ביטער, דאַרף פאָרט די אחריות פונעם שרייבער, אין וועלכן עס גליט נאָך דאָס פאַרוואונדעטע געוויסן פון זיין אומענדלעך ליידנדיקן פאָלק ווייטער אויף אייביק ריין און הייליק געהאַלטן ווערן... און אַפילו אין די קריטישסטע געשיכטלעכע מאָמענטן אַרויסלייכטן פונעם גרעסטן אומגליק, זיך דערהייבן איבערן געפערלעכסטן אומקום, — נאָר דעמאָלט וועלן מיר אַפילו דעם ערגסטן מצב איבערלעבן...

מיט אַ פאַרשטאַרקטער אמונה, איינקייט און אחריות דאַרפן מיר אין דעם איצטיקן מאָמענט אויפהאַלטן און ניט פאַרלאָזן אונזערע לעצטע פּאָזיציעס, ווייל מיט זיי קאָנען מיר נאָך דעם המשך ווייטער ציען, און אָן זיי זיינען מיר שוין אין גאַנצן פאַרלאָרן...

מחמת דער גלויבן אין אַ נייעם מענטש, מישטיינס געזאָגט „איבערמענטש“, איז אויך שוין איצט געבראָכן. עס קאָן נישט געשאַפן ווערן קיין נייער מענטש, אָדער ייד — עס קאָן נאָר דער אַלטער מענטש און ייד ווייטער אַנטוויקלט ווערן... און אויב עס וועט יאָ אַ נייער מענטש אָדער ייד געשאַפן ווערן, — דאַן וועט דער דאָזיקער גאָרניט מער האָבן צו טאָן מיט אונז און מיר ניט מיט אים... מיר טאָרן ניט מותר זיין אויפן עבר; מיר מוזן דעם עבר און הוה ווייטער אַנטוויקלען צו אַ גליקלעכן עתיד.

אויב די קליינע שווייץ קאָן זיך האַלטן שוין איבער 700 יאָר, באַשטייענדיק פון דריי נאַציעס מיט פיר שפּראַכן: דייטש, פראַנצויזיש, איטאַליע־

ניש און אַלט־ראָמאַניש, און איז פֿאַרבונדן דורך אַן איזערנער דיסציפּלין, און דאָס זעלביקע אויך בעלגיע, וועלכע רעדט פלעמיש און פראַנצויזיש — קאָן ישראל, באַשטייענדיק דאָס רוב פון גלות־יידן און ישראל־יידן אויך מיט צוויי שפּראַכן עקזיסטירן. עס וועט דער יידישער מדינה חלילה גאָר ניט פאַרשאַטן, פונקט פאַרקערט, כוח איר צוגעבן!...

פּאַריז

די פּאַריזער קאָלעגן האָבן איינגעזען און פאַרשטאַנען די וויכטיקייט און נויטווענדיקייט פון אַ חודש־שריפט „פּאַר שול און היים", וועלכע דאַרף דערציִען אונזער קליינוואַרג, אויפוועקן ביי זיי ליבע צום יידישן וואָרט, בוך, ליד, מוזיק און פאָלקלאָר. יאָ, אויפוועקן ביי זיי בכלל ליבע צום יידישן פאָלק און אינטערעס צו דער יידישער געשיכטע, כדי זיי זאָלן נישט שפּע־טער דאַרפן אַראָפּקוקן און זיך שעמען — ווי דער רוב קינדער קוקן אַראָפּ אויף זייערע עלטערן און שעמען זיך מיט זיי, ווייל זיי רעדן נישט אַ גוטן פראַנצויזיש, ענגליש וכדומה... ווייל זיי ווערן אָנגעזאָפּט מיט פרעמדע קולטורן, אָדער קולטורלאָזיקייט וואָס זיי ירשענען אין די פרעמדע לשונות.

ווי דער חשובער רעדאַקטאָר משה וואַלדמאַן זאָגט אין זיין ערלעכן פאָרוואָרט: „באַרייכערן אונזערע יונגע לייענער מיט באַלערנדיקן מאַ־טעריאַל און יידישן וויסן, אים באַקאַנט מאַכן מיט דעם לעבן פון די יידן אין דער גאָרער וועלט". מיר פאַרשטייען, אַז אַזאַ גרויסע אויפגאַבע איז שוין דווקא גאָרנישט פון די גרינגע זאַכן ממלא צו זיין, מחמת דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסער טרחה און אויך נישט מיט קיין לייכטע פינאַנציעלע הצטרכות. דערפאַר מוז דאָ טאָפּלט באַגריסט ווערן דער מוט און די דרייסטקייט, מיט דעם גוטן ווילן פון די אַרויסגעבער.

פאַר דער לעצטער מלחמה האָבן מיר געהאַט אַזעלכע זשורנאַלן וועלכע זיינען דערשינען אין ווילנע: „גרינינקע ביימעלעך" און „דער חבר", רע־דאַקטירט דורך דעם אידעאַליסטישן פּעדאַגאָג, דעם קדוש שלמה באַסטאָמ־סקי און דער ברייט־פאַרצווייגטער פאַרלאַג „קינדער־פריינט" מיט דעם חודש־זשורנאַל „דאָס גרעזל", אָנגעפירט דורך די קדושים משה אייכמאַן און א. הערמאַן אין וואַרשע.

עס איז קלאָר, אַז די השפעה איז געווען אַ גאָר גרויסע, מחמת זייער אידעאַליזם און איבערגעבענקייט איז געווען גרעסער ווי אַלעס...

ס'וועט נישט זיין קיין גוזמא ווען כ'וועל זאָגן, אַז זייער ליבע, אחריות און ווייטזיכטיקייט האָט צום גרויסן טייל איבערגענומען דער הייַנטיקער רעדאַקטאָר מ. וואַלדמאַן; מחמת ער האָט פאַרשטאַנען אַז נישט צוגאָב־שולן אַליין זיינען נויטווענדיק, נאָר אויך אַ קינדער־זשורנאַל וואָס זאָל לערנען

דעם קינד ליב־האָבן די עלטערן, די שטוב, זייערע טראַדיציעס, מנהגים און בכלל דאָס יידישע וואָרט און בוך מיט דער גאַנצער יידישער קולטור.

ווייל נאָר בזה האופן לערנט מען אויס אַ קינד צו זיין פאַרבונדן מיט זיין פאָלק. די פאַריזער קאָלעגן זעען באַצייטנס צו באַזייטיקן דעם שווערן טעות וואָס עס האָבן געמאַכט די יידישע אינטעלעקטואַלן און לערער פון די אַמאָליקע צוגאָב־שולן, און בתוכם אויך די יידישע שרייבער דאָ אין ענגלאַנד, נישט געבנדיק גענוג אַכט אויף די דאָזיקע שולן און נישט שאַפנ־דיק בכלל קיין שום קינדער־זשורנאַל.

דערפאַר נעמען מיר אויף מיט טאָפלטער פרייד די „חודש־שריפט" (פאַר אונזערע קינדער, פאַר שול און היים) וועלכע איז רעדאַקטירט געוואָרן מיט פיל ליבע, פאַרשטענדניש און עסטעטישן געשמאַק, פאַרזען אויך מיט גוטן פאַפיר און אילוסטראַציעס.

און וואָס איך האַלט פאַר דעם עיקר און אַמוויכטיקסטן איז די אומפאַר־טייאישע גראַדליניקייט; און דאָ ליגט באַלד אין אָנהויב שוין אַ שטיק פאַרדינסט . . .

פון דעם ערשטן העפטל שטראָמט אַרויס אַ וואַרעמע היימישקייט, איבערגעבנקייט און צוגעבונדנקייט צו דעם גלות, און צו ישראל. דער בעסטער באַווייז זיינען די גאָר געראָטענע אַרטיקלען „אַ בוים בליט אין דער מדבר" פון רעדאַקטאָר מ. וואַלדמאַן, און „די יאָרצייט פון אַ העלד" פון י. ח. קאָרענהענדלער.

די מעשהלעך און לידלעך זיינען פשוט, לייכט, און לייענען זיך האַרציק ליב, אַ דאַנק זייער איינפאַכקייט, קלאָרקייט און צוגעפּאַסטקייט.

איך האַלט אויך פאַר זער וויכטיק און געווינטשן די לאַטייניש ע טראַנסקריפּציע, מחמת דאָס מאַכט פאַר אַ סך קינדער לייכטער און גרינגער דאָס איינלעבן זיך מיטן יידישן אות.

דערווייל איז די התחלה געווען אַ זער פעדאַגאָגיש־צוזאָגנדיקע.

זאָלן דערפאַר געבענטשט זיין די הענט, וועלכע האָבן זיך מיט אַזוי פיל ליבע און איבערגעבנקייט געמיט ביי דער ערלעכער, נוצלעכער און דורכ־אויס וויכטיקער אַרבעט.

בען

דער מאָלער בען (בן־ציון בר יעקב ראַבינאָוויטש) איז אַן אמתדיק יידי־שער קינסטלער אין טיפן זין פון וואָרט.

פאַראַנען פאַרשידענע מינים פון יידישע קינסטלער. אַ טייל פון זיי ווערן באַצייכנט פאַר יידיש, — מחמת דאָס מיליע האָט אויף זיי די חתימה געלייגט : דאָס מיינט : זייער יידישקייט באַשטייט נאָר אינעם שילדערן די אויסערלעכע יידישע סביבה — דאָס מלבוש, די טראַדיציע, צערעמאָניע און דעם פאָלקלאָריזם מיט אַלע זיינע ניואַנסן.

דער אַנדערער טייל אָבער ווערט באַשטימט דורך זיין אינערלעכן באַ־נעם פון דעם אַרום אין זיך . . .

און דער דאָזיקער טיפּ פון יידישן קינסטלער פילט זיך ניט נאָר אַלס אַן „ענין" פונם יידישן פאָלק, — נייערט ער פילט אויך, אַז דאָס פאָלק איז זיין „ענין".

דער חלום, מיט דער בענקשאַפט און דאָס דבקות מיט וועלכן ס'איז אָנ־געזאַפּט געוואָרן די יידישע נשמה פונם תמידן נע־ונד זיין — אַזוי ווי די שכינתא בגלותא, זוכט צום אויסדרוק צו קומען, ווי אויך דער גאַנצער יידי־שער צער, בטחון און דאָס עקשנות — וואָס איז באַפליגלט און פאַראיכט געוואָרן מיט דער וויזיע און אַלע נשמה־רעגונגען פונם קינסטלער.

די דאָזיקע טיפע אויסשטראַלונג : פונם תלמוד, הלכה, זוהר, קבלה, אגדה, פרקי אבות, שיר השירים, אקדמות, איוב, קהלת, תהלים, פיוט און דער עיקר — דאָס חומש און די נביאים, האָט זיך דער טיפּ קינסטלער אָנגעטון אַלס די קרוין פון זיין לעבן, — און אין דער דאָזיקער קרוין האָט ער איינ־געפאַסט די פערלען, בריליאַנטן און אַלע איידל־שטיינער פון זיין גרויסער און רייכער נשמה . . .

און צו דער דאָזיקער שיטה געהערט דער יידישער מאָלער בען. דער גרויסער וויזיאָנער — וואָס ניט נאָר די יידישע סביבה האָט אים איר חתימה געגעבן, נאָר אויך ער האָט געחתמעט די יידישע סביבה מיט זיין קאָמפּלי־צירטער פּערזענלעכקייט, וועלכע דריקט זיך אויס אין זיינע פיינע דיגנ אָריגינעלע גריפל־שטריכן, וואָס זיינען מסוגל צו באַווייזן זיין פאָלקס און

זיין גרויסע ליידנשאַפטלעכע נשמה, מיט אַלע אירע וואַנדערונגען פון די עולמות העליונים, ביז צום שאול תחתיה . . .

עס איז נאָך זעלטן ווער פון די יידישע מאָלער אַזוי טיף אין אַלטן יידישן קוואַל ווי בען אַריינגעדרונגען, און אַזוי באַפרוכפּערט רייף און צייטיק פון אים אַרויס . . . ווייל איבראַל האָט אים תמיד פאַרהאַלפן זיין העלע און טיפע יידישע וויזיע, — וועלכע האָט זיך פשוט (ווי דורך אַ סיעתא דשמיא) מתיחד געווען מיט דער נביאישער . . .

בען זעט דעם מענטשן ניט ווי די אומות העולמס־קינסטלער, אַזוי ווי ער איז: מיט אַלע זיינע קליינקייטן און גרויסקייטן, גוטס און שלעכטס, האַס און ליבע, מלחמה און שלום, נצחון און מפלה, אויפבוי און פאַרניכטונג; נאָר בען זעט דעם מענטשן — ווי ער דאַרף ערשט ווערן „באחרית הימים״!..

און דאָס איז די עכטע אמתע גרויסע יידישע וויזיע, — וועלכע דער־הייבט זיך איבער אַלע פעלקער און אַלע צייטן . . .

צו שרייבן איבער בענס אַלע ביז איצט גרויסע קינסטלערישע דערגריי־כונגען איז ניט מעגלעך אין אַ קורצן אַרטיקל, דערפאַר זאָל מיר דאָ דער־לויבט זיין נאָר איבער איניקע ווערק צו שרייבן.

אַ זייער פיינע אויסגאַבע איז דער „אילוסטרירטער יידישער פאָלקלאָר — פון כעלעמער שול ביזן איפל טורעם״, געזאַמלט און געצייכנט דורך דעם קינסטלער בען. (פאַרלאַג זשאַרזש מארוויט, פּאַריז). דער טעקסט מיט די צייכנונגען זיינען אַזוי פריש, קלאָר, שיין און פשוט, אַז מ׳ווערט איינפאַך פון דער דאָזיקער פשטות געריירט.

איך וויל פרווון איניקע מעשהלעך איבערצוגעבן, כדי מיר זאָלן צום טייל כאָטש באַקומען אַן איינדרוק פון זייער שיינקייט, מחמת די צייכנונגען גופא — וועלכע זיינען אייגנטלעך די נשמה פון די מעשהלעך, איז דאָ ניט מעגלעך איבערצוגעבן.

דאָס ערשטע מעשהלע הייסט: „דער ערשטער שניי״.

„ס׳איז אין כעלם אַראָפּגעפאַלן דער ערשטער שניי. פאַרדעקט די האַרבסטיקע בלאָטעס. ס׳אַ ליכט אין די אויגן! נאָר וואָס דען? דער שמש גייט וועקן צו עבודת־הבורא, וועט ער צעטרעטן דעם שיינעם, ווייסן, קלאָרן, פרישן שניי . . .״

איז געבליבן, מ׳זאָל דעם שמש אַרויפשטעלן אויפן שלחן און פיר יידן זאָלן אים טראָגן . . . (כדי ער זאָל דעם שניי ניט צעטרעטן).

אין דער צייכנונג צו דעם מעשהלע פילט זיך אַרויס — די שווערקייט און טעמפקייט: סיי פונעם שמש, סיי פון די כעלעמער חכמים, וואָס האָבן דעם שמש אויפן טיש אַרויפגעשטעלט און געטראָגן אין שול אַריין, דער

שניי זאָל ניט צעטראָטן ווערן. און דורך אַלעם בליצט אַדורך און שימע־רירט אַרויס דער פֿאָלקסטימלעכער הומאָר, פֿאַרביק און ווייך.

די צווייטע צייכנונג צום מעשהלע: „די לאָדנס אין שול אַריין״, וויזט ווידער אַרויס די גאַנצע האַמעטנעקייט פֿון די נאַרישע הענט — (וועלכע דערמאָנען בעריש לאַפּעס), וואָס קריכן אַפֿיר פֿון די קוואַדראַטנע לאָדנדלעך און טראָגן זיי אין שול אַריין, כּדי דער שמש זאָל מיט זיינע אַלטע שוואַכע פֿיס ניט דאַרפֿן מער זיך שלעפּן אין באַגינען — איבער די בלאָטעס, צו קלאַפּן אין די לאָדנס, און צו וועקן די יידן אין שול אַריין . . .

ס׳ליגט אַ גרויסע מאָס פֿון הומאָר און סאַטירע אויסגעמישט מיט כּוח־אָנשטרענגונג, — וואָס דרינגט פֿון הינטער די לאָדנס אַרויס; און באַזונדערס די תּמעוואַטע ערנסטקייט פֿון די „שאינו יודע לשאול פּנימער״, וועלכע דערמאָנען אונדז אַזוי היימיש — אין די אַלטע הגדה של פּסח־געשטאַלטן און פֿיגורן.

מיט פֿאָלקלאָריסטישן חן זיינען אַדורכגעדרונגען די צייכנונגען צו די מעשהלעך „די מאָס פֿון שיך״ און „דעם קייסערס שיך״. ס׳איז אַ מין שפּילעוודיק לייכטע שיינקייט, וועלכע גיט אָבער אַ סך צום נאָכדענקען.

זער כאַראַקטעריסטיש און יידישלעך־לעגענדאַר, איז די צייכנונג צום מעשהלע: „פֿאַרוואָס זענען די כעלעמער נאַראָנים״? ס׳איז אַ שפּיל פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט און פֿאַנטאַזיע, אָדער אַ מין פֿאַנטאַסטישע פֿאָלקסטימלעכקייט.

גראָטעסק שיין איז אויך די צייכנונג ווי דאָס מעשהלע גופֿא — „מ׳שטופּט דעם באַרג״. דאָ האָבן זיך מזוג געווען וויץ און איראָניע צו יום־טובֿן זייער חתונה.

באַזונדערס טיפּיש איז אויך די צייכנונג צום מעשהלע „קלעצער פֿון אַ באַרג״. ווייל די פֿיגורן ווירקן פּשוט ווי זיי וואָלטן געווען אין די קלעצער אַריינגעוואַקסן און אַריינגעשרויפּט, און גיבן דערפֿאַר צו דעם געהעריקן קאָמיזם צו דעם מעשהלע.

ווען מ׳לייענט איבער דאָס געלונגענע מעשהלע פֿון „די פֿעדערן״ — און מ׳באַטראַכט גוט די צייכנונג דערצו, פֿעדערט זיך ניט ווילנדיק אַרויס אויך אַ לייכט מחשבהלע: וועגן „יידישן דאָן קיכאָטיזם״—וועלכער האָט תּמיד ליב געהאַט צו גיין און איז טאַקע תּמיד מיטן ווינט געגאַנגען, כּדי לייכטער און גרינגער צו מאַכן זיך דאָס שווערע יידישע לעבן.

באַהאַרצט און גאָר אימפּרעסיוו איז די פּאַראַדיסטישע צייכנונג צום מעשהלע „יושר״ און עס ווייעט פֿון איר אַ מין סובטעלע טראַגי־קאָמישקייט.

מיט אַן עכט יידיש־פֿאָלקסטימלעכן ליכטיקן הומאָר גלאַנצט די

צייכנונג צום מעשהלע „די שריפה״ — בעת דער רב רופט אויס: אַ נס מן השמים, וואָס ס׳איז אַ שריפה, אַ ניט וואָלט געווען אַזוי פינסטער, אַז מען וואָלט אַפילו ניט געזען צו לעשן. פילט מען באמת — סיי פונעם מעשהלע, סיי פון דער צייכנונג: אַז דאָס איז באמת אַ פיינער סימבאָל פון דער גרויסער יידישער מידה — „גם זו לטובה״ און גלייכצייטיק אַ בייסנדיקע איראָניע אויף איר . . .

די צייכנונג צום מעשהלע „דער שומר״ איז אַ מייסטערהאַפטער אויסדרוק פון מענטשלעכער טיפּשות און נאַרישער צוגעבונדנקייט צו זיינע אַלטע געוווינהייטן. מ׳פאַרדרייט דעם פּעלץ אויף דער לינקער זייט מיטן פּעל אַרויף, מ׳זאָל מיינען, אַז ס׳איז ניט דער זעלבער. מ׳בינדט צו דאָס פערד צו אַ סלופּ כדי זיך אָפּצונאַרן אַזוי אַרום וועט די צייט ניט קענען ווייטער גאַלאָפּירן.

ווען מען באַטראַכט ווי דער שומר, דאָס פערד און דער סלופּ — ווי די אַלע דריי קוקן אַזוי תמימותדיק יעדער איינער פאַר זיך ווערט מען פשוט פון דער נאַרישער נאַאיוויטעט, אָדער נאַאיווער נאַרישקייט נתפּעל.

אין דער פּראַכטפולער צייכנונג צו דעם מעשהלע „די קו אויפן בוידעם״ דוכט זיך איז אילוסטרירט געוואָרן דער גאַנצער מענטשלעך אומזיניקער אומבאַהאָלפענער איראַציאָנאַליזם, — און דאָס אַראָפּקריכן פונעם דרך הישר, ניט זעענדיק דעם ראַציאָנאַלן אמת, וועלכער שטעכט כמעט תמיד אינם מענטשלעכן אויג. און דאָס אומזיניקע מאַטערן זיך צו זוכן ערגעץ אין הימל — דאָס וואָס יעדעס נאָרמאַלע קינד זעט אויף דער ערד.

פיין איז אויך די אילוסטראַציע צום מעשהלע „די גרויס פון בית עולם״. זי שפּרודלט מיטן זעלביקן הומאָר, ווי דאָס מעשהלע גופא, וואָס דערציילט פון נאַרישער מענטשלעך־אויסגערעכנטער קמצנות.

כדי צו וויסן די ריכטיקע גרויס פון אַ קרקע אויפן בית הקברות, האָבן די כעלעמער באַשלאָסן זיך אויסצולייגן אַלע שורות־ווייז אויפן „פעלד״, וועט מען דאַן געבוי זען, וויפיל שטח זיי פאַרנעמען, און מען וועט אַפילו אַן איבעריקן שפּאַן ערט ניט דאַרפן קויפן.

דאָס לעצטע מעשהלע מיט דער אילוסטראַציע, „די כעלעמער אין פּאַריז״ (אייגנטלעך דער אייפל טורעם) איז אַ זער שיינער סימבאָל פון דער מאָדערנער מענטשלעכער אָרעמער אומבאַהאָלפנקייט, און גלייכצייטיק דאָס וועלן זיך פאַרזיכערן אַנטקעגן די אומנאַטירלעכע געפערלעכע קאַפּריזן, וועלכע דער מענטש האָט זיך אַליין באַשאַפן.

פון די אַלע בען׳אישע צייכנונגען איז אַרויסצוזען — אַז ס׳איז אַ גאַנץ אַנדערער מין באַנעם פונם יידישן פאָלקלאָריזם ווי דער שאַגאַלישער.

דער שאַגאַלישער יידישער פאָלקסטימלעכער ראָמאַנטיזם פאַרענדיקט זיך סוף כל סוף מיטן נאַטוראַליזם, בעת בענס נאַטוראַליסטישער ראָמאַנטיזם פאַרענדיקט זיך תמיד מיטן יידישן מיסטיציזם.

בען — ווי די גרויסע פאַרשטייער און זיילן פון אונדזער תקופה: פּי־קאַסאָ, שאַגאַל, סוטין, מאַטיס, בראַק און נאָך אַ סך אַנדערע — באַזיצט אימ־פּאָזאַנטעס, גרויסעס און אָריגינעלעס.

נאָר אַזוי ווי שאַגאַל און אַנדערע האָבן אפשר מער געווירקט געלייגט אויף אַרויסצוגעפינען נייע וועגן און פאָרמען אין דער קונסט, — געהערט בען צו דער אידעאַליסטישער שיטה, וואָס זוכט אַ נייעם אינהאַלט. און דעם דאָזיקן האָט ער אין געוויסער מאָס אין אַלטן יידישן קוואַל געפונען.

די דערפינדערישקייט בענס מיט די „22 אילוסטראַציעס צו דער ביבל" —איז פשוט אַן אימפּאָזאַנטע. מיך האָט זי דערמאָנט אָן מייקל אַנדזשעלאָ. ווייל אַזוי ווי אַנדזשעלאָ האָט צו אַ קינדער־גופל צוגעטשעפּעט צוויי פליגעלעך און אַזוי אַרום באַשאַפן דעם מלאך, — אַזוי ענלעך האָט אויך בען צו איינציקע פיינע האָריזאָנטאַלע גריפלשטריכן פונם חלל, אינצווישן; צוויי „יידעלעך" — צוגעטשעפּעט צוויי פליגעלעך...

די האָריזאָנטאַלע שטריכן זיינען משמע די וואַסערן, די צוויי יידעלעך גאָט, און די פליגעלעך זיין שוועבנדיקער גייסט....

אַזוי אַרום איז טיף יידיש פאַרטייטשט געוואָרן דער פסוק: והארץ היתה תהו ובהו וחשך על־פני תהום ורוח אלהים מרחפת על־פני המים.

דעם אַזוי אַלטן ביבליש־יידישן קאַנאָניזירטן חוק פון: „לא תעשה לך פסל וכל תמונה" . . . האָט בען פשוט אַ תיקון געגעבן, — און טאַקע מיט די דאָזיקע פיינע האָריזאָנטאַלע גריפלשטריכן, חלל, צוויי יידעלעך, און צוויי פליגעלעך, זיך אַרויסגעדרייט פון דעם אייביק יידישן פאַרכשופטן ראָד פון „מ׳טאָרניט" און אויף אַ קינסטלערישן אופן פאַרט גאָטס געשטאַלט אין סימ־באָל באַשאַפן . . .

דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער אויפטו פון ליבע צו דער יידי־שער קונסט . . .

מייסטערהאַפט איז די צייכנונג צום פסוק: „ותרא האשה כי טוב העץ למאכל וכי תאוה הוא לעינים ונחמד העץ להשכיל ותקח מפריו" מיט די זעלביקע עכט בענישע האָריזאָנטאַלע און ווערטיקאַלע גריפלשטריכן האָט דער קינסטלער אַזוי פענאָמענאַל אַרויסבאַקומען די שלאַנג אין דער פרוי, און די פרוי אין דער שלאַנג; (אָבער מיט דער אַזוי באַרימטער אייביק ווייבלעכער פראַקטישקייט, וואָס זוכט אין אַלעם צוועק). און זי עסט דעם עפל, וואָס די שלאַנג דערלאַנגט בתאוה, און וועלכן די תאוה רייסט אָפּ

דורכן שלאַנג . . . ביז עס ווערן איר געעפנט די אויגן און זי עפנט די אויגן פונם מאַן, און לערנט אים צו וועלן דערגיין דעם אייביקן סוד פון לעבן און טויט . . .

ניט ווייניקער אימפּרעסיוו און מיט לעגענדאַרישן רייץ — האָט אויך בען מיט זיינע ווייטערדיקע פיינע ווערטיקאַלע גריפלשטריכן באַקליידט דעם פסוק: „ויחלום והנה סלם מצב ארצה, וראשו מגיע השמימה והנה מלאכי אלהים עולים וירדים בו" . . .

די דאָזיקע צייכנונג איז אַ פּראַכטפולע סינטעטישע אילוסטראַציע צווישן „השמים שמים לה׳, — והארץ נתן לבני אדם" . . . מחמת, וואָס עס געהערט צו גאָט געהערט אויך צום מענטש, — פּונקט ווי דאָס, וואָס ס׳געהערט צום מענטש, געהערט צו גאָט.

מיט פול טאַלאַנט און עפּאָס, אויסגעמישט מיט אַ גאַמע פון קלאַנגען און פאַרבן פון אינערלעכן גלאַנץ איז דער פון תהלים אילוסטרירטער פסוק: „נהרות ימחאו־כף יחד הרים ירננו: לפני ה׳ כי בא לשפט הארץ".

דאָס איז אַ סימפאָניע פון באַגייסטערטן הענט־קלאַטשן אין אייביקן חלל, — וואָס טראָגט זיך דורך די טייכן צו די בערג איבער אַלעם: צוויי יידעלעך מיט פליגלען פון אויבן — די אייביקייט און געוואַלטיקייט פון גאָט!

פון טיפן ליריזם איז אויך די צייכנונג צום פסוק: „כי אראה שמיך מעשה אצבעותך ירח וכוכבים אשר כוננתה: מה אנוש כי תזכרנו ובן־אדם כי תפקדנו?"

אַ פּאָר שטערנדלעך, די לבנה, ווייסער ליידיקער חלל — אומענדלעכע אויפשוידערנדיקע אייביקייט אינעם שפּיל מיט דעם זיך פאַרלירנדיקן זכר פונם אָרעמען פאַרגענגלעכן בן־אדם . . .

פּאָעטיש געטריפט און געצייטיקט איז די ווונדערלעכע צייכנונג צו „עקדת יצחק", ס׳איז דער אייביק טיפער זין, — און די זינלעכע טיפקייט: דער העכסטער סימבאָל פון מענטשלעכער ליבע און דאָס ליבנדיקע אויפגיין צו דעם העכסטן אין מענטשן; זיין אידעאַל — די גאָטהייט . . .

דאָס איז אַ בצמצומדיק טיף אַדורכגעפילט, אַדורכגעדאַכט און אַדורכגעליטן בינטל פון שטריכן, וועלכע דריקן אויס מיט זייער בצמצומדיקייט גאַנצע וועלטן . . .

אויף אַ פּשוט פאַרכשופטן אופן האָט דער קינסטלער בען דער גרויסער אינדיווידואַליסט געלייזט דאָס אייביקע אינדיווידואַליסטישע פּראָבלעם פון דעם ביבלישן פסוק: „ויותר יעקב לבדו ויאבק איש עמו עד עלות השחר".

מ׳קען פון דער צייכנונג אַרויסלייענען: אַז ווען דער מענטש איז אַליין גייט זיין איך אויף אין דער איינזאַמקייט ווי אַ בלום אין דער זון, און ווען

זיין איך איז אויפגעגאַנגען, — זוכט דאָס שטערבלעכע אין אים אַ פאַרבינדונג מיט דער אומשטערבלעכקייט; דאַמאָלט ווערט אים צו קליין און צו ענג די ערט, און ער לאָזט זיך אין די הימלען — קעמפן און ראַנגלען זיך מיט דער געטלעכקייט: ווייל דאָס אייביק מענטשלעכע וויל דאָס אייביק געטלעכע דערגיין . . .

עס איז ניט מעגלעך אין אַ קורצער אַרבעט צו קענען אויסשעפּן דעם טיפן שיינקייטס זין און די דערהויבענע אָריגינאַליטעט פון בענס „צוויי און צוואַנציק אילוסטראַציעס צו דער ביבל", ווייל כמעט יעדע צייכנונג איז אַ וועלט פון קינסטלערישער וויזיע, גייסט, געפיל און איבערלעבונג.

זאָל אָבער נאָך דערמאָנט ווערן די צייכנונג צום תהלים־פּסוק: „מי יתן לי אבר כיונה אעופה ואשכונה: הנה ארחיק נדד אלין במדבר". דאָרט האָט בען דערגרייכט ביז צו דער העכסטער שטופע פון ליריזם, ווייל ער האָט אַרויסגעבראַכט מיט די דינסטע פיינסטע גריפלשטריכן אין דער צייכנקונסט — „דאָס אייביקע ליד פון איינזאַמקייט": פּונקט אַזוי ווי גריק האָט אַרויסגעבראַכט אין דער מוזיק דאָס „זאָלוועיק־ליד", וואָס פאַרמאָגט דינע, ווייכע און צאַרטע טענער.

בען איז אַן עכט יידישער קינסטלער, פון אַ גאָר גרויסן פאַרמאָגט און האָט שוין געהאַט אויסשטעלונגען אין אייראָפּע און אין אַמעריקע, און זיינע בילדער געפינען זיך אין פראַנצויזישע מלוכה מוזייען.

און ריכטיק באַמערקט דער באַרימטער פראַנצויז וואַלדעמאַר זשאָרזש איבער בענען: „די טראַדיציע וועמענס וואָרט־טרעגער עס איז בען, איז ניט פון די פאָלקלאָרן פון מזרח־אייראָפּע, ניט פון די אַ נאַאיווע און פּיטאַרעסקע בילדלעך פון די קליין־רוסישע געטאָס, נאָר די קלאַסישע טראַדיציע פון ספר מלאכים און די נביאים, וואָס שליסט זיך אָן אין דער וויסנשאַפטלעכער און אינטעלעקטועלער טראַדיציע פון ברוך שפּינאָזאַ, הענרי בערגסאָן און אַלבערט איינשטיין".

בען איז אַ קינסטלער, וואָס איז אין זיך כולל דעם אַלטן און מאָדערנעם יידישן גייסט.

יאָזעף ציעגלער

עס זיינען פאַראַן דריי מינים קינסטלער, וואָס ווערן געבוירן צו דינען דער קונסט באמונה שלימה און מיט אַלע רמ״ח אברים בעת זייער גאַנצן לעבן: צום ערשטן סאָרט געהערן די זשעניאַלע ווענבערעכער, וואָס גלויבן אין זיך און אין זייערע פעאיקייטן, נאָר די וועלט דערזעט זיי נישט און אַנ־ערקענט זיי נישט; זיינען זיי געצוווּנגען מיט דעם גאַנצן מהות פון זייער נשמה, מיט דעם גאַנצן אימפּעט פון זייער טעמפּעראַמענט אַנצווענדן אַלע מעגלעכקייטן און אוממעגלעכקייטן, כדי די וועלט זאָל זיי דערזען און אַנ־ערקענען... צום צווייטן מין געהערן די אומבאַוווּסטע גאונים־תמימים, וואָס לעבן און שאַפן איזאָלירט אין זייערע ד׳ אמות און זאָגן נישט אָן דער וועלט, נאָר די וועלט מוז ערשט אַנזאָגן זייער גרויסקייט. זיי ברויכן זיך נישט צו לאָזן דערקענען, ווייל זיי האָבן שוין דאָס גליק צו ווערן אַליין דער־קענט... און צום דריטן סאָרט געהערן די טאַלאַנטן, וואָס נישט זיי און אויך נישט די וועלט זאָגט אָן זייער גרויסקייט, נאָר אַ שווערער לעבן פון ווייניק דערפאָלג, דערנער און שטיינער פאַר אַ סך איבערגעגעבענער ערלע־כער אַרבעט; ווייל נישט דאָס לעבן, נאָר ערשט דער ווייטער עתיד איז מסוגל אָפּצוּווען און אָפּצושאַצן זייערע אמתע פעאיקייטן.

צו דעם לעצטן סאָרט קינסטלער געהערט דער באַשיידענער יאָזעף (יוסף) ציעגלער. זיין פאָטער אביגדור, וואָס האָט הינטער זיך געהאַט אַ שיינע ראָמאַנטישע פאַרגאַנגענהייט, איז געווען דער זון פון דעם וואַנדערנ־דיקן באַקאַנטן „מאָטעלע חזן״ פאַרוואַנדט מיט דעם אומפאַרגעסלעכן ירוחם הקטן. געבוירן אין אַ קליין אונגאַריש שטעטל, דונאַפעלדוואַר, איז אביגדור געווען אַ לאַנגע צייט אַ משורר ביי זיין פאָטער; נאָר מחמת דעם פריצייטיקן טויט פון זיין מוטער איז ער געווען געצוווּנגען אַלס אַ 12־יעריק קינד זיך אוועקצולאָזן אין דער גרויסער פרעמדער וועלט. נאָך אַ לאַנגער צייט פון וואַגלעניש און פּלאָגעניש האָט זיך דער קליינער עמיגראַנט אָפּגעשטעלט אין ווין. דאָרט האָט ער געאַרבעט ביי אַ בעל מלאכה כדי זיך מפרנס צו זיין. אָבער זיין טייערע ירושה, די שטימע און די גרויסע ליבע צו מוזיק וואָס ער האָט פון זיינע אבות געירשנט האָט ער נישט פאַרנאַכלעסיקט. באַלד איז ער געוואָרן אַ משורר אינם כאָר פון ווינער זייטענשטעטער טעמפּל. אַ צייט

לאַנג האָט ער דאָרט געזונגען ביז זיין פענאָמענאַלע באַס־שטימע איז מיט איינמאָל געפעלן געוואָרן דער קהילה און זי האָט אים געלאָזט אויסבילדן ביי אַ באַרימטן מוזיק־פעדאַגאָג. שפּעטער איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן אין טעאַטער און מיט גרויס דערפאָלג געזונגען אַלס באַס־סאָליסט אין גראַץ, זאַלצבורג און ווירצבורג. שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט פאַר אַ רייכן גאַליצישן יובעלירס אַ טאָכטער, חנה גאָלדפאַרב, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ פיינע סובטעלע נשמה מיט אַ פרום וואַרעם יידיש האַרץ. אַ דאַנק זיין פאַבל־האַפטן געזאַנג איז ער באַלד אין ווייטע קרייזן מפורסם געוואָרן און איז אַנגאַזשירט געוואָרן אין דער מינכענער „האָפאָפער" און דאָרט געווירקט פון 1885 ביז 1915. גלייכצייטיק האָט ער אָבער אויך אין זיין שטאַם נישט פאַרגעסן. אַלס אַ באַגייסטערטער ליבהאָבער פון יידישער מוזיק און געזאַנג האָט ער געזונגען אין דער מינכענער גרויסער סינאַגאָגע כמעט ביז צו זיינע לעצטע לעבנס־טעג.

זיין זון יאָזעף ציעגלער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1880 אין דעם מוזיקאַלישן עלדאָראַדאָ־ווין, האָט שוין איינגעזויגן אין זיך נאָך אַלס קינד די שיינקייט און גרויסקייט פון די ווינער זשעניאַלע קלאַסיקער צוזאַמען מיט דעם טיפן יידישן געפיל פון זיינע אומרואיקע אבות. אָנקומענדיק אַלס 7־יעריק קינד קיין מינכען, באַזוכט ער די פאָלקס־ און רעאַל־שולן, שפּעטער די אַקאַדעמיע פון „טהאָנקונסט". נאָך אַ לאַנגען מיפולן וועג פון איבערגעגעבענעם שטודיום, וואָס ציעגלער מאַכט דורך, ווערט ער אַ טעאַטער־קאַפּעלמייסטער. דעמאָלט דערוואַכן און צובליען זיך אין אים זיינע קאָמפּאָזיטאָרישע פעאיקייטן און זיין יונג־פאַרליבטע נשמה באַשענקט אונז מיט הערלעכע לידער. נאָך אַ צוויי־יעריקער טעאַטער־קאַפּעלמייסטער־קאַריערע אין שלעזוויג־האָלשטיין און נאָך אַ דרום־דייטשן טעאַטער־טורנע צוזאַמענגעשטעלט פון מינכענער קינסטלער, מוז דער יונגער קאַפּעלמייסטער אויסוואַנדערן קיין פאַריז, ווייל די דאָזיקע טעאַטער־געזעלשאַפט מאַכט פליטה. אין פאַריז איז דער קינסטלער געצוווּנגען זיך מפרנס צו זיין דורך מוזיק־לעקציעס. אָבער דער דראַנג נאָך ווייטערדיקע דערגרייכונגען רוט נישט אין אים. אַזוי זוכט ער צו באַרייכערן זיין מוזיקאַלישן וויסן דורך אַ ווייטערדיקן שטודירן אין „קאָנסערוואַטאָריום־נאַציאָנאַל" און ביי אַ באַרימטן מוזיק־פּראָפעסאָר, ביז זיין שעפערישער טאַלאַנט צוואַקסט זיך און ווערט רייף.

זער עקספּרעסיוו, קלאַנגפול און פאַרבנרייך ווערן דורך אים קאָמפּאָנירט אייניקע היינישע לידער. זיי זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ פיינעם

לירישן געפיל און באַהויכט מיט דער שיינקייט פונם אָריגינעלן קאָמפּאָזי־טאָר. זיי דערשיינען דאָן אין „וואונדערהאָרען־פאַרלאַג".

ציעגלער שאַפט אויך אייניקע זער ווערטפולע אַפּערעס צום טעקסט פונם פראַנצויזישן שריפטשטעלער אַלפרעד דעמיסיע און עטלעכע מימאַ־דראַמעס ווי „זאַם נאַביל" (טרוים־געשיכטע), „די ווינד כלה" און „פּוטיפר" פאַר דער דעמאָלט באַרימטער איטאַליענישער טענצערין סיטא סאַקעטאַ. ווערנדיק באַאויפטראַגט צו קאָמפּאָנירן דעם 21־טן און 71־טן פּסאַלם צום געבורטסטאָג פונם פרינצרעגענטן קעניג לואידפאַלד פון בייערן, קומט יאָזעף ציעגלער צוריק קיין מינכען און ווערט פון דעמאָלט אָן אַנגאַזשירט אַלס כאָרמייסטער אין דער מינכענער גרויסער סינאַגאָגע. דער צוריקקער קיין מינכען באַדייט אויך אינם קינסטלערס לעבן אַ צוריקקער צו יידן און יידישקייט. זינט דעמאָלט האָט ער זיך אָנגעהויבן צו ווידמען אויסשליסלעך נאָר דער יידיש־ליטורגישער מוזיק און באַוויזן ווי עס איז מעגלעך צו פאַר־בינדן דעם אַלטן יידישן סטיל מיט דער מאָדערנער אויפפאַסונג. אַ באַווייז דערפאַר זיינען פאַרשידענע תפילות און געזאַנגען, וועלכע ציעגלער האָט זער זינפול און מעלאָדיש פאַרטאָנט. פון אָט דעם רייכן גאָרטן שטראַלט אַרויס מיט אַ באַזונדערן גלאַנץ זיין „לכה דודי", וועלכער איז דורכגעוועבט מיט אַ געהיימניספולן פּיאַניסימאָ און אָן עכטן נשמה־יתירהדיקן שבת־גע־פיל. נישט ווייניקער אין פאַרנעם איז זיין „ויהי בנסוע הארון", וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ קלאַסיש־האַרמאָניש ווערק פון אַ סך ריטמיק, קאָלאָריט און מעלאָדיק. אין זיין „היום הרת עולם" האָט זיך ציעגלערן איינגעגעבן אויס־צודריקן זיין טראַדיציאָנעלע יידישקייט, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין דער יוגנט. נישט אומזיסט האָט זיך אַמאָל אַ קריטיקער אויסגעדריקט איבער ציעגלערן, בעת ער האָט נאָך דיריגירט אין טעאַטער, אַז „ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַ קאַפּעלמייסטער זאָל קענען מיט אַזוי פיל רו אויס־דריקן אַזוי פיל אומרו"... דאָס באַווייזט אויך ציעגלער אין זיין וואונדער־באָרן „פּרעלודיום צו כל נדרי", וואָס פירט אונז אַריין אין אַ מיסטיש־רעליגיעזן לאַבירינט אויסגעוועבט מיט אַ שוידערלעך־שיינער הייליקייט. אָבער אַמכאַראַקטעריסטישסטן פון אַלע זיינע ביז־איצטיקע שאַפונגען איז זיין טיף־דורכגעלעבטער „ה' מה אדם" פאַר סאָלאָ, כאָר און אָרגעל. דאָס איז אַ פיינע מוזיקאַלישע פּאָעמע (געדרוקט אין דער זאַמלונג „שירי זמרה", אַרויסגעגעבן פון דעם אַלגעמיינעם דייטשן קאַנטאָרן־פאַרבאַנד אין בערלין און באַקומען דערפאַר דעם ערשטן פּרייז). ציעגלערס דאָזיקע אַרבעט איז אַ ווערק פון אַ טיף־דורכגעפילטער האַרמאָנישער מוזיק, מאָדולאַטאָריש רייצ־פול, ווירקונגספול אין געגנזאַצן און שטייגערונגען, אינספּירירט פון אַ פאַר־

כישופֿטן טונקעלן עקסטאַז... די טיפֿע געדאַנקען פֿון דעם גרויסן טעקסט זיינען פֿאַרטרעפֿלעך קלאַסיש אילוסטרירט. פֿון דעם האַרמאָניש־רייכן געוועב פֿון דער דראַמאַטיש־לירישער קאָמפּאָזיציע וואַקסן אַרויס אייגנאַר־טיקע קלינגענדיקע חזנישע מאָטיוון. דאָס ווערק דערהויבט זיך און וואַקסט אויס אַ דאַנק זיין פֿיינער קינסטלערישער פֿאַראַרבעטונג צו אַ מעכטיקן מוזיקאַלישן בנין, פֿון וועלכן עס שטראַלט אַרויס אַן אומגעווענלעכע שטי־מונגס־קראַפֿט.

אַ סך מי און אַרבעט האָט אויך ציעגלער אַוועקגעלייגט פֿאַרן „יוגנט־געזאַנג". אַ צייט לאַנג האָט ער רעדאַגירט די „יוגנט־כאָרן פֿון דייטשע קאָמפּאָניסטן", צווישן וועלכע עס געפֿינען זיך אויך אַ סך פֿון זיינע זאַכן אַרויסגעגעבן דורכן פֿאַרלאַג „קאָך מינכען" און פֿאַרלאַג „בעהם אויגס־בורג". פֿאַר איינעם אַזאַ כאָר זיינעם האָט ציעגלער באַקומען אין יאָר 1918 אַ גאָלדענעם מעדאַל פֿון קעניג לודוויג. שפּעטער איז ער באַאויפֿטראָגט געוואָרן צוזאַמען מיט דעם באַקאַנטן דייטשן זינגשול־דירעקטאָר יאָזעף פּעזעלמילער צו רעדאַגירן אַ פּעדאַגאָגישן לערנבוך „כאָרגעזאַנג" אַרויס־געגעבן דורכן פֿאַרלאַג מאַקס קעלער, וואָס איז זער איינגעפֿירט געוועזן אין אַלע מיטל און הויכשולן ביז דאָס נייע דייטשע רייך האָט דאָס געפּסלט. מיט פֿיל ליבע האָט ציעגלער געגרינדעט אין מינכען דעם „יידישן געזאַנגס־פֿאַראיין", וועלכער האָט יאָרנלאַנג געווירקט מיט גרויס דערפֿאָלג און אויפֿ־געפֿירט אָראַטאָריעס פֿון הענדל, באַך, אַ דאַנק וועלכע ער האָט זיך איבעראַל קונה־שם געווען. ציעגלער האָט אויך מיט אַ סך ליבע און פֿאַרשטענדניש פֿאַרטאַנט יידישע לידער פֿון מ. ראָזענפֿעלד, א. רייזען און י. ה. לעווי. אין אַלע זיינע וועלטלעכע, סינאַגאָגאַלע און יידישע לידער פֿליסט דאָס בלוט פֿון זיינע אבות, די יידישע טרובאַדורן — מאָטעלע חזן, ירוחם הקטן, ניסן בעלזער — וואָס האָבן אַרומגעגלותט אין פֿאַרשידענע שטעט און שטעטלעך און אויסגעזונגען מיט אַ פֿאַרביטערט האַרץ און אָנגעווייטיקטער נשמה דעם גאַנצן צער, עלנט, פּיין, פֿאַרפֿאָלגונג, בטחון, אמונה און אומבאַזיגבאַרע גבורה פֿונם אייביקן ייד — יאָ, פֿון אָט די אַלע וווּנדערבאַרע טראַגיש־העראָאישע טרובאַדורן, אונזערע אַלטע חזנים, האָט ער געירשנט די טיפֿע דראַמאַטישקייט און דאָס התפּעלות מיט דעם אַלטן באַקאַנטן שטראַלנדיקן פֿעלזנפֿעסטן יידישן בטחון, וואָס באַלייכט אים די טונקלסטע און געפֿער־לעכסטע וועגן פֿון זיין איינזאַמען לעבן.

נישט געקוקט אויף די לעצטע רעפּרעסיעס, וואָס ער האָט געמוזט דורכמאַכן אַלס ייד, ווערנדיק באַשרענקט און באַגרענעצט פֿון אַ סך קינסט־לערישע מעגלעכקייטן, גלייט דאָך אין אים ווייטער דער מזרח־יידישער

טעמפעראַמענט. ער געהערט צו דעם אוצר הנשמות, וואָס טראָגט אויף זיך די גאָלדענע קרוין פון עניוות, איינגעזעצט מיט פערל און בריליאַנטן פון פשטות, וואָס נאָר דער ווייטער עתיד וועט מסוגל זיין אָפּצושאַצן זיינע קינסטלערישע ווערטן און גרויסע פאַרדינסטן.

אַמסטערדאַם

אַמסטערדאַם איז אַן אַלט באַרימטע היסטאָרישע שטאָט, וועלכע האָט אַמאָל געשפּילט אַ היבשע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע.

נאָר דאָס בונטע באַוועגטע יידישע אַמסטערדאַם איז מער נישטאָ, אַ מאוימדיקן רושם מאַכט דער ביטערער חורבן! און ווי לאַנג איז עס דען אין גאַנצן, ווי עס האָט דאָ נאָך געברויזט און געקאָכט מיט יידישקייט?...

אינם אַלטן אַמסטערדאַם, נעבן דעם באַרימטן רעמבראַנדט־הויז — וווּ דער געניאַלער מייסטער האָט געלעבט און איז נישט זעלטן אינספּירירט געוואָרן פון דעם אַרומיקן פאַרבנרייכן יידישן לעבן — האָט זיך געצויגן אַ הויפּט־גאַס, „יאָדן־ברעיסטראַט", אַן אייגנטימלעכע אַלטע גאַס, מיט געפלאַכטענע געסלעך. אין דער דאָזיקער געגנט האָבן געוווינט כמעט אַ 25,000 יידן, דאָס איז געווען דער באַוועגלעכסטער צענטער פון דער שטאָט מיט שולן, בתי־מדרשים, צוויי מערק מיט אַן אמתדיקן טאַראַראַם אויפן קראָקעווער, לעמבערגער און וואַרשעווער אופן. אין די דאָזיקע געסלעך פלעגט טאָג־טעגלעך פאַרקומען אַ זער באַוועגלעכער מקח־וממכר: פון די גראָגעשעפטן, ביז צום הערינג־פאַרקויפער און שמאַטעס־הענדלער.

אַ גאַר באַזונדערן טיפּ האָבן געבילדעט די קצבים, פישער און טרעגער. דאָס זיינען געווען האַראַפּאַשנע, פעסט־געבויטע יידן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט געלאָזט באַוועלן, נאָר פאַר יעדער עוולה אָפּגעצאָלט ווען עס איז נויטיק געווען מיט דרענגער, מעסער און שטריק.

אין דער דאָזיקער געגנט זיינען געבליבן בלויז איבערגעבליבן לזכר צוויי גרויסע שולן: די פּראַכטפולע אַלטע געביידע פון דער ספרדישער שול, וואָס שטייט קעגנאיבער דער אשכנזישער. ביידע פאַראַבלט — די אשכנזישע מיט צוגעשמעטערטע שויבן און אויסגערויבטע טירן, און זיי קוקן זיך ביידע אָן באַטריבט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויסברעכן אין אַ געוויין אויף דעם בראָך פון זייערע אויסגעהרגעטע מתפּללים...

ווי אַ דאָרן אין אויג האָט עס די דייטשע פאַרברעכער געשטאָכן די ספרדישע שול. און וויפיל מאָל זיי האָבן זיך נישט מטריח געווען די שול חרוב צו מאַכן, איז עס די האָלענדישע פערזענלעכקייטן תמיד געלונגען די גזרה צו פאַרציען, ביז צו דער באַפרייאונג.

פונם ריין אַרכיטעקטאָנישן שטאַנדפּונקט, איז די ספּרדישע שול אַן אמתער אוניקום, און דאַטירט פונם יאָר 1675. פון דרויסן איז זי אַרומגע־רינגלט פון דריי זייטן מיט נידעריקע הייזלעך, וואָס זיינען באַשטימט פאַר דירות — פאַר די חזנים, שמשים וכדומה, מיט זאַלן פאַר אַ ביבליאָטעק און אסיפות, וואָס פאַרשטעלן פון דער גאַס דעם הויף וואָס פירט צו דער שול.

פון קדמונים זיינען זיך די ספרדים נוהג נישט אַריינצובריינגען קיין שום שינויים אין דעם מקום קדוש — אין וועלכן זיי האָבן זיך געשפּיגלט ווי אין אַן אבן־טוב. אין דער דאָזיקער שול הענגט אַ גאַנץ יאָר נישט קיין פּרוכת איבער דעם ארון־קודש, זכר לחורבן... און עד היום ווערט די שול נאָך באַלויכטן מיט חלבנע ליכט, וואָס ברענען נישט בלויז אין די אַנטיקע מע־שענע הענג־לייכטער, נאָר אויך איבער יעדן זיץ־אָרט פון מתפּלל איז אָוועק־געשטעלט אַ לייכטערל מיט אַ ליכטל.

זעקס הונדערט און דרייצן אַזעלכע ליכטלעך — כמנין תרי״ג מצוות אין דער מענער־שול; מיט די ווייבער־שול דערגרייכן די ליכטלעך אַ קנאַפּע טויזנט. אַחוץ אַ מנין מענטשן, איז די שול דאָרט תמיד כמעט אַ ליידיקע, און דער חזן וואָס שטייט אויפן בעלעמער דאַוונט פאַר הונדערטער ברע־נענדיקע ליכטלעך, וועלכע זיינען ממלא די הונדערטער פאַרברענטע מתפּללים וואָס פעלן איצט אויף די ליידיקע בענק...

קומט מען אין דער יידישער געגנט, קאָן מען זי מער נישט דערקענען. די יידן זיינען מער נישטאָ, די הייזער אין גאַנצן חרוב, ווייל די אַמסטער־דאַמער באַפעלקערונג — ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט זיין, אָבער אַ פאַקט איז עס — די זעלביקע וואָס האָבן זיך אין די ערשטע קאַמפן צווישן נאַציס און יידן אַזוי פּראַכטפול סאָלידאַריזירט מיט די יידישע איינוווינער, די זעלבע באַפעלקערונג אפילו האָט צערויבט אַלץ פון די יידישע שטובן, שפּעטער צענומען די טירן און פענסטער פון די הייזער, דערנאָך דאָס גע־הילץ פון די שווען און בעלקעס ביז די הייזער זיינען צעפאַלן אין קופּעס גרוזע פון ציגל און ליים. דער האָלענדישער מענטש פאַרענטפערט זיך בכן, אַז דאָס איז אַלץ געשען אין דער פעריאָדע 1945, ווען די דייטשן האָבן דאָס פאָלק אויסגעהונגערט און אין די גאַסן זיינען מענטשן געפאַלן ווי פליגן, אין די קירכעס זיינען געלעגן בערג מיט מתים! און דער געשטאַנק האָט די גאַסן פאַרפעסטעט, מענטשן האָבן זיך געלאָזט אין די דערפער מיט אַ רינגל אָדער אַ ווערטפולן חפץ, מחמת דער פויער האָט נישט געוואָלט מער קיין פּאַפּיר־געלט, נאָר אַ שטיק צירונג פאַר עטלעכע קאַרטאָפל... דערפאַר האָבן מענטשן די ביימער פון די אַלייען אויסגעהאַקט, און די הילצערנע בלאָקלעך פון די טראַמווייען אויפגעבראָכן, כדי צו קענען אָנוואַרעמען אַ

ביסל וואַסער. אונטער דער געפּאַר דערשאָסן צו ווערן פון די שוואַרצע פּאָליציי, אָדער געסטאַפּאָ אין יענער צייט — זאָגן די האָלענדער — איז דאָס לעבן געווען הפקר, ממילא אויך די הייזער. פּאַקטיש אָבער זיינען די יידישע הייזער צערויבט געוואָרן באַלד אַ טאָג, אַ שעה, נאָך דער דעפּאָרטאַציע, און אָפט איידער מען האָט נאָך די יידן פון די הייזער געטריבן, האָט מען שוין פאַר די טירן געוואַרט מיט העק, די ווענט אויפצוברעכן, כדי זיך דערשלאָגן צו די פאַרבאָרגענע אוצרות פון די יידן; און נישט ערשט אין צייט פון הונ־גער פּעריאָד 1945, נאָר זינט דער ערשטער דעפּאָרטאַציע פון 1941.

כמעט 4,000 איינגעלייגטע הייזער ציילט מען בלויז אין דער יידישער געגנט. פון דער פאַר־מלחמהדיקער באַפעלקערונג פון 150,000 האָלענדישע יידן, זיינען בלויז געבליבן 24,000, שוין אַריינגערעכנט האַלבע יידן און גע־מישטע חתונות. און פון די 4,000 מזרח־יידן זיינען נאָר געבליבן אַן ערך פון 800, די דאָזיקע גרופּירן זיך אַרום דעם יידישן קולטור פאַריין פון ש. אַנסקי, וואָס איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן דורך אַ פּאָר איבערגעבענע אידעאַ־ליסטן און ציילט ביי אַ 200 מיטגלידער.

הכלל, פון דעם אַמאָליקן שיינעם יידישן ישוב אין האָלאַנד איז נאָר אַ קליינער טייל פאַרבליבן. און הגם אַ סך פון דער שארית הפליטה האָבן זיך ווידער באַוויזן ווי נישט איז איינצואָרדנען (און אַ טייל גייט עס אויך מאַטע־ריעל נישט שלעכט), זיינען זיי פּאַרט גייסטיק און פיזיש שווער געטראָפן געוואָרן... און טאַקע דאָס ביסל יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן וואָס שפּילט זיך היינט נאָך אָפּ אין אַמסטערדאַם, איז נאָר צו פאַרדאַנקען די שוין פריער דערמאָנטע פּאָר אידעאַליסטן פונם אַנסקי פאַריין, ווי יצחק ראַפּאַלאָוויטש פאַרזיצער, פלאַט סעקרעטאַר, יוסף הלל באָרענשטיין קאַסירער, עדעלשטיין טעכנישער לייטער, צוקוק, ברוך עקאַנאַם, און צוגאַב, רחלע עליזבאַך און א. ליפשיץ. די זיבן פאַרשווין איז פּשוט צו פאַרדאַנקען וואָס דאָס ביסל מזרח־יידן פון אַמסטערדאַם ווערט נישט פאַרשלונגען פון קולטורלאָזיקייט, אַסימי־לאַציע אָדער פון דיסאינטעגרעסירטקייט.

עס איז באמת רירנדיק מיט וואָס פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ליבע די דאָזיקע מענטשן זיינען איבערגעגעבן דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. דער אַנסקי פאַריין באַשטייט פון צוויי ליכטיקע זאַלן מיט אַ פאַרהעלטניסמעסיק גוטער ביבליאָטעק, מיט מאָנאַט־שריפטן און זשורנאַלן, און אויך אַ פיינעם אַמאַטאָרן־קלוב אין וועלכן עס צייכנט זיך אויס מיט פיל טאַלאַנט רחלע עליזבאַך. דער פאַריין האָט שוין באַוויזן (נאָך פאַרן און נאָכן קריג) אויפצונעמען אַ סך יידישע שרייבער און קינסטלער מיט אַ געהערי־קער ווירדע, און אויך צו אַראַנזשירן פיינע ליטעראַריש־קינסטלערישע פאַר־

שטעלונגען. אויך באַגעגנט מען אַ פּאָר אינטערעסאַנטע יידן, און צו זיי געהערן ראשית־כל: ר׳ שלום קירש, דער זון פון דעם געוועזענעם באַוווסטן חזן אין דער קראָקעווער „הויכע־שול״ ר׳ אלתר קירש ז״ל, און טאַקע פון זיין אָפּגעהיטענעם קענעוודיקן און פרומען פאָטער האָט דאָס זיין זון ר׳ שלום קירש איבערגענומען צו זיין אַ גרויסער למדן, ירא שמים, מנגן און דער עיקר דאָס איידעלע עניוות, אָנגעהערנדיק צו דעם פריערדיקן אייגנאַרטיקן טיפּ פון גאַליציאַנער משכיל, וועלכער האָט זיך נישט בלויז מיט ש״ס און פוסקים אַליין געקוויקט, נאָר אויך מיט חסידות; האָט דער דאָזיקער משכיל, מיט נישט ווייניק התמדה געלייענט געטע, שילער, היינע, מיצקעוויטש און סלאָוואַצקען. ער איז געווען אויך אַ פּלייסיקער לייענער פון דער אַמאָליקער עסטרייכישער אָנגעזעענער ווינער „נויע פרייע פּרעסע״.

אָבער דאָס אַלץ האָט אויף אַ האָר נישט געשטערט דעם דאָזיקן פרומען משכיל, מיטן וואַרעמען גרויסן חסידישן האַרץ אויך צו זיין אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, און אויסצושרייבן דעם ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״ זינט די לאַנגע יאָרן וואָס ער געפינט זיך אין אַמסטערדאַם.

און נאָך די אַלע עינויים קשים און שבעה מדורי גיהנום וואָס דער גרויסער סבלן איז דורכגעגאַנגען, פאַרלירנדיק זיין איינציקן געראַטענעם עילוישן זון, דעם טייערן למדן זכר צדיק לברכה, איז ער חלילה נישט אַריינגעפאַלן אין ספקות, נאָר ווייטער פאַרבליבן אַ פעלזן־פעסטער בעל־מאמין, וועלכן ס׳איז פשוט צו באַוווּנדערן פאַר זיין ערלעכקייט, ריינקייט, אויפריכטיקייט און גוטסקייט.

ס׳איז געווען אַ נחת־רוח מיט אים צו רעדן, אַרויסצוגעפינען זיין עטישן שייכות צו מענטש, גאָט, געזעלשאַפט, יידנטום און פּאָליטיק... די אַמסטערדאַמער יידישע קהילה מעג זיין שטאָלץ מיט אַזאַ מיטגליד!

דער צווייטער טיפּ איז געווען יוסף הלל באַרענשטיין, אַ ייד אַ פאַבריקאַנט, און אַ פיינער תלמודיסט מיט אַן אַמתדיקן גמרא־קאָפּ, אַ גרויסער חקרן מיט אַ סך ערודיציע און אַ טיפן סאָציאַלן געפיל, וואָס איז שקול כנגד כולם...

דער דאָזיקער יוסף הלל באַרענשטיין איז אַ זון פון דעם געוועזענעם גרויסן למדן און לשון־קודש קענער ר׳ יחזקאל וואלברומער ז״ל מיט וועלכן עס זיינען אויך געגאַנגען לאיבוד אַ סך וויכטיקע רעליגיעזע כתבים וואָס ער האָט אַליין מחבר געווען.

און עפּעס טאַקע נאָר ווי דורך אַ נס איז דער יוסף הלל באַרענשטיין אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פונם טויט, ווען די אַמעריקאַנער האָבן ביי אים

באַמערקט לעבנס־סימנים, נאָך דער באַפרייאונג — בעת זיי האָבן אים גע־וואָלט באַגראָבן צוזאַמען מיט אַ גאַנצער קופּע מתים...

באַרענשטיין באַלאַנגט צו די גאָר ראַדיקאַלע פּראָגרעסיסטן. און הגם אַליין אַ ייד מיט אַ טיפערן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, האָט ער נישט געפילט ווי אַ סך אַזעלכע אינטעלעקטואַלן פון אונז, אַז זיי זיינען מקריב זייער אייגענע און זייערע קינדערס יידישקייט אויף דעם מזבח פון פּראָגרעס...

י. ה. באַרענשטיין האָט אויך געשריבן פאַרשידענע נאָוועלן, סקיצן, עסייען, לידער און פּיעסן; און אויך אַ זער אינטערעסאַנטן וויכטיקן טאָג־בוך פון די האָלענדישע יידן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין אַלע אַרבעטס־לאַגערן, קאַצעטן אין דער פינסטערער היטלער־צייט. דאָס דאָזיקע טאָג־בוך געפינט זיך אין ניו־יאָרקער ייוו״אָ.

אַ פּראַקטיקער און פאַרט אַ טרוימער, באַזיצט ער אָריגינעלע מחשבות, וועלכע ער וואָלט געקענט ביי אַ שטאַרקערער קאָנצענטראַציע אַ סך וואָגי־קער געשטאַלטיקן. עס איז צו האָפן אַז ער וועט זיך נאָך רעווידירן.

דעם דריטן טיפּ וועלכן איך האָב אין אַמסטערדאַם באַגעגנט איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען פוקס. ער איז געווען דער אמתער קאָנטראַסט פון די אַנדערע צוויי. הגם אויך אַן אינטעלעקטואַל און אַ גוטער יודע־ספר, האָט אים געפעלט די אָפנהאַרציקייט, פּשוטקייט און ליבלעכקייט פון די אַנדערע. דער דאָזיקער ייד פירט אַן דעם יידישן אָפּטייל אין דער אַמסטערדאַמער שטאָט־ביבליאָטעק. ער גלויבט, אַז בלויז מיט מכלומרשט יידישן קאָמוניזם און ייִדיש־לשון אַליין, אָן יידישקייט, קאָן מען זיין אַ יידישער ראַדיקאַל, און באַמערקט אָבער נישט, ווי דער ראַדיקאַליזם און דער אינטעלעקטואַליזם באַזירן זיך אויף צוויי כוחות — איינער וואָס פירט דעם מענטשן צו זעלבסט־לאָזיקייט און עניוות, און דער צווייטער צו זעלבסטזוכט און סנאָביזם, וואָס לערנט אים די פּאַרטיי און דעם פּאַרטיי־פירער העכער צו שטעלן און שעצן ווי דעם מענטש און די מענטשהייט, נישט וועלנדיק באַגרייפן, אַז נישט דער מענטש איז באַשאַפן פאַר דער פּאַרטיי, נאָר די פּאַרטיי פאַר דעם מענטשן.

בכלל האָב איך אין אַמסטערדאַמער אַנסקי פאַריין געפונען אַ היימישן ליבלעכן יידישן קרייז, וועלכער האָט מיר לייכטער און אַנגענעמער געמאַכט די צייט וואָס איך האָב אין אַמסטערדאַם פאַרבראַכט.

אַנטווערפּן

די שטאָט איז די זעלבע, די גאַסן די זעלבע, די הייזער די זעלבע (טייל־ווייז נאָר פאַרשטייט זיך באַשעדיקט), די בעלגישע מאַסן אפילו אויך כמעט די זעלביקע. עס האָט זיך דאָ, ווייזט אויס, נישט פיל געענדערט...

די שויפענסטער זיינען ווידער פול געפּאַקט מיט כלערליי סחורות, די קראָמען אָנגעהויפט מיט כלערליי פּירות און מאכלים. דאָס לעבן גייט ווייטער זיין אייביקן גאַנג, נאָר מיט אַ קליינעם אונטערשיד — דאָרטן וווּ ס׳האָבן אַמאָל געוווינט די יידן, וווינען היינט דאָס רוב די וואָס האָבן די יידן פאַר־מסרט אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע . . .

די פלעמער האָבן אַרויסגעוויזן זייער נאָנטע קרובהשאַפט צו די פאַר־שאָלטענע דייטשן און זייער פרעמדקייט און שנאה צו די יידן... להיפּוך פון די וואַלאָנען, וועלכע האָבן דאָס רוב זיך באַמיט די יידן צו שיצן און באַהאַלטן פון זייער געמיינזאַמען שונא וועלכן זיי האָבן נישט ווייניקער געהאַסט ווי די יידן. אַנטווערפּן האָט זיך, ווי שוין פריער דערמאָנט, נישט פיל געענדערט, אפילו די „בריליאַנטן־בערזע״ איז שטיין געבליבן אַן אומבאַ־שעדיקטע, ס׳גייט דאָרט ווייטער אָן דער מקח־וממכר, כאָטש ווייט נישט מער אַזוי אינטענסיוו ווי אַמאָל (מחמת דער גרעסטער טייל יידן, וואָס האָבן זי אַזוי באַוועגט, אינטערעסאַנט און פּשוט באַרימט געמאַכט אויף דער גאָרער וועלט פעלן היינט אויס). פונדעסטוועגן לאָזט זיך עס נישט אין ערשטן אויגנ־בליק פונם גאַסט אַזוי גיך באַמערקן, נאָר ערשט דעמאָלט ווען מ׳קוקט זיך טיפער איין...

די היימישע שטיבלעך און קלייטלעך, פון וועלכע ס׳האָט אַמאָל די יידישע אָרעמקייט אַזוי רירנדיק אַרויסגעשמייכלט מיטן אייביקן בטחון אויף אַ בעסערן מאָרגן — זיינען היינט רענאָווירט, אָפּגערוימט און גויאיש צופרידן...

די יידישע געסלעך וווּ ס׳האָבן זיך אַמאָל געשפּילט אונזערע משהלעך, שלמהלעך, און ס׳האָבן פריידיק אָפּגעהילכט זייערע זיסע קולעכלעך, זיינען היינט חרוב און פאַרשטומט. און אַז דו גייסט דאָרטן פאַרביי רייסט עס דיר פּשוט אַ שטיק האַרץ אָפּ. ווי פריינטלעך די פלעמער האָבן זיך פאַרהאַלטן

צו זייערע אַלטע שכנים אין דער גרעסטער עת צרה איז דער בעסטער באַווייז — די ביטערע שחיטה אין אַנטווערפּן.

דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרן ווען דו באַטראַכסט אַנטווערפּן אויסער־לעך — היינט ערשט ווען דו פאַרטיפסט זיך איבער דעם אינערלעכן חורבן, איז דער וויטיק אַ טאָפּלטער. מחמת ס׳איז כמעט פאַרשוואונדן דאָס גאַנצע אַמאָליקע יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן צוזאַמען מיט אַלע פּאַרטייען.

פון דער זער אינטענסיווער גרויסער יידיש־קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַנטווערפּן איז כמעט קיין זכר נישט פאַרבליבן. דעם זעלביקן גורל האָט אויך געהאַט דער בונדישער פאַריין. געבליבן זיינען נאָר גאַנץ מינימאַלע גרופּעס פון די פועלי ציון און די ציוניסטן.

די יידיש־קולטורעלע טעטיקייט איז דערפאַר אַ טיף איינגעשרומפּענע און דיסאָרגאַניזירטע...

די אַמאָליקע לעבעדיקע יידישע צוגאָב־שול מיט אַלע אירע איבערגע־געבענע לערער, בתוכם אויך דער אידעאַליסטישער טרעשטשאַנסקי, מיט די טייערע קינדערלעך, זיינען פאַרשוואונדן. געבליבן זיינען נאָר קנאַפּע העברע־אישע אונטערריכטס־שעה׳ן און אַ תלמוד תורה אין וועלכער מ׳לערנט נאָך חומש איבערגעזעצט אויף יידיש, ווייל אין דער דאָזיקער תלמוד תורה קלאַפּט נאָך דער פאָלקסטימלעכער אמתדיק רעליגיעזער דופק, אונטער דער גוטער השפעה פון דעם יונגען אידעלן און גרויסן בן־תורה הרב ראָטענבערג (אַ זון פון דעם אַלטן רב ראָטענבערג זצ״ל). אַז דו קומסט דאָרט אַריין און דו דער־זעסט די לאַכנדיקע קינדישע פּנימלעך, די שטראַלענדיקע אויגן מיט די שאַלנדיקע ליבע שטימעלעך, דערפילסטו כאָטש אַ שטיקל טרייסט, און דו ביזט אויפריכטיק דאַנקבאַר דעם זער אינטעליגענטן און פאַראַנטוואָרטלעכן שול־לייטער וואָס וואַכט דאָרט איבער אַלעם, פאַר זיין גרויסער ליבע צו די קינדער. עס איז אויך ווערט צו באַגריסן די היגיענע, זויבערקייט און ריינקייט וואָס הערשט אין דער דאָזיקער תלמוד תורה.

אַ פאַראיינזאַמטער מיט אַ פאַרקלעמטן געמיט האָב איך זיך אַרומגע־שלעפּט אין דער אַמאָל אַזוי יידיש־באַלעבטער „לאַנגע־קיוועט גאַס״, גע־פּרוווט דאָרט אויפצוזוכן מיינע אַלטע גוטע פריינד, נאָר ליידער קיינעם נישט געפונען...

דאָס קליינע אָרימע געשעפטל פון דעם שטילן ליריקער, דערציילער און עסייאיסט בייניש זילבערשטיין ז״ל — אַנגעפּירט פון זיין אַמאָליקע געטרייע און איבערגעגעבענע פרוי בינע, האָב איך מער נישט געפונען...

דאָרט, אין דעם אייגנאַרטיקן קליינעם געשעפטל, איז פאַרקויפט געוואָרן שרייב־פּאַפּיר, העפטן טינט און פעדער און ציגאַרעטן. דאָס געשעפטל האָט

איך פאַרמאָגט אַ יידיש גוט ביבליאָטעקל, פון וועלכער דער גייסטיק רייכער בעל הבית ביניש זילבערשטיין האָט אויסגעליען ביכלעך.

אָנגעשלאָסן אין דעם קלייטל איז אויך געווען אַן אַנגענעם חדרל, אין וועלכן עס איז געזעסן דער צאַרטער און תמיד בלייכער אַרבייטסזאַמער דיכ־טער, און אומדערמידלעך געקלאַפּט מיט זיינע מאַגערע פינגער אויף דער ביי אים טייערער שרייב־מאַשינקע וועלכע ער פלעגט אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. די ווענט פון דעם קליינעם ליבן חדרל זיינען געווען באַהאַנגען מיט פאַרשידענע צייכנונגען, סקיצן און וויניעטן, פון מאָדערנע יידישע מאָלער וואָס פלעגן אָפּט אַריינקומען צו זייער ליבן פריינט — דעם ערלעכן פּאָעט — ביניש זילבערשטיין. דאָס קליינע אָרימע חדרל איז אַמאָל פשוט געווען אַן אָזיל פאַר די פאַרוואָגלטע יידישע שרייבער און קינסטלער. אין אַ זייטן־ווינקל איז געשטאַנען אַן אייזערן אויווועלע און ווען דאָס אויווועלע האָט געגומען גליען, האָט עס צושפּרייט אַ הימלעכע וואַרעמקייט וואָס האָט די פאַרפרוירענע עמיגראַנטן־שרייבער טיף אַדורכגענומען. די אַטמאָספערע איז דאָרט תמיד געווען אַ געהויבענע, מען האָט דיסקוטירט איבער ליטעראַטור, פּאָליטיק, דעם קלעגלעכן סאָציאַלן מצב, געטרונקען טיי, געראויכערט ציגאַ־רעטן און פאַר אַ ווײַלע זיך פאַרגעסן אין יעדן צער.

אַ סך גורם געווען דערצו האָט די תמיד פריינטלעכע גאַסט־באַרייט־שאַפט פון זיין קליינער חנעוודיקער פרוי, בינע, וועלכע האָט אַלעמען באַ־האַנדעלט ווי אַ געטרייע מאַמע...

אָבער דעמאָלט האָט נאָך קיין שום מענטש נישט געחלומט צו וואָס פאַר אַ היהשער אומענטשלעכקייט דער בן־אדם איז אַלץ פעאיק — אַז אפילו דער איידלסטער און געטרייסטער קען אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גראָבן און פיינטלעכן אומענטש...

דאָס אָרימע פּאַפּיר־ און ציגאַרעטן־געשעפטל מיט דעם יידישן ביבליאָ־טעקל און דאָס ליטעראַרישע נעבן־שטיבל — דער מקום־מקלט פון די יידישע שרייבער און קינסטלער, איז פאַרשוווּנדן פונקט אַזוי שטיל, ווי דער טראַגיש־אומגעקומענער ביניש זילבערשטיין צוזאַמען מיט זיין זון, וואָס איז געווען פונקט אַזוי באַשיידן ווי זיין פאָטער... די יידישע שרייבער און קינסטלער וואָס פלעגן דאָרט אַריינקומען, צווישן זיי דר. ציפּור, היישעריק, און אַנדערע, זיינען אויך געגאַנגען דעם טרויעריקן וועג פון ביניש זילבער־שטיין, וואָס איז פשוט געווען דער גרעסטער בריליאַנט אין אַנטווערפּן, וואָס אפילו די וועלט באַרימטע אַנטווערפּענער „בריליאַנטן־בערזע“ האָט נישט באַזעסן אַזוי פיל געלט פאַר אים צו קאָנען באַצאָלן...

איך האָב געזוכט און געלעכצט נאָך מיינע אַלטע גוטע פריינט — און

צו מיין פאַרוווּנדערונג און גליק האָב איך דאָרט אָנגעטראָפן אויף דעם בן־עיר מיין יוגנט־פריינט משה יעקב קליפער, וואָס האָט צוזאַמען מיט מיר אָנגעהויבן שרייבן און זיך דרוקן: אין דער „אַרבעטער יוגנט״, „יידישן אַר־בעטער״, „לעמבערגער טאָגבלאַט״ און אין אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן ווו עס האָבן זיך אויך געדרוקט די גאַנצע יונג־גאַליציאַנער כאַליאַסטרע.

נאָך ביטערע, בלוטיקע און פאַרצווייפלטע יאָרן, וועלכע האָבן דאָס אָרימע מענטשלעכע האַרץ פאַרשטיינערט, זיינען מיר ווידער אויפגעמונטערט געוואָרן און זיך פשוט צוגאָסן ווי אין פרילינג די טייכן...

מיין גוטער יוגנט־פריינט, וועמענס נאָבעל פּאָעטיש האַרץ עס איז נישט בכוח געווען צו פאַרהאַרטעווען אפילו די גרעסטע גלאַנצענדיקסטע ברי־ליאַנטן, האָט מיך מקבל פנים געווען מיט אַזוי פיל איבערגעגעבענער מענטשלעכקייט און ליבע, אַז איך בין פשוט געקומען אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט נישט וויסנדיק ווי אַזוי איך וועל אים אַמאָל קענען אָפּדינען.

מיר האָבן זיך אַדורכגעשמועסט פאַר אַלע צייטן, און איך בין געוויר געוואָרן אַז ער האָט זיין אַמאָליקן יוגנטלעכן אידעאַליזם נאָך נישט אויפגע־געבן — פאַרקערט, ער איז זיך ביי אים צעוואָקסן, רייפער געוואָרן, און אָנ־גענומען אַן אַנדערע פאָרם און אינהאַלט. ער איז געוואָרן פשוט אַן אָרטאָ־דאָקסישער קאָמוניסט אין טיפערן זין פון וואָרט... וואָס גלויבט מיט דעם גאַנצן פייער פון זיין ערלעכער נשמה און העלקייט פון זיין גייסט, אין דער מפלה פונם קאַפּיטאַליזם וואָס איז גורם די פינסטערע רעאַקציע; און אין דעם מענטשלעכן פּראָגרעס וואָס וועט מיט זיך ברענגען דעם אייביקן פרידן, מענטשן־ליבע און גערעכטיקייט...

אָבער נישט אַזוי ווי ביי אַ סך וואָס זייער פּאַרטייאישקייט פאַרשאָטנט דעם מענטש, נאָר להיפוך — ער איז אַזאַ קלאָרער מענטש וואָס מאַכט תמיד זיין אידעאַל גרויס... מחמת איבער אַלעם איז ביי אים דער מענש. און הגם ער דריקט עס קיינמאָל נישט אויס אין ווערטער, מערקט איר עס אַרויס פון זיינע מעשים וואָס זיין פערזענלעכקייט לאָזט אייך אומבאַוווּסט פילן... ווען איר קומט נאָר אין דער נאָענטער באַרירונג מיט דעם אַמאָליקן אָרימען בלייכן קראָקעווער יינגל — דעם פיינעם צאַרטן ליריקער.

דעם 8־טן יאַנואַר 1890 איז אין קראָקע ביי אָרימע עלטערן געבוירן געוואָרן משה יעקב קליפער. זיין דערציאונג איז געווען אַ טראַדיציאָנעל יידישע, אָנגעהויבן צו לערנען אין חדר, און אויך פאַרענדיקט אַ פאָלקס־שול. צו 11 יאָר האָט ער שוין אָנגעהויבן צו אַרבעטן, צוערשט ביי אַ שניידער, דערנאָך אין אַ צוקערלעך־פאַבריק.

אָנגעשריבן דאָס ערשטע לידל צו 15 יאָר, און אָנגעהויבן זיך דרוקן אין

דער „אַרבעטער יוגנט" אין 1916 און דאַן אין פאַרשידענע אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן. אויסגעוואַנדערט קיין אַנטווערפּן צו 20 יאָר. געווען אַ צייט לאַנג אין דייטשלאַנד, האָלאַנד, פראַנקרייך, אָבער שטענדיק צוריקגעקומען נאָך בעלגיען, וווּ ער האַלט זיך אויף ביז צום היינטיקן טאָג.

קליפּער האָט סתם נישט פיל געשריבן; אָבער צווישן די ווייניקע ליד־לעך וואָס ער האָט ביז איצט באַוויזן אָנצושרייבן, זיינען פאַראַן איניקע וואָס זיינען זיכער מער ווערט ווי אַלע טייערסטע בריליאַנטן, מיט וועלכע ער האָט שוין געהאַנדלט און וועט נאָך אַמאָל האַנדלען.

ווער עס קאָן מ. י. קליפּערס לעבנסלויף, דער מוז אומבאַדינגט מודה זיין, אַז הגם ער האָט אויפגעגעבן דעם דיכטער אין שווייבן, איז ער פאָרט געבליבן דער פּאָעט אין לעבן... און זיין לעבן אין פּראָזע איז אָפּטמאָל בונטער, רייכער און קלינגענדיקער, ווי דאָס שענסטע ליד אין גראַם... ער איז אַ קאָנוועונציאָנאַליסט און אַן עכטער באָהעם, אַ בורזשואַ מיט אַ קאָמו־ניסטישן אני־מאמין, אַ ניהיליסט פון דער באַשטייענדיקער געזעלשאַפטלע־כער עטיק און מאָראַל, מיט דעם טיפסטן סאָציאַלן מיטגעפיל און ליבע צום ייד און מענטש... זיין איינציקע אמונה און האָפנונג איז דאָס גליק און פרייהייט פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אַ גאָר באַזונדערן איינדרוק האָט אויף מיר אויך געמאַכט דער אַנט־ווערפּענער מוכר ספרים י. לעווין צו וועלכן דער יידישער דיכטער און קאָמפּאָניסט ש. זאַנדבערג פון בריסל האָט מיך פּראָטעזשירט.

דאָס איז אַ ייד אַ פּשוטער, אַ האַרציקער וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסע יידישע ביבליאָטעק, מיט פולע פּאָליצעס ביכער פון די פאַרשידנסטע מחברים. ער האָט די ביכער ליב מיט אַלע רמ"ח איברים, ער שפּיגלט זיך פּשוט אין זיי.

אַזאַ יידישן מוכר־ספרימניק האָב איך נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט באַגעגנט. דאָס איז, ווי שוין געזאָגט, אַ גאָר פּשוטער ייד, אָבער אַ גרויסער עסטעט. איר קאָנט ביי אים געפינען ביכער פון די עלטסטע ביז צו די יונג־סטע שרייבער, און כמעט אַלע זיינען פאַרזען מיט ווידמונגען און צושריפטן, מיט וועלכע ער שטאָלצירט פאַרבאָרגן ניט לאַזנדיק אייך מערקן און היט זיי אָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ: לייוויק, אָפּאַטאָשו, ל. האַלפּערן, ל.ניידוס, ש. אַש, מ. ראָזענפעלד, א. מ. ווייסענבערג, ווינטשעווסקי, פּ. קראַנץ, ש. ניגער, ליעסין, ראָקער, א. ציטלין, ה. צייטלין, גלאַטשטיין, לייעלעס, א. רייזען, און וועמען נישט? ס'איז פּשוט נישט מעגלעך זיי אַלע אויסצורעכענען.

ווען איר קוקט אייך גוט איין אין דעם יידן, און רעדט מיט אים, באַ־שטראַלט אייך זיין טיפע ליבע צום יידישן בוך, און עפּעס נעמט אייך מיט

אַמאָל אויסדוכטן אַז דער דאזיקער ייד אַליין איז אַ מאָדנע יידיש לעבעדיק און אינטערעסאַנט בוך, פון וועלכן איר קאָנט לייענען און לייענען און גאָר נישט מיד ווערן לייענענדיק...

על פי צופאַל האָב איך זיך אויך דערוווסט אַז די טאַלענטירטע דיכטערין מאַדאַם שפּינגאָרן האָט זיך אָפּגעראַטעוועט. איך האָב זי אויפגעזוכט און מיט איר פאַרפירט אַ קורצן אָבער אינטערעסאַנטן שמועס. די דאָזיקע דיכ־טערין האָט פאַר דעם לעצטן קריג אַרויסגעגעבן אַ ווערטפול ביכל פון צאַרטע און טיף אַדורכגעפילטע לירישע לידלעך וואָס איז זער גוט אויפגע־נומען געוואָרן פון דער יידישער קריטיק.

צו דעם זער אינטערעסאַנטן פרויען־טיפּ וואָס איך האָב באַגעגנט גע־הערט אויך די יידישע לערערין ד. פינגערהוט. דאָס איז אַ האַרציק איבער־געגעבענע ערלעכע אידעאַליסטקע פונם אַלטן בונדיסטישן שטייגער. די יידישע ליטעראַטור, שול און שפּראַך זיינען כמעט דער טיפסטער אינהאַלט פון איר לעבן. זי שאַפט אויך פון צייט צו צייט ווערטפולע קינדער מעשהלעך און לידלעך. אַ שטאַרקע אמונה בינדט זי צום יידישן ישוב אין ארץ ישראל, אָבער לחלוטין נישט קלענער איז איר אמונה אין דער יידישער שול. אפילו די שווערסטע אַנטוישונגען קאָנען זי נישט צוברעכן... ווייל זי גלויבט אין יידישן רענעסאַנס און אין יידישן פּראָגרעס.

אָבער דעם אַלגעמיינעם איינדרוק וואָס איך האָב כמעט פון איבעראַל געקראָגן, איז געווען פאַלגנדיקער: אַז פאַר יידישע ליטעראַטור, שפּראַך און שרייבער אינטערעסירט מען זיך זער וויייניק... מחמת דעם רוב׳ס פּאָליטישע אָריענטאַציע איז געוואָרן אַ גרונט־אויס פאַלשע, — און דערלעבנדיק די רעאַליזירונג פונם ציוניזם, האָט מען אין גאַנצן פאַרלוירן די שוין סיי־ווי פון לאַנג נאָך אונטערגעגראָבענע אמונה אין יידיש וואָס האָט נאָך קוים אין די ספקותדיקע הערצער געטליעט... אָנגענומענדיק אַז דאָס גלות־יידנטום האָט שוין אויסגעשפּילט, און קאָן העכסטנס זיך נאָך דערהאַלטן אין זכות פון די העברעאיש־ריידנדיקע יידן אין ישראל... נישט אין אַכט נעמענדיק, אַז דאָס גלות־יידנטום האָט אויפסנייע אויפגעלעבט דאָס אַלטע לאַנד מיט דער העב־רעאישער שפּראַך און קאָן נאָר אין זיין אייגענעם זכות אויף ווייטער באַשטיין...

און אַזוי ווי איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין פּאָליטיקער און קיין פּאַרטיימאַן, ווייל מיין פּאַרטיי איז תמיד געווען אַלע יידישע פּאַרטייען, בין איך געבליבן איזאָלירט און קיינער האָט מיך נישט געזוכט און נישט געזען; אָדער געמאַכט זיך מיך נישט זען — הגם איך האָב יעדן איינעם יאָ גוט אַדורכגעזען...

און אַחוץ די פּאָר פּערזענלעכע אַלטע פריינט וואָס איך האָב אין אַנטווערפּן באַוויזן אויפצוזוכן, און מיט זיי נאָר קורץ צו פאַרברענגען, האָב איך די גאַנצע צייט זיך אַרומגעדרייט אַ פאַראייניזאַמטער און איבעריקער, מיט אַ ביטערן שווערן געמיט פון איינעם וואָס האָט אַלעס פאַרלוירן.

נאָר איך האָב זיך געטרייסט דערמיט, אַז אין בריסל, אַמסטערדאַם, פאַריז און אין מינכען ווו עס וווינען גרעסערע יידישע מאַסן, וועט מען זיך בעסער און מיט מער אינטערעס באַציען צו מיר. דאָרטן וועל איך אויך געפינען מער צוהערער און סימפּאַטיקער פון מיין אומפּאַרטייאישער פאַרטיי.

בריסל

בריסל, אָדער ווי מען רופט עס — „קליין פּאַריז", איז באמת אַ פּיין געשליפן שפּיגעלע, איינגעפּאַסט אין אַ גרויסשטאַטישער ברייט־צעבליצטער מאַסיווער ראַם, וואָס האַלט אַלעס צוזאַמען.

אָבער באַזונדערס בליצט דאָס שמוק־קעסטל אין אָוונט...

און מען פּילט זיך דאָרט נישט אַזוי פאַרלוירן ווי אין פּאַריז, נאָר עפּעס היימלעכער. דאָרט שמעקט עס מיט דער וואַלאַנישער לייכטקייט און מיט דער לייכטזיניקער גראַציעזקייט פון די תמיד כמעט האַלב פון ווײַן און ליבע פאַרשיכורטע פראַנצויזן. דאָרט שפּרודלט די נאַאיווע לעבנסלוסטיקייט — להיפוך צו דער פלעמיש־פויערישער שווערקייט, און בייזלעכער־ערנסטקייט, וואָס דערמאָנט אומווילקירלעך אָן זייערע קרובים די דייטשן — ימח שמם וזכרם!

מען קאָן מיט אַ ריינעם געוויסן זאָגן: די וואַלאָנען זיינען זער ליבנס־ווירדיק און פריינטלעך, ביז צו דער „דואָן" — פון וועלכער גאָט זאָל דיך שומר ומציל זיין, אַז דו זאָלסט חלילה אין זייערע הענט נישט אַריינפאַלן בשוגג צי במזיד, אַלץ איינס. ווייל זייער ביוראָקראַטישע קליינלעכקייט, אָדער קליינלעכע ביוראָקראַטיע, שטייגט כמעט אַריבער דעם גרעסטן פראַנ־צויזישן פיליסטער און בורזשוי...

אויך דאָס יידישע לעבן אין בריסל האָט דאָרט שוין נהנה געווען פון דער גלאַנציקער פאַרבנרייכקייט, און טראָגט דאָרט אויך שוין אַ ברייטערן און טיפערן כאַראַקטער, מיט די פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציעס, הילפס־פאַר־איינען, ליטעראַרישע אונטערנעמונגען, צוגאָב־שולן, וכדומה.

אין די יאָרן 45־46 האָט עס דאָ געווימלט מיט געזעלשאַפטלעכקייט (כ'מיין אַלץ אין פראַפאַרץ צום געמינערטן ישוב). שוין סוף 1944 האָבן זיך געעפנט יידישע צוגאָב־שולן, ביבליאָטעקן און זומער־קאָלאָניעס האָבן נאָכ־געפאָלגט אין 45־טן יאָר. אין דעם דאָזיקן יאָר איז אויך דערשינען אַ ביכל קינדער־לידער „האַנט אין האַנט", אַרויסגעגעבן פון דער געזעלשאַפט „שול און דערציאונג" ביי די לינקע פועלי ציון. און אין 45־טן יאָר איז אויך גע־וואָרן אויפגעשטעלט אַן „אַמאַטאָרן־טעאַטער", אונטער דער לייטונג פון משה פּאַטאַשינסקי. ס'האָבן זיך ענטוויקלט יוגנט־אָרגאַניזאַציעס ביי די

עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען: ציוניסטישע, ווי „פּועלי ציון רעכטע" און „פּועלי ציון לינקע", „סאָלידאַריטעט", „בונד", אָרטאָדאָקסישע און בירגערלעך ציוניסטישע.

היינט־צו־טאָג זיינען פאַראַן צוגאָב־שולן ביי „מאַפּאַם", ווו ס'לערנען זיך אַ 60־70 קינדער; ביי די רעכטע פּועלי ציון — אַ 50 קינדער; „סאָלידאַריטעט" — אַ 150; „בונד" — אַ 60 קינדער; „אָרטאָדאָקסישע צוגאָב־שולן" — ווו ס'לערנען צוזאַמען אַן ערך 200 תלמידים, און אַן אָרטאָדאָקסישע טאָג־שול מיט 125 תלמידים.

אויך איז פאַראַן אַ „פאָלקס־טעאַטער" אונטער דער אָנפירונג פון ה. פעסלער. דאָס פאָלקס־טעאַטער האָט ביז היינט אויפגעפירט: „דעם אייביקן ניגון" פון פרץ, „סטעמפעניו" פון שלום־עליכם, „די כישוף־מאַכערין" פון א. גאָלדפאַדן, „אונזער ערד" פון אשמאַן, און עטלעכע קליינקונסט־אָוונטן. די אַלע ספּעקטאַקלען זיינען געשטאַנען אונטער דער לייטונג פון יעקב מאַסנדאָרף. פעסלער, וועלכער האָט איבערגענומען די פירונג נאָך מאַסנדאָרפן, גרייט איצט צו די אויפפירונג פון „המנס מפּלה" פון סלאַוועס.

פאַרשידענע אונטערנעמונגען זיינען אין די יאָרן סוף 44־49, געגעבן געוואָרן דורך די געזעלשאַפטן, וואָס גרופּירן זיך אין די פּאַרטייען פון אַלע באַקאַנטע ריכטונגען.

ס'איז דערשינען „אונזער ליד" אַרויסגעגעבן פון ישעיה זאַנדבערג אונטערן פּאַטראָנאַט פון בעלגישן אָפּטייל פון קולטור־קאָנגרעס. די צווייטע זאַמלונג („לידער מיט נאָטן") גרייט זיך איצט צום דרוק.

אין דעם שיין אַרויסגעגעבענעם ביכל „אונזער ליד", צוזאַמענגעשטעלט פון י. זאַנדבערג, געפינען זיך: אַ ליד פון חוה ראָזענפאַרב „ווו ביזטו זונעניו", מוזיק פון יצחק היילמאַן; „אפשר", טעקסט פון רחל בלאשטיין, איבערגעזעצט פון העברעאיש דורך ש. זאַנדבערג, מוזיק פון י. שערמאַן; „ממעמקים", טעקסט י. זאַנדבערג, מוזיק י. היילמאַן; „כ'וועל אייך דערציילן אַ מעשה" (לויט אַ פראַנצויזישן קינדער־מאָטיוו), טעקסט י. זאַנדבערג; „ס'איז דאָ אַ לאַנד ווו ערגעץ", טעקסט פון שאול טשערניכאָווסקי, איבערזעצט פון העברעאיש דורך י. זאַנדבערג, מוזיק י. ענגל. די הילע איז געצייכנט פון יעקב שטאַרקער.

בכלל מאַכט דאָס לידער־ביכל אַ זער גוטן איינדרוק, און ס'איז אַרויסגעגעבן דורכן בעלגישן אָפּטייל פון „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס" אין בריסל, און מיט מבינות צונויפגעשטעלט דורך דעם זער טאַלאַנטירטן פּאָעט ישעיה זאַנדבערג.

ס'זיינען אויך געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע פּרוּוון אַרויסצוגעבן צייטונגען, אָבער זיי האָבן נישט מאריך ימים געווען. איין צייטונג גייט אַרויס כסדר, דאָס איז „אונזער וואָרט" אַרויסגעגעבן פון מאָפּאָם פיר מאָל אין וואָך. די דאָזיקע צייטונג האָט נאָך אָנגעהויבן צו דערשיינען אין דער אָקופּאַציע־צייט, אַלס אַ חודש־אויסגאַבע.

בנוגע דעם ליטעראַרישן וועלטל דאָ, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז שוין עטלעכע מאָל זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו גרינדען אַ שטיקל פאַרבאַנד, אָבער דאָס גיט זיך דאָ נישט איין צוליב פאַרשידענע סיבות.

און בכלל גענומען זיינען נישטאָ אין בעלגיע קיין יידישע שרייבער, וואָס דאָס שרייבן זאָל זיין זייער פּרנסה. ס'זיינען פאַראַן דאָרט פּען־מענטשן, ווי די באַוווּסטע דיכטערין חוה ראָזענפאַרב, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט לערעריי. זי איז געווען אַ לערערין אין דער שול פון „אַרבעטער רינג" און אויך געגעבן פּריוואַט־לעקציעס. זי איז יענעם ווינטער אָפּגעפאָרן קיין קאַנאַדע. פּייוול בלאָך שרייבט קינדער־מעשהלעך אין פערזן און איז אויך אַ לערער פון העברעאיש און יידיש. בינעם צוקער, באַקאַנט אין דער ליטעראַרישער וועלט. אהרן דאָרף, באַקאַנטער זשורנאַליסט. אברהם ריבע, רעדאַקטאָר פון „אונזער וואָרט", אַ זער האַרציקער ליבער מענטש און פעאיקער שרייבער (דער איינציקער וואָס ציט זיין חיונה פון שרייבן). שפרה ווערבער, מאָרי פינגער און אברהם קוטנאָווסקי.

אַחוץ דעם זיינען פאַראַן עטלעכע וואָס שרייבן אַרטיקלען פון צייט צו צייט, ווי ישראל מאָרגענשטערן, לעמעל פּינקערט, משה אַלבערט, וכדומה.

צווישן די לערערס פון די צוגאָב־שולן זיך אונטער אַנדערע: מרים קאַץ, שלמה שוואַרצבורג, ישראל מאָרגענשטערן, פרוי וואָוויטשיך, פרוי קלעטשקאַ, פרוי יוטשען, ברוך מייזעל, מירעלע ק. און אַנדערע.

די אַקטיוויסטע מענטשן זיינען זיך צופאָרן, פון די נישט ציוניסטישע קרייזן פאָרט מען אויך — קיין אויסטראַליע א.אַ.וו. אויך די מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך דאָ געענדערט צום שלעכטן. דער עולם איז געוואָרן פּאַסיוו אין אַלע פּרטים, און ס'קומט דאָ אויס זער שווער אין איצטיקן מאָמענט דורכצופירן וועלכע ס'איז געזעלשאַפטלעכע אַקציע.

צו די אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכע איך האָב זיך געהאַט געווענדעט אפילו נאָך פון לאָנדאָן, איז מען מיר די תשובה אויסן געבליבן, און דאָס איז נאָר געווען דערפאַר, ווייל מיין פירמע איז נישט געווען קיין פּאַרטייאישע...

ווי מען האָט מיר דערקלערט, מוז מען גיין רעכטס אָדער לינקס; קיין מיטן־וועג איז מער נישטאָ, ווייל אין מיטן גייען נאָר אָקסן און פערד...

איך האָב זיך צום סוף, פּונקט אַזוי עלנדיק ווי אין אַנטווערפּן, אויך אין

בריסל אַרומגעדרייט אין די אַמאָליקע יידישע געסלעך און קוואַרטאַלן, און מיט נישט ווייניקער האַרצוויייטיק דערזען אַז אויך דאָ האָבן רייִנראַסיקע וואַלאָנען פאַרנומען די אַמאָליקע יידישע געשעפטן און וווינונגען. און גלייכצייטיק טאָר אויך נישט פאַרשוויגן ווערן, אַז אַ נישקשהדיקע צאָל פון דער בריסעלער באַפעלקערונג וואָס האָבן זיך לכתחילה געהאַט סאָלידאַרי־זירט מיט די יידן קעגן די דייטשן, האָבן דערנאָך אויך זיך נישט געשעמט צו רויבן און פּלינדערן יידיש האָב און גוטס, און ווען עס איז געווען נויטיק אַפילו אויך די טירן פון די וווינונגען אַרויסצורייסן — זאַרגפעלטיק און גרינד־לעך אַזוי ווי מען האָט עס געלערנט פון די פאַרהאַסטע דייטשן, ימח שמם וזכרם!

איך וועל זיך נישט שעמען אויסצוזאָגן, אַז אויך אין בריסל איז עס מיר נישט געלונגען צו אַראַנזשירן אַ לעקציע. אָדער אַן אָוונט אויף וועלכן איך האָב געזאָלט קענען לייענען מיינע זאַכן.

איך קאָן נישט באַהויפּטן, אַז די שלעכטע זומערצייט זאָל נישט האָבן אומגינסטיק צוגעשפּילט צו דעם. איך קאָן אָבער אויך נישט באַהויפּטן, אַז מען זאָל זיך האָבן צו שטאַרק מוסר־נפש געווען דערפאַר (מיטן אויסנאַם פון די פריער דערמאָנטע פריינט). וואָס איך קאָן יאָ אָבער באַהויפּטן איז, אַז אַ יידישער שרייבער, וואָס קומט נישט אָן מיט אַך און קראַך, און שרייט נישט אַז ער איז — דער און דער! און געשאַפן אַזוינס און אַזעלכעס, אָדער באַלאַנגט לכל הפחות צו דער אָדער יענער פּאַרטיי — ווערט פון קיינעם נישט געזען און באַמערקט, אָדער בעסער געזאָגט — מען וויל אים פשוט נישט באַמערקען און זען . . . הגם דער שרייבער זעט יעדן און באַמערקט אַלעס . . . ער געפינט זיך אין דער זעלטענער לאַגע צו זיין אַ „רואה ואינו נראה". אמת טאָקע בעל כרחו, אָבער נישט מינדערער דערפאַר . . .

מלכה סטיל, איינציקע שוועסטער פון יוסף הלל לעווי,
געווען א שטרענג רעליגיעזער כאראקטער. 1885—1933.

היינריך היינע

דאָס לעבן פון היינען איז געווען אַ ביטערער איבערמענטשלעכער קאַמף, און נישט אויף אַ האָר לייכטער איז אים אויך אָנגעקומען זיך מיט דעם דאָזיקן לעבן צו געזעגענען. היינע האָט געהאַט דאָס גליק און אומגליק צו לעבן אינם שטורעם און דראַנג פּעריאָד, אין דעם פּעריאָד ווען עס האָבן זיך געקרייצט צוויי קולטורן: די פעאודאַלע מיט דער סאָציאַלער. און זיין טיפע אינטואיציע מיט דער ליכטיקער וויזיע האָבן עס אים געמאַכט מעגלעך צו ווערן איר פּיאָנער און אַוואַנגאַרד... היינע אין דער פּאָעזיע, ווי קאַרל מאַרקס אין דער פילאָזאָפיע, זיינען געווען די אָנזאָגער פון אַ נייעם סיסטעם.

נאָך דעם קעניגלעכן ליבע־עפּאָס „שיר השירים" זיינען היינעס ליבע־לידער אפשר די טיפסטע און גרעסטע אין דער וועלט, וואָס זיינען ביז איצט געשאַפן געוואָרן.

ווייל היינע איז געווען אַן אוניווערסאַלער גייסט, דערפאַר איז ער געווען ביכולת זיינע צייט־גענאָסן צו פאַרגייסטיקן. ער האָט נאָר פאַרמאָגט צוויי גרויסע צייט־גענאָסן און דאָס זיינען געווען: דער אומשטערבלעכער גרעס־טער פערזן־דיכטער ענגלאַנדס לאָרד בייראָן, און דייטשלאַנדס גרעסטער דיכטער וואָלפגאַנג פאָן געטע. אַזוי ווי לאָרד בייראָן מיט זיינע טיפע פּאָעטי־שע געדאַנקען, האָט אויך היינע מיט זיינע געפילן געזוכט דעם מענטשן ליכט צו ברענגען... וויילביידע זיינען זיי געווען גענִיאַלע פּראָמעטעאיסטן... און אַזוי ווי געטע דער אינדיווידואַליסט, וואָס האָט אויך מיט זיין פּאַרטיפּטן אינדיווידואַליזם אַרומגענומען דעם גאַנצן קאָסמאָס, האָט היינע דער קאָסמאָ־פּאָליט ווידער מיט זיין ליריזם יעדן אינדיווידיום אַרומגענומען. זיין טעמאַ־טיק, ווי זיין דיכטונג, זיינען תמיד געווען אוניווערסאַל...

נאָר געטע האָט געלעבט אַ מער אינערלעכן לעבן, און היינע מער אַן אויסערלעכן... אָבער ביידע זיינען זיי (פאַרשטייט זיך יעדער אויף זיין אופן) גלייך באַדייטנדיק גרויס געווען. היינעס עקספּלאָדירנדיקע קורצע לירישע ליבע־לידער האָבן נישט וויניקער שטאַרק און דורכדרינגענדיק געווירקט ווי געטעס לאָקאָנישע און ליריש־פילאָזאָפישע עפּיק. היינעס ליבע־לידער: „די לאָרעליי", „דו האָסט יאָ ברילליאַנטן און פּערלען", „דער דאָפּלגענגער", „איין יונגלינג ליבט איין מעדכען", „ווען איך אין דיינע אוגען זע", „זי האָבן

מיך געקוועלעט״, „דאָס מער ערגלענצטע ווייט הינאוס״, „פערגיפטעט זינד אַל מיינע לידער״ און „לייזע ציט דורך מיין געמיט״ — וואָס ווערן פאַר־רעכנט פאַר די שענסטע און טייערסטע פּערל אין דער וועלט־פּאָעזיע; זיי זיינען ווי די שטערן אייביק לייכטנדיקע עדות אויף היינעס גרויסן און שווערן לאַכנדיק פאַרוויינטן יידישן געמיט...

אָט די דאָזיקע קורצע ליבע־לידער זיינען דאָס רוב דורכגעבליצט מיט דעם שפּיציקן יידישן וויץ, מיט דער בייסנדיקער סאַטירע און ביטערסטער איראָניע. דערפאַר טאַקע איז דאָס קורצע „יאַמבען און טראַכייען־ליד״ וואָס ער האָט אין דער דייטשער פּאָעזיע איינגעפירט אַזוי אייגנאַרטיק.

זיין פאַרלאַנג נאָך ליבע, באַגער נאָך פרויען־לייב און דראַנג נאָך פריי־הייט איז באמת צו באַוואונדערן.

און ווייל היינע האָט אין זיך פאַרקערפּערט דריי קולטורן: די דייטשע, פראַנצויזישע און די יידישע, האָט ער אין טיפערן זין פון וואָרט אויך אַנגע־הערט צו יעדן פון די פעלקער. הגם ער האָט זיך תמיד איבער זייערע לאַנדס־מאַנשאַפטן דערהויבן...

דער פאַרוואורף פון היינעס פיינט אַז ער איז געווען פאַלש, זיך געבויגן, אונטערגעגעבן, וועקסלענדיק כסדר זיינע פאַרבן, איז אַ דורכאויס גרויסער שקר. מחמת היינע איז תמיד געטריי געווען זיין נאַטור, און קיינמאָל נישט געזאָגט קיין ליגן... אַחוץ איין מאָל אין זיין לעבן מיטן שמד — איבער וועלכן מיר וועלן זיך נאָך שפּעטער מער דערוויסן.

ווייל דאָס נאַטור־געזעץ פון אַ גרויסן דיכטער איז, אַז ער קאָן קיינמאָל נישט זאָגן קיין ליגן. זיין טויזנטפאַכיקע וואַרהייט אונטערשיידט זיך אָבער דערמיט פון די פעסט געלייגטע וואַרהייטן פון פראַפּאַגע הדיוטים, וואָס דער דיכטער זשעני גייט מיט טיפער אמונה נאָך דעם שטילסטן ווינט־געריש.

עס טרייבט אים אַזוי ווי דעם ווינט, אַרויף אין דער הויך, און אַראָפּ אין דער טיף, אויף רעכטס און אויף לינקס... דאָס איז אַ סך מאָל זיין גליק, אָבער אויך נישט ווייניקער זיין אומגליק... ער בלאָנזשעט אויף אַלע גע־צייכנטע און אומגעצייכנטע וועגן, אָבער זיין יושר אינסטינקט פירט אים תמיד שוין פריי אַרויס; סיידן אַז דער מענטש אין אים איז קלענער ווי דער קינסטלער... זיין נשמה בליט תמיד מיט די טיפסטע ווידערשפּרוכן, און פון יעדן פלאָנטער און געראַנגל ווערט ביי אים געבוירן אַן אייביק ליכט־ברענ־גענדיקער שטערן...

און הגם היינעס ליד איז אָפט געווען פאַרסמט, ווייל ער האָט אין זיין האַרצן געטראָגן פיל גיפט, איז זיין ליבע פאָרט אַן אומאויסלעשלעכע

פאַרבליבן. אפילו די מגושמדיקסטע ליבע זיינע — אויסגעפּאַרפּ׳ומירט מיט דער שאַרפסטער פּאַראָדיע, האָט זיין ווייטיק געכשרט . . .

אַזוי לאַנג ווי די כוואַליעס פון רהיין וועלן רוישן, וועט דער ריטם פון דייטשן „מעדכען" מיט דעם ריטם פון היינעס געמיט קלינגען אין דעם פאָלקס־ליד „די לאָרעליי", און אייביק צוציען די גרעסטע מוזיקער זיינע לידער צו פאַרטאָנען.

איך ווייס נישט וואָס זאָל דאָס באַדייטן,
פאַרוואָס אַזוי טרויריק איך בין ?
אַ מעשהלע פון גאָר אַלטע צייטן
דאָס גייט נישט אַרויס פון מיין זין.

די לופט איז שוין קיל און עס טונקלט,
און רואיק גיסט זיך דער רהיין,
דער בערגישער שפּיץ זיך צעפונקלט
אין פורפור פאַרנאַכטיקן שיין.

דאָס מיידל דאָס שענסטע, עס זיצט זיך
דאָרט הויך, ווי אַ טרוים אויפן וואָר, —
איר גאָלדענע צירונג צעבליצט זיך,
זי קעמט זיך די גאָלדענע האָר.

זי קעמט מיט אַ גאָלדענעם קעמל,
און זינגט זיך אַ לידל דערביי,
עס טראָגט זיך אַזוי ווי אַ פלעמל
דער ניגון פאַרכישופט און פריי.

דער שיפער אין שיפל אין קליינעם,
פון ליבע־פאַרלאַנגען ווערט בלייך,
ער זעט נישט די פעלז־שפּיצן, קיינעם,
ער קוקט נאָר אַרויף אין דער הייך.

איך מיין אַז די וועלן פאַרשלינגען
דאָס שיפל, דעם שיפער מיט וויי, —
און דאָס האָט אַליין מיט איר זינגען
געטון נאָר די לאָרעליי . . .

אין היינעס לידער פאָרן זיך תמיד דאָס צייטלעכע און דאָס אייביקע, די צאַרטסטע ליבע מיט דעם בייסנדיקסטן ביטערסטן וויץ, די טיפסטע זינלעכ־קייט פון דעם קהלת׳טישן „פריי זיך בחור מיט דיין געבורט" מיט דער בי־

טערסטער איראָניע פון „עס און טרינק ווייל מאָרגן וועסטו שטאַרבן" איינגעהילט אין דעם שטילן נאָגנדיקן טרויער פון „הכל הבל"...

פון היינעס לידער שפּרודלט די טיפסטע ליבע פון מאַן צום ווייב, און אַפּעלירט אויף דעם טופסטן צו יעדן געמיט... די פאָרם איז אָפט דייטש, אָבער דער אינהאַלט תמיד אוניווערסאַל... דאָרט ווו די ליבע הערט אויף קומט שטיל אָן דער וועלט־שמערץ... און דער דאָזיקער וועלט־שמערץ מיט דער ליבע פאָרן זיך צענויף און זייער פינאַל איז דער חוזק...

אפילו די גרעסטע קעגנער היינעס האָבן נישט געקאָנט אָפּלייקענען, אַז תמיד ווען מען וועט געטעס נאָמען דערמאָנען, וועט מען היינעס נאָמען נישט קאָנען פאַרשווייגן, ווייל ער געהערט צו די שטאַרקסטע לידער־דיכטער. ער איז געווען דער דיכטער געניוס, מיט דער לאַכנדיקער טרער אויפן פאַרוויינטן פּנים... וואָס פאַרמאָגט אַזאַ אייגנטימלעכע קראַפט וואָס איז ביכולת צענויפצופאָרן די שווערסטע עלעגיע מיט דער בייסנדיקסטער סאַטירע...

עס איז ביז היינט נאָך נישט אָפּגעלאָשן געוואָרן דער ערשט־ראַנגיקער רושם, וואָס היינעס לידער האָבן געמאַכט אויף גאַנץ אייראָפּע.

דער באַרימטער קרוין־עדות פון דייטשטום, דער אייזערנער קאַנצלער ביסמאַרק אפילו, האָט בשעתו זיך אויפגעהויבן קעגן די היינישע לעסטערער שרייבענדיק: „האָבן דען די הערך אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז היינעס לידער קאָן מען נאָר מיט געטעס פאַרגלייכן. זיין ליד פאַרמאָגט אַ ספּעציפיש־דייטשע דיכטונג־פאָרם".

די צוויי גרויסע פאַרניינער, היינע און ניטשע — זאָגט אָן אַנדערע דייטשע פּערזענלעכקייט לעאָ בערג — האָבן אַ נייע עפּאָכע איינגעלייט. דאָס איז געווען זייער קללה, וואָס וועט זיך אַמאָל אין אַ ברכה פאַרוואַנדלען. מען וועט זיי ביידע לויבן אַלס די גרויסע איבערוויינדער, ווייל וואָס זיי האָבן געבויט אויף חורבות, זעען די מיינסטע נישט און זיי קאָנען עס אויך נישט באַגרייפן...

היינריך היינע איז אויך געווען בשעתו, און פאַרבלייבט עס נאָך עד היום, איינער פון די גרעסטע פּאָליטישע ליריקער, וואָס די וועלט האָט ווען פאַרמאָגט.

דאָס קלאַסישע ליד „די וועבער", אין וועלכן היינע האָט פאַר דעם אַלטן פאַרפוילטן דייטשלאַנד און פאַר דעם קייזערטום, מיט דער גאַנצער קלערי־קאַלער קליקע, אויסגעוועבט אַ דרייפאַכע קללה איז נביאיש.

> אַ שאַנד איז צו דעם פאַלשן פאַטערלאַנד,
> אין וועלכן ס'בליט נאָר בזיון און שאַנד!

אַט דאָס ליד וועט פאַרבלייבן אַן אייביקע רעוואָלוציאָנערע מאַנונג און אַ מאָנומענט פון פרייהייט... און דאָס ליד „דייטשלאַנד, אַ ווינטער־מעשהלע“, וואָס ווייזט דעם דיכטערס גענויאַלע פאַנטאַזיע, וועט נישט ווייניקער סימבאָל פאַרבלייבן פונם טיף אויפגעפּלאַקערטן מענטשלעכן פּראָטעסט, קאַמף, איראָניע, אינטואיציע און וויזיע...

היסטאָריש גענומען האָבן אַלע די 1848־ער ליריקער (פון דער רעוואָלוציע־צייט אין גאַנץ מערב־אייראָפּע) די גרעסטע באַדייטונג אַלס די טרעגער פון רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, ווייל כמעט אַלע רעוואָלוציעס זיינען דאַן פון ליטעראַטן אינסצעניִרט געוואָרן... יאָרן און כמעט צענדליקער יאָרן נאָך פאַר יעדער רעוואָלוציע האָבן זיי, די וואָרט־קינסטלער, גענומען אַלץ צו מינירן און געהיימע באָמבעס צו שליידערן...

אַ סך רעוואָלוציאָנערע דיכטער האָט דייטשלאַנד געהאַט, און אַט די דיכטער פון באַפרייאונגס־קריג (קעגן נאַפּאָלעאָן דעם 1־טן) זיינען געווען: טעאָדאָר קערנער, מאַקס פאָן שענקענדאָרף, ערנסט מאָריץ אַרנדט און בתוכם אפילו אויך דער דיכטער האָפמאַן פאָן פאַלערסלעבען, וואָס איז ברייט באַקאַנט געווען נאָר פונם ליד: „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס“, און נאָך אַ סך דיכטער וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו די מאָנאַרכן און זייערע לאַקייען... זייער פּאָליטישע ליריק האָט נאָר געדינט פּרייוויליק, און אומפרייוויליק, צו פאַרשלייערן די אמתע מאָטיוון און דער עיקר דעם שלום־עפעקט פון די באַפרייאונגס־מלחמות.

זיי האָבן אַ סך מאָל אפילו באַוויזן די צאַרנדיקסטע און ביטערסטע רעוואָלוציאָנערע לידער אויסצושטאַמלען, אָבער דאָס מענטשלעכע און דיכטעריש מיטרייסנדיקע רעוואָלוציאָנערע ליד, וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט דינאַמיט און האָט עקספּלאָדירט ווען ס׳איז נאָר געקומען אין דער מינדסטער באַרירונג מיטן לעזערס געמיט, — דאָס דאָזיקע ליד האָט היינריך היינע נישט געשטאַמלט, נאָר טיף מענטשלעך אויסגעזונגען... אַט דאָס בייסנדיקע סאָציאַלע, פּאָליטישע ליד שטאַמט נאָר פון היינען.

דערפאַר האָט זיך נישט אַרום קיין שום דיכטער דער מיינונגס־קאַמף אַזוי צעפלאַקערט, ווי אַרום היינריך היינע, ווייל ער איז געווען אַ גלויביקער און אַ לעסטערער, אַ ייד און אַ קריסט, אַ גוטער — און אַ בייזער מענטש... אַ טויט־ערנסטער און אַ משונהדיקער לץ... זיין ליידנשאַפט איז געווען אַ סאַרדאָנאָפּאַלישע. ער האָט געשוועבט אין די הימלען און געזונקען אין אַלע תהומות... אָבער פון זיין יעדן פאַל איז, ווי פון אַ פאַלנדיקן מעטעאָר, אַ שטערנשטרייף איבערגעבליבן...

און פון אומעטום האָט אַרויסגעבליצט דער יידישער חריף און אַרויס־

געיאַמערט דער הבל הבלים, צעקלונגען מיט די חוזק־גלעקלעך פונם בדחנישן פּאַיאַץ און פילאָזאָפיש פאַרטיפט מיט דער דרשה פון אַ מגיד...

זיין געשליפענער וויץ, ביטערע איראָניע און דער בייסנדיקער סאַרקאַזם האָבן זיך תמיד געראַנגלט מיטן פאַרנונפטיקן ציניזם. אָבער זיין יידיש ריינער הומאָר האָט אַלץ גובר געווען. מיט דער אייביק לאַכנדיקער טרער אויפן בלייכן יידישן פנים האָט ער די גרעסטע קונצן באַוויזן, אפילו די טראַגיש־נאַרישע קונץ פון שמדן זיך...

אַ פאַרבאַרגענע דיכטער־שווערד האָט אַרויסגעפינקלט פון הינטער דעם טרוימערס ליד „דייטשלאַנד, אַ ווינטער־מערכען“ און אָנגעזאָגט: „איך בין די טאַט פון דיין געוואָגטן געדאַנק, וואָס איז נאָר אַ וויזיע געווען“...

אַ סך היינישע פאַרלאַנגען, נאָך וועלכע דער פּאָעט האָט אַזוי געפיבערט ביים לעבן, האָט די געשיכטע טאַקע פאַרווירקלעכט אין לעבן. דעם שווער געפּאַנצערטן, בעסטיאַליש ווילדן פרייסישן מיליטאַריזם, מיט דעם בלוט־דורשטיקן יונקערטום פון אייביק צו ווייניק „לעבנס־רוים“, האָט די געשיכטע צעשמעטערט, האָפנטלעך, אויף אייביק!

דער הייסער אָטעם פון היינעס נביאות רייצט זיך כסדר מיטן מאָנאַרכיזם און קריסטנטום, מיט די אַדעליקע, גייסטלעכע, און גלייכצייטיק אויך מיט דעם מישטיינס געזאָגט העלדנטום — פון די פאַרזיכטיקע דעמאָקראַטן פון דעמאָלט און פון היינט... היינע האָט אויך פאַרויסגעזען דאָס באַדייטנדיקסטע: דעם בלוטיקן קאַמף פון קאַפּיטאַליזם מיטן סאָציאַליזם...

מען האָט היינען אויך פאָרגעוואָרפן, אַז ער איז געווען אַן אמתער טיפּ פון דער יידישער ראַסע, דאָס מיינט אַ „דורכאויס צעשמעטערנדיקער עלעמענט“.

אָבער היינעס נביאות און וואָרנונגען, אַז אויב דאָס יונקערטום און מיליטאַריזם וועלן נישט אויפהערן מיט זייער ווילקיר, און מיט דער קלעריקאַלער פאַרשקלאַפונג פון יעדן פרייען יחיד, וועלן זיי דייטשלאַנד צעשטערן — איז מקוים געוואָרן. אויך איז גלייכצייטיק באַוויזן געוואָרן, אַז נישט היינע דער ייד איז געווען אַ צעשטערערישער עלעמענט, נאָר טאַקע דאָס גערמאַנישע יונקערטום, מיטן פרייסישן מיליטאַריזם, און די הייליקע קירך גופא... ווייל אָט די דריי־איינקייט האָט דייטשלאַנד מקבר געווען, אַרויסווייזנדיק איר מערדעריש רוי־פאַרסמטן, העסלעכן פרצוף... צעשטערט האָט זי אַלע פּרינציפּן פון עטיק, פון מאָראַל, און סתם פון יעדן מענטשלעכן געפיל...

אין היינען איז געפלאָסן דאָס בלוט פון די נביאים, וואָס האָט אייביק נאָר רעוואָלטירט קעגן אַלע מענטשלעכע עוולות און אומגערעכטיקייטן.

אַ נישט קלענערע באַדייטונג ווי די וואָס היינע האָט געהאַט אַלס אַ דיכ־

טער פון צאָרן און ליבע און אַלס אַ פּאָליטישער ליריקער, האָט ער אויך געהאַט אַלס אַ נאַציאָנאַלער דיכטער. און ווייל זיין גייסט איז געווען אַן אומ־ענדלעך אויסגעברייטערטער, האָט ער דאָס רוב מיטגעריסן מיט זיך זיין גע־פיל... נישט ווי אַ סך פון זיינע צייט־גענאָסן, וואָס זייער געפיל איז געווען העכער אַנטוויקלט ווי זייער באַוווסטזיין. און אַזוי ווי היינע האָט אין זיך פאַרקערפּערט דריי קולטורן, האָט ער, ווייטזיכטיק, געקענט אויפעפענען ברייט זיין האַרץ: פאַר די דייטשן, פראַנצויזן און פאַר די יידן, נישט אויפן חשבון פון אַלע אנדערע פעלקער. די דייטשן האָט ער געשטראָפט און, מיט אַ ביטערן סאַרקאַזם און אַ בייסנדיקער איראָניע, אָראָפּגעריסן פון זיי די כלומרשטע מאַסקע פון ציוויליזאַציע און געלאָזן זיי אדם־נאַקעט — מיט זייערע וויסטע פאַרלאַנגען, פּוסטע יאַגענישן און חיהשער באַשרענקטקייט פון נידעריקסטן עגאָאיזם...

און דערפאַר האָט ער געשאַפן אַזעלכע לידער, ווי זעלטן אַ דייטשער דיכטער...

די פראַנצויזן האָט ער פאַרערט אַ דאַנק די גרעסטע רעפאָרמאַציעס וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט מיט זיך געבראַכט פאַר גאַנץ איראָפּע, און באַזונדערס פאַר די יידן... זיינע „צוויי גרענאַדירע״ שטראָמען מיט אַ טיפער באַוווּנדערונג פאַר פראַנקרייך און איר פרייהייט, הגם דאָס ליד איז מאָנאַרכיסטיש געפאַרמט...

מיט די יידן האָט ער מיטגעליטן נישט נאָר אַליין, אַלס אַ געטרייער ייד, נאָר אויך אַלס אַ פרייער מענטש... און אָנגעשלאָגן אַזעלכע נאַציאָנאַלע טענער, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט צוריקגעלאָזן אַן עכאָ פון יידישן רענעסאַנס...

נאָר ענגלאַנד האָט ער נישט געקאָנט מוחל זיין פאַר דער פאַרשיקונג פון נאַפּאָלעאָן אויף סט. העלענאַ אינזל. און ער האָט געזאָגט: „הגם ענגלאַנד פאַרמאָגט זער אַ סך וואַסער, איז עס פאַרט נישט גענוג אויף צו קענען זיך ריינוואַשן פון דער זינד, וואָס זי איז באַגאַנגען לגבי נאַפּאָלעאָנען״...

אָבער די ענגלישע פּאָעזיע, דעם גייסט פון שעקספּיר און באַזונדערס פון לאָרד בייראָן, האָט ער גלאָריפיצירט מיט דער גרעסטער באַוווּנדערונג.

איך ווייס נישט צי כ׳וועל זיין גערעכט, ווען כ׳וועל זאָגן, אַז היינעס יידיש־נאַציאָנאַלע לידער זיינען געדיכטעט געוואָרן אונטער אַ געוויסער השפעה פון בייראָנס „העברעאישע מעלאָדיעס״...

מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז לאַנג נאָך פאַר משה העסן, פּינסקערן און הערצלען, האָט שוין היינריך היינע געדיכטעט דאָס וווּנדערבאַרע יידיש־נאַציאָנאַלע ליד, וואָס לייענט זיך אַזוי:

יוסף הלל לעווי

ברעך אויס אין הויכע קלאַנגען,
דו פינסטער, מאַרטירעריש ליד!
וואָס כ'האָב אַזוי לאַנג געטראָגן
אין פלאַמיקן, שטילן געמיט.

עס דרינגט אין אַלע אויערן
אַריין, פון די אויערן אין האַרץ, —
אַז כ'האָב געראַלדיק באַשווירן
דעם טויזנט־יאָריקן שמאַרץ.

עס וויינען די גרויסע און קליינע,
אפילו די קאַלטע הערן,
די פרויען און בלומען זיי וויינען,
עס וויינען אין הימל די שטערן.

און אַלע אָט־די אָדערן פליסן
צוזאַמען מיט ביטערער פּיין, —
צום דרום־אַהינצו, און גיסן
זיך אַלע אין ירדן אַריין...

ס'איז ניט מעגלעך דאָ צו ציטירן די פּאַרכישופטע פּאָעמע „די פּרינצעסין סאַבאַט", ווו היינע האָט אויף אַזאַ וווּנדערבאַרן אופן אַפּאָטעאָזירט דעם שבת, און באַזונדערס דעם דערשלאָגענעם יידן, וואָס פילט אַ גאַנצע וואָך זיך נאָר ווי אַן עלנטער הונט, און אַז ס'קומט אָן דער הייליקער שבת, טוט ער זיך אָן אין אַנדערע בגדים, עסט אַנדערע מאכלים, מאַכט ליכטיק יעדעס ווינקל און באַקומט אַ נשמה יתירה, און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן פּרינץ...

„אַנדערש וואָלט געקלונגען שילערס הימנע, ווען ער וואָלט טשאָלנט נאָר געגעסן", זאָגט היינריך היינע... היינט ערשט דאָס פעגאַמענאַלע ליד „דאָנאַ קלאַראַ", וואָס פאַרענדיקט זיך אַזוי שטאָלץ און באַוווּסטזיניק יידיש, און דערלאַנגט אַזאַ טיף־געפּערלעכן שטאָך אַלע ראַסיסטן און אַנטיסעמיטן, אַז מיר דערפילן זיך נישט נאָר רעהאַביליטירט, נאָר ווי מיר וואָלטן זיי איבער־טריאומפירט...

אומפאַרגעסלעך בלייבט אויך דאָס ליד „בלשצר", די קלאַסישע נאָוועלע „דער רבי פון באַכראַך" און דאָס ליד „צו אדום", וועלכעס איך וויל נאָך ציטירן כדי מיר זאָלן זיך בעסער באַקענען מיט היינעס אָריגינעלן אַריינזאָג און מיט דער אורקראַפט, וועלכע שפּרודלט תמיד פון אים מיט פרישקייט;

ע ס י י ע ן

אין יאָר־טויזנטן שוין און לענגער
דולדן מיר זיך ברידערלעך ;
דו, דו דולדסט מיך, אַז איך אָטעם ;
אַז דו חילדעחעסט, דאָס הולד איך . . .

אָפטמאָל, נאָר אין טונקעלע צייטן,
חערט מיר חונדערלעך צו מוט,
און די ליבע פרומע לאַפּקעס
דיינע פֿאַרבסטו אין מיין בלוט . . .

איצט חערט אונזער פריינטשאַפט פעסטער,
און נאָך טעגלעך נעמט זי צו :
חייל כ׳הייב אַליין אָן צו חילדעחען,
און איך חער כמעט חי דו ! . . .

דאָס ליד, ווען ס׳וואָלט היינט אָנגעשריבן געוואָרן, וואָלט גאָרנישט געקאָנט אַקטועלער זיין, אַזוי צייטלעך־סימפּטאָמאַטיש איז עס . . . אָבער היינעס טיפער, ריינער נאַציאָנאַל־געפיל האָט אים קיינמאָל נישט געלאָזט דעגענערירן צו אַ נאַציאָנאַליסטישן שאָוויניזם. זיין אומבאַגרענעצט וויטער סאָציאַלער בליק האָט שוין דעמאָלט געזען, אַז זיין פאָלק, ווי יעדעס אַנדערע פאָלק פון דער וועלט, וועט אפשר זיין געצוווּנגען צו לעבן צווישן די אַרומיקע פעלקער, דעריבער טאָר קיין שום פאָלק נישט אויפבויען זיין פרייהייט אויף אָן אַנדערן פאָלקס פאַרשקלאַפונג ; און שיילאָקס טיפער, ווייַנענדיקער אויסגעשריי : „דזשעסיקאַ, דזשעסיקאַ !“ וואָס האָט שוידערדיק אַדורכגעקלונגען הונדערטער יאָרן, האָט נישט אויפגעהערט צו נאָגן היינעס האַרץ ביז צו זיינע לעצטע לעבנס־טעג . . .

אין דעם־אָ לידל, ווו ס׳ברעכט אויס מיט יאָמער דער צוויי־טויזנט־יעריקער יידישער ווייטיק, און ווו אַלע טרערן, גיסן זיך אין ירדן אַריין, האָט היינעס דערהויבענע אינטואיציע געגעבן דעם ערשטן בליץ־סיגנאַל פאַרן ציוניזם ; פונקט ווי אינם שווער־אָנגעלאָדענעם רעוואָלוציאָנערן ליד „די וועבער“ — פאַר דעם קומענדיקן סאָציאַליזם . . .

נאָר פאַר דעם נאַריש־טראַגישן שמד, וואָס האָט געזאָלט גילטן אַלס איינטריטס־קאַרטע אויף צו קאָנען דערשלאָגן זיך צו דער קאַריערע פון אַ „דאָקטאָר יורי“, וואָס איז דעמאָלט פאַר די יידן אין דייטשלאַנד נאָך געווען פאַרבאָטן ; אָט פאַר דער זינדיקער שמוציקער איינטריטס־קאַרטע וואָס האָט אויף אייביק באַפלעקט היינעס פּאָעטישן לעבן, האָט דער שוואַך־געוואָרענער לעסטערער, צום סוף פון זיין לעבן, אַזוי שווער און ביטער באַצאָלט . . .

צעפּרעסן פון ווייטיק, כמעט פון אַלע פריינט פאַרלאָזן, האָט דער איינ־זאַמער טויט־קראַנקער פּאָעט אויף דעם אַזוי־גערופענעם „מאַטראַצן־קבר" אַרויסגעשריגן: „איך געהער צום אייביקן פאָלק פון אברהם, יצחק און יעקב, איך באַלאַנג צום פאָלק וואָס האָט דער וועלט אַ גאָט געגעבן! זיי מיר מוחל, גאָט פון אברהם! איך בין אַ קראַנקער, פאַרדאַרטער און פאַרקוואַרטער ייד!"

עס האָט אים אויך נישט געקענט קיין טרייסט ברענגען דאָס בלאָנדע, פוסטע שוועבישע „מעדכען", וואָס איז געקומען פאַרליבט צו דעם דיכטער קיין פּאַריז, אַ דאַנק זיינע ליבע־לידער, אים צו טרייסטן און פלעגן אים, און אים זיס מאַכן די לעצטע מינוטן פון זיין ביטערן לעבן; ווייל צו טיף האָט דער סם שוין געהאַט אַריינגעדרונגען אין זיין גוף און נשמה, און פאַר־צווייפלט אַרויסגעביטערט פון אים:

קיינע גלאָקן הערדען קלינגען,
קיינען קדיש וירד מאַן זאָגן, —
ניכטס געזאַגט און ניכטס געזונגען,
ווירד אַן מיינעם שטערבע־טאַגע...

ביז ענדלעך די דערלייזונג־מינוט איז געקומען: דעם 17־טן פעברואַר, 1856, איז היינריך היינע, נאָך אַ שווערן טויט־קאַמף געשטאָרבן, און צו קבורה געקומען אין פּאַריז, אויפן מאָנמאַרטער בית־עולם.

אַזוי האָט געלעבט, געליבט, געליטן און אין ביטערער חרטה אויסגע־הויכט זיין נשמה, דער עלנטער יידישער געניוס, היינריך היינע.

ריכאַרד בער האָפמאַן

סוף פון חודש אָקטאָבער 1945 איז אין ניו־יאָרק, אין עלטער פון 79 יאָר, געשטאָרבן נאָך אַ זעקס־יאָריקן גלות־אַפריכטן, דערוויטערט פון זיין עסט־רייכישער היים, איינער פון די גרעסטע דייטש־יידישע ליריקער, ריכאַרד בער האָפמאַן.

באַקאַנט איז ער געוואָרן דורך זיין פיינער דערציילונג „דער טאָד געאָרגס״ און זיין טרויער־שפיל „דער גראַף שארלאיס״; אָבער באַרימט איז ער געוואָרן דער עיקר נאָר דורך זיינע קלאַסיש־ביבלישע דראַמען „יאַקאָבס טרוים״ און „דער יונגע דאַוויד״.ביידע מיסטישע שאַפונגען, דורכגעדרונגען מיט טיפע געדאַנקען, שטאַרקע עמאָציעס און פלאַסטישע בילדער, וואָס פירן אונז צוריק אין די פּאַטריאַרכאַלישע לאַבירינטן, אין וועלכע עס ווערט פאַר אונז ווידער וואָך דער גאַנצער עבר...

און אָט פון דעם גאָלדענעם עבר, וועלכן ער האָט אין זיך כולל געווען ווי פאַר אים נאָך קיינער, האָט ריכאַרד בער האָפמאַן געוועבט דעם גרויסן עתיד. פונקט אַזוי וווּנדערבאַר און זעלטזאַם ווי ער האָט עס באַוויזן צו טון אין זיין באַרימטן „מרימס שלאָפליד״, וואָס געהערט בלי שום ספק צו די טיפסטע און פיינסטע לידער אין דער מאָדערנער דייטשער ליריק.

ווייל ריכאַרד בער האָפמאַן האָט געהערט צו די ליריקער אינדיווידואַ־ליסטן וואָס האָבן געקענט זען אין יחיד דעם רבים, און אויך אָפט אין רבים דעם יחיד... האָט ער געזונגען מיט אַ פאַרחלומט עלעגישן טאָן זיין ווונ־דערלעך שלאָפליד, וואָס קלינגט און גיסט זיך ווי די פיינסטע און דינסטע גריק מוזיק פון זאַלווייקס וויגליד, מיט וועלכן זי פאַרוויגט פערגינטן ווען ער קומט צו איר צוריק פון די איינזאַמסטע וויטן:

שלאָף מיין קינד — ס'איז שפּעט שלאָף איין !
זעסטו די זון צו רו דאָרט גיין ?
הינטער די בערגער שטאַרבט זי רויט ;
דו — חייסט נאָך נישט פון זון און טויט,
הויבסט אויף די אויגן צו ליכט און צום שיין,
אַ, חיפיל זונען עס זיינען נאָך דיין,
מרים מיין קינד, מיין קרוין שלאָף איין !

שלאָף מיין קינד — דער אָװנט־װינט װײט ;
פון װו ער קומט, װוהין ער גייט ?
דאָס װייס נישט קיינער, דער װעג איז בלינד,
פאַר דיר און מיר, פאַר אונז אַלע, מיין קינד !
בלינדע — נאָר גייען מיר גייען אַליין,
קיינער קען קיינעמס באַגלייטער דאָ זיין —
שלאָף מיין קרוין, מיין קינד שלאָף איין !

שלאָף — נישט הער זיך איין אין מיר !
פאַר מיר האָט אַ זין דאָס, אַ רויש ס׳איז פאַר דיר ;
אַ רויש פונעם װינט נאָר אַ װאַסער גערין,
און אפשר פון װערטער אַ לעבנס געװין !
װאָס כ׳האָב געװינען מען גראָבט מיט מיר איין,
קיינער קען קיינעמס יורש דאָ זיין —
מרים מיין הארץ, מיין נשמה, שלאָף איין !

שלאָפסטו שוין מרים ? מרים מיין קינד, —
מיר זיינען אַ ברעג נאָר, און טיף אין אונז רינט
דאָס בלוט פונעם עבר — צום עתיד מיט גאָלד,
דאָס בלוט פון די אבות, פול אומרו און שטאָלץ.
אין אונז זיינען אַלע, װער איז דען אַליין ?
דו ביזט זיי׳ר לעבן ! — זיי׳ר לעבן איז דיין,
מרים מיין קינד, אָ מיין טרייסט, שלאָף שוין איין !

װען דאָס ליד פאַרענדיקט זיך, בלייבט צוריק אין אונז אַזאַ זעלטזאַמער בת־קול, װי נאָך פאַרכישופטע אָװנט־גלאָקן װאָס װאָלטן אויפגעהערט צו קלינגען, און מען דערפילט זיך פלוצלינג אַזוי געדריקט, און באַלד אויך װידער דערהויבן, און איינזאַם, פאַרזונקן אין זיך, און אין אַלעם . . יאָ, דאָס איז דער צויבער פון אמתער פּאָעזיע. װער עס פאַרמאָגט דעם צויבער אין זיך, דער איז אַ פּאָעט, װערט באַגייסטערט, און באַגייסטערט אויך אַנדערע.

אילוזיע און װיזיע גיסן זיך צונויף, און פון זיי װערט נולד דער טיפער ליריזם, װאָס גרייפט תמיד אָן די װאָרצלען מיט דער קרוין פונם „עץ החיים און עץ הדעת" . . .

אַמאָל אין די אַלטע גוטע צייטן, װען עסטרייך — רעספעקטיװ װין — איז נאָך געװען דאָס „עלדאָראַדאָ" פון ליטעראַטור, װיסנשאַפט, מוזיק, מאָ־לעריי און סקולפּטור, זיינען דאָרטן געבוירן געװאָרן די שענסטע און געפיל־פולסטע קינסטלער. עס זיינען דאָרטן דערצויגן געװאָרן און ס׳האָבן געלעבט עסטרייכער און דייטשע װי: שובערט, שוהמאַן, בעטהאָװען, באַך, מאָצאַרט און שטרויס. דאָרטן אין דעם שיינעם געמיטלעכן עסטרייך, װאָס איז אַרומ־

גערינגלט מיט די פּרעכטיקע טיראָלער אַלפּן און פּאַרכישופטע אַזיערס, האָבן אויך געלעבט: גרילפּאַרצער, אוהלאַנד, לענוי, קערנער, שפּעטער אויך ריינער, מאַריאַ רילקע, הערמאַן באַר, פּעטער אַלטענבערג, פעליקס סאַלטען, צוזאַמען מיט די דייטש־יידישע מייסטער ווי: אַרטור שניצלער, פעליקס האַלענדער, פראַנץ ווערפעל, מאַקס בראָד, סטעפאַן צווייג, פראַנץ קאַפקאַ, מיט דעם האַלב־יידן הוגאָ פאָן האָפמאַנסטאַל — דער גרעסטער מאָדערנער דייטשער ליריקער, און ריכאַרד בער האָפמאַן, זינט היינען דער גרעסטער דייטש־יידישער ליריקער און דראַמאַטורג.

יעדער איינער פון זיי איז זיך געגאַנגען אויף דעם זעלטזאַמען וועג, צו זיין אייגנאַרטיקן סטיל.

הגם פאַרנעמענדיק די נאַציאָנאַלע ווידוי פון משה העס, לעאָן פּינסקער און טעאָדאָר הערצל, זיינען זיי פאַרט געגאַנגען אויף דעם אַסימילאַטאָרישן אויסגעטרעטענעם וועג — נישט אינהאַלטלעך נאָר שפּראַכלעך — פון זייערע גרויסע פאָרגייער מאָזעס מענדעלזאָן און היינריך היינע, וואָס האָבן געוואָלט אַריינגיסן אין דער פרעמדער דייטשער שפּראַך זייער יידישן איך און אינ־האַלט; איז זייער איך אין דער דייטשער שפּראַך נישט ווילנדיק דערטרונקען געוואָרן. און דער יידישער אינהאַלט אין דער דייטשער שפּראַך האָט נישט געשטאַרקט דעם יידישן גייסט, נאָר די פרעמדע דייטשע שפּראַך... מחמת יידישע ליטעראַטור ווערט נישט געשאַפן אַריינגיסנדיק אַ יידישן אינהאַלט אין וועלכער נישט איז פרעמדער שפּראַך, נאָר להיפּוך, עס ווערט פאַריידישט אַ פרעמדער אינהאַלט אין דער אייגענער שפּראַך... ווייל ביי ליטעראַטור איז דאָס רוב גאָרנישט דער אינהאַלט נאָר די שפּראַך דאָמינירנדיק...

דערפאַר האָבן די רעפאָרם־יידן אָנגענומען דעם אויף דייטש איבערגע־זעצטן העברעאישן סידור, דעם העברעאישן טעקסט מיט דער צייט אין גאַנצן פאַרגעסן, און זיך דערנאָך געשמדט... ווייל די שפּראַך איז אָפט שטאַרקער ווי דער אינהאַלט...

די טראַגישסטע אילוסטראַציע דערפאַר קען דינען דער זעלבסטמאָרד פון די צוויי גרויסע יידיש־דייטשע קינסטלער ערנסט טאָלער און סטעפאַן צווייג; מחמת זיי האָבן פאַרלוירן זייער אודיטאָריע, און צוזאַמען מיט דעם אויך זייער אינהאַלט און ציל פון לעבן...

נישט פיל בעסער איז עס אויך דערגאַנגען דעם פון דער געסטאַפּאָ דערמאָרדעטן פּאָליטיש לירישן דיכטער עריך מיהזאַם, מיט דער אויסגע־וואָרצלטער גרויסער דייטש־יידישער דיכטערין עלזע לאַסקער שילער, די דיכטערין פון די באַרימטע „העברעאישע געזאַנגען", וואָס איז געשטאָרבן ווייט פון איר היים, הגם אין תל אביב.

ווייל זי צוזאַמען מיט אַלע אירע ייִדיש־דייטשע קאָלעגן זיינען אָפּגע־שניטן געוואָרן פון זייער דייטשער אוידיטאָריע...

דעם ייִדישן דיכטער אין פוילן האָט מען דערהרגעט צוזאַמען מיט זיין אוידיטאָריע, אָבער דעם געראַטעוועטן ייִדישן שרייבער איז פאָרט נאָך פאַר־בליבן אַ ייִדיש־רעדנדיק פאָלק הינטער זיך.

להיפוך איז דעם דייטש־ייִדישן שרייבערס אוידיטאָריע לעבן געבליבן, נאָר ער אַליין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבעדיקן מת... זיין דייטשע שפּראַך ווערגט אים, זיין דייטשע אוידיטאָריע האָט פאַר אים קיין אויערן נישט מער. ער האָט פאַרלוירן דייטשלאַנד, און דייטשלאַנד האָט אים אויס־געשפּיגן...

און אַזוי נע־ונד, פון זיין היים פאַרטריבן, האָט אין דעם טומלדיקן מאַטעריאַליסטישן ניו־יאָרק פאַרענדיקט זיין איינזאַם לעבן דער גרעסטער דייטש־ייִדישער ליריקער ריכאַרד בער האָפמאַן, דער וווּנדערבאַרער דיכטער פון „מרימס שלאָפליד", „יעקבס טרוים" און „דער יונגע דאָוויד". דער דאָ־זיקער פיינער און אידעלער דיכטער איז געצוווּנגען געוואָרן פון זיין ביטערן גורל אָפּצולעבן אין טיפער איינזאַמקייט און צו שטאַרבן עלנט.

אָבער זיין ליד, וואָס דרינגט אַריין אין דער אייביקייט, וועט קיינמאָל נישט פאַרגיין. ווייל דאָרט ווו עס הויבט זיך אָן די אייביקייט, הערט אויף די שפּראַך; אייביקע דיכטער לעבן אין אַלע שפּראַכן...

ריכאַרד בער האָפמאַן איז טויט — אָבער דאָס בת־קול פון זיין ליד וועט קיינמאָל נישט פאַרקלינגען אין אונזערע הערצער.

סטעפֿאַן צווייג

עראַזמוס איז פֿאַר זיין יאָרהונדערט געווען מער ווי אַ ליטעראַרישע דערשיינונג. ער איז געווען דער סודותפֿולער אויסדרוק און סימבאָל פֿון זיין גייסטיקער בענקשאַפֿט. יעדע עפּאָכע וואָס וויל זיך באַנייען, פּראָיעקטירט איר אידעאַל לכתחילה אין אַ געשטאַלט. תמיד אָבער ווילט זיך אויס דער צייטגייסט אַ פּערזענלעכקייט אַלס טיפּ, כדי זיין אייגענעם וועזן זינפֿול משיג צו זיין.

אַזוי האָט דער הומאַניזם אין עראַזמוסן דעם „האָמאָ־אוניווערסאַל", דעם פֿילוויסנדיקן, געזען דעם אידעאַלן טיפּ. ווייל לאַנג איז אייראָפּע אייניק געווען אין דעם באַגערטן הומאַניסטישן חלום פֿון אַן איינהייטלעכער ציוויליזאַציע, וואָס האָט געזאָלט מיט איר וועלט־שפּראַך צו אַ וועלט רעליגיע און אַ וועלט־קולטור אַ סוף מאַכן פֿון אַן אור־אַלטער פֿאַרשלייערטער פֿאַטאַלער טאָפּלטקייט.

„די גאַנצע וועלט איז אַ געמיינזאַם פֿאָטערלאַנד", פּראָקלאַמירט עראַזמוס אין זיין „קווערעלאַ פּאַזיס".

פֿאַר עראַזמוסן דערשיינט אייראָפּע אַלס אַ מאָראַלישע אידעע, אַלס אַ פּולקאָם אומעגאָאיסטישע און גייסטיקע פֿאָדערונג; מיט אים באַגינט דער ביז היינט נאָך נישט דערפֿילטער פּאָסטולאַט פֿון אייראָפּעס פֿאַראייניקטע שטאַאַטן אין צייכן פֿון אַ בשותּפֿותדיקער קולטור און ציוויליזאַציע — די דאָזיקע לעצטע אייראָפּעאישע גייסטיקע וועלט־פֿאַרשטענדיקונג. זי באַשאַפֿט אייגנטלעך דעם איינציקן רעליגיעזן גלויבנס־עלעמענט פֿון — איבריקנס — קילן און ראַציאָנאַליסטישן הומאַניזם.

פֿאַר דער דאָזיקער דערציאונג צו הומאַניטעט וויס דער הומאַניזם נאָר איין־איינציקן וועג, דאָס איז דער וועג פֿון בילדונג...

ווען די אַלע געבילדעטע, אינטעלעקטואַלן און ציוויליזירטע וואָלטן די מאַכט געווונען, וואָלט דאָס כאַאָטישע און בעסטיאַלישע געמוזט פֿון זיך אַליין בטל ווערן. מלחמות און גייסטיקע רדיפֿות וואָלטן געוואָרן אַן אָפּגעלעבטער אַנאַכראָניזם. דאָס איז געווען עראַזמוסעס טיפֿסטע טראַגיק און די סיבה פֿון זיין גיכן אונטערגאַנג; זיינע אידעען זיינען טאַקע געווען דערהויבענע, אָבער נישט די מענטשן וואָס האָבן זיי מבשר געווען...

אַ שטילן חוזק זיינען תמיד גורם די שטוב־אידעאַליסטן, ווייל נישט־ווילנדיק גיסט זיך עפּעס אַ שטעכנדיקער געלעכטער איבער די אַלע אַקאַדעמישע וועלט־פאַרבעסערער. הגם זייער איבערגעבענע ליבע און התקרבותפולע איבערגעבנקייט איז תמיד סימפּאַטיש און כמעט רירנדיק, זיינען דאָס דאָך אַ חברה פון עמפּינדלעכע פּעדאַנטן, וואָס פאַרמאָגן נאָר טרוקענע נשמות און טראָגן זייערע לאַטיינישע נעמען ווי אַ גייסטיקע מאַסקאַראַדע... דער גרויסאַרטיקער אָפּטימיזם, וואָס האָט אַנטהאַלטן דעם גרונט פון זייער לערע, האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט שעפּעריש פונאַנדערוואַקסן און פאַרשפּרייטן, ווייל קיין איינציקער פון די טעאָרעטישע פּעדאַגאָגן פון די מענטשלעכע אידעען האָט זיך נישט געפונען, וועלכער האָט געוואָלט פאַרמאָגן די אומגעבראָכענע עלעמענטאַרע קראַפט פון וואָרט כדי אַריינצודרינגען אַראָפּ ביז די טיפסטע שיכטן פונם פאָלק.

סטעפאַן צווייג, דער מאָדערנער קלאַסיקער און מייסטער פון „פאַרפלאָנטערטע נשמות", איז איינער פון די פיינסטע, טיפזיניקסטע דייטשע דערציילער, וואָס איז על פּי צופאַל נאָר אַ ייד; דער דאָזיקער צופעליקער ייד עפנט אונז מיט אַ צויבער־קראַפט די האַלב פאַרזינקענע פאַרגאַנגענהייטס טויערן און פירט אונז אַרום מיט אָנגעצונדענע פאַקלען אין דעם סודותפולן, שוידערלעכן לאַבירינט פון דער פאַרגאַנגענהייט. זיין „עראַזמוס" איז אַ גאָר טיף דורכגעטראַכטע פּסיכאָלאָגישע שילדערונג פון אַ גרויסן פאַרנעם, ווייל דאָס איז אַן אויפגעשטעלטער העלד פון פּאַרטיילאָזיקייט, געלייטערט אין קרישטאַל־ריינע קוואַלן פון היסטאָרישן וויסן און עסייאיסטישער קונסט וואָס סטעפאַן צווייג באַזיצט ווי זעלטן ווער.

און ווייל דאָס בויען איז טאַקע אַ פילאָזאָפישער אני־מאמין, דערפאַר איז דאָ אין דער ערשטער ריי די רייד פון זיין גייסטיקן אינהאַלט, נישט פון זיין קינסטלערישער געשטאַלט.

פון עראַזמוס' בלעטער ווייעט צו אונז אַרויס אַ גליענדיקער צער און אַ צאַפּלדיקע בענקשאַפט פונם גרויסן הומאַניסט און פאַרשריטס־קעמפער, פון דעם עמינענטן וועלט־בירגער און אייראָפּעער.

זיין וועזן ווערט דער אויסדרוק פון אַן אידעע, זיין פּערזאָן — דער סימבאָל פון אַ צייט־אַלטער וועלכע איז געווען איינע פון די וואונדערלעכסטע עפּאָכן אין דער געשיכטע פון רענעסאַנס און הומאַניטעט; זיינע איבערלעבענישן ווערן דער הינטערגרונט און דער תמצית פון זיין ביאָגראַפיע.

ער האָט געלעבט אין אַלע לענדער, און אין קיין לאַנד נישט געווען אין דער היים. ער האָט געקענט אַלע אידעען און פאַר קיין איינציקער זיך נישט אַוועקגעגעבן, ווייל ס'האָט אים געפעלט דער כוח פון מסירות דערפאַר האָט

מרים לעווי, דער זון אברהם אבא, די טעכטער העני, טרודל, און מעלא.

ער זיך תמיד אָפּגעזאָגט פון אַלץ... עראַזמוס׳ לעבנסבילד איז אָבער אויף אונז אַ סך מער משפּיע דורך דעם קעגנזאַץ צו דעם גרויסן רעפאָרמאַטאָר לוטער, וואָס האָט מיט אַ נישט צוריקהאַלטנדיקער שטויס־קראַפט פון אַ נאַציאָנאַלער פאָלקס־באַוועגונג, אַן איבערנאַציאָנאַלן חלום צעבראָכן... און איידער נאָך דער הומאַניזם האָט אויף אַן אמת אָנגעהויבן זיין וועלט באַפרייאונגס ווערק, האָט די רעפאָרמאַציע, די לעצטע גייסטיקע איינהייט פון אייראָפּע, די „עקסצעלסיאָ אוניווערסאַליס״, מיט אַ האַמערקנאַל אויף צוויי צעשמעטערט.

דער קאָנטראַסט פון די צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן ווערט דאָ פּלאַסטיש דאָקומענטירט.

עראַזמוס גיט זיך אונטער אינם וועלט־שטרייט מיט ווייטיקדיקער רו... וואָס זשאַן זשאַק רוסאָ און די ענציקלאָפּעדיסטן זיינען געווען פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דאָס איז עראַזמוס ראָטערדאַמוס געווען פאַר דער רעפאָרמאַציע: ער איז געווען איר דענקערישער וועג־פאַרבאַרייטער.

מיט פאַרבלאָזע האָר, מיט אַ טאָנלאָזער שטים און מיט אַ קראַנקן גוף איז געזעסן אַ מענטש אין זיין שטודיר־צימער אַרומגערינגלט מיט ביכער. אַ מענטש, וואָס האָט דורכגעוואַנדערט פיל לענדער: האָלאַנד, שווייץ, איטאַליע, ענגלאַנד, און אין פיל פון זיי געלעבט, האָט ער אָבער אין זיי אַליין נישט מער געזען ווי ביבליאָטעקן. אין אַלע לענדער האָט ער געהאַט חברים פון זעלביקן סאָרט, מיט זיי געלעבט, און אין זיי אַלע נאָר געזען וועלטן פון בילדונג און קיינמאָל נישט דיווירקלעכקייט.

געלעבט האָט ער אונטער אַ פרעמדן נאָמען, געשריבן און גערעדט נישט אין זיין מוטער־שפּראַך, אין אַלט־לאַטיין. ער האָט מיט אַ קרישטאָ־לענעם געהירן געגלויבט אין אייראָפּעס איינהייט, אין שלום אַלס אַ דויער־האַפטיקן צושטאַנד, און אין דער מעגלעכקייט פרידלעך צו פאַרייניקן אַמאָל־גאַמירן אַלע קעגנזאַצן פון דער וועלט. מלכים האָבן זיין חסד געזוכט, פּויפּסטן און אוניווערזיטעטן האָבן זיך אים אָנגעבאָטן, ווייל ער איז געווען — סיי אין זיינע בריוו, סיי אין זיין וויסנשאַפטלעכן ווערק — דער ערשטער וועלכער האָט אויסגעדריקט די אידעען וואָס האָבן געשוועבט אין דער לופט אין זיין צייט. דערפאַר איז ער געשטאַנען אויף דער שוועל צווישן רענעסאַנס און רעפאָרמאַציע אַלס אומבאַשטריטענע גייסטיקע אויטאָריטעט פון דער מערב־אייראָפּעאישער וועלט.

שטאַרקערע האָבן פאַר אים אַרויסגעטראָגן אין דער וועלט אַריין וואָס ער האָט באַדאַרפט. בלוטפולערע פון אים האָבן געפּרוווט דאָס, וואָס פאַר

אים איז עס נאָר געווען אַן אידעע. לוטער, מעלאַנסטאָן, הוסט און אולריך פאָן הוטען, וועמען ער האָט אייגנטלעך ענטדעקט און שפּעטער פאַרראַטן...

בעת הינטער די פּראָנטן פון יענער צייט האָבן זיך גרופּירט די פאַר־אינטערעסירטע כוחות — ווען די קאַמפן פאַר דער רעפאָרמאַציע האָבן באַגינען און אויפן מעסערשייד זיינען געשטאַנען קריג און פרידן, ברכה און קללה, האָט זיך געפונען איין מענטש וועלכער איז געווען אַן אויטאָריטעט פאַר ביידע קעגנערישע ריכטונגען — פאַר די פון רעפאָרמאַציע, און פאַר די פּויפּסט און קיסר ריכטונג — און דאָס איז געווען עראַזמוס פון ראָטער־דאַם.

אין ביידע רייכסטאָגן, אין וואָרמס און אין אויגסבורג, האָט זיך געשאַפן אַ מעגלעכקייט די שיינבאַר פיינטלעכע כוחות צו פאַרבינדן. צוויי מאָל איז געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט אויסצומיידן די נויט און פאַרוויסטונג פון ווייטע איראָפּעאישע טיילן, וועלכע דער 100־יאָריקער קריג פאַר דער רעפאָרמאַציע האָט מיט זיך געבראַכט. אויף ביידע רייכסטאָגן האָט די וועלט דערוואַרט דעם איינציקן באַרופענעם פאַרמיטלער. דער קיסר אַליין האָט אים פאַרבעטן קיין אויגסבורג, אַ וועלט האָט געוואַרט דערויף, אַז אַ מאַן זאָל זיין רום פאַראַמתן, אַ מענטש זאָל פאַר זיינע אידעען מוטיק קעמפן און דער זעלבער, וואָס האָט די פאָדערונג אַרויסגעשטעלט, זאָל דאָס דערלייזנ־דיקע וואָרט, אָן פּחד, אַרויסזאָגן.

אָבער עראַזמוס איז נישט געפאָרן קיין וואָרמס און נישט קיין אויגס־בורג. ער האָט זיך געשלעפּט פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, ווייל איינע איז אים געווען צו קאַטוילישׂ, אַ צווייטע — צופיל רעפאָרמירט; האָט ער אין דער שווייץ אָפּגעזוכט אַן עיר מקלט, ווייל דאָס נייטראַלע איז פאַר אים געווען דער אמתער לעבנס־רוים.

בעת דאָ און דאָרט האָבן מענטשן פאַר דער זאַך זייער לעבן אָפּגעגעבן, לוטער אין וואָרמס, און הוסט אויפן שייטערהויפן, בעת די רעפאָרמאַטאָ־רישע און די פּאַסיפיסטישע אידעע האָט צו זיך צוגעצויגן מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַר איר מקריב געווען, האָט די אידעע פון באַפרייטן איראָפּע, דער נייטראַלער געדאַנק וואָס האָט געזאָלט פאַרבינדן פאַרשידנאַרטיקע וועלטן, נישט געפונען קיינעם וואָס האָט זיך געזאָלט אָפּגעבן פאַר אים. יאָ, קיינעם נישט, וואָס האָט אים געזאָלט געבן „קראַפט איבער זיין קראַפט״.

בעת עראַזמוס׳ אידעען זיינען געוואָרן לעבן, און דערמיט געפערלעך ווי דאָס לעבן גופא, האָט ער געשוויגן, און אונטער טויזנטער אויסריידן זיך אויסבאַהאַלטן כדי מען זאָל אים נישט דערקענען... אין אַ גרויסער גע־הויבענער שעה פון מערב־לאַנד איז אַ גייסטיקער פירער פון אַ וועלט באַ־

רופֿן געוואָרן איר פֿירער צו זיין, איז ער דער גייסטיקער פֿירער אַנטלאָפֿן „אין דער ספֿערע פֿון באַזינונג" און מיט קיינעם זיך נישט געוואָלט פֿאַר־בינדן.

די טויזנטער טויטע, די הונדערטער צעשטערטע שטעט און דערפֿער, איראָפּעס צעריסענע איינהייט, וואָס איז אַ שעה לאַנג וואַרטנדיק געשטאַנען פֿאַר די טויערן, זיינען געווען עדות פֿאַרן פֿעלנדיקן מוט און איבערגעבנקייט פֿון איינעם, וואָס האָט דעם רום און די גייסטיקע התחייבות אין דער מינוט פֿון פֿאַרווירקלעכונג נישט געוואָלט דערפֿילן, ווייל ער האָט געמיינט אַז ער שטייט העכער פֿון ווירקלעכן לעבן. און אַ 60־יאָריקער אַנטלויפֿט עראַזמוס פֿונם טומל און האַרמידער פֿון דער וועלט קיין פֿרייבורג און דאָרט לעבט דער אַנטלאָפֿענער צען יאָר אין טיפֿער איינזאַמקייט, אַ צוריקגעצויגענער ביז ס'דערגרייכט אים דער טויט אין בראַבאַנט.

פֿריי איז ער געשטאָרבן, פּונקט אַזוי פֿריי ווי ער האָט געלעבט... פֿריי אָן אַ פּשוטן קייזערלעכן קלייד, אָן וועלכע נישט איז מעדאַלן, אָן אַלע ער־דישע כיבודים, פֿריי ווי אַלע איינזאַמע — און איינזאַם ווי אַלע פֿרייע.

צו עראַזמוס' יאָרצייט איז אין פּלאָרענץ דערשינען איינע פֿון די אַנט־שיידנסטע און כמעט וויכטיקסטע ביכער פֿון דער וועלט־געשיכטע, דאָס בוך פֿון פֿירשט מאַקיאַוועלי, דאָס לערנבוך פֿון ריקזיכטלאָזסטער מאַכט און „געוואַלט־פּאָליטיק". און דאָס דערמעגלעכט סטעפֿאַן צווייג אַלס שלוס־קאַ־פּיטל צו וואַרפֿן אַ גרויסאַרטיק ווייטן בליק אויף די ביידע גרונטפֿאָרמען פֿון יעדער פּאָליטיק, די פּראַקטישע און די אידעאַלע, די דיפּלאָמאַטישע און די עטישע, די מלוכה־פּאָליטיק און די מענטשהייטס־פּאָליטיק.

פריץ מרדכי קויפמאַן

פריץ מרדכי קויפמאַן — אַ קינד פון אַן אַסימילאַטאָרישער היים, זיך מוסר־נפש געווען פאַר מזרח־יידן און זייער קולטור — פאַרלאָזן געטהע, ניצשע, וואַגנער, מאָצאַרט, לעהנבאַך, דירער; געלערנט „מאַמע־לשון", גע־ליבט דאָס פאָלקס־ליד אהבת־נפש; נתפעל געוואָרן פון אַ יידישן ניגון; זיך געשפּיגלט אין מענדעלע, פּרץ; געשעצט באָראָכאָוו, זשיטלאָווסקי און בירנ־בוים, די דריי גרויסע פאַקל־טרעגער פונם יידישן רענעסאַנס.

און סך־הכל נאָר 33 יאָר אַלט געוואָרן! עפּעס אַ נאָגנדיק געפיל נעמט אַרום די נשמה, גלייך ווי דער הבל־הבלים וואָלט אויף אונז זיינע בלייערנע פליגלען אויסגעשפּרייט — און ס'ווערט עפּעס אַזוי מאָדנע באַנג אויפן האַרצן אַז נישט ווילנדיק טראַכטן מיר: דער מענטש, די קרוין פון דער נאַטור, דער גרויסער גיבור ווערט מיט איין מאָל פּלוצלינג אַזוי מאַכטלאָז, נעמט און שטאַרבט אַוועק כלא היה... זיין בטחון, זיין אמונה, זיין שטרעבן, זיין ליידן — אַלץ ווערט מגולגל אין אַ שטויב...

און די נשמה? — אפשר פאַרגייט זי פון דעם מענטשלעכן גוף, ווי דער קלאַנג פון אַ פידל, וועלכע ציטערט נאָך דערנאָך לאַנג אין דעם קאָסמיש־צאַרטן עטער־אויר — נאָר צו גראָב זיינען אונזערע אויערן, און דערפאַר הערן מיר דאָס נישט...

און ס'קומען אונזערע נאָנטע חברים, פאַרשטאָרבענע באַקאַנטע און זעצן זיך אַוועק צווישן די גרעניצן פון טויט און פון לעבן, אויף דער שוועל פון אונזער חלום, און ווינקן מיט צוטריקנטע דאַרע סקעלעטן־הענט: מיר זאָלן זיי געדענקן...

מיין טייערער האַרציקער פריינט, פריץ מרדכי קויפמאַן! אויך איך הער דיין האַלב־מעלאַנכאָליש־שטילן רוף, פאַרנעפּלט מיסטיש אין מיין לעבן אַריינקלינגען — און איך וועל דיך געדענקן!...

אין קראָקע, אין 1911 איז דאָס געווען אויף דער פּועלי־ציון וועלט־קאָנפערענץ. אין זאַל פונם יידישן טעאַטער זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט אַלע דעלעגאַטן; און ווי צוויי שטערן האָבן פון דעם יידישן הימל אַרויסגע־לויכטן מיט אַ באַזונדערן גלאַנץ, באָראָכאָוו און ד״ר בירנבוים — ד״ר בירנ־בוים איז דאָרט נאָר אַ גאַסט געווען, און מיטגעבראַכט האָט ער מיט זיך זיין

יונגען תלמיד פּ. מ. קויפמאַן, כדי אים דעם מזרח און זיינע רעפּרעזענטאַנטן צו ווייזן. און אַט ביי דער געלעגנהייט האָב איך געהאַט די זכיה, דורך ד״ר בירנבוים, זיך צו באַקענען מיט פּריץ מרדכי קויפמאַן.

— דאָס איז דער „דאַטש״! — האָט ד״ר בירנבוים מיט אַ נצחון־שמייכעלע צו אונז געזאָגט, און אונז מגלה געווען, אַז דער „דאַטש״ געהערט שוין לאַנג צום עבר...

און זינט דאַמאָלט האָב איך און אַלע מיינע באַקאַנטע אים גערופן דער „דאַטש״... מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג „געדאַטשט״ מיט אים, ביז איינמאָל האָט ער אַ פאַרשעמטער מיך גערופן אין אַ זייט און געבעטן ביי מיר און מיינע חברים, אַז מיר זאָלן אים נישט מער אַזוי רופן...

מיר האָבן אַלע שטאַרק חרטה געהאַט און אים מפייס געווען

און געפילט האָב איך, אַז דער נוהב פאַר אונזער קולטור און שטאַרקער בעל־חלומות טראָגט צו מיר אַ געהיימע סימפּאַטיע; און ווען מיר האָבן זיך געהאַט דורכגעשמועסט, האָב איך באַלד דערזען, אַז איך האָב קיין טעות נישט געהאַט, און ערשט דערקענט זיין גאָלדן האַרץ, זיין גרויסע רייכע נשמה, זיין עניוות. און איך האָב דערפאַר געזוכט אויף פאַרשידענע אופנים אים מיין קעגן־ליבע אַרויסצווייזן. איך האָב אים באַלד מהנה געווען מיט עטלעכע לידער, קראָקעווער לעגענדן. ער האָט מיר וואַרעם די הענט געדריקט פון דאַנקבאַרקייט און מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים ווייזן דעם מקור, פון וואַנען איך האָב זיי גענומען. מיר האָבן זיך אויף אַן אַנדערן טאָג באַשטעלט און איך האָב אים זיין בקשה ממלא געווען...

מיר גייען דורך דעם אַזוי באַקאַנטן קראָקעווער „קוזמאַרק״, „קאַזשימיערזש״... וועלכער ליגט צווישן די צוויי אַפּטייקן „פּאַדמוזשינעס״ און „פּאַד זלאָטעם אָרלעם״.

פאַר אַ טראַפּיק זיצן יידענעס מיט גרויסע לעדער־טאָרבעס און בייטן מטבעות. נעבן זיי שטייען יידעלעך, זייערע קאָנקורענטן; בעלפּערס, וועלכע האָבן אוודאי זייערע תלמידים צו שטאַרק געצויגן פאַר די אויערן, שטייען מיט חול־המועד־שטימונג און וואַרטן אויף נייע פּאַסטענס; האַנדלס־אַגענטשטעלטע שושקן זיך מיט מעקלערס; קעכענס פאַרדינגען זיך פאַר אַמען; שדכנים, בדחנים, און סתם אַזוי יידן לופט־שלינגערס, דרייען זיך אַרום פאַרסאַפּעט, אַרבעטן מיט די הענט, רעדן פאַר פייער און פאַר וואַסער, וואַרטן מיט פאַרחלשטע הערצער אויף אַ באַשערעניש... גויים קומען נאָכצוקוקן זייערע לאַטעריע־צעטלען, צי זיי האָבן נישט געמאַכט אַ טערנע — און ס'ווימלט די יידישע „בערזע״...

מיר פאַרלאָזן דעם טאַראַראַם און גייען דורך דער „הויכער גאַס״, מיט

די מאָדנע פאַרעלטערטע הייזער, צו דער „אַלטער שול״, וועגן וועלכער מען דערציילט, אַז פאַר טויזנט יאָר איז דאָ אַמאָל געווען אַ קעניגלעכע ביבליאָטעק — דער אַריינגאַנג אין שול פירט דורך אַ טיפער טרעפּ... איך ווייז קויפמאַנען דעם „באַנקאַייזן״ (אַמאָל פלעגט מען דאָ אַנבינדן די פאַרחרמטע) די פאַרשידענע אַנטיקן, גרויסע מעשענע הענג־לייכטער, פּרוכתן פון שפּאַנישער צייט מיט רובינען, פּערל און גאָלד געהאַפטן; דאָן דעם פּנקס, דעם געלן מיט טרערן־געפלעקטן קראָקעווער כראָניק־בוך, ווו ס׳זיינען פאַרשריבן די שוידערדיקסטע מעשיות. און דאָרט נעבן מזרח די מיט האַלצ־לייסטלעך פאַרשלאָגענע „שטאָט״ (אַמאָל איז דאָרט דער אַלטער קראָקעווער רב געזעסן) — און דער איידעלער עסטעט שווייגט.

מיר פאַרלאָזן די שול און גייען צום „חתונה־בית־הקברותעל״, וועגן וועלכן ס׳דערציילט זיך:

אַמאָל האָט דאָ געווינט אַ קראָקעווער נגיד, און חתונה געמאַכט זיין בת־יחידה. אין אַ פרייטיק איז עס געווען. געקומען אַן אורח מיט אַ טלומעקל אויף די פּלייצעס, געבעטן אַ טרונק בראָנפען מיט אַ שטיקל לעקעך. דער עולם איז געווען פאַרשיכורט און פאַרהוליעט און אים נישט געוואָלט אויס־הערן... ער בעט זיך: „יידן בני רחמנים! דעם לעקעך און בראָנפען מוחל, אָבער — שבת, געוואַלט! ס׳איז שוין שפּעט מקבל שבת צו זיין!״ און דער עולם הערט אים ווייטער נישט...

און באַלד איז דער יידל נעלם געוואָרן, פאַרשאָלטן דאָס הויז, אַז ס׳זאָל איינגעזונקן ווערן. שטייט עס נאָך עד היום לזכר און רופט זיך „חתונה־קברותל״. אויף קבר־אבות קומט מען דאָרט נישט, נאָר אַ פּאָר אָפּגעמעקטע מצבות ליגן אויף אַ בערגל. און אין קראָקע טאָר מען פרייטיק נישט מער חתונה מאַכן...

אַקעגן דעם „חתונה־קברותל״ שטייט „רמ״א׳ס שול״ צוזאַמען מיט זיין „ציון״... אַמאָל האָט אין קראָקע געזאָלט זיין אַ שחיטה. האָט דער רמ״א הקדוש באַפוילן זיינע תלמידים, אַז צוועלף ביינאַכט זאָלן זיי זיך אָנטון אין קיטלען און טליתים און מיט לאַנגע דרענגער אין די הענט, און זיך אַוועק־שטעלן אויף די בית־החיים־טויערן. און ווען דער ווילדער המון איז געקו־מען, זיינען זיי פון די טויערן אַראָפּגעשפּרונגען, און פון פּחד פאַר די מתים איז אַ טייל אומגעקומען און אַ טייל זיך צעלאָפן — אַזוי זיינען די יידן דעמאָלט ניצול געוואָרן פון אַ שחיטה...

מיר גייען אַריין אין שול, איך ווייז קויפמאַנען דעם רמ״א הקדוש׳ס שטעקן; זיין ספר־תורה, וואָס ער האָט אַליין געשריבן — אַ סך יריעות זיינען שוין צוגעשריבן, דאָס רוב אָבער זיינע אייגענע... און פון שול פיר

איך אים אין זיין „ציון". ער וויל מיר עפּעס זאָגן אויף יידיש (דעמאָלט האָט ער נאָך נישט געקאָנט), ראַנגלט זיך מיט אַלע כּוחות, כאַפּט זיך פאַר אַ יידיש וואָרט...

און איך דערפיל די טראַגעדיע פון אונזער אינטעליגענץ...

מיר שטייען פאַרן רמ"א הקדוש׳ס קבר. אונטער אַן אוהל פון אַן אַלטן דיק־באַוואַקסענעם בוים געפינט זיך די ברייטע מצבה מיט טויזנטער קוויט־לעך און בקשה־שריפטן אין די שפּעלטלעך באַצירט. אַרום איז דער קבר פאַרצוימט מיט אייזערנע שטענגלעך, און דאָ, דאָ ליגט דער רמ"א הקדוש!

ווייטער אַרויף ביי די „שני הרוגי מלכות"... דער „תוספת יום טוב", דער „מגלה עמוקות"... און הייליקע צדיקים.

מיין פריינט שוויגט, ער פאַרשטייט, אַז מ׳טאָר די קדושה מיט קיין ווערטער נישט מחלל זיין...

צומאָרגנס גייען מיר דורך די אַלעען צו דעם „וואַוועל" (אַ שלאָס פון פוילישן מלך). ער גייט מיט מיר אַזוי הכנעהדיק; ער ווייסט גאָרנישט, מיט וואָס און ווי אַזוי ער וועט מיר קענען אַמאָל אָפּדינען.

און ווען מיר זיינען פון וואַוועל אַרויס, האָבן מיר נאָך לאַנג ביז אין דער האַלבער נאַכט אַרומשפּאַצירט נעבן דער ווייסל, שמועסנדיק און זינ־גענדיק פאָלקס־לידלעך...

דעם לעצטן טאָג פאַר זיין אַוועקפאָרן האָט ער ביי מיר אויך געבעטן, איך זאָל אים ווייזן די תלמוד־תורה; און אויפן וועג צו איר פרעגט ער מיך, צי איך לייג תפילין? אוודאי אונטער זיין גרויסן רבינס השפעה האָט ער געוואָלט וויסן דעם רעליגיעזן מצב פון דער מזרח־יידישער יוגנט. מיר זיינען געקומען צו דער תלמוד־תורה. די יינגעלעך זיינען פּונקט דעמאָלט פון חדר אַרויסגעגאַנגען, טראָגנדיק שטיוועלעך און מלבושימלעך אויף די אַקסלען, וואָס די חברה „מלביש ערומים" האָט זיי פאַרטיילט יעדן ווינטער... די יינגלעכס פּנימלעך האָבן געשטראַלט פאַר שמחה. זיי האָבן געהויבן די דאַרע פיסלעך און לעבעדיק אונטערגעשפּרונגען.

נאָר איין יינגעלע האָט קויפמאַן באַמערקט, פון אַלע קינדער, האָט ער זיך אים אויסדערוויילט... בלייך איז דאָס יינגעלע געווען, מיט אַ מאָגער פּנימל, פון וועלכן ס׳האָבן זיך נאָר אַ פּאָר אויגן אַרויסגעזען, און וואָס פאַר אַ אויגן? אַזעלכע גרויסע, טרויעריק, שוואַרצע, אַזעלכע טיפע מעלאַנכאָ־לישע יידישע אויגן, וואָס ווי נאָר דו טוסט אַ קוק אין זיי קאָנסטו באַלד דיין גאַנצע מאַרטירער־געשיכטע לייענען. קיין שטיוועלעך און קיין בגד ווי די אַנדערע קינדער האָט דאָס יינגעלע נישט געטראָגן; און דאָך זיינען זיינע

שטיוועלעך געווען אָפּן, פּשוט אָן זוילן, זיינע הייזלעך צעריסן, אַזוי אַז מען האָט אים במחילה דאָס העמד אַרויסגעזען...

„פּאַרוואָס", האָט קויפמאַן אין אַ שלעכטן ידיש ביי דעם יינגעלע געפרעגט, „טראָגסטו נישט שטיוועלעך און אַן אַנצוג ?"

דאָס יינגעלע האָט זיך פאַרוויטלט און אַראָפּלאָזנדיק די טרויעריקע אויגן, פאַרשעמט געענטפערט מיט אַ וויינענדיקן קולכל: „די מאַמע ליגט קראַנק און לאָזט נישט נעמען... ווען זי וועט געזונט ווערן וועט זי מיינע הויזן שוין פאַרלאַטן און די שטיוול געבן צום שוסטער".

„וווּ איז דיין טאַטע, יינגעלע ?"

דאָס יינגעלע האָט געענטפערט : „אין אַמעריקע"...

די גאַנצע צייט האָט זיך שוין קויפמאַן נישט געקענט פון דעם יינגל באַפרייען, תמיד אים געהאַט פאַר די אויגן, און בשעת מיר האָבן זיך געזעגנט, האָט צו מיר קויפמאַן געזאָגט : „דעם משל דאַרף מען געבן די דייטשע יידן. זיין קראַנק, אַרומגיין באָרוועס און מיט צעריסענע קליידער, און פון פרעמדע קיין נדבות נישט נעמען ; נאָר מיט קראַנקע ציטערדיקע הענט, יאָ, מיט אייגענע הענט לאַטן !"...

— אַ ווי הייליק איז די ידישע „לאַטע", דער פאָדעם איז פון טרערן געדרייט און יעדער שטאָך, יעדע נאָנט איז מיט בלוט פון דער טרייער באַטריבטער מאַמעס גוטע האַרץ...

און פריץ מרדכי קויפמאַנס אויגן האָבן זיך מיט טרערן אָנגעפילט...

אין מינכען אין יענע יאָרן, נאָך אַ פאַרטראָג האָבן מיר זיך ווידער זינט ניין יאָר געטראָפן — לידער האָט מיין גורל מיר נישט דערלויבט מיט אים נאָך אַמאָל זיך צונויפצוקומען און איך נישט געוווּסט, אַז ער גייט דאָס מאָל מאַכן אַ זער ווייטע נסיעה, פון וועלכער ס'קערט זיך שוין קיינער קיינמאָל נישט צוריק...

די גרויסע נשמות, די גאָלדענע זונען האָבן דער ערט אַ הימל געגעבן ; און דאָך — ווי אומזיכער וואַנדל איך אין אייער ליכט...

איך הער פון שויפל ערט דעם לעצטן קלאַנג, וואָס שפּרייט זיך אויס אין שוואַרצע פליגלען אויפן תהום פון אייביקייט...

ביבליאָגראַפיע

יעפים ישורין

יוסף הלל לעווי ביבליאָגראַפיע

אַרטיקלען וועגן יוסף הלל לעווי

1. אויערבאַך, שלמה : **דער דיכטער יוסף הלל לעווי.**
נייע יידישע צייטונג, מינכען, נאָוועמבער 20, 1953.

2. אלמי, א. : **יוסף הלל לעווי.**
פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, אויגוסט 14, 1942, ז' 5.

3. אלמי, א. : **וועגן צוויי דיכטער. י. ל. קאַלושינער. יוסף הלל לעווי.**
פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, מערץ 3, 1950, ז' 5.

4. באָטאָשאַנסקי, יעקב : **י. ה. לעווי — דעם סופרס זון.**
די פּרעסע, בוענאָס איירעס, מאַי 15, 1955.

5. [באשעוויס יצחק] יצחק וואַרשאַווסקי : **יוסף הלל לעווי, „מיין טאַטע דער סופר און אַנדערע פּאָעמעס", לאָנדאָן, 1949.**
„פאָרווערטס, ניו יאָרק, יאַנואַר 23, 1949.

6. [באשעוויס יצחק] יצחק וואַרשאַווסקי : **דריי נייע ביכער אויף אידיש.**
פאָרווערטס, ניו יאָרק, יאַנואַר 23, 1949.

7. [באשעוויס יצחק] יצחק וואַרשאַווסקי : **ערשטער באַנד געזאַמעלטע שריפטן פון יוסף הלל לעווי.**
פאָרווערטס, ניו יאָרק, יוני 3, 1956.

8. בינענפעלד יוסף הלל : **דער לעצטער שפּאַציר מיט יוסף הלל לעווי.**
לשון און לעבן, לאָנדאָן, מאַי 1955, ז' 18—19.

9. גאָטליב, נ. י. : **„ווען די וועלט ברענט" — דערציילונגען פון יוסף הלל לעווי.**
קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יולי 28, 1944.

10. גלאַטשטיין, יעקב : **יוסף הלל לעווי.**
אידישער קעמפער, ניו יאָרק, מאַי 11, 1956, ז' 14.

11. דאָדניק, י. : **ענטפערט אויפן אַרטיקל פון יוסף הלל לעווי.**
פרייע אַרבעטער שטימע, ניו יאָרק, אויגוסט 21, 1942, ז' 7.

12. דאָרפזאָן, ש. י. : **נאָך די עגלות פון פארשטאָרבענע יידישע שרייבער...**
אונזער וואָרט, פאַריז, מאי 14, 1955.

13. דאָרפזאָן, ש. י. : **נאָך די עגלות פון לאָנדאָנער יידישע שרייבער.**
„דרום־אפריקע״, יאָהאנעסבורג, יאנואר 1956, ז׳ 27.

14. [וואלדמאן מ.] : **יוסף הלל לעווי.**
פאר אונזערע קינדער, פאַריז, נומ. 31—32, 1955, ז׳ 29.

15. זאראמבא, ב. : **יוסף הלל לעווי : אלטע און נייע לידער.**
ליטעראַרישע בלעטער, ווארשע, נומ. 14, אפריל 8, 1927, ז׳ 277.

16. טענענבוים, ש. : **דאָס שטילע ליד פון יוסף הלל לעווי.**
די שט־מע, מעקסיקע, אָקטאָבער 29, 1955.
״ ״ ״ נאָוועמבער 5, 1955.

17. טענענבוים, ש. : **דאָס שטילע ליד פון יוסף הלל לעווי.**
פריילאנד, פאריז, אפריל—יוני 1956, ז׳ 4—5.

18. לאטין, ה. ל. : **אונזער חבר, דער דיכטער יוסף הלל לעווי, א בן־ששים.**
פרייע טריבונע, פאַריז, סעפטעמבער 1951, ז׳ 39.

19. ליסקי, י. א. : **יוסף הלל לעווי.**
לשון און לעבן, לאָנדאָן, מאי 1955, ז׳ 8—12.

20. ליסקי, י. א. : **פון צווישן די געזאמלטע שריפטן.**
יוסף הלל לעווי. געזאמעלטע שריפטן, בוך 1, לאָנדאָן, 1956, ז׳ 15.

21. מייזיל, נחמן : **אנטאָלאָגיעס פון יידישער פּאָעזיע.**
יידישע קולטור, ניו יאָרק, דעצעמבער 1954, ז׳ 20.

22. ניגער, ש. : **פארשפעטיגטע לידער.**
„טאָג״, ניו יאָרק, אויגוסט 1, 1942.

23. נייגרעשל, דר. מענדל : **ש. י. אימבער און דער אויפקום פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע אין גאליציע.**
צוקונפט, ניו יאָרק, פעברואר 1950, ז׳ 77.

24. סאַכאטשעווסקי, ב. א. : **יוסף הלל לעווי. א בן־ששים.**
פרייע ארבעטער שטימע, ניו יאָרק, אפריל 13, 1951, ז׳ 5.

25. פאנער, יצחק : **ליטעראטור־קריטיק.**
ניי וועלט, תל־אביב, מאי 21, 1954.

26. ראוויטש, מלך : **„פרומע געזאנגען״ פון יוסף הלל לעווי.**
ביכער־וועלט, ווארשא, יאנואר—אפריל 1923, ז׳ 69—70.

27. ראוויטש, מלך : **לידער וועגן א טאטען א סופר.**
קענעדער אָדלער, מאָנטרעאָל, יולי 2, 1951.

28. ראוויטש, מלך : **לידער וועגן א טאטן א סופר.**
ארבעטער־וואָרט, פּאַריז, יולי 6, 1951.

29. ראוויטש, מלך : **יוסף הלל לעווי . . . צו זיינע שלושים.**
לעצטע נייעס, תל־אביב, יוני 10, 1955.

30. ראוויטש, מלך : **באגלייט וואָרט.**
יוסף הלל לעווי, געזאמלטע שריפטן. בוך 1, לאָנדאָן, 1956, ז׳ 11—14.

31. רייזען, אברהם : **ווען די וועלט ברענט.**
די פעדער, ניו יאָרק, 1945, ז׳ 168.

32. רייזען, זלמן : **יוסף לעווי.**
לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראטור, פרעסע און פילאָלאָגיע, צווייטער באנד, ווילנע, 1930, שפאלטן 214—215.

33. [שטענצל, א. נ.] : **יוסף הלל לעווי.**
לשון און לעבן, לאָנדאָן, מאי 1955, ז׳ 5—7.

נאָטיצן אין צייטונגען און זשורנאַלען

34. אויפן שוועל, ניו יאָרק : **מערץ—אפריל 1955, ז׳ 20.**
יוסף הלל לעווי.

35. אונזער שטימע, פּאַריז : **אפריל 5, 1955.**
געשטאָרבן דער יידישער דיכטער יוסף הלל לעווי.

36. אידישע שטימע, לאָנדאָן : **אפריל 6, 1955.**
יוסף הלל לעווי, ע״ה.

37. ארבעטער־וואָרט, פּאַריז : **אפריל 29, 1955.**
יוסף הלל לעווי.

38. ארגענטינער ביימעלעך, בוענאָס איירעס : **מאי—יוני 1955, ז׳ 6.**
לידער פון יוסף הלל לעווי.

39. לשון און לעבן, לאָנדאָן : **אפריל 1955, ז׳ 16.**
יוסף הלל לעווי ע״ה.

40. נייע יידישע צייטונג, מינכען : **אפריל 22, 1955.**
יוסף הלל לעווי.

41. פאר אונזערע קינדער, פּאַריז : **אפריל 1951, ז׳ 14.**
יוסף הלל לעווי.

42. פאָרווערטס, ניו יאָרק : **אפריל 13, 1955.**
אידישער דיכטער יוסף הלל לעווי געשטאָרבן אין לאָנדאָן.

43. פריילאנד, פּאַריז : **יולי—סעפטעמבער 1955, ז׳ 17.**
יוסף הלל לעווי.

44. *Leftwich, Joseph:* Joseph Levy.
Anthology of Yiddish Poetry, Cambridge, Mass. 1939, p. 280.

ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונגען אָנגעגעבען פון יוסף הלל לעווי

אין בוך 1, געזאַמעלטע שריפטן, ארויסגעגעבען אין לאָנדאָן אין 1956, אויף דער זייט 374 :

באַדער, גרשם : **די ליטעראַרישע יידישע וועלט.**
די יידישע וועלט, קאַנאַדע.

בינענשטאָק, דר. : **לעמבערגער טאָגבלאַט.**
גרוזמאַן, י. ל. : **דער שפיגל, בוענאָס איירעס.**
וואָלף, לייזער : **ווילנער טאָג.**
זילבערשטיין, ביינוש : **בעלגישע בלעטער.**
די פּרעסע, אַנטווערפּען.

טויבש, יעקב שמואל : **לשון און לעבן, לאָנדאָן.**
לעבעדיגער (דער) : **דער מאָרגען זשורנאַל, ניו יאָרק.**
לעפּטאָוויטש, יוסף : **דזשואיש קראָניקל, לאָנדאָן.**
עהרליך, משה : **י. ה. לעווי דער ליריקער.**
קראָקאָווער וואָכנבלאַט.

פוקס, ל. : **לאָדזער טאַגעבלאַט.**
פענסטער, הערש : **דער פרייער געדאַנק, פּאַריז.**
קוק, הרב אברהם : **רעליגיעזע מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור.**
קרייטמאַן, אסתר : **לשון און לעבן, לאָנדאָן.**
קרעדיטאָר, ש. ל. : **די יידישע שטימע, לאָנדאָן.**
רייזען, זלמן : **ווילנער טאָג.**
שוואַרצבאַרד, דר. י. : **די צייט, לאָנדאָן.**
שטענצל, א. נ. : **די צייט, לאָנדאָן.**
שמן, נ. : **קענעדער אָדלער.**

ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונגען אָנגעגעבען פון יוסף פרענקל

פרענקל, יוסף : **יוסף הלל לעווי.**
„יידישע רונדשאַו", באַזל, מאַי 13, 1955.

פרענקל, יוסף : **יוסף הלל לעווי.**
„אַלגעמיינע וואָכנצייטונג", דיזלדאָרף, אַפּריל 29, 1955.

פרענקל, יוסף : **יוסף הלל לעווי.**
„אויפבוי", ניו יאָרק, אַפּריל 22, 1955.

פרענקל, יוסף : **„יודיען", יאָהאַנעסבורג, סעפּטעמבער, 1955.**